STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08151

# DER AYZERNER KNOPL [THE IRON HEEL]

Jack London

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דזשעק לאנדאן

# דער אײַזערנער קנאפּל.

פֿאַרלאַג אינזעל ניו יאָרק
1925

Copyright, 1903,
by Jack London.

Yiddish Copy.
Copyright, 1920,
by Lewis Cahan.

# דער אײַזערנער קנאַפּל

איבערזעצט פון

דר. מ. װײַנבערג

# אינהאַלט


| קאַפּיטעל | | זייט |
|---|---|---|
| 1. | מיין אַדלער | 7 |
| 2. | אויפפאַדערונגען | 26 |
| 3. | דזשעקסאָנ׳ס האנד | 46 |
| 4. | שקלאַפּען פון דער מאשין | 61 |
| 5. | „די פריינד פון וויסענשאַפט“ | 72 |
| 6. | שאָטענס | 99 |
| 7. | דעם בישאָפ׳ס חלום | 109 |
| 8. | די מאשין־ברעכער | 118 |
| 9. | די מאַטעמאַטיק פון א חלום | 139 |
| 10. | דער דרעה־ווינד | 157 |
| 11. | די גרויסע ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג | 169 |
| 12. | דער בישאָפּ | 181 |
| 13. | דער אַלגעמיינער סטרייק | 197 |
| 14. | דער אָנהויב פונ׳ם סוף | 208 |
| 15. | די לעצטע טעג | 218 |
| 16. | דער סוף | 226 |
| 17. | די שאַרלאַך רויטע ליוורע | 239 |
| 18. | אין די שאָטענס פון סאנאמא | 247 |

19. די אומוואנדלונג — — — — — — — — — — 258
20. דער פארלוירענער אָליגארך — — — — — — 269
21. די ברומענדיגע אָפּגרונד־חיה — — — — — — 280
22. די שיקאגאָ׳ר קאָמונע — — — — — — — — — 288
23. די אָפּגרונד־מענשען — — — — — — — — 306
24. א שרעקליכער חלום — — — — — — — — — 327
25. די טעראָריסטען — — — — — — — — 336
באמערקונגען — — — — — — — — — — — 339

# דער איזערנער קנאפּעל

ערשטער קאפיטעל

# מיין אדלער

דער לאשצענדער זומער־ווינטעל שאקעלט די בוימער פון װאלד, און דער װילד־װאסער־טייכעל הילכט אב מיט זיסע קלאנגען לויפענדיג איבער די קליינע מאכיגע שטיינדלעך. די זומער־פויגעלעך שװעבען ארום אין דעם זונענשיין און פון איבער־ראל הערט זיך דאס זשומען פון ביהנען. אלעס איז אזוי שטיל, און איך זיץ דא און טראכט, טראכט און בין זעהר אונרוהיג. עס איז די שטילקייט, װעלכע מאכט מיך אונרוהיג. עס זעהט אויס, װי אוננאטירליך. די גאנצע װעלט איז שטיל, נור עס איז די שטילקייט פאר א שטורם. איך שטרענג אן מיינע אויערען און אלע מיינע חושים און צו דערכאפען כאטש א טאן פון דעם אנ־קומענדען שטורם. אה, ער זאל נור ניט קומען פאר דער צייט! ער זאל נור ניט קומען פאר דער צייט! (1)

עס איז גאר קיין חדוש ניט, װאס איך בין אונרוהיג, אז איך טראכט, טראכט און קען גאר ניט אויפהערען טראכטען. איך בין שוין אזוי לאנג אינ'ם סאמע קאך פון לעבען, אז דיזע שטילקייט דריקט מיך און איך קען זיך גאר ניט צוריקהאלטען פון טראכטען װעגען דעם שרעקליכען שטורם פון טוידט און פארניכטונג, װעלכער װעט באלד אויסברעכען. אין מיינע אויערען קלינגען די געשרייען פון די צושלאגענע און צו'הרג'עטע, און איך קען זעהן, װי איך האב פריהער געזעהן (2) דאס שעהנע מענשען־פלייש צופליקט און פארשמירט פון בלוט — און זייערע נשמות ארויסגעריסען פון זייערע קערפער מיט געװאלד און געשליידערט צו גאט. אזוי עררייכען מיר עס, ארימע שטערבליכע, אונזערע צװעקען, שטרע־

1) זעה די באמערקונגען צום סוף פונ'ם בוך.

בענדיג צו ברענגען שטענדיגען פריערען און גליק דורך הריגות און צושטערונג.

און אחוץ דעם, פיהל איך אזוי איינזאם, און ווען איך טראכט ניט וועגען דעם, וואָס ערוואַרטעט אונז, קומט מיר דאָס פארגאַנ־גענע גליק אויפ'ן געדאַנק און וואָס וועט שוין מעהר ניט צוריק־קוקען — מיין אָדלער, שלאָגענדיג מיט די מעכטיגע פליעגלען די ארומרינגלענדע פוסטקייט, אויפהויבענדיג זיך צו דאָס, וואָס איז פאר איהם אימער געווען זיין זון־פלאַמענדער אידעאַל פון מענש־ליכער פרייהייט. איך קען ניט זיצען מיט פארלייגטע הענד און ווארטען אויף דער גרויסער פאַסירונג, וואָס איז, אייגענטליך, זיין אויפטהו, כאָטש ער אליין איז שוין ניטאָ עס צו זעהן מיט זיינע אויגען. ער האָט אָפּגעגעבען אלע זיינע יאָהרען צו דעם און מקריב געווען זיין לעבען. דאָס איז זיין האנד־ארבייט. ער האָט עס געמאכט. (3)

און אָט איצט, אין דיעזער אנגסט פון ווארטען אויף דאָס אָנקומענדע, וועל איך שרייבען וועגען מיין מאַן. עס איז דאָ פיעלעס אין זיין פערזענליכקייט און כאראקטער, אויף וואָס איך נור אליין קען ווארפען אַ העלען ליכט. אזאַ נאָבעלער כאראקטער קען ניט געמאָהלען ווערען צו העל. ער האָט געהאָט אַ גרויסע, לייכטענדע זעעלע, און ווען מיין ליעבע צו איהם ווערט אין גאנצען ריין און זעלבסטלאָז, באַדויער איך מייסטענס דאָס, וואָס ער וועט ניט זעהן אונזער זיעג, ווייל דורכפאלען איצט קענען מיט ניט. ער האָט געבויט צו גוט און געטריי, אַז דאָס זאָל מעגליך זיין. ווען וועט יעצט זיין דעם אייזערנעם קנאפּעל! אָט באלד וועט ער ווערען אראָפּגעשליידערט פון דער שמאכטענדער מענשהייט. ווי נור עס וועט געגעבען ווערען דער סיגנאַל, וועלען אלע ארביי־טער־חילות זיך מיט אמאָל אויפהויבען. אזוינס האָט נאָך קיינמאָל ניט פאסירט אין דער וועלט־היסטאָריע. די סאָלידאַריטעט פון די ארבייטער איז יעצט אַ זיכערהייט. און דעם ערשטען מאָל אין דער געשיכטע וועט זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָן ברייט און גרויס, ווי די וועלט אליין איז. (4)

אַט ווי איהר זעהט, בין איך פול מיט דעם, וואָס ערוואַרטעט אונז. איך האָב עס דורכגעלעבט טאָג און נאכט און אזוי לאַנג, אַז דאָס איז די איינציגע זאַך, וועגען וואָס איך דענק. איך קען ניט איינמאָל אַ טראַכט טהאָן פון מיין מאַן, און איך זאָל זיך גלייך ניט דערמאָנען וועגען דעם. ער איז אייגענטליך געווען די נשמה פון דער באַוועגונג, און ווי אַזוי קען איך צושיידען די צוויי?

ווי איך האָב פריהער געזאָגט, עס איז דאָ זעהר פיעלעס צו ערקלערען אין זיין כאראַקטער, וואָס בלויז איך קען טהאָן. עס איז גאַנץ גוט באַקאַנט, אַז ער האָט שווער געארבייט פאַר פריי־הייט און האָט שרעקליך געליטען. ווי שווער ער האָט גע־ארבייט און ווי שוידערליך ער האָט געליטען, ווייס איך זעהר גוט, ווייל איך בין געווען מיט איהם צוזאַמען דורך דיזע צוואַנציג אַנגסטליכע יאָהרען און איך ווייס זיין גוואַלדיגע געדולד, זיין אָנשטרענגונג, זיין אייביגע איבערגעבענהייט צו אונערמיעדליכע דער זאַך, פאַר וועלכער ער האָט בלויז מיט צוויי מאָנאַטען צוריק אוועקגעלעגט זיין לעבען.

איך וועל פּראָבירען שרייבען זעהר איינפאַך און געלאַסען, ווי אַזוי ערנסט עווערהאַרד איז אַריינגעטראָטען אין דער געשיכטע פון מיין לעבען — ווי איך האָב איהם צום ערשטען מאָל באַגעגנט, ווי ער איז געוואַקסען, ביז איך בין געוואָרען אַ טייל פון איהם, און די גרויסע ענדערונג, וואָס ער האָט געבראַכט אין מיין לעבען. אַזוי וועט איהר קענען קוקען אויף איהם דורך מיינע אויגען און איהם ערלערנען ווי איך האָב איהם ערלערנט — אין אַלעס, און אַ חוץ די זאַכען, וואָס זיינען צו אינטים און צו זיס און אנגענעהם פאַר מיר, אום זיי איבערצוגעבען.

עס איז געווען אין פעברואַר, 1912, ווען איך האָב איהם דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט, ווען ער איז געקומען אין אונזער הויז, אַלס אַ גאַסט פון מיין פאָטער. (5) איך קען ניט זאָגען, אַז מיין ערשטער איינדרוק וועגען איהם איז געווען אַ באַזונדערס גוטער. ער איז געווען איינער פון פיעלע ביים מיטאָג און אין זאַל, וואו מיר האָבען זיך פאַרזאַמעלט און געוואַרט, אַז אַלע זאָלען צוזאַמענ־

קומען, האָט ער אויסגעזעהן גאָר ניט ווי אויף זיין פּלאַץ. דאָס איז געווען דער „גייסטליכער אבענד", ווי מיין פאָטער פלעגט עס רופען, און ערנסט איז זיכער ניט געווען אָם פּלאַץ צווישען די אַלע קירכען־מענער.

ערשטענס, האָבען איהם זיינע קליידער ניט זעהר גוט גע־פּאַסט. ער האָט געטראָגען אַ דונקעלען טאַנדעטנעם אנצוג, וואָס האָט זעהר שלעכט געפּאַסט זיין קערפּער. דער אמת איז, אַז קליידער, ניט באַשטעלט פון אַ שניידער ספּעציעל, האָבען איהם קיינמאָל ניט געפּאַסט. און אין דיזען אבענד, ווי אימער, האָבען זיינע מוסקולען אַרויסגעשפּאַרט דורך זיינע קליידער, וועהרענד דער ראָק צווישען זיינע אַקסלען איז געווען שרעקליך צוקנייטשט צוליעב זיינע שטאַרק־ענטוויקעלטע שולטערען. זיין נאַקען האָט אויסגעקוקט ווי ביי אַ פּרייז־פייטער, (6) דיק און שטאַרק. און איך האָב ביי זיך געטראַכט: אָט דאָס איז עס דער פילאָזאָף און געוועזענער שמיעד, וואָס מיין פאָטער האָט ענטדעקט? און ער האָט זיכער אויסגעקוקט ווי אַ שמיעד, מיט זיינע אַרויסשפּאַ־רענדע מוסקולען און זיין גרויסען דיקען נאַקען. איך האָב איהם גלייך קלאַסיפיצירט אַלס אַ מין וואונדער־קינד, אַ מין בלינדער טאָם (7) פון דעם אַרבייטער־קלאַס.

און דאַן, ווי ער האָט עס מיר געדרייכט די האַנד! זיין האַנד האָט אָנגעגריפען מיינע מיט קראַפט, און ער האָט געקוקט אויף מיר דרייסט מיט זיינע שוואַרצע אויגען — אַ ביסעל צו דרייסט, האָב איך געטראַכט. איך בין, פאַרשטעהט איהר מיך, געווען אַ פּראָדוקט פון מיינע אומשטענדען, און צו יענער צייט האָב איך געהאַט שטאַרקע קלאַס־אינסטינקטען. אַזאַ מין דרייסטקייט פון אַ מענשען פון מיין אייגענעם קלאַס וואָלט געווען כמעט אונ־פאַרצייהליך. איך ווייס, אַז איך האָב זיך ניט געקענט צוריק־האַלטען פון אַראָפּלאָזען מיינע אויגען. און איך האָב זיך געפיהלט ערלייכטערט, ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט צו באַגריסען בישאָפּ מאָרהויז — מיינער אַ ליעבלינג, אַן אנגענעהמער און ערנסטער מאַן פון מיטעלע יאָהרען. ער איז געווען עהנליך צו קריסט...

אין זיין אויסזעהן, ווי אין זיין גוטסקייט. און דערצו איז ער געווען אַ גרויסער געלעהרטער.

אָבער דיזע דרייסטיגקייט, וועלכע, איך האָב געמיינט, איז איינפאַכע חוצפּה, איז געווען אַ וויכטיגער שליסעל צו דער נאַטור פון ערנסט עווערהארד. ער איז געווען איינפאַך, אָפענהערציג, האָט זיך ניט געשראָקען פאַר קיין זאַך, און האָט זיך ענטזאָגט צו פאַרלירען צייט אויף קאָנווענציאָנעלע מאַניערען. „דו ביזט מיר געפעלען געוואָרען", האָט ער מיר געזאָגט אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, טו ווארום זאָל איך ניט אָנזעטיגען מיינע אויגען מיט דעם, וואָס פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגען?"

איך האָב געזאָגט, אַז ער האָט זיך ניט געשראָקען פאַר קיין זאַך. בטבע איז ער געווען אַן אריסטאָקראַט — כאָטש ער האָט זיך אימער געפונען אין'ם לאַגער פון די ניט־אריסטאָקראַטען. ער איז געווען אַן איבער־מענש, אַ בלאָנדע חיה, ווי ניטשע (8) האָט געשילדערט, און דערצו איז ער נאָך געווען אַ הייסער דעמאָקראַט.

פאַראינטערעסירט אין די אַנדערע געסט און דערצו נאָך דאָס, וואָס ער איז מיר נאָר ניט געפעלען געוואָרען אויפ'ן ערשטען בליק, האָב איך אין גאַנצען פאַרגעסען אָן דעם אַרבייטער־פילאָ־זאָף, כאָטש איין מאָל אָדער צוויי האָב איך איהם יאָ באַמערקט ביים טיש. איבערהויפּט זיין פינטלען מיט'ן אויג, ווען ער האָט זיך איינגעהערט אָט צו איין גייסטליכען, אָט צום צווייטען, און דאַן האָב איך איהם כמעט פאַרגעבען פאַר זיינע אונפּאַסינגע קליי־דער. נור די צייט איז פאַראיבער, דער מיטאָג איז געווען צו ענדע און ער האָט ניט געעפענט זיין מויל צו רעדען, וועהרענד די גייסטליכע האָבען געהאַלטען אין איין רעדען וועגען דעם אַר־בייטער־קלאַס און זיין באַציהונג צו דער קירך, און וואָס די קירך האָט געטהאָן און טהוט יעצט. איך האָב באַמערקט, אַז מיין פאָטער האָט זיך געערגערט, פאַר וואָס ערנסט האָט ניט גערעדט. איינמאָל האָט מיין פאָטער זיך באַנוצט מיט אַ שטילען מאָמענט און האָט איהם געבעטען ער זאָל עפּעס זאָגען; נור ערנסט האָט אַ ציח געטהאָן מיט די אַקסלען און אַ זאָג טהוענדיג: איך האָב

ניט וואָס צו זאָגען", האָט ער זיך ווידער גענומען עסען געזאַל־צענע מאנדלען.

אָבער מיין פאָטער האָט זיך איינגעשפּארט. נאָך אַ קורצער ווילע האָט ער געזאָגט:

— מיר האָבען מיט אונז אַ מיטגליעד פון דעם ארבייטער־קלאַס. איך בין זיכער, אַז ער קען אונז מאכען זעהן פּיעלעס פון אַ נייעם שטאנדפּונקט, וואָס וועט זיין גאַנץ אינטערעסאַנט און אָפּפרישענד. איך מיין עס הערר עווערהאַרד.

די אַנדערע געסט האָבען זיך געמאַכט כלומר'שט פאַראינטע־רעסירט און האָבען געבעטען ערנסט'ן, ער זאָל ארויסזאָגען זיין מיינונג. זייער האַלטונג צו איהם איז געווען אַזוי געמיטליך, טאָלעראַנט און אַזוי פריינדליך, אַז עס האָט אויסגעקוקט אַזוי ווי זיי וואָלטען איהם געוואָלט ווייזען, ווי ניט שטאָלץ זיי זיינען, ווען זיי פאַרלירען אַ וואָרט מיט איהם. איך האָב געזעהן, אַז ערנסט האָט עס באַמערקט און עס האָט איהם אַמוזירט. ער האָט זיך לאַנגזאַם ארומגעקוקט. איך האָב געזעהן דעם פלאַם פון שפּאָט אין זיינע אויגען.

— איך בין ניט זעהר באַהאַוונט מיט דעם שעהנעם אַנ־שטענדיגען אופן, ווי גייסטליכע דעבאַטירען, — האָט ער אָנגע־פאַנגען, און ער האָט עטוואָס געשטאַמעלט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ צו גרויסער עניו.

— אדרבא, רעדט, — האָבען אַלע אין איהם געדרונגען, און דר. האַמערפיעלד האָט געזאָגט: „אונז איז וויכטיג דער אמת, פון וועמען ער זאָל ניט קומען." „אויב ער איז נור ערנסט גע־מיינט", האָט ער צוגעלייגט.

— אויב אַזוי, מאַכט איהר אַן אונטערשיעד צווישען אמת און ערנסטקייט? — האָט ערנסט, לאַכענדיג, שנעל געענטפערט.

דר. האַמערפיעלד האָט ברייט געעפענט זיין מויל פון ער־שטוינונג, און האָט קוים געענטפערט: „די בעסטע פון אונז קענען האָבען אַ טעות, יונגער־מאַן. זאָגאַר די בעסטע פון אונז."

— גאַנץ גוט, — האָט ער געענטפערט, — און לאָמיר גלייך

אָנפאַנגען מיט דעם, אַז איהר אַלע האָט אַ גרויסען טעות. איהר ווייסט גאָר ניט, און נאָך מעהר ווי גאָר ניט, וועגען דעם אַר־בייטער־קלאַס. אייער סאָציאָלאָגיע איז אַזוי פאַלש און ווערטה־לאָז, ווי אייער מעטאָדע פון דענקען.

עס איז ניט געווען אַזוי דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, נור ווי ער האָט עס געזאָגט. איך האָב ערוואַכט ביים ערשטען קלאַנג פון זיין שטימע, זי איז געווען אַזוי דרייסט, ווי זיינע אויגען. עס איז געווען דער טרומפּייטען־רוף אין זיין שטימע, וואָס האָט מיך דורכגענומען. און די מענשען ארום האָבען ער־וואַכט און זיינען אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון זייער פארשלאָ־פענקייט.

— וואָס איז עס אַזוי שרעקליך פאַלש און ווערטהלאָז אין אונזער דענקונגס־מעטאָדע, יונגער־מאַן? — האָט דר. האַמערפּיעלד געפרעגט. און שוין האָט זיך עטוואָס אונפריינדליכעס באַמערקט אין זיין שטימע און אין דעם מאַניער פון זיין אויסשפּראַך.

— איהר זיינט מעטאַפיזיקער. מיט מעטאַפיזיק קענט איהר אַלעם איבערצייגען, און אַזוי האַנדלענדיג, קען יעדער מעטאַפיזי־קער איבערצייגען, צו זיין אייגענער צופריעדענהייט, אַז דער אַנ־דער מעטאַפיזיקער האָט אַ טעות. איהר זיינט אַנאַרכיסטען אין דער וועלט פון געדאַנק, און איהר זיינט משוגענע וועלטען־מאַכער. יעדער איינער פון אייך וואוינט זיך אין אַ וועלט, וואָס ער האָט זיך אַליין געמאַכט, באַשאַפען לויט זיינע אייגענע פאַנטאַזיען און פאַרלאַנגען. איהר קענט ניט די ריכטיגע וועלט, אין וועלכער איהר לעבט, און אייער דענקען האָט קיין פּלאַץ ניט אין דער ריכ־טיגער וועלט, סיידען נור דאָס, וואָס עס איז אַן ערשיינונג פון פאַגרייזטען דענקען.

— ווייסט איהר, אַז וואָס איך האָב זיך דערמאָנט, ווען איך בין געזעסען ביים טיש און זיך צוגעהערט ווי איהר רעדט? איהר האָט מיך דערמאָנט אָן די געלעהרטע פון מיטעל־אַלטער, וועלכע האָבען זעהר ערנסט און באַלעהרענד דעבאַטירט איבער די זעהר וויכטיגע פראַגע: וויפיעל מלאכים קענען טאַנצען אויפ'ן שפּיץ

פון א גאָדעל? מיינע ווערטהע הערען, איהר זיינט אזוי ווייט פונ׳ם אינטעלעקטועלען לעבען פונ׳ם צוואנציגסטען יאָהרהונדערט, ווי דער אינדיאַנער דאָקטאָר, וואָס האָט געמאכט זיינע צערעמאָניעס אין די פאַרצייטיגע וועלדער מיט צעהן טויזענד יאָהר צוריק.

ווען ערנסט האָט גערעדט האָט ער אויסגעזעהן צו זיין לייד ענשאפטליך; זיין פּנים האָט געלויכטען, זיינע אויגען האָבען געשטראַהלט און זיין מאָרדע האָט בוכשטעבליך געוויזען אנגריפס קראַפט. אָבער עס איז נור געווען זיין אַרט ריידען. עס האָט אימער אויפגעטרייסעלט די מענשען. זיין צודריקענדער, האַמער דיגער אַרט אָנגרייפען יענע, האָט זיי געמאַכט זיך צו פאַרלירען, און אויך יעצט האָבען זיי זיך פאַרלאָרען. בישאָף מאָרהויז האָט זיך איינגעבויגען און זיך צוגעהערט. פאַרדרוס און אויפרעגונג האָט זיך געמערקט אין דר. האַמערפיעלד׳ס געזיכט. אַנדערע אויסער איהם זיינען אויך געווען אין כעס. מאַנכע האָבען געשמייכעלט און זיך גוט אַמוזירט. וואָס אַנבאַלאַנגט מיר אַליין, האָב איך עס געפונען העכסט אינטערעסאַנט. איך האָב געוואָרפען א בליק אויף מיין פאָטער און איך האָב מורא געהאַט, אַז אָט, אָט צולאַכט ער זיך, צוזעהענדיג די ווירקונג, וואָס דיזע מענשליכע באָמבע האָט פאַראורזאַכט, און וועלכע ער אַליין האָט אריינגעוואָרפען צווישען אונז.

— אייערע אויסדריקע זיינען אונבאַשטימט, — האָט דר. האַמערפיעלד איהם איבערגעשלאָגען. — וואָס מיינט איהר אייגענטליך, ווען איהר רופט אונז מעטאַפיזיקער?

— איך רוף אייך מעטאַפיזיקער, ווייל איהר דענקט אויף א מעטאַפיזישען אַרט, — האָט ערנסט פאָרטגעזעצט. — אייער מעטאָדע פון דענקען איז דער סאַמע היפּוך פון דער וויסענשאַפט. עס איז ניטאָ קיין פעסטעס אין די שליסע, וואָס איהר ציהט. איהר קענט איבערצייגען אַלץ און גאָר ניט, און קיינע צוויי פון אייך קענען ניט אויף עטוואָס איינשטימען. יעדער איינער פון אייך דרינגט אריין אין זיין אייגענעם באַוואוסטזיין, אום צו ערקלערען זיך זעלבסט אין דעם אוניווערזום. און פּונקט ווי איהר

קענט זיך ניט זעלבסט אויפהויבען ביי אייערע שטיוועל־אויערען, אזוי קענט איהר ניט ערקלערען באוואוסטזיין מיט באוואוסטזיין.

— איך פארשטעה ניט, — האט בישאפּ מארהויז געזאגט, — מיר שיינט, אז אלעס, וואס האט צו טהאן מיט שכל, איז מעטאַפיזיקע. די פינקטליכסטע און מעהרסטענס איבערצייגענדע וויסענשאפט פון אלע, נעמליך, מאטעמאטיק, איז דורכאויס מעטאַפיזיקע. יעדער גראנק־פּראצעס פונ׳ם וויסענשאפטליכען דענקער איז מעטאפיזיקע. איהר וועט זיכער איינשטימען מיט מיר אין דעם.

— אַט ווי איהר זאגט אליין, איהר פארשטעהט ניט, — האט ערנסט געענטפערט. — דער מעטאפיזיקער דענקט דעדוקטיוו, ציהט שליסע פון זיין אייגענער פערזענליכקייט. דער וויסענשאפטס־מאן דענקט אינדוקטיוו פון די פאקטען פון ערפאהרונג. דער מעטאפיזיקער דענקט פון טעאָריע אויף פּראַקטיקע. דער וויסענשאפטס־מאן — פון פאקטען אויף טעאָריע. דער מעטאפיזיקער ערקלערט די וועלט לויט זיך אליין; דער וויסענשאפטס־מאן ערקלערט זיך אליין לויט דער וועלט.

— א דאנק גאָט, וואס מיר זיינען ניט קיין וויסענשאפטס־לייט, — האט דר. האמערפיעל.י צופריעדען געמורמעלט.

— אויב אזוי, וואס דען זייט איהר? — האט ערנסט געפרעגט.

— פילאָזאָפען.

— וואוהין איהר פארקריכט עס, — האט ערנסט געלאכט. — איהר האט פארלאזט די פעסטע ערד און איהר האט זיך אוועקגעלאָזט אין דער לופטען אויף א ווארט, אלס אייער פליה־מאשין. קומט, איך בעט אייך, אראפּ אויף דער ערד און זאגט מיר, וואס איהר מיינט, ווען איהר זאָגט: „פילאָזאָפיע".

— פילאָזאָפיע איז (דר. האמערפיעלד האט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעהוסט זיך) עטוואס, וואס קען ניט ערקלערט ווערען פארשטענדליך אויסער צו אזעלכע מענשען, וועלכע זיינען פילאָזאָפיש געזאָגען. דער ענגער וויסענשאפטס־מאן, מיט זיין

גאַנז ארייננעטהאָן אין'ם פּרוביר־רעהר, קען ניט פארשטעהן קיין פּילאָזאָפיע.

ערנסט האָט איגנאָרירט דעם שטאָך. דאָס איז אימער געווען זיין שטייגער אומצוקעהרען דעם שטאָך אויף זיין געגנער, און ער האָט עס אויך יעצט געטהאָן מיט א שטראַהלענדען געזיכט.

— אין אזא פאל וועט איהר דאָך זיכער פארשטעהן די פאר־טייטשונג, וואָס איך וועל מאַכען אויף פּילאָזאָפיע. אָבער איידער איך וועל עס טהאָן, וועל איך אייך אויפפאָדערען אָנצואווייזען א טעות אין מיין פירוש אָדער איהר בלייבט א שווייגענדער מע־טאפיזיקער. פילאָזאָפיע איז בלויז די ברייטעסטע וויסענשאַפט פון אלע. איהרע דענקונגס־מעטאָדען זיינען די זעלבע, ווי פון יעדער באַשטימטער וויסענשאַפט. און דורך דער זעלבער מעטאָ־דע פון דענקען, די אינדוקטיווע מעטאָדע, שמעלצט די פּילאָזאָפיע צוזאמען אלע גרויסע וויסענשאַפטען אין איינע, ווי ספּענסער דריקט זיך אוים. די פאקטען פון איין באַשטימטער וויסענשאַפט זיינען בלויז א טייל פון דער איינצעלנער גרויסער וויסענשאַפט. פילאָזאָפיע פאראייניגט די קענטניס, וואָס ווערען בייגעשטייערט פון אלע וויסענשאַפטען. פילאָזאָפיע איז די וויסענשאַפט פון אלע וויסענשאַפטען! די מייסטער־וויסענשאַפט, זאָ צו זאָגען. ווי גע־פעלט אייך מיין פארטייטשונג?

— זעהר גוט, זעהר גוט, — האָט דר. האַמערפיעלד גע־מורמעלט.

אָבער ערנסט איז געווען אונבאַרמהערציג.

— געדענקט, האָט ער איהם געוואָרענט, — מיין פארטיי־טשונג איז געפעהרליך פאר מעטאַפיזיק. אויב איהר צייגט יעצט קיין פעהלער ניט אָן אין מיין פארטייטשונג, קענט איהר שפּעטער ניט אָנגעבען קיינע מעטאַפיזישע ארגומענטען. איהר וועט מוזען אייער גאַנץ לעבען זוכען דעם פעהלער און בלייבען מעטאַפיזיש שטיל ביז איהר וועט דעם פעהלער געפינען.

ערנסט האָט געוואַרט. די שטילקייט איז געווען שמערצליך. דר. האַמערפיעלד איז געווען געקרענקט. ער האָט זיך געפונען

אין אַ פאַרלעגענהייט. ערנסט'ס האַמערדיגער אנגריף האָט איהם צורודערט. ער איז ניט געווען געוואוינט צו דער פּשוט'ער און דירעקטער מעטאָדע פון אַ דעבאַטע. ער האָט געקוקט אַפּעלירענד אַרום טיש. אָבער קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. איך האָב באַמערקט מיין פאָטער, פאַרשטעלענדיג זיין לאַכענדיג מויל אין האַנדטיכעל.

— עס איז דאָ נאָך אַ וועג צו באַווייזען די אונפעהיגקייטען פון די מעטאַפיזיקער, — האָט ערנסט פאָרטגעזעצט נאָכדעם, ווי דר. האַמערפיעלד'ס נידערלאַגע איז געווען פאָלקאָמען. — שאַצט זיי נאָך זייער אַרבייט. וואָס האָבען זיי אויפגעטהאָן פאַר דער מענשהייט אויסער שפּינען פאַנטאַזיען אין דער לופטען און אָננעהמענדיג זייערע אייגענע שאָטענס פאַר אַ גאָט? זיי האָבען עטוואָס פאַרגרעסערט די פרעהליכקייט פון דער מענשהייט, אַזוי פיעל גיב איך צו; אָבער וואָס ממשות'דיגעס האָבען זיי אויפגעטהאָן? זיי האָבען פילאָזאָפירט, אויב איהר וועט מיר ערלויבען אַזוי מיסצובראויכען דאָס וואָרט, וועגען דעם, אַז די האַרץ איז דער צענטער פון מענשליכע געפיהלען, ווערהענד די וויסענשאַפטס-לייט האָבען פעסטגעשטעלט דעם פאַקט פון בלוט-צירקולאַציאָן. זיי האָבען ערקלערט הונגער און מגפות אַלס אַן אָנשיקעניש פון גאָט, ווערהענד די וויסענשאַפטס-לייט האָבען געבויט שפּייכלער און געגראָבען קאַנאַלען אָפּצוציהען דעם שמוץ פון די שטעדט. זיי האָבען זיך געשאַפען געטער אין זייער אייגענער פאָרמע און לויט זייערע אייגענע וואונשען, ווען די וויסענשאַפטס-לייט האָבען געבויט וועגען און בריקען. די מעטאַפיזיקער האָבען ערקלערט די ערד אַלס דעם צענטר פון אוניווערזום, ווערהענד די וויסענשאַפטס-לייט האָבען ענטדעקט אַמעריקאַ און ענטדעקט די געזעצען פון דער שטערן-באַוועגונג. אין קורצען, די מאַטיפיזיקער האָבען גאָרניט אויפגעטהאָן פאַר דער מענשהייט, אַבסאָלוט גאָרניט. טריט ביי טריט האָבען זיי אָפּגעטראָטען צוריק מיט'ן פאָרטשריט פון וויסענשאַפט. אַזוי שנעל ווי די ענטדעקטע און באַשטימטע פאַקטען האָבען אומגעוואָרפען זייערע סוביעקטיווע השערות, האָבען זיי

געמאַכט נייע סוביעקטיווע השערות וועגען געגענשטענדע, אַרייג־נעהמענדיג די שפּעטסטע ענטדעקטע פאַקטען — און דאָס, צוויי־פעל איך ניט, וועלען זיי טהאָן ביז'ן ענדע פון צייט. מיינע הערען, אַ מעטאַפיזיקער איז אַן אינדיאַנער דאָקטאָר. דער אונ־טערשיעד צווישען אייך און אַן עסקימאָז, וואָס מאַכט זיך אַ פּוטער־געקליידעטען, פיש־עסענדען גאָט, איז בלויז אַ חילוק פון עטליכע טויזענד יאָהר אַנגעפּיקוועט מיט גוט באַוואוסטע און באַשטעטיגטע פאַקטען. דאָס איז אַלעס.

— דאָך האָט אַריסטאָטעל'ס לעהרע געהערשט איבער איי־ראָפּא איבער צוועלף הונדערט יאָהר, — האָט דר. באַללינגפאָרד ערקלערט מיט שטאָלץ, — און אַריסטאָטעל איז בלויז געווען אַ מעטאַפיזיקער.

דר. באַללינגפאָרד האָט אַרומגעקוקט די פּאַרזאַמעלטע אַרום טיש און איז באַלוינט געוואָרען מיט צושאָקלען מיט די קעפּ און צושטימענדע שמייכלען.

— אייער אילוסטראַציע איז העכסט אונגינסטיג פאַר אייך, — האָט ערנסט געענטפערט. — איהר האָט אָנגעוויזען אויף זעהר אַ פינסטערער פּעריאָדע אין דער מענשליכער געשיכטע. דער פאַקט איז, אַז מיר רופען דאָס „די פּעריאָדע פון די פינסטערע צייטען", אַ פּעריאָדע, ווען אַנשטאָט פיזיקע, האָט מען געזוכט דעם פילאָזאָפישען שטיין, ווען אַנשטאָט כעמיע, האָבען מיר גע־האַט אַלכעמיע. עס טהוט מיר לייד, וואָס אַריסטאָטעל'ס לעהרע האָט אַזוי לאַנג געהערשט.

דר. באַללינגפאָרד האָט זיך געפיהלט געקרענקט, דאַן איז ער עטוואָס מונטערער געוואָרען און האָט געזאָגט:

— צוגעגעבען, אַז דיזעס שרעקליכע בילד, וואָס איהר האָט געמאָהלען, איז אמת, דאָך מוזט איהר מודה זיין, אַז מעטאַפיזיקע איז געווען אַ גרויסער פאַקטאָר מיט דעם, וואָס זי האָט אַרויסגע־שלעפּט די מענשהייט פון דיזער פינסטערער פּעריאָדע אין די קו־מענדע יאָהרהונדערטע.

— מעטאפיזיקע האָט גאָר ניט געהאט צו טהאָן מיט דעם, — האָט ערנסט געענטפערט.

— וואָס? — האָט דר. האמערפיעלד אויסגעשריען, — איז עס ניט געווען דאָס דענקען און ספעקולירען, וואָס האָט געפיהרט צו די ענטדעקונגס־רייזען?

— אה, מיין ווערטהער העדר, — האָט ערנסט געשמייכעלט, — איך האָב געדענקט, אז איהר האָט זיך אַליין אויסגעבראַקירט אַלס דעבאַטאַנט. איהר האָט נאָך ניט אויסגעפונען קיין פעהלער אין מיין דעפיניציאָן פון פילאָזאָפיע. איהר שטעהט אויף א ניט־זיכערען באָדען. אָבער דאָס איז אימער דער שטייגער פון מעטאַ־פיזיקער און איך פאַרגיב אייך. ניין, ווידערהאָל איך, מעטאַפי־זיקע האָט גאָרניט געהאט צו טהאָן מיט דעם. ברויט און פוטער, זייד און ציערונג, דאָלארס און סענטען, און, צופעליגערווייזע, דאָס צומאַכען די וועגען אויף דער יבשה קיין אינדיען, זיינען געווען די פאַקטאָרען, וואָס האָבען געטריבען די רייזענדע צו מאַכען ענט־דעקונגען. ווען קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז אריינגעפאַלען צו די טער־קען אין 1453, האָבען זיי פארשטעלט דעם וועג די קאַראַוואַנען נאָך אינדיען. די אייראָפּעאישע סוחרים האָבען געמוזט געפינען אַן אַנדער וועג — אָט דאָס איז געווען די אורזאַך פון די ענטדע־קונגס־רייזען. קאָלומבוס האָט זיך אוועקגעלאָזט אויסצוגעפינען א נייעם וועג נאָך אינדיען. אַזוי איז געשריבען אין אַלע היסטאָ־רישע ביכער. צופעליגערווייזע האָט מען ערלערענט נייע פאַקטען וועגען דעם כאַראַקטער, גרוים און דער פאָרמע פון דער ערד און די פּטאָלאָמישע סיסטעם איז געוואָרען אוועקגעוואָרפען.

דר. האמערפיעלד האָט געשנאָרכעט מיט'ן נאָז.

— איהר שטימט ניט איין מיט מיר? — האָט ערנסט גע־פרעגט. — אויב אַזוי, צייגט מיר, מיט וואָס איך בין אונגערעכט.

— איך קען בלויז ווידער באַשטעטיגען דאָס זעלבע, — האָט דר. האמערפיעלד קורץ געענטפערט. — עס איז צו א לאַנגע געשיכטע זיך יעצט אריינצולאָזען אין דעם.

— קיין געשיכטע איז צו לאַנג פאַר דעם וויסענשאַפטס־

מאַן, — האָט ערנסט אַנגענעהם געזאָגט, — און דערפאַר ער־רייכט דער וויסענשאַפטס־מאַן זיין צוועק. אַט דערפאַר איז ער אַנגעקומען אין אַמעריקאַ.

איך וויל ניט באַשרייבען דעם גאַנצען אָבענד, כאָטש עס איז מיין העכסטער געגוס צו דערמאָנען יעדען מאָמענט, יעדע איינ־צעלהייט פון די ערשטע עטליכע שטונדען, אין וועלכע איך האָב ערנסט'ן דערקענט.

אַ ווירקליכע שלאַכט איז אָנגעגאַנגען, און די גייסטליכע האָבען געהאַט רויטע געזיכטער, און זיינען געוועזען זעהר אויפגע־רעגט, איבערהויפט אין די מאָמענטען, ווען ערנסט האָט זיי אָנגע־רופען ראָמאַנטישע פילאָזאָפען, שאָטען־וואַרפערס און עהנליכע נעמען. און אימער צו האָט ער זיי געבראַכט צוריק צו פאַקטען. „דער פאַקט, מענש איינער, דער אונוויעדערלעגבאַרער פאַקט!" פלעגט ער אויסרופען טריאומפירענד, ווען ער פלעגט איינעם פון זיי צודריקען. ער איז געווען איבערפילט מיט פאַקטען. ער האָט זיי פאַרוואַרפען מיט פאַקטען, באָמבאַרדירט זיי מיט פאַקטען.

— איהר דיענט, ווייזט אויס, ביים מזבח פון פאַקטען, — האָט דר. האַמערפיעלד געשפּאַסט מיט איהם.

— עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער פאַקט, און הערר וועער־האַרד איז זיין נביא, — האָט דר. בעללינגפאָרד זיך געוויצעלט. ערנסט האָט שמייכלענד נאָכגעגעבען.

— איך בין אַזוי ווי דער בירגער פון טעקסאַס, — האָט ער געזאָגט. און אַז מען האָט איהם געפרעגט, וואָס ער מיינט, האָט ער ערקלערט: „פאַרשטעהט איהר מיך, דער בירגער פון מיזורי זאָגט, אַז איהר מוזט איהם „צייגען", דער בירגער פון טעקסאַס זאָגט: „איהר מוזט עס אַריינלעגען אין מיין האַנד", פון וואָס מען קען פאַרשטעהן, אַז קיין מעטאַפיזיקער איז ער ניט".

אַן אַנדערש מאָל, ווען ערנסט האָט געזאָגט, אַז די מאַטפּי־זישע פילאָזאָפען האַלטען ניט אויס די פּראָבע פון וואַרהייט, האָט דר. האַמערפיעלד זיך אַרויסגעבאַפט:

— וואָס איז די פּראָבע פון וואַרהייט, יונגער־מאַן? ווענ

איהר אזוי גוט זיין און מיר ערקלערען, וואס האט געבראכען די מוחות פון מענשען, א ביסעל קליגער פון אייך?

— גאנץ געוויס, — האט ערנסט געענטפערט. זיין זיכער־הייט האט זיי געערגערט. — די קלוגע מוחות האבען זיך אזוי לאנג פארפלאנטערט איבער'ן אמת, ווייל זיי זיינען געפלויגען אין דער לופטען נאך איהם. וואלטען זיי געוועזען געבליבען אויף דער פעסטער ערד, וואלטען זיי איהם זיכער לייכט געפונען — נאך מעהר, זיי וואלטען אויסגעפונען, אז זיי האבען פרובירט דעם אמת מיט יעדער פראקטישער האנדלונג און געדאנק פון זייער לעבען."

— די פראבע, די פראבע, — האט דר. האמערפיעלד וויע־דערהאלט אונגעדולדיג. — וואס טויג מיר די פארערדע? גיט אונז דאס, וואס מיר האבען געזוכט אזוי לאנג — די פראבע פון אמת און מיר וועלען זיין ווי די געטער.

אין זיין ריידען האט זיך געהערט א חוצפה'דיגער שפאט און ספק, וועלכער האט שטילערהייט פארשאפט פארגעניגען די פאר־זאמעלטע, כאטש בישאפ מארהויז האט זיך וואהרשיינליך גע־פיהלט געערגערט דערפון.

— דר. זשארדאן (9) האט עס ערקלערט גאנץ באשטימט, — האט ערנסט געזאגט. — זיין פראבע פון אמת איז: „וועט עס האבען די געווינשטע ווירקונג? וועט איהר פארטרויען אייער לעבען צו דעם?"

— פששש! — האט דר. האמערפיעלד אפגעשפאט. — איהר האט זיך ניט גערעכענט מיט בישאפ בערקלי. (10) איהם האט מען נאך קיינמאל ניט געענטפערט.

— דער נאבעלסטער מעטאפיזיקער פון זיי אלע, — האט ערנסט געלאכט. — אבער אייער ביישפיעל איז זעהר אונגינסטיג פאר אייך. ווי בערקלי אליין האט מודה געוועזען, זיין מעטאפיזיקע האט ניט קיין פראקטישען צוועק.

דר. האמערפיעלד איז געוועזען בייז, ווירקליך בייז. עס האט

אויסגעוויזען, ווי ער וואָלט געכאַפּט ערנסט׳ן מיט אַ גנבה אָדער זאָגענדיג אַ ליגען.

— יונגער־מאַן, — האָט ער געשריען אויף אַ קול, — דיזע באַהויפּטונג אייערע איז אַזוי ווי אַלעס, וואָס איהר האָט געזאָגט זיינט אבענד. עס איז אַן אונגערעכטפערטיגטע השערה.

— איהר האָט מיך ממש צודריקט, — האָט ערנסט געמורמעלט זאַנפט. — בלויז איין קלייניגקייט, איך ווייס ניט וואָס, האָט מיך דערשלאָגען. איהר וועט עס מיר מוזען אריינלייגען אין האַנד, הערר דאָקטאָר.

— איך וועל עס טהאָן, איך וועל עס טהאָן, — האָט דר. האַמערפיעלד געשטאַמעלט. — ווי אַזוי ווייסט איהר דאָס? איהר ווייסט ניט, אַז בישאָפּ בערקלי האָט צוגעגעבען, אַז זיין מעטאַפיזיקע האָט ניט געאַרבייט ריכטיג. איהר קענט עס ניט איבערציייגען, יונגער־מאַן. זיינע מעטאַפיזישע אידעען האָבען אימער געאַרבייט.

— איך נעהם אָן אַלס איבערצייגונג, אַז בערקלי׳ס מעטאַפיזיקע האָט ניט געאַרבייט, ווייל, — ערנסט האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ מאָמענט, — ווייל בערקלי פלעגט אימער געהן דורך טירען אָנשטאָט דורך ווענט, ווייל ער האָט אָנפאַרטרויט זיין לעבען צו ברויט און פּוטער און פליישׁ, ווייל ער פלעגט זיך ראַזירען מיט אַ מעסער, וואָס פלעגט טהאָן די אַרבייט און אַרונטערנעהמען די האָר פון זיין פּנים.

— אָבער דאָס זיינען דאָך אַלץ ווירקליכע געגענשטענדע, — האָט דר. האַמערפיעלד געשריען. — מעטאַפיזיקע איז דאָך אַ זאַך פון׳ם פאַרשטאַנד.

— און עס אַרבייט אין פאַרשטאַנד? — האָט ערנסט זאַנפט געפרעגט.

דער אַנדערער האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— און אַ מאַסע מלאכים קענען טאַנצען אויפ׳ן שפּיץ פון אַ נאָדעל אין פאַרשטאַנד, — האָט ערנסט פאַרטגעזעצט, — און אַ פיש־עסענדער פּוטער־געקליידעטער גאָט קען עקזיסטירען און אַר־

בייטען אין פאַרשטאַנד און מען קען ניט איבערצייגען, אַז עס איז אַנדערש — אין פאַרשטאַנד. איך דענק, דאָקטאָר, אַז איהר לעבט אין פאַרשטאַנד.

— מיין פאַרשטאַנד איז מיין קעניגרייך, — איז געווען זיין ענטפער.

— דאָס איז בלויז אַן אַנדער וועג צו זאָגען, אַז איהר לעבט אין דער לופט. אָבער איהר קומט צוריק צו דער ערד מיטאָג־צייט. אין דעם בין איך זיכער, אָבער ווען עס מאַכט זיך אַן ערד־ציטערניש. אָבער, זאָגט עס נור, הערר דאָקטאָר, האָט איהר גאָר קיין מורא ניט, אַז אין מיטען ערד־ציטערניש זאָל אייער אונמאַטעריעלער קערפּער ניט צושלאָגען ווערען פון אַן אונמאַ־טעריעלען ציגעל?

גלייך און ניט ווילענדיג האָט זיך דר. האַמערפיעלד׳ס האַנד אויפגעהויבען צו זיין קאָפּ, וואו אַ סימן האָט זיך עטוואָס ארויס־געזעהן דורך זיינע האָר. עס האָט גראַדע פּאַסירט, אַז ערנסט האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ זעהר פּאַסענדען ביישפּיעל. דר. האַמער־פיעלד איז שיער ניט דער׳הרג׳עט געוואָרען אין דער גרויסער ערד־ציטערניש (11) פון אַ פּאַלענדען קוימען. יעדער איינער האָט אויסגעבראָכען אין אַ רוישענדען געלעכטער.

— נו? — האָט ערנסט געפרעגט, נאָכדעם ווי עס איז שטיל געוואָרען, — האָט איהר עפּעס צו זאָגען דאַגעגען?

און אַז אַלע האָבען געשוויגען, האָט ער ווידער געפרעגט:

— האַ, אייער אַרגומענט איז ניט געווען קיין גוטער?

נור דר. האַמערפיעלד האָט זיך געפונען צוגעדריקט בלויז אויף אַ ווייל און די שלאַכט האָט געבושעוועט אין אַנדערע ריכ־טונגען. אויף איין פּונקט נאָכ׳ן צווייטען האָט ער אויפגעפאָדערט די גייסטליכע. ווען זיי האָבען באַשטעטיגט, אַז זיי האָבען גוט געקענט דעם אַרבייטער־קלאַס, האָט ער זיי געגעבען אַזעלכע פונ־דאַמענטאַלע ווארהייטען וועגען דעם אַרבייטער־קלאַס, וואָס זיי האָבען קיינמאָל ניט געוואוסט, און האָט זיי אויפגעפאָדערט זיי זאָלען איהם באַווייזען, אַז עס איז ניט אַזוי. ער האָט זיי גע־

געבען פּאַקטען, אימער פּאַקטען, ער האָט זיי צוריקגעהאַלטען פון אוועקלאָזען זיך אין דער לופטען, און האָט זיי געבראַכט צוריק צו דער פעסטער ערד און איהרע פּאַקטען.

אָה, ווי אַזוי די סצענע קומט צוריק פאַר מיינע אויגען! איך קען איהם זאָגאַר הערען יעצט, מיט יענעם טרומפּייטען־רוף קלאַנג אין זיין שטימע, שלאָגענדיג זיי מיט זיינע פּאַקטען, און יעדער פּאַקט איז געווען ווי אַ בייטש, וואָס האָט געשמערצט און געשמערצט. און ער האָט גאָר קיין רחמנות ניט געהאַט. ער האָט פון קיינעם קיין רחמנות ניט געזוכט און ניט געגעבען. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען די שמיץ, וואָס ער האָט זיי דערלאַנגט צו דער ענדע:

— איהר האָט איינמאָל נאָכ'ן צווייטען אַ גאַנצען טאָג מודה געווען, דורך אייערע דירעקטע פעהלערהאַפטע באַהויפּטונגען, אַז איהר קענט דעם אַרבייטער־קלאַס. אָבער מען קען אייך דערפאַר ניט באַשולדיגען. ווי אַזוי קענט איהר גאָר עפּעס וויסען וועגען דעם אַרבייטער־קלאַס? איהר וואוינט ניט אין זייער נאַכבאַרשאַפט, איהר חבר'ט זיך מיט די קאַפּיטאַליסטען און וואוינט אין זייערע געגענדען. און וואָרום ניט? עס איז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, וואָס צאָהלט אייך, האָדעוועט אייך און גיט אייך זאָגאַר די קליידער, וואָס איהר טראָגט היינט אַבענד, און אַלס באַלוינונג פּרעדיגט איהר צו אייערע בעלי־בתים דעם סאָרט מעטאַפיזיקע, וועלכער געפעלט זיי, ווייל ער שטערט ניט די עקזיסטירענדע אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט.

ביי דעם האָט זיך געגומען רוישען אַרום טיש און אַלע האָבען אָפען אַרויסגעצייגט זייער ניט־איינשטימיגקייט.

— אָה, איך צווייפעל ניט אין אייער ערנסטקייט, — האָט ערנסט פאָרטגעזעצט. איהר זייט ערנסט, איהר פּרעדיגט, וואָס איהר גלויבט. און אין דעם, אייגענטליך, ליגט אייער שטאַרקייט און אייער נוצען פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. אָבער טהוט נור אַ בייט איבער אייערע מיינונגען אויף עטוואָס, וואָס זאָל סטראַשען דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, וועט אייער פּרעדיגען

ניט אָנגענומען ווערען פון אייערע בעלי־בתים און זיי וועלען אייך ענטזאָגען. גאַנץ אָפּט הערט מען, ווי איינער פון אייערע ווערט ענטזאָגט. (12) זאָג איך ניט דעם אמת?

דאָס מאָל האָט יעדער איינגעשטימט. זיי זיינען געזעסען שטיל, אזוי ווי אונטערגעבענדיג זיך, אַ חוץ דר. האַמערפיעלד, וועלכער האָט געזאָגט:

— דאָס פּאַסירט בלויז, ווען זייער דענקען איז פאַלש; נור דאַן פארלאַנגט מען פון זיי, אז זיי זאָלען רעזיגנירען.

— דאָס איז בלויז אַן אַנדער וועג צו זאָגען, אז מען קען זייערע לעהרען ניט אָננעהמען, — האָט ערנסט געענטפערט און דאַן פאָרטגעזעצט: — אָט דערפאַר זאָג איך צו אייך: געהט און פּרעדיגט און קרינט אייער באַלוינונג, אָבער טהוט צוליעב און לאָזט דעם ארבייטער צורוה. איהר באַלאַנגט צום שונא'ס לאַגער. איהר האָט גאָר ניט געמיינשאַפטליכעס מיט'ן ארבייטער־קלאַס. אייערע הענד זיינען ווייך, ווייל אַנדערע טהוען די ארבייט פאַר אייך. אייערע בייכער זיינען רונד פון פיעל עסען. (ביי דעם האָט דר. באַלינגפאָרד אַ ציטער געטהאָן און יעדע אויג האָט זיך געווענדעט אויף זיין קיילעכדיגען בויך. מען האָט געזאָגט, אז ער האָט זיינע אייגענע פיס ניט געזעהן שוין פאַר יאָהרען). — און אייערע מוחות זיינען אָנגעפילט מיט לעהרען, וועלכע זיינען די זיילען פון דער איצטיגער אָרדנונג. איהר זיינט אַזעלכע פּארקויפטע נשמות, (ערנסטע פּארקויפטע נשמות, דאָס גיב איך צו), ווי די שווייצארישע גווארדיע. (13) זייט עהרליך מיט זיך אליין און מיט די, וואָס דינגען אייך. היט אָפּ מיט אייערע דרשות די אינטערעסען פון אייערע בעלי־בתים; אָבער קומט ניט צו דעם ארבייטער־קלאַס, אלס פאַלשע לעהרער. איהר קענט ניט זיין עהרליך, געפינענדיג זיך אין ביידע לאַגערען. דער ארבייטער־קלאַס איז זיך אימער באַגאַנגען אָהן אייך. און, גלויבט מיר, ער וועט ווייטער אויך אויסקומען אָהן אייך, און נאָך מעהר, דער ארבייטער־קלאַס קען אויסמאַכען בעסער אָהן אייך, ווי מיט אייך.

צווייטער קאַפּיטעל

## אויפפאָדערונגען

נאָך דעם, ווען די געסט זיינען אוועק, האָט זיך מיין פאָטער אריינגעוואָרפען אין אַ שטוהל און האָט זיך צולאַכט מיט אַ הילכיגען געלעכטער. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, זינט מיין מוטער'ס טוידט, וואָס איך האָב איהם געהערט לאַכען אַזוי פון גאַנצען האַרצען.

— איך קען וועטען, אַז דר. האַמערפיעלד האָט אויף אַזאַ מין „אַנשיקעניש” נאָך אין זיין גאַנצען לעבען זיך ניט אָנגעשטויסען. — האָט ער געלאַכט. — די העפליכקייטען פון אַ פּריסטער־דע־באַטע! האָסטו באַמערקט, ווי ער האָט אָנגעפאַנגען זאַפּען ווי אַ לעמעלע — ווערהאַרד מיין איך — און ווי שנעל ער איז עס געוואָרען אַ ברומענדער לייב? ער האָט אַן אויסגעצייכענט־דיסציפּלינירטען פאַרשטאַנד. ער וואָלט געוואָרען אַ גוטער וויסענשאַפטס־מאַן, ווען ער וואָלט נור געצילעוועט זיך מיט זיין ענערגיע אין דיזער ריכטונג.

איך דאַרף קוים זאָגען, אַז איך בין געווען פאַראינטערעסירט אין ערנסט עווערהאַרד. עס איז ניט געווען בלויז דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט און ווי ער האָט געזאָגט, נור דער מענש זעלבסט. איך האָב קיינמאָל ניט באַגעגענט אַזאַ מענשען. איך דענק, אַז דאָס איז די אורזאַך, וואָס כאָטש איך בין שוין געווען פיער און צוואַנציג יאָהר אַלט, בין איך אַלץ נאָך געווען אונפאַרהייראַט. ער איז מיר געווען געפעלען, דאָס האָב איך געמוזט מיר אַליין מודה זיין. און ניט מחמת זיין אינטעליגענץ און רעדנער־קראַפט. ניט אַכטענדיג אויף זיינע גרויסע מוסקולען און דעם פרייז־פייד

טער'ס האלז, האָט ער אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ זעהר קלוגען אינגעל. איך האָב געפיהלט, אַז אונטער דער מאַסקע פון אַ שטיקעל באַריהמער מיט זיינע גייסטיגע כחות איז פאַר־באַהאַלטען אַן איידעלע און צאַרט־פיהלענדע נאַטור. איך האָב דאָס געשפּירט. ווי אַזוי ווייס איך ניט, סיידען דאָס זיינען געווען מיינע פרויען־אינסטינקטען.

עס איז געווען עטוואָס אין זיין טרומפּייטען־רוף, וואָס האָט אריינגעדרונגען גלייך אין מיין הארץ. ער האָט נאָך אַלץ גע־קלונגען אין מיינע אויערען, און איך האָב געפיהלט, ווי צו וועלען הערען איהם נאָך אַמאָל — און נאָך אַמאָל זעהן יענע אויפלויכ־טונג פון שפּאַס אין זיינע אויגען, וועלכער האָט געוויזען, אַז די ליידענשאַפטליך־ערנסטע מינע, וואָס ער האָט אָנגענומען, איז געווען אַ געמאַכטע.

און עס זיינען געווען נאָך פיעל אונערקלערבארע געפיהלען, וואָס האָבען אין מיר זיך צושפּיעלט. איך האָב איהם כמעט ליעב געהאַט, כאָטש איך בין זיכער, אַז ווען איך וואָלט איהם מעהר ניט געזעהן, וואָלטען די אונבאַשטימטע געפיהלען פאַראיבער און איך וואָלט איהם לייכט פאַרגעסען.

אָבער עס איז מיר באַשערט געווען איהם נאָך אַ מאָל צו זעהן. מיין פאָטער'ס ניי־געבוירענער אינטערעס אין סאָציאָלאָ־גיע און זיינע מאָהלצייטען, וואָס ער האָט פאַראַנשטאַלטעט פון צייט צו צייט צוליעב דיזען צוועק, האָבען געבראַכט דערצו. מיין פאָטער איז ניט געווען קיין סאָציאָלאָג. זיין צוזאַמענ־לעבען מיט מיין מוטער איז געווען העכסט גליקליך. און אויך אין די פאָרשונגען פון זיין ליעבלינג־וויסענשאַפט, פיזיק, האָט ער זיך געפיהלט העכסט גליקליך. נור נאָך מיין מוטער'ס טוידט האָט זיין ארבייט אליין ניט געקאָנט אויספילען די פוסטקייט. האָט ער זיך צוערשט, אויף אַ לייכטען אופן, גענומען צו פילאָ־זאָפיע; נאָכהער, אַז ער איז פאַראינטערעסירט געוואָרען, האָט ער זיך אריינגעלאָזט אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע. ער האָט געהאַט אַ שטאַרק ענטוויקעלטען געפיהל פון גערעכטיג־

קייט, און עס האָט זיך גלייך צופלאַקערט אין איהם אַ הייסע לײדענשאַפט גוט צו מאַכען דאָס פאַרגרייזטע. מיט אַ געפיהל פון דאַנקבאַרקייט האָב איך באַמערקט דיזע נייע סימנים פון אינ־טערעס אין לעבען, כאָטש איך האָב דאַן אפילו אין חלום זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. מיט דער באַגייסטערונג פון אַ יונגען אינגעל, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען אין דיזער נייער אַרבייט, ניט אַכטענדיג וואוהין זי וועט איהם פיהרען.

ער איז געווען זעהר פיעל געוואוינט צו דער לאַבאָראַטאָריע, און אַזוי האָט ער פאַרוואַנדעלט זיין עס־צימער אין אַ סאָציאָלאָ־גישער לאַבאָראַטאָריע. צו אונז אויף אַ מיטאָג זיינען געקומען אַלערליי סאָרטען מענשען — וויסענשאַפטס־מענער, פּאָליטישע מענשען, באַנקיערען, סוחרים, פּראָפעסאָרען, אַרבייטער־פיהרער, סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען. ער פלעגט זיי אַלעמען מאַכען דיסקוטירען און ער פלעגט אַנאַליזירען זייערע געדאַנקען וועגען לעבען און דער געזעלשאַפט.

ער האָט זיך באַקענט מיט ערנסט'ן אַ קורצע צייט פריהער, פאַר דעם „פריסטער־אַבענד“, און נאָך דעם אוועקגעהן פון די געסט, האָב איך אויסגעפונען, אַז ער האָט זיך געטראָפען מיט איהם, געהענדיג איין אַבענד אין גאַס און זיך אָבשטעלענדיג צו־הערען צו אַ מאַן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זייף־קאַסטען און געהאַלטען אַ רעדע פאַר אַ מאַסע אַרבייטער. דער מאַן אויף דעם קאַסטען — דאָס איז געווען ערנסט. ער איז גראָדע ניט געווען בלויז אַ זייף־קאַסטען־רעדנער. מען האָט איהם זעהר הויך גע־שעצט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; ער איז געווען איינער פון די פיהרער, און איז געווען אַנערקענט אַלס איינער פון די גרעסטע סאָציאַליסטישע פילאָזאָפען. נור ער האָט געהאַט אַ גע־וויסע פעהיגקייט צו ערקלערען די פאַרפּלאָנטערסטע פראַגען אין אַ זעהר פשוט'ער שפּראַך. ער איז געווען אַ געבוירענער לעהרער, און ער האָט עס ניט באַטראַכט פאַר אונטער זיין ווירדע צו באַ־

נוצען זיך מיט'ן זייף־קאסמען, אלס א מיטעל צו ערקלערען עקאָ־נאָמיע צו די ארבייטער.

מיין פאָטער האָט זיך אָפגעשטעלט איהם צו הערען, איז גע־ווארען פאראינטערעסירט אין איהם, האָט זיך גלייך באקענט מיט איהם, און נאָך דעם, ווי ער האָט מיט איהם גערעדט א קורצע וויילע, האָט ער איהם איינגעלאדען צו דעם דערמאָנטען מיטאָג. ערשט נאָכ'ן אבענד האָט מיר מיין פאָטער דערצעהלט וועגען איהם דאָס ביסעלע, וואָס ער האָט געוואוסט. ער איז געבוירען געווארען צווישען ארבייטער, כאָטש ער האָט באלאנגט צו דער אלטער פאמיליע עווערהארד, וועלכע האָט געוואוינט אין אמעריקא שוין צוויי הונדערט יאָהר. (1) ווען ער איז אלט געווען צעהן יאָהר, איז ער אוועק ארבייטען אין פאבריק, און שפּעטער האָט ער געארבייט אלס לערן־איינגעל און איז געווארען א שמיעד. ער האָט זיך זעלבסט געבילדעט און אויסגעלערנט פראנצויזיש און דייטש, און איצט האָט ער פארדיענט אויף אַן אָרים לעבען, אי־בערזעצענדיג וויסענשאפטליכע און פילאָזאָפישע ווערק פאר א סאָציאליסטישער דרוק־פירמע אין שיקאגאָ, וועלכע האָט זיך קוים געהאלטען אויף די פיס; צו זיינע פארדיענסטען איז נאָך צוגע־קומען א קליינער האָנאָראר פון זיינע אָריגינעלע פילאָזאָפישע און עקאָנאָמישע ווערק.

אזוי פיעל האָב איך זיך דערוואוסט וועגען איהם איידער איך בין געגאנגען שלאָפען, איך בין א לאנגע צייט געלעגען וואַ־כענדיג און אין געדאנק זיך צוגעהערט צום קלאנג פון זיין שטימע. איך האָב זיך דערשראָקען פאר מיינע אייגענע געדאנקען. ער איז עפּעס געווען אזוי אנדערש פון די מענער פון מיין אייגענעם קלאַס, אזוי מאָדנע און אזוי מאכטפול. זיין קראפט צו באהערשען האָט מיך אי ענטציקט אי געשראָקען, ווייל איך האָב אזוי פיעל פאנ־טאזירט, אז איך האָב איהם שוין באטראכט אלס מיין ליעבהאָ־בער, אלס מיין מאן. איך האָב אימער געהערט, אז די שטארקייט פון א מאן איז זעהר צוציהענד פאר א פרוי; נור ער איז געווען צו־שטארק. „ניין! ניין!“ האָב איך אויסגעשריען, עס איז אונ־

מעגליך, עס איז אַן אונזין!" און אויף מאָרגען אין דער פריה האָב איך זיך אויפגעכאפּט און אויסגעפונען, אַז איך האָב שטאַרק געוואונשען איהם נאָך אַ מאָל צו זעהן. איך האָב איהם געוואָלט זעהן באַזיעגען מענשען אין אַ דיסקוסיאָן, מיט דעם שלאַכט־רוף אין זיין שטימע; איהם זעהן אין זיין זיכערהייט און מעכטיגקייט צושמעטערענדיג זייער רוה, אַרויסטרייסלענדיג זיי פון זייער אויס־געטראָטענעם אַרט דענקען. נו, און אַז ער איז יאָ אַ שטיקעל גרויסהאַלטער, איז וואָס? אום זיך צו באַנוצען מיט זיין איי־גענער פראַזע: „עס האָט געווירקט". ער האָט געמאַכט אַן איינ־דרוק. און אויסער דעם, איז זיין באַריהמעריי געווען עטוואָס פיינעס, עס האָט געמאַכט איינעם אויפגערעגט, ווי דאָס פאַרבע־רייטען זיך צו אַ שלאַכט.

עטליכע טעג זיינען פאַראיבער און דורך דער צייט האָב איך געלעזען אייניגע ביכער זיינע, וועלכע איך האָב געליהען פון מיין פאָטער. זיין געשריבען וואָרט איז געווען פונקט ווי דאָס גע־שפּראָכענע: קלאָר און איבערציינענד, אפילו ווען מען איז נאָך אַליין געווען אין ספק. ער האָט באַזעסען די מתנה פון קלאָרקייט. ער איז געווען אַ פאָלקאָמענער לעהרער. דאָך, כאָטש ער האָט געהאַט אַ פיינעם סטיל, איז דאָרט געווען פיעלעס, וואָס איז מיר ניט געווען געפעלען. ער האָט געלייגט צופיעל געוויכט אויף דאָס, וואָס ער האָט גערופען „דער קלאַסענקאַמפף", די מלחמה צווישען קאַפּיטאַליסטען און אַרבייטער, דער קאָנפליקט פון אינ־טערעסען.

מיין פאָטער האָט מיט גרויס הנאה מיר איבערגעגעבען דר. האַמערפיעלד'ס מיינונג וועגען ערנסט'ן, וועלכע איז געווען ווי פאָלגט:

„אַן עזות'דיגער יונגער־מאַן, ביי וועמען דער קאָפּ איז פאַר־דרעהט פון אַ ביסעלע וויסען." ער האָט זיך אויך ענטזאָגט נאָך אַ מאָל צו טרעפען זיך מיט ערנסט'ן.

נור בישאָפּ מאָרהויז האָט אַרויסגעוויזען אַ גרויסען אינטע־רעס אין ערנסט'ן און האָט איהם געוואָלט נאָך אַ מאָל זעהן.

„אַ גאַנץ שטאַרקער יונגער־מאַן, ער באַזיצט זעהר פיעל לעבענס־קראַפט, זעהר פיעל ענערגיע, נור אַ ביסעל צו־זיכער ביי זיך, צו־זיכער.״

ערנסט איז געקומען איינמאָל נאָכמיטאָג מיט מיין פּאָטער. דער בישאָפּ איז שוין געקומען פריהער, און מיר אַלע האָבען זיך געזעצט טרינקען טהעע אויף דער וועראַנדאַ. ערנסט האָט גע־וואוינט אין בערקלי, ווייל ער האָט גענומען אַ ספּעציעלען קורס אין ביאָלאָגיע אינ׳ם אוניווערזיטעט, און ער האָט צו יענער צייט געשריבען אַ בוך מיט׳ן נאָמען „פילאָזאָפיע און רעוואָלוציאָן״. (2)

די וועראַנדאַ האָט פּלוצים אויסגעקוקט קלענער, ווען ערנסט איז אָנגעקומען. ניט ווייל ער איז געווען אַזוי גרויס — אין גאַנ־צען איז ער געווען פינף פוס און ניין אינטשעס הויך, נור עפּעס האָט ארויסגעשטראַהלט פון איהם אַן אַטמאָספּערע פון גרויסקייט. אַן ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיך צו באַגריסען, האָט ער ארויס־געוויזען אַ קליין ביסעל אומגעלומפּערטקייט, וואָס איז געווען אַזוי פאַרשיעדען פון זיינע דרייסטע אויגען און שטאַרקען דרוק פון מיין האנד, וועלכע ער האָט געהאַלטען פּאַר אַ מינוט, ווען ער האָט מיך באַגריסט. און אין יענעם מאָמענט זאָגאַר האָבען זיינע אויגען געצייגט די זעלבע זיכערהייט. עס האָט אויסגעזעהן, ווי זיי פרעגען עפּעס און, ווי דאָס ערשטע מאָל, האָט ער געקוקט אַ ביסעל צו לאַנג.

— איך האָב געלעזען אייער „ארבייטער־קלאַס־פילאָזאָפיע״

— האָב איך געזאָגט, און זיינע אויגען האָבען געלויכטען מיט צופריעדענהייט.

— נאַטירליך, — האָט ער געענטפערט, — האָט איהר גע־נומען אין אנבאַטראַכט די מענשען, פאַר וועמען דאָס איז גע־שריבען געוואָרען.

— איך האָב עס גענומען אין אנבאַטראַכט, און דערפאַר מאַקע וויל איך זיך צוקריגען מיט אייך, — האָב איך איהם אויפ־געפאָדערט.

— אויך איך האָב אַ שטיקעל מחלוקה מיט אייך, הערר עוואַר־האַרד, — האָט בישאָפּ מאָרהויז געזאָגט.

ערנסט האָט קאַפּריזנע אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען און האָט גענומען אַ גלאָז טהעע.

דער בישאָפּ האָט זיך פאַרבויגען צו מיר און מיך געלאָזט פריהער רעדען.

— איהר פּרעדיגט קלאַסענקאַמפּף, — האָב איך געזאָגט. — איך דענק, אַז דאָס איז ניט ריכטיג. עס איז זאָגאַר פאַרברעכע־ריש צו אַפּעלירען צו אַלעס, וואָס איז ענגהערציג און ברוטאַל אינ׳ם אַרבייטער־קלאַס. קלאַסען־האַס איז אַנטי־סאָציאַל, און, ווי מיר שיינט, אויך אַנטי־סאָציאַליסטיש.

— ניט שולדיג, — האָט ערנסט געענטפערט. קלאַסען־האַס געפינט זיך ניט אין אַלע מיינע ווערק, וואָס איך האָב פאַרפאַסט, ניט אין וואָרט און אויך ניט אין גייסט.

— אָה! — האָב איך אויסגעשריען מיט פאָרוואורף, און האָב גענומען זיין בוך און איהם אויפגעעפענט.

ער האָט געזופּט זיין טהעע און געמיטליך געשמייכעלט, ווען איך האָב געבלעטערט זיין בוך.

— בלאַט הונדערט צוויי און דרייסיג, — האָב איך געלעזען אין דער הויך: — „דער קלאַסענקאַמפּף געהט, דעריבער, אָן אין דעם יעצטיגען צושטאַנד אין דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג צווישען די לוין־צאָהלענדע און לוין־באַצאָהלטע קלאַסען”.

איך האָב טריאומפירענד געקוקט אויף איהם.

— דאָ ווערט ניט דערמאָנט קיין קלאַסען־האַס, — האָט ער געשמייכעלט.

— אָבער, — האָב איך געענטפערט, איהר זאָגט קלאַסענ־קאַמפּף.

— דאָס איז ניט קלאַסען־האַס, — האָט ער געענטפערט. — און גלויבט מיר, מיר פּרעדיגען ניט קיין קלאַסען־האַס. מיר זאָגען, אַז דער קלאַסענקאַמפּף איז אַ געזעץ פון דער מענשליכער ענט־וויקלונג. מיר זיינען ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם. מיר באַ־

שאפען ניט דעם קלאסענקאמפף. מיר ערקלערען נור זיין באדריי־טונג, ווי ניוטאָן האָט ערקלערט גראוויטאציע. מיר ערקלערען דעם כאראקטער פון געגענזייטיגע אינטערעסען, וועלכע פראָדוצירען דעם קלאסענקאמפף.

— אָבער עס דארפען ניט זיין קיין געגענזייטיגע אינטע־רעסען, — האָב איך אויסגעשריען.

— איך שטים מיט'ן גאנצען הארצען איין מיט אייך, — האָט ער געענטפערט. — דאָס איז, וואָס מיר סאָציאליסטען ווילען ברענגען — דאָס פארשווינדען פון געגענזייטיגע אינטערעסען. ער־לויבט מיר, לאָזט מיך לעזען אַן אויסצוג.

ער האָט גענומען זיין בוך און צוריקגעמישט עטליכע בלע־טער. — בלאט הונדערט זעקס און צוואנציג. „די עפּאָכע פון קלאסענקאמפף, וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען מיט דער אויפהערונג פון דעם רויהען שטאם־קאָמוניזם און מיט דעם אָנקומען פון פריי־וואט־אייגענטום, וועט זיך ענדיגען, ווען פריוואט־אייגענטום וועט זיך אומוואנדלען אין אַ מיטעל פון דער גאנצער געזעלשאפט.“

— אָבער איך שטים ניט איין מיט אייך, — האָט דער בישאָפּ איבערגעשלאָגען. זיין בלאס, פרום געזיכט האָט ארויסגעוויזען זיינע ברויזענדע געפיהלען. — דער סאמע פונדאמענט פון אייער לעהרע איז פאלש. עס איז ניטאָ אזא זאך, ווי געגענזייטיגע אינטערעסען צווישען קאפיטאל און ארבייט — אָדער, בעסער גע־זאָגט, עס דארף ניט זיין.

— איך דאנק אייך, — האָט ערנסט כמורנע געענטפערט. — מיט אייער לעצטער באשטעטיגונג האָט איהר מיר צוריקגעגעבען מיין פונדאמענט.

— אָבער ווארום מוזען זיין געגענזייטיגע אינטערעסען ? — האָט דער בישאָפּ געפרעגט ווארימלעך.

ערנסט האָט פארצויגען מיט די אַקסלען : — ווייל אזוי זיינען מיר מסתמא באשאפען געוואָרען.

— אָבער מיר זיינען ניט אזוי באשאפען געוואָרען, — האָט דער אנדערער געשריען.

— רעדט איהר װעגען דעם אידעאַלען מענשען ? — האָט ערנסט געפרעגט, — דעם זעלבסטלאָזען און געטליכען, און פון װעלכע עס געפינען זיך אַזױ װעניג, אַז מיר מעגען זאָגען, אַז זײ עקזיסטירען גאָר ניט, אָדער איהר רעדט װעגען דעם געװעהנליכען, אַלטעגליכען, דורכשניטליכען מענשען ?

— דעם געװעהנליכען, דורכשניטליכען מענשען, — איז געװען דער ענטפער.

— װעלכער איז שװאַך, פעהלערהאַפט גענײגט אָפט צו פאַר־ברעכען ?

— בישאָפ מאָרהױז האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפ.

— און קלײנליך און עגאָאיסטיש ?

ער האָט װיעדער צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפ.

— היט זיך ! — האָט ערנסט איהם געװאָרענט. — איך האָב געזאָגט עגאָאיסטיש.

— דער דורכשניטליכער מענש איז עגאָאיסטיש, — האָט דער בישאָפ צוגעשטימט בראַװ.

— ער װיל אַלעס, װאָס ער קען קריגען ?

— ער װיל אַלעס, װאָס ער קען קריגען ! צום באַדױערען איז דאָס אמת.

— אויב אַזױ, האָב איך אײך. — ערנסט׳ס געדאַנקען האָבען געקנאַקט װי אַ שטאָהלענע שפּרוזשינע. — לאָזט מיר אײך אי־בערצײגען. אָט נעהמט אַ מאַן, װאָס ארבײט אויפ׳ן קאַר.

— ער װאָלט ניט געקענט ארבײטען, װען קאַפּיטאַל װאָלט ניט געװען, — האָט איהם דער בישאָפ איבערגעשלאָגען.

— אמת. און איהר װעט צוגעבען, אַז קאַפּיטאַל װאָלט אונ־טערגעגאַנגען, אויב עס װאָלטען ניט געװען קײן ארבײטער צו פאַרדיענען די דיװידענדס ?

דער בישאָפ האָט געשװיגען.

— װעט איהר עס ניט צוגעבען ? — איז ערנסט צוגעשטאַנען.

דער בישאָפ האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפ.

— אויב אַזױ, איז אײנס דעקט דאָס צװײטע, — האָט ערנסט

געזאָגט מיט אַ זיכערען טאָן, און מיר קומען ווייעדער צו דעם, פון וואָס מיר האָבען אָנגעפאַנגען. יעצט ווייעדער צום אָנהויב. דער אַרבייטער אויף דער קאר שטעלט צו די אַרבייט. דער אַק־ציען־באַזיצער שטעלט צו דעם קאַפּיטאַל. דורך די פאַראייניגטע אַרבייט פוןביידע, פון אַרבייטער און קאַפּיטאַליסט, ווערט פאַר־דיענט געלד. (3) זיי צוטיילען זיך מיט'ן געלד, וואָס ווערט פאַר־דיענט. קאַפּיטאַל'ס טייל ווערט אָנגערופען „דיווידענד". דעם אַרבייטער'ס — „לוין".

— זעהט גוט, — האָט דער בישאָפּ אונטערגעזאָגט, — און עס איז ניטאָ קיין אורזאַך וואָרום די צוטיילונג זאָל ניט זיין אויף אַ פריעדליכען אופן.

— איהר האָט שוין פארגעסען, אַז מיר האָבען איינשטימיג באַשלאָסען, — האָט ערנסט געענטפערט, — אַז דער דורכשניט־ליכער מענש איז עגאָאיסטיש. ער איז וואָס ער איז. איהר זיינט אוועק אין דער לופטען, און איהר מאַכט זיך דאָרט אַ צוטיילונג צווישען אַ סאָרט מענשען, וואָס וואָלט באַדאַרפט זיין, נור זיינען עס ניט. נור זיך אומצוקעהרען צוריק צו דער ערד! דער אַר־בייטער, זייענדיג עגאָאיסטיש, וויל אַלעס, וואָס ער קען קריגען. דער קאַפּיטאַליסט, אויך אַן עגאָאיסט, וויל אַלעס, וואָס ער קען קריגען. ווען עס איז דאָ בלויז אַ באַשטימטע קוואַנטיטעט פון איין זאַך און צוויי מענשען ווילען אַזוי פיעל, וויפיעל זיי קענען נור קריגען פון דער זעלבער זאַך, מוז עס קומען צו אַ שטרייי־טיגקייט פון אינטערעסען. אָט דאָס איז די געגענזייטיגקייט פון אינטערעסען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. און עס איז אַ מלחמה וואָס מען קען ניט פאַרמיידען. אַזוי לאַנג ווי אַרבייטער און קאַ־פּיטאַליסטען עקזיסטירען, אַזוי לאַנג וועלען זיי זיך קריגען איבער דער חלוקה. אויב איהר וואָלט היינט געווען אין סאַן פראַנציסקאָ, וואָלט איהר געמוזט געהן צו־פוס. קיין איין גאַסען־באַהן לויפט ניט היינט.

— ווייעדער אַ סטרייק? (4) — האָט דער בישאָפּ געפרעגט שטאַרק אויפגערעגט.

—יאָ, זיי קריגען זיך איבער די צוטיילונג פון די פּאַרדיענ־סטען פון די גאַסטען־באַהנען.

בישאָפּ מאָרהויז איז געווען נאָך מעהר אויפגערעגט.

— עס איז ניט ריכטיג, — האָט ער געשריען. — עס איז אַזוי קורצזיכטיג פון די אַרבייטער. ווי אַזוי קענען זיי ערוואַרטען אונזער סימפּאַטיע?

— ווען מיר מוזען געהן צופוס! — האָט ערנסט ביטרע אַ זאָג געטהאָן.

נור בישאָפּ מאָרהויז האָט איהם אָנגעקוקט און פאָרטגעזעצט:

— זייער אויסקוק איז צו ענגהערציג. מענשען דאַרפען זיין מענשען, ניט חיות. יעצט וועט פּאַרקומען געוואַלד און הריגות און טרויערענדע אַלמנות און יתומים. קאַפּיטאַל און אַרבייט דאַר־פען געהן האַנד אין האַנד צוליעב זייער געגענזייטיגען וואָהלזיין.

— אַה, איהר זיינט שוין ווידער אין דער לופטען, — האָט ערנסט געענטפערט. — קומט אַראָפּ צוריק אויף דער ערד. גע־דענקט, מיר האָבען איינגעשטימט, אַז דער דורכשניטליכער מענש איז עגאָאיסטיש.

— אָבער ער דאַרף ניט זיין, — האָט דער בישאָפּ געשריען.

— און איך שטים איין מיט אייך. — אַזוי איז געווען ערנסט'ס ענטפער. — ער דאַרף ניט זיין עגאָאיסטיש, נור ער וועט אַזוי זיין, אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבען אונטער אַ סאָציאַ־לער סיסטעם, וואָס איז געגרינדעט אויף שווינען־מאָראַל.

דער בישאָפּ האָט זיך אַזש דערשראָקען, און מיין פאָטער האָט גרויס הנאה געהאַט.

— יאָ, שווינען־מאָראַל, — האָט ערנסט פאָרטגעזעצט אָהן רחמנות. — אַט דאָס איז, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם מיינט. און דאָס איז, פאַרוואָס אייער קירך האַלט שטאָל און אייזען, וואָס איהר פּרעדיגט יעדעס מאָל, ווען איהר שטייגט אַרויף אויף דער בימה. שווינען־מאָראַל! און קיין פּאַסענדערער נאָ־מען איז ניטאָ פאַר דעם.

בישאָפּ מאָרהויז האָט זיך געווענדעט צו מיין פאָטער, אַפּע־

לירענדיג. אָבער מיין פאָטער האָט געלאַכט און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איך האָב מורא, אַז הערר עווערהארד איז גערעכט, — האָט ער געזאָגט. — די לאָז־מיך־צורוה טאַקטיק פון יעדען און דאָס האווען פאַר זיך אַליין און זאָל דער טייפעל כאַפּען דעם, וואָס בלייבט פון הינטען, רעכטפערטיגט דעם נאָמען, אַזוי ווי הערר עווערהארד האָט געזאָגט דעם פריהערדיגען אָבענד. דאָס, וואָס איהר טהוט, העלפט אויפהאַלטען די יעצטיגע געזעלשאַפט, און די געזעלשאַפט איז געגרינדעט אויף אַזאַ פונדאַמענט.

— אָבער דאָס איז ניט די לעהרע פון קריסטוס! — האָט ארויסגעשריען דער בישאָפּ.

— די קירך פּרעדיגט ניט קריסטוס'ס לעהרע היינטיגע צייטען, — האָט ערנסט שנעל אָפּגעענטפערט. — דאָס איז די אורזאַך, פאַר וואָס די ארבייטער ווילען ניט אריינשמעקען אין אייער קירך. די קירך פאַרגיט די שרעקליכע ברוטאַליטעט און ווילדקייט, מיט וועלכע דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס באַהאַנדעלט דעם ארבייטער־קלאַס.

— די קירך פאַרגיט עס ניט, — האָט דער בישאָפּ געהאַט אויסצוזעצען.

— די קירך פּראָטעסטירט ניט, — האָט ערנסט געענטפערט, — און אַזוי לאַנג ווי זי פּראָטעסטירט ניט, פאַרגיט זי, ווייל, געדענקט, אַז די קירך ווערט געשטיצט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס!

— איך האָב אויף דעם ניט געקוקט פון דיזען שטאַנדפּונקט, — האָט דער בישאָפּ נאַאיוו געענטפערט. — איהר מוזט מאַכען אַ טעות. איך וויים, אַז די קירך האָט פאַרלוירען דעם, וואָס איהר רופט פּראָלעטאַריאַט. (5)

— איהר האָט דעם פּראָלעטאַריאַט קיינמאָל ניט געהאַט, — האָט ערנסט אויסגעשריען. — דער פּראָלעטאַריאַט איז אויסגעוואַקסען אויסער דער קירך און אָהן איהר.

— איך פאַרשטעה אייך ניט, — האָט דער בישאָפּ שוואַך געענטפערט.

— אויב אַזוי, לאָזט מיר אייך ערקלערען. מיט'ן איינפיהר פון מאַשינעריי און די פאַבריקען־סיסטעם אין דעם לעצטען טייל פון אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט, איז די גרויסע מאַסע אַרבייטער אָפּגעריסען געוואָרען פון דער ערד. די אַלטע סיסטעם פון אַרבייט איז פאַרשוואונדען. די אַרבייטער זיינען געטריבען געוואָרען פון זייערע דערפער און צוזאַמען געקליבען געוואָרען אין די פאַבריקען. די מוטערס און קינדער זיינען געמאַכט געוואָרען צו אַרבייטען ביי די מאַשינען. דער פאַמיליען־לעבען האָט אויפגעהערט. די אומשטענדען זיינען געווען שרעקליך. עס איז אַ בלוטיגע געשיכטע.

— איך ווייס עס, איך ווייס עס, — האָט דער בישאָפּ איהם איבערגעשלאָגען מיט אַן אַנגסטליכען אויסדרוק אויף זיין פּנים. — עס איז געווען שרעקליך, נור דאָס האָט דאָך פּאַסירט מיט הונדערט און פופציג יאָהר צוריק.

— און דאַן, אָנדערטהאַלבען הונדערט יאָהר צוריק, איז דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט ענטשטאַנען, — האָט ערנסט פאָרט־געזעצט און די קירך האָט עס איגנאָרירט, בעת די קאַפּיטאַליסטען האָבען געפיהרט דאָס פאָלק צו דער שחיטה, האָט די קירך גע־שוויגען. זי האָט ניט פּראָטעסטירט, אַזוי ווי פּראָטעסטירט ניט היינט צו טאָג, ווי אָסטין לואיס (6) זאָגט רעדענדיג פון יענער צייט. די יעניגע, צו וועמען דער געבאָט „שפּייז מיינע לעמע־לעך" איז געגעבען געוואָרען, האָבען געזעהן די זעלביגע לעמעלעך פאַרקויפט, אַלס שקלאַפען, און געטריבען ביז צום טוידט אָהן אַ פּראָטעסט. (7) די קירך האָט געשוויגען — און איידער איך זעץ פאָר, וויל איך, איהר זאָלט אָדער איינשטימען מיט מיר אָדער ניט. האָט די קירך געשוויגען?

בישאָפּ מאָרהויז האָט זיך געקווייקעלט. ווי דר. האַמער־פּיעלד, איז ער ניט געווען געוואוינט צו דעם שרעקליכען אַרט אַנגריף פון „דערלאַנגען" יענעם, ווי ערנסט פלעגט עס רופען.

— די היסטאָריע פונ׳ם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט איז אָנגעשריבען, — האָט ערנסט אונטערגעזאָגט. — אויב די קירך האָט ניט געשוויגען, קען מען עס געפינען אין די ביכער.

— מיר שיינט, אַז די קירך האָט יאָ געשוויגען, — האָט דער בישאָפּ געענטפערט.

— און די קירך שווייגט היינט־צו־טאָג.

— אין דעם שטים איך ניט איין מיט אייך, — האָט גע־זאָגט דער בישאָפּ.

ערנסט האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קליינער ווײַלע, האָט איהם פאַרשענד געקוקט אין געזיכט, און האָט אָנגענומען זיין אויפפאָדערונג.

— גאַנץ גוט, — האָט ער געזאָגט, — לאָמיר זעהן. אין שיקאַגאָ ארבייטען פרויען אַ גאַנצע וואָך פאַר נײַנציג סענט. האָט די קירך פּראָטעסטירט געגען דעם?

— דאָס איז עטוואָס נייעס פאַר מיר, — איז געווען דער ענטפער. — נײַנציג סענט אַ וואָך! עס איז שוידערהאַפט!

— האָט די קירך פּראָטעסטירט? — איז ערנסט באַשטאַנען אויף זיינעם.

— די קירך ווייס עס ניט, — האָט דער בישאָפּ זיך גע־וועהרט.

— דאָך דער געבאָט צו דער קירך איז געווען „שפּייז מיינע לעמעלעך“, — האָט ערנסט געענטפערט. און אין נעקסטען מאָ־מענט געזאָגט:

— ענטשולדיגט מיין שפּאָטענדען טאָן, בישאָפּ. אָבער קענט איהר זיך וואונדערען, וואָס מיר פאַרלירען די געדולד מיט אייך? ווען האָט איהר עס פּראָטעסטירט צו אייערע קאַפּיטאַליסטישע געמיינדען געגען דעם באַשעפטיגען פון קינדער אין די זידליכע בוימוואָל פאַבריקען, (8) קינדער זעקס און זיעבען יאָהר אַלט אר־בייטען יעדע נאַכט צוועלף שטונדען. זיי זעהן קיינמאָל ניט די זונען־שיין. זיי שטאַרבען אויס, ווי פליעגען. די דיווידענדס ווערען אויסגעצאָהלט פון זייער בלוט און פון דיזע דיווידענדס

ווערען געבויט פּראַכטפולע קירכען אין נײַ־ענגלאַנד, וואו מענשען פון אײַער סאָרט פּרעדיגען פאַרגעניגענדע טעמפּקײט צו די כיטרע, פולבײַכיגע בענעפיציאַנטען פון דיזע דיווידענדס.״

— איך האָב דאָס ניט געוואוסט, האָט דער בישאָפּ שוואַך געמורמעלט. זײַן פּנים איז געווען בלאַס, און עס האָט אויסגע־וויזען ווי עס שלאָגט אויף איהם אַ חלשות.

— אַלזאָ, האָט איהר ניט פּראָטעסטירט.

דער בישאָפּ האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— אַלזאָ, איז די קירך אַזוי שטום הײַנט־צו־טאָג, ווי אין דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט?

דער בישאָפּ האָט געשוויגען און דאָס מאָל האָט זיך ערנסט צוריקגעהאַלטען און איז ניט צוגעשטאַנען צו איהם.

— און פאַרגעסט ניט, אַז ווען אַ גײַסטליכער פּראָטעסטירט, ווערט ער ענטזאגט פון זײַן שטעלע.

— איך דענק, אַז דאָס איז ניט פײַן געהאַנדעלט, — האָט דער בישאָפּ געהאַט אויסצוזעצען.

— ווערט איהר פּראָטעסטירען? — האָט ערנסט פאַרלאַנגט.

— צײַגט מיר אַזעלכע געמײַנהײַטען, ווי איהר דערמאָנט, אין אונזער אײַגענער שטאָדט, און איך וועל פּראָטעסטירען.

— איך וועל אײַך צײַגען, — האָט ערנסט געמיטהליך גע־זאָגט. — איך בין גרייט אײַך צו דיענען. איך וועל אײַך נעהמען אויף אַ רײַזע דורכ׳ן גיהנום.

— און איך וועל פּראָטעסטירען. דער בישאָפּ האָט זיך אויס־געגלײַכט און אויף זײַן פרײַנדליכען פּנים האָט זיך פאַרשפּרײַט די שטרענגקײט פון אַ קעמפּפער. די קירך טאָר אַזוינס ניט פאַר־שווײַגען.

— איהר וועט ענטזאגט ווערען, — האָט איהם ערנסט גע־וואָרענט.

— איך וועל אײַך צײַגען דעם סאַמע היפּוך, — איז געווען זײַן ענטפער. — איך וועל אײַך צײַגען, אַז אויב וואָס איהר זאָגט, איז טאַקי אַזוי, אַז די קירך האָט געגרײַזט, איז דאָס אויס

אונוויסענהייט, און, נאך מעהר, איך גלויב, אז דאס שוידערהאפטע אין דער אינדוסטריעלער געזעלשאפט קומט פון דער אונוויסענהייט פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס. און ער וועט פאררירכטען אלעס, וואס איז געמיין און שלעכט, אזוי שנעל, ווי ער וועט זיך דער־וויסען וועגען דעם. און דיזע מיטטיילונג איז א פליכט צו דער קירך.

ערנסט האט געלאכט, ברוטאל געלאכט. און איך האב גע־פיהלט ווי צו העלפען דעם בישאפ.

— געדענקט, — האב איך געזאגט, — איהר זעהט בלויז איין זייט. עס געפינט זיך זעהר פיעל גוטעס אין אונז, כאטש איהר גיט אונז גאר קיין קרעדיט ניט. בישאפ מארהויז האט רעכט. די אינדוסטריעלע געמיינהייט, שרעקליך, ווי איהר זאגט זי איז, קומט פון אונוויסענהייט. די שפאלטונג פון דער געזעל־שאפט איז צו־ווייט פאנאנדערגעגאנגען.

— דער ווילדער אינדיאנער איז ניט אזוי ברוטאל און באר־באריש, ווי דער קאפיטאליסטישער קלאס, — האט ער געענט־פערט. אין דיזען מאמענט האב איך איהם געהאסט.

— איהר קענט אונז ניט, — האב איך געענטפערט. — מיר זיינען ניט ברוטאל און בארבאריש.

— איבערצייגט עס, — האט ער מיך אויפגעפאדערט.

— ווי אזוי קען איך איבערצייגען... איך? איך בין גע־ווארען בייז.

ער האט א טרייסעל געטהאן מיט'ן קאפ. — איך האב אייך ניט געבעטען מיר איבערצייגען. איך וויל, איהר זאלט זיך זעלבסט איבערצייגען.

— איך זעלבסט וויים, — האב איך געזאגט.

— איהר ווייסט גאר ניט, — איז געוועזן זיין גרוּיזאמער ענטפער.

— נו, נו קינדער, — האט מיין פאטער זיך אריינגעמישט, אום צו מאכען שלום.

— מיך אַרט ניט, — האָב איך אָנגעפאַנגען שרעקליך בייז, נור ערנסט האָט מיך איבערגעשלאָגען.

— ווי איך פאַרשטעה, האָט איהר געלר, אָדער אייער פאָטער האָט, וואָס דאָס איז איינס און דאָס זעלבע, אריינגעלייגט אין די סיערא־פאַבריקען.

— וואָס האָט דאָס צו טהאָן? — האָב איך אויסגעשריען.

— ניט זעהר פיעל, — האָט ער לאַנגזאַם אָנגעפאַנגען. — נור דאָס קלייד, וועלכעס איהר טראָגט יעצט, איז פאַרשמירט מיט בלוט. די שפייז, וואָס איהר עסט, איז געמישט מיט בלוט. דאָס בלוט פון קליינע קינדער און ערוואַקסענע מענער קאַפּעט פון אייער באַלקען. איך קען פאַרמאַכען מיינע אויגען און הערען, ווי עס קאַפּעט, טריפט, קאַפּעט, טריפט איבעראַל ארום מיר.

צופּאַסענדיג די האַנדלונג צו זיינע רייד, האָט ער צוגעמאַכט זיינע אויגען און זיך אָנגעלעהנט אויף זיין שטוהל. איך האָב אויסגעבראָכען אין אַ געוויין פון ערנידריגונג און באַליידיגונג. מיך האָט מען קיינמאָל ניט אַזוי ברוטאַל באהאַנדעלט אין מיין לעבען. ביידע, דער בישאָפּ און מיין פאָטער, זיינען געוואָרען אונרוהיג. זיי האָבען געפּרובירט אָפּברעכען דעם געשפּרעך; נור ערנסט האָט אויפגעעפענט זיינע אויגען, האָט אויף מיר אַ קוק געטהאָן און ניט דערלאָזען, אַז אונזער דיסקוסיאָן זאָל זיך ענ־דיגען. זיין מויל און זיינע אויגען האָבע אויסגעקוקט שטרענג, און אין די אויגען איז דער גלאַנציגער שמייכעל פאַרשוואונדען. וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען, וואָס פאַר אַ שרעקליכע שטראָף ער האָט זיך געקליבען מיר געבען, האָב איך זיך קיינמאָל ניט דער־וואוסט; ווייל אין יענעם מאָמענט האָט אַ מאַן, וואָס איז גע־גאַנגען אויפ׳ן טראָטואַר, זיך אָפּגעשטעלט און ארויפגעקוקט צו אונז. עס איז געוועזען אַ גרויסער מענש, אָרים געקליידעט און אויף זיין פּלייצע האָט ער געהאַט אַ שווערע, גרויסע משא פּוז געפלאָכטענע שטוהלען. ער האָט ארויפגעקוקט צום הויז, ווי באַ־ראַטהענדיג זיך מיט זיך, צי ער זאָל אריינקומען אין הויז פּרו־בירען פאַרקויפען זיין סחורה.

— דיזען מאַן׳ס נאָמען איז דזשעקסאָן, — האָט ערנסט געזאָגט.

— מיט דיזען שטאַרקען קערפּער זיינעם, וואָלט ער באַדאַרפט אַרבייטען און ניט פּעדלען, (9) — האָב איך געענטפערט.

— באַמערקט דעם אַרבעל פון זיין לינקען אָרעם, — האָט ערנסט נעמיטהליך געזאָגט.

— עס איז אויך געוועזן אַ ביסעל בלוט פון זיין אָרעם, וואָס איך האָב געהערט קאַפּען פון אייער דאַך, — האָט ערנסט גע־זאָגט. — ער האָט פאַרלוירען זיין אָרעם אין די סיעררא־פאַברי־קען און ווי אַ געפאַלען פערד האָט איהר איהם אַרויסגעוואָרפען אין דרויסען צו שטאַרבען. ווען איך זאָג „איהר“, מיין איך דעם אויפזעהער און די בעאַמטע, וואָס איהר און די אַנדערע אַקציען־באַזיצער באַצאָהלען צו פיהרען די פאַבריקען פאַר אייך. עס איז געוועזן אַ צופאַל. ער האָט געפּרובירט פאַרשפּאָרען אייער קאָמ־פּאַניע עטליכע דאָלאַר. די ציינערדיגע פּויק פון דעם אויפקליי־בער האָט איהם פאַרכאַפּט זיין אָרעם. ער וואָלט געקאָנט לאָזען דעם קליינעם קרעמען, וואָס ער האָט געזעהן אין די צייהן, דורכ־געהן. עס וואָלט געקענט צוברעכען צוויי שורות אייזערנע פלע־קער, נור ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד צו נעהמען דעם קרעמען, און זיין אָרעם איז אויפגעכאַפּט געוואָרען און צושניטען געוואָרען אויף פאַסען פון די שפּיצען פינגער ביז צום אַקסעל. עס האָט פּאַסירט ביינאַכט. די פאַבריקען האָבען געאַרבייט נאָך דער רעגולער צייט. זיי האָבען געצאָהלט אַ גרויסען דיווידענד יענעם קוואַרטאַל. דזשעקסאָן האָט געאַרבייט פיעל שטונדען און זיינע מוסקולען האָבען פאַרלאָרען זייער געשווינדקייט. זיי האָבען גע־מאַכט זיינע באַוועגונגען אַ ביסעל לאַנגזאַם. דאָס איז די אורזאַך, פאַר וואָס די מאַשין האָט פאַרכאַפּט זיין אָרעם. ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט דריי קינדער.

— און וואָס האָט די קאָמפּאַניע געטהאָן פאַר איהם? — האָב איך געפרעגט.

— גאָר ניט. אָה, יאָ, עטוואָס האָבען זיי געטהאָן. זיי האָבען ערפאָלגרייך אָנגעפיהרט דעם פּראָצעס, וועלכען ער האָט געמאַכט, ארויסקומענדיג פון האָספּיטאַל. די קאָמפּאַניע באַשעפ־טיגט זעהר פעהיגע אדוואָקאַטען, ווי איהר ווייסט.

— איהר האָט ניט דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, — האָב איך געזאָגט מיט איבערצייגונג, — אָדער איהר זעלבסט ווייסט ניט די גאַנצע געשיכטע. פיליכט איז דער מאַן געווען עזות'דיג?

— עזות'דיג! אה! אה! — און זיין געלעכטער איז געווען א מעפיסטאָפילישער. — גרויסער גאָט! עזות'דיג, און זיין אָרעם אָפּגעביסען! דאָך, ער איז געווען אַן אונטערטהעניגער און ער־נידריגטער שקלאַף, און עס איז אין ערגעץ ניט פאַרשריבען, ער זאָל ווען האָבען געווען עזות'דיג!

— נור דאָס געריכט, — האָב איך זיך איינגעשפּאַרט, — דער פּראָצעס וואָלט ניט געווען פאַרלוירען געגאַנגען, ווען עס וואָלט ניט געווען זיין מעהר צו דערצעהלען, ווי דאָס, וואָס איהר האָט אונז דערצעהלט.

— קוירנעל אינגרעם איז דער הויפּט־אדוואָקאַט פאַר דער קאָמפּאַניע. ער איז א דורכגעטריבענער אדוואָקאַט. — ערנסט האָט אויף מיר געקוקט מיט אויפמערקזאַמקייט פאַר א מאָמענט, און דאַן האָט ער פאַרטגעזעצט: — איך וועל אייך זאָגען, וואָס איהר קענט טהאָן, פריילין קאָנניגהעם.

— דאָס האָב איך שוין זעלבסט באַשלאָסען, — האָב איך געזאָגט קאַלט.

— גאַנץ גוט, — האָט זיין פּנים געלויכטען גוטמוטהיג. — און איך וועל אייך זאָגען, וואו איהר קענט אַלעס אויסגעפינען. נור איך ציטער, ווען איך דענק פון אַלעס, וואָס איהר וועט זיך איבערצייגען דורך דזשעקסאָן'ס אָרעם.

און אזוי האָט עס פּאַסירט, וואָסביידע, דער בישאָף און איך, האָבען אָנגענומען ערנסט'ס אויפפאָדערונגען. זיי זיינען ביידע אוועקגעגאַנגען צוזאַמען, איבערלאָזענדיג מיך שמערצענדיג

אונטער א געפיהל פון אונגערעכטיגקייט, וואס איז באנאנגען גע־
ווארען געגען מיר און מיין קלאס. דער מענש האט מיר אויס־
געקוקט ווי א חיה. איך האב איהם געהאסט און זיך געטרויסט
מיט דעם געדאנק, אז זיין אויפפיהרונג איז געווען אזעלכע, ווי
מען האט געקענט ערווארטען פון א מאן פון דעם ארבייטער־קלאס.

## דריטער קאפיטעל

# דזשעקסאָן׳ס האנד

עס האָט זיך מיר אפילו ניט געחלום׳ט, וואָס פאר א באַזונדערע ראָלע דזשעקסאָן׳ס האנד וועט שפּיעלען אין מיין שיקזאל. דזשעקסאָן אליין האָט ניט געמאכט אויף מיר קיין זעהר גינסטיגען איינדרוק, ווען איך האָב איהם אויסגעזוכט. איך האָב איהם געפונען אין א חורבה (1) נעבען סאמע ברעג ביים סאמע זומפּ. לוזשעס שטעהענדע וואסער זיינען געווען ארום הויז. זייער אויבערפלעך איז געווען באדעקט מיט א גרינעם שימעל. און דער עיפּוש פון דעם איז געווען אונערטרעגליך. איך האָב געפונען דזשעקסאָנ׳ען אלס אן אונטערטהעניגען, אן ערנידריגטען מענשען, ווי ערנסט האָט איהם געמאָהלען. ער האָט געטהאָן עפּעס אן ארבייט די גאנצע צייט, ווען איך האָב גערעדט צו איהם. נור ניט אכטענדיג אויף זיין אונטערטהעניגקייט, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז איך האָב באמערקט דעם טאָן פון ביטערקייט אין זיין שטימע, ווען ער האָט געזאָגט: „זיי וואָלטען, לכל הפּחות, מיר געקאָנט געבען די שטעלע, אלס וועכטער. (2) איך האָב זעהר ווייניג אויסגעפאָרשט פון איהם. ער האָט מיר אויסגעקוקט צו זיין א נאר; און דאָך, די געשיקטקייט, מיט וועלכער ער האָט געארבייט בלויז מיט איין האנד, האָט געצייגט, אז זיין נארישקייט איז א געמאכטע. דאָס האָט מיר ארייננגעגעבען א געדאנק:

— ווי אזוי האָט עס פּאסירט, דאָס אייער אָרעם איז פאַרכאפּט געוואָרען פון דער מאשין? — האָב איך איהם געפרעגט.

— ער האָט געקוקט אויף מיר מיט א פארטראכטער מינע, און האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ:

— איך ווייס ניט, עס האָט זיך גראָד געמאַכט אַזוי.

— נאַכלעסיגקייט, — האָב איך איהם אונטערגעזאָגט.

— ניין, האָט ער געענטפערט, — איך רוף דאָס ניט אָן אַזוי. איך האָב געאַרבייט אין אַבענד נאָך דער באַשטימטער צייט. און איך דענק, אַז איך בין געווען מיער. איך האָב געאַרבייט 17 יאָהר אין דיזע פאַבריקען און איך האָב באַמערקט אַז די מעהר־סטע אונגליקס־פעלע פּאַסירען פּונקט פאַר דעם פייפען. (3) איך בין זיכער, אַז מעהר אונגליקס־פעלע פּאַסירען אין דער שטונדע פאַר'ן פייפען, ווי אַ גאַנצען טאָג. אַ מענש איז ניט אַזוי שנעל נאָך דעם, ווי ער אַרבייט אָפּ פיעל שטונדען. איך האָב געזעהן צו פיעל אַרבייטער צושניטען, צובראָקט און צוקייט אַז איך זאָל עס ניט ווימען.

— פיעל אַזעלכע? — האָב איך געפרעגט.

— הונדערטע און הונדערטע, און קינדער אויך.

אַ חוץ די שוידערליכע איינצעלהייטען, איז דזשעקסאָן'ס גע־שיכטע געווען עהנליך צו פיעלע, וואָס איך האָב שוין געהאַט גע־הערט. ווען איך האָב איהם געפרעגט, צי ער האָט איבערגע־טראַכטען איינעם פון די רעגעלען, ווי צו אַרבייטען אַרום דער מאַ־שינעריע, האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איך האָב אַראָפּגעשטופּט דעם רימען מיט מיין רעכטער האַנד און האָב פּרובירט גרייכען דעם שטיין מיט מיין לינקער האַנד. איך האָב ניט אָפּגעשטעלט זיך אַרומצוקוקען, צי דער רימען איז געווען אַראָפּגענומען. איך האָב געמיינט, אַז מיין רעכטע האַנד האָט עס געטהאָן — אָבער זי האָט עס ניט געטהאָן. איך האָב עס אַלעס געטהאָן שנעל, און דער רימען איז ניט געווען אין גאַנצען אַראָפּגענומען, און דאַן איז מיין אָרעם אָפּגעריסען געוואָרען.

— עס האָט געמוזט זיין שמערצליך, — האָב איך געזאָגט פול מיט סימפּאַטיע צו איהם.

— דאָס כרעשטשען פון די ביינער איז ניט געווען זעהר אַנגענעהם, — איז געווען זיין ענטפער.

זיין מוח איז איהם געווען א ביסעל צומישט, וואָס אנבא־לאַנגט דעם שאדענס־פּראָצעס. נור איין זאַך איז איהם געווען קלאָר, נעמליך, אז ער האָט קיין שאדענערזאַץ ניט געקראָגען. ער האָט געפיהלט, אז דאס עדות־זאָגען פונ׳ם פאָרמאַן און סופּער־אינטענדענט האָט פאראורזאכט די ניט־גינסטיגע ענטשיידונג פון די ריכטער. זייער עדות־זאָגען איז ניט געווען, וואָס עס האָט באדארפט זיין.

איך האָב באשלאָסען צו געהן זיי זעהן.

איין זאַך איז געווען באשטימט. דזשעקסאָן׳ס לאגע איז געווען שרעקליך. זיין פרוי איז געווען קראנק און ער האָט ניט נעקענט פארדיענען פון זיין ארבייט און הויזירען גענוג צום עסען פאר זיך און זיין פאמיליע. ער איז געווען שולדיג דירה־געלד און דער עלטסטער אינגעל, 6 יאָהר אלט, האָט אָנגעפאנגען צו אר־בייטען אין פאבריק.

— זיי וואָלטען מיר געמעגט געבען די וועכטער־שטעלע, — זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער, ווען איך בין אוועקגעגאנגען.

נאָך דעם, ווי איך האָב זיך געזעהן מיט דעם אדוואָקאט, וואָס האָט געהאט דזשעקסאָן׳ס פּראָצעס, און מיט די צוויי פּאָר־לייט און דעם אויפזעהער פון די פאבריקען, וואָס האָבען עדות געזאָגט, האָב איך אָנגעהויבען צו פיהלען, אז נאָך אלעמען האָט מען די באהויפּטונגען פון ערנסט׳ען ניט געקענט אוועקמאכען מיט׳ן האנד.

דער אדוואָקאט איז געווען א שוואכער און אונפעהיגער מענש. קוקענדיג אויף איהם, האָב איך זיך ניט געוואונדערט, וואָס דזשעק־סאָן האָט פארלאָרען זיין פּראָצעס. מיין ערשטער געדאנק איז געווען, אז עס איז געווען א מצוה אויף דזשעקסאָנ׳ען. ווארום האָט ער געדונגען אזא אדוואָקאט? אָבער אין דעם צווייטען מאָמענט זיינען מיר ערנסט׳ס ווערטער דורכגעלאָפען אין מיין מוח: „די קאָמפּאניע באשעפטיגט זעהר פעהיגע אדוואָקאטען, און קוירנעל אינגראם איז א דורכגעטריבענער אדוואָקאט”. איך האָב געדענקט שנעל. ערשט יעצט האָב איך געזעהן, אז די קאָמ־

פּאַניע קען, נאַטירליך, קריגען בעסערען טאַלאַנט אײדער אַן אַר־בייטער, ווי דזשעקסאָן. נור דאָס איז נאָך אַלעמען געווען אַ קלייניגקייט. עס איז זיכער געווען אַ גוטע אורזאַך, וואָרום דזשעקסאָן האָט פאַרשפּיעלט דעם פּראָצעס.

— וואָרום האָט איהר פאַרלאָרען דעם פּראָצעס? — האָב איך געפרעגט ביי דזשעקסאָן'ס אַדוואָקאַט.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך געפיהלט אין אַ פאַרלעגענהייט פאַר אַ מאָמענט, און איך האָב רחמנות געהאַט אויף דיזער קליינער נידריגער בריאה. דאַן האָט ער אָנגעהויבען צו רעדען מיט אַ כליפּענדער שטימע, וואָס איז געווען ביי איהם אַ גע־בורטס־פעהלער. דאָס איז געווען אַ מענש, וואָס איז געווען אַ דערשלאָגענער פון זיין געבורטס־טאָג אָן. ער האָט זיך געקלאָגט אויף די עדות. די עדות האָבען געגעבען באַווייזע, וואָס האָבען געהאָלפען בלויז דער צווייטער זייט. ניט אַ וואָרט האָט ער גע־קענט אַרויסקריגען פון זיי, וואָס וואָלט געהאָלפען דזשעקסאָנ'ען. זיי האָבען געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ זייט עס באַצאָהלט זיך זיי בעסער. דזשעקסאָן איז געווען אַ נאַר. קוירנעל אינגראַם האָט איהם פאַרדרעהט דעם קאָפּ און געענגליך צומישט. קוירנעל אינ־גראַם האָט אָנגעפיהרט אַ בריליאַנטענע פאַרהערונג פון עדות. ער האָט געמאַכט דזשעקסאָנ'ען ענטפערען אויף פראַגען צו זיין איי־גענעם שאַדען.

— ווי אַזוי האָבען זיינע ענטפערס געקענט איהם שאַדען, ווען ער איז געווען גערעכט? — האָב איך געוואָלט וויסען.

— וואָס האָט רעכט צו טהאָן דערמיט? — האָט ער פון זיין זייט געפרעגט. — איהר זעהט די אַלע ביכער — ער האָט איבערגעפיהרט זיין האַנד איבער'ן רוקען פון די שורות ביכער אויף די ווענט פון זיין קליינעם קאַבינעט. — דורך מיין גאַנצען לעזען און לערנען האָב איך אויסגעפונען, אַז געזעץ איז זיך איין זאַך און רעכט איז אַ גאַנץ באַזונדערע זאַך. פרעגט וועלכען־עס־איז אַדוואָקאַט. איהר געהט אין זונטאַג־שולע צו לערנען, וואָס

איז רעכט, אָבער איהר געהט צו דיזע ביכער צו לערנען דאָס געזעץ. (4)

— מיינט איהר, אז איהר קענט מיר איינרעדען, אז דזשעקסאָן איז געווען גערעכט און דאָך פארלאָרען? — האָב איך איהם אויסגעפּרובירט. — ווילט איהר מיר זאָגען, אז עס איז ניטאָ קיין גערעכטיגקייט אין ריכטער קאָלדוועל'ס געריכט־הויז?

דער קליינער אדוואָקאטעל האָט געקוקט אויף מיר א מינוט און נאכהער איז די גאנצע קאמפּף־לוסטיגקייט פארשוואונדען פון זיין פּנים.

— איך האָב ניט געהאַט קיין ריכטיגען שאנס, — האָט ער ווידער אָנגעפאנגען קלאָגען אויף זיין שטייגער. — זיי האָבען געמאכט דזשעקסאָנ'ען צום נאר און מיך אויך. וואָס פאר א שאנס האָב איך געהאַט? קוירנעל אינגראם איז א גרויסער אדוואָקאַט. וואָלט ער ניט געווען אזוי גרויס, וואָלט מען איהם ניט אָנפאָרטרויט די געזעץ־פיהרונג פון די סיערא־פאבריקען, פון דער ערסטאָן־לאנד־געזעלשאפט, פון די אָקלענדער געזעלשאפט און פון די בערקלי־געזעלשאפט. ער איז א קאָרפּאָריישאָן־לאָיער און אזעלכע צאָהלט מען ניט אומזיסט. פאר וואָס, דענקט איהר, צאָהלען איהם די סיערא־פאבריקען אליין צוואנציג טויזענד דאָלאר א יאָהר? ווייל פאר זיי האָט ער די ווערטה צוואנציג טויזענד דאָלאר א יאָהר. דאָס איז די אורזאך. איך האָב אזוי פיעל ניט ווערטה. ווען יא, וואָלט איך ניט געהאַלטען אזוי שמאָל, שמאכטענדיג פון הונגער און אָננעהמענדיג אזעלכע פּראָצעסען ווי דזשעקסאָן'ס. וואָס מיינט איהר, וואָלט איך געקראָגען, ווען איך וואָלט געווען געוואונען דזשעקסאָן'ס פּראָצעס?

— איהר וואָלט איהם וואהרשיינליך בארויבט, — האָב איך געענטפערט.

— געוויס וואָלט איך עס געטהאָן, — האָט ער בייז געשריען. איך דארף לעבען, אפשר ניין? (5)

— ער האָט א פרוי און קינדער האָב איך איהם געטאַדעלט.

— איך האָב אויך א פרוי און קינדער — און איך בין דער

איינציגער אין דער גאנצער וועלט, וועמען עס געהט אָן, צי זיי שטארבען פון הונגער, צי ניט.

זיין פנים האָט אָנגענומען אַ מילדען אויסדרוק, און ער האָט אויפגעעפענט זיין זייגער און מיר געצייגט אַ בילד פון אַ פרוי און צוויי קליינע מיידעלעך אויף דער אינוועניגסטער זייט פון דעקעל.

— אָט זיינען זיי. טהוט אַ קוק אויף זיי. מיר האָבען גע־האַט זעהר אַ שווערע שטיקעל צייט, זעהר אַ שלעכטע צייט. איך האָב געהאָפּט זיי אַוועקצושיקען אויף אַ פאַרם פונ׳ם פּאַרדיענסט פון דזשעקסאָן׳ס פּראָצעס. אין שטאָדט איז זייער געזונד ניט אַם בעסטען, נור יעצט קען איך זיי ניט שיקען.

ווען איך האָב זיך געלאָזט אַוועקגעהן, האָט ער ווידער אָנ־געפאנגען בליפענען:

— איך האָב ניט געהאַט דעם מינדעסטען שאַנס. קוירנעל אינגראַם און ריכטער קאָלדוועל זיינען גוטע פריינד. איך זאָג ניט, אַז ווען איך וואָלט געקענט קריגען די ריכטיגע באַווייזע פון די עדות, ווען איך האָב זיי פּאַרהערט, אַז זייער פריינדליכקייט וואָלט ענטשיעדען דעם פּראָצעס. און דאָך מוז איך זאָגען, אַז ריכטער קאָלדוועל האָט זעהר פיעל געהאָלפען איך זאָל ניט קענען אַרויסקריגען פון זיי די ריכטיגע באַווייזע. איהר ווייסט, ריכטער קאָלהוועל און קוירנעל אינגראַם באַלאַנגען צום זעלבען פעראַיין און דעמזעלבען קלוב. זיי וואוינען אין דער זעלבער נאַכבאַר־שאַפט — אין אַזעלכער, וואו איך קען מיר ניט ערלויבען צו וואוינען. און זייערע פרויען פּאַרווילען זעהר פיעל איינע ביי דער צווייטער אין הויז. זיי האָבען אימער־צו וויהסט־פּארטיעס און נאָך אַזעלכע זאַכען.

— אַלזאָ, איהר דענקט, אַז דזשעקסאָן האָט געהאַט רעכט?

— האָב איך געפרעגט, זיך אָפּשטעלענדיג פאַר אַ מאָמענט אויף דער שוועל.

— ניט איך דענק, נור איך בין זיכער, — איז געווען זיין ענטפער, — און פון אָנפאַנג אָן האָב איך זאָגאַר געדענקט, אַז

ער האָט אַ שאַנס אויך. נור דאָס האָב איך מיין פרוי ניט גע־זאָגט. איך האָב איהר ניט געוואָלט מאַכען פּיהלען שלעכט. זי האָט אויך גענוג געליטען איבער דעם, וואָס זי האָט ניט געקענט אַרויספאָהרען פון שטאָדט.

— ווארום האָט איהר ניט געצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט אויפ׳ן פאַקט, אַז דזשעקסאָן האָט געוואָלט אָפּהיטען די מאַש־נעריע פון אַ שאָדען? — האָב איך געפרעגט פעטער דאַנעלליי׳ן, איינעם פון די פאַרלייט, וואָס האָבען עדות געזאָגט אין פּראָצעס.

ער האָט געטראַכט אַ לאַנגע צייט, איידער ער האָט געענט־פערט, נאָכהער האָט ער זיך שרעקעדיג אַרומגעקוקט און האָט געזאָגט:

— ווייל איך האָב אַ גוטע פרוי און די דריי פיינסטע קינ־דער, וואָס איהר האָט ווען־עס־איז געזעהן, דאָס איז די אורזאַך.

— איך פאַרשטעה ניט, — האָב איך געזאָגט.

— אין אַנדערע ווערטער, ווייל עס וואָלט ניט געווען זעהר געזונד פאַר מיר, — האָט ער געענטפערט.

— מיינט איהר — האָב איך אָנגעפאַנגען.

אָבער ער האָט מיר ליידענשאַפטליך איבערגעשלאָגען.

— איך מיין, וואָס איך האָב געזאָגט. איך האָב געאַרבייט אין דער פאַבריק אַ צייט מיט יאָהרען. איך האָב אָנגעפאַנגען אַלס קליינער אינגעל ביי די שפּינדלאַך. איך האָב זיך געהאַלטען אין אַרויפאַרבייטען פון דאַן אָן. און בלויז דורך שווערער ארבייט האָב איך זיך אַרויפגעאַרבייט צו דיזער געהויבענער שטעלע. איך בין פאָרמאַן, פאַרשטעהט איהר מיך. און איך צווייפעל, צי עס געפינט זיך איין מענש אין דער גאַנצער פאַבריק, וואָס וואָלט אויסגעשטרעקט אַ האַנד מיך צו ראַטעווען, אויב איך זאָל זיך טרענקען. איך פלעג באַלאַנגען צו דער יוניאָן. נור איך בין געשטאַנען מיט דער קאָמפּאַניע דורך צוויי סטרייקס. זיי האָבען מיך גערופען „סקעב". עס איז ניטאָ קיין איין מענש צווישען זיי, וואָס וואָלט מיט מיר אַזוי פיעל ווי אַ טרונק בראַנפען גענומען, ווען איך זאָל איהם בעטען. זעהט איהר, די סימָנים אויף מיין

קאפ, וואס מען האט מיר געמאכט מיט ציגעל? עס איז ניטא קיין איין קינד ביי די שפינדלאך, וואס שילט ניט מיין נאמען. מיין אייציגער פריינד איז די קאמפאניע. עס איז ניט מיין פליכט, נור מיין ברויט און פוטער און דאס לעבען פון מיינע קינדער, וואס מאכט מיך צו האלטען מיט דער קאמפאניע. דאס איז די אורזאך.

— האט מען דזשעקסאנ'ען געקענט אין עפעס באשולדיגען?

— האב איך געפרעגט.

— ער וואלט באדארפט קריגען שאדענערזאץ. ער איז געווען א גוטער ארבייטער.

— דאן האט איהר ניט געהאט די פרייהייט צו זאגען דעם אמת, ווי איהר האט געשווארען?

ער האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

— דעם אמת, דעם גאנצען אמת, און קיין זאך ניט אויסער דעם אמת, — האב איך געזאגט מיט פייער.

ווידער האט זיין פנים אנגענומען אליידענשאפטליכע מינע, און ער האט עס אויפגעהובען, ניט צו מיר, נור צום הימעל.

— איך וואלט געלאזט מיין נשמה ברענען אין אן אייביגען גיהנום־פייער פאר מיינע דריי קינדער, — איז געווען זיין ענטפער.

העגרי דאללאס, דער אויפזעהער, איז געווען א ביטערער חברה־מאן, וועלכער האט עס באטראכט אלס א חוצפה פון מיין זייט און האט זיך ענטזאגט צו רעדען וועגען דעם. ניט קיין איין ווארט האב איך געקענט ארויסקריגען פון איהם וועגען דעם פראצעס אדער זיינע אייגענע אויסזאגען. נור מיט'ן אנדערען פארמאן האב איך שוין געהאט מעהר גליק. דזשיימס סמיטה איז געווען א פארהארטעוועטער מענש און מיין הארץ האט מיר שטיל געקלאפט, ווען איך האב איהם דערזעהן. ער האט מיר אויך כמעט ווי געזאגט, אז ער האט ניט געהאט די פרייהייט צו זאגען דעם אמת, און אזוי ווי מיר האבען גערעדט, האב איך איינגעזעהן, אז ער שטעהט גייסטיג העכער פון די אלע מענשען פון זיין סארט. ער האט איינגעשטימט מיט פעטער דאננעלי, אז דזשעקסאן האט באַ־

דארפט קריגען שאדענערזאַץ, און ער איז געגאַנגען אַ טריט ווייטער און האָט כאַראַקטעריזירט אַלס גרויזאַם־הערצלאָז ארויסצוּוואַרפען דזשעקסאָנ׳ען נאָך דעם ווי ער איז געוואָרען אַ הילפלאָזער מענש צוליעב זיין אונגליקס־פאַל. אויך האָט ער מיר ערקלערט, אַז עס האָבען פּאַסירט פיעל אונגליקס־פעלע און דער קאָמפּאַניע׳ס טאַקטיק איז געוועזען צו קעמפּפען געגען די נאָכפאָלגענדע שאדענס־פּראָצעסען ביז צום ביטערען סוף.

— דאָס מיינט הונדערטער טויזענדער דאָלאר אַ יאָהר צו די אַקציען־באַזיצער, — האָט ער געזאָגט; און ווען ער האָט גערעדט, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם לעצטען דיווידענד, וואָס מען האָט מיין פאָטער אויסגעצאָהלט, און מיין שעהן קלייד און זיינע ביכער, וואָס מיר האָבען געקויפט מיט׳ן געלד פון דעם דיווידענד. איך האָב זיך דערמאָנט אָן ערנסט׳ס באַשולדיגונג, אַז מיין קלייד איז געוועזען פאַרשמירט מיט בלוט, און איך האָב גענומען פיהלען, ווי מוראַשקעס קריכען איבער מיין לייב.

— ווען איהר האָט עדות געזאָגט ביים פּראָצעס, האָט איהר ניט אָנגעצייגט, אַז דזשעקסאָן׳ס אונגליקס־פאַל איז געקומען ווייל ער האָט געפּרובירט צו פאַרהיטען די מאַשינעריע פון אַ שאָדען?

— האָב איך געזאָגט.

— ניין, איך האָב עס ניט געטהאָן, — איז געוועזען דער ענטפער, און ער האָט צוגעמאַכט זיין מויל מיט ביטערקייט. — איך האָב געזאָגט, אַז דזשעקסאָן האָט זיך פאַרוואונדעט דורך נאַכלעסיגקייט, און אַז די קאָמפּאַניע איז דורכאויס ניט געוועזען שולדיג אין דעם.

— איז דאָס געוועזען נאַכלעסיגקייט? — האָב איך געפרעגט.

— רופט דאָס אָן וואָס איהר ווילט. דער פאַקט איז, אַז אַ מענש ווערט מיעד נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעארבייט לאַנגע שטונדען.

איך האָב אָנגעפאַנגען זיך צו אינטערעסירען מיט דעם מענשען. ער איז זיכער געשטאַנען העכער פון די אַלע אַנדערע.

— איהר זיינט בעסער געבילדעט פון די מעהרסטע פון די ארבייטער, — האָב איך געזאָגט.

— איך בין דורכגעגאנגען דעם גימנאזיום, — האָט ער גע־ענטפערט. — איך האָב דורכגעמאכט די שול, ארבייטענדיג אלס א הויז־אויפזעהער. איך האָב געוואָלט דורכמאכען דעם אוניווער־זיטעט, נור מיין פאָטער איז געשטאָרבען און איך האָב אָנגע־פאנגען ארבייטען אין פאבריק.

— איך האָב געוואָלט ווערען א נאטור־פאָרשער, — האָט ער שעהמעדיג ערקלערט, אזוי ווי ער וואָלט זיך מודה געווען אויף עפּעס א שוואכקייט. — איך האָב ליעב חיות. נור איך האָב אָנ־געפאנגען ארבייטען אין פאבריק. ווען איך בין דערהויבען גע־וואָרען צו דער פאָרמאַן־שטעלע, האָב איך חתונה געהאט, נאכהער איז אונטערגעקומען די פאמיליע און... נו, וואָס איז דאָ צו רעדען? איך בין שוין דאַן ניט געווען בעל־הבית איבער זיך אליין.

— וואָס מיינט איהר מיט דעם? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב אייך ערקלערט, ווארום איך האָב אזוי עדות געזאָגט ביים פּראָצעס — ווארום איך האָב געפאָלגט, וואָס מען האָט מיר אָנגעזאָגט.

— קוירנעל אינגראם. ער האָט עס אונז אויסגעלערנט וואָס צו זאָגען.

— און דאָס האָט געמאכט דזשעקסאָנ׳ען פארלירען דעם פּראָצעס?

ער האָט צוגעשאָקעלט, און דאָס בלוט האָט זיך באוויזען אין זיין פּנים.

— און דזשעקסאָן האָט א ווייב און צוויי קינדער, וואָס זיינען אבהענגיג פון איהם.

— איך ווייס עס, — האָט ער שטיל געזאָגט, כאָטש זיין פּנים איז געוואָרען פינסטערער.

— זאָגט מיר, — האָב איך פאָרטגעזעצט, — איז דאָס אייך אָנגעקומען גרינג זיך צו ענדערען פון דעם, וואָס איהר זיינט געווען, לאָמיר אָננעהמען, אין גימנאזיום, אויף דעם סאָרט

מענש, וואָס איהר האָט געמוזט ווערען, אום צו טהאָן אזא זאך ביים פּראָצעס?

זיין פּלוצלינגער אויסברוך האָט מיך איבערראשט און אי־בערנעשראָקען. ער האָט ארויסגעכריפּעט א שרעקליכע קללה (6) און האָט צוזאמענגעדריקט זיין פויסט גלייך ווי ער וואָלט מיך געוואָלט שלאָגען.

— איך בעט אייך אום ענטשולדיגונג, — האָט ער געזאָגט אין נעקסטען מאָמענט. — ניין, עס איז מיר ניט אָנגעקומען לייכט. און יעצט, דענק איך, קענט איהר שוין געהן. איהר האָט ארויסגעקראָגען אלעס, וואָס איהר האָט געוואָלט פון מיר. נור לאָמיר אייך דאָס זאָגען, איידער איהר געהט אוועק: עס וועט אייך גאָר ניט ארויסקומען, אויב איהר וועט אימיצען זאָגען, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. איך וועל עס אָפּלייקענען, און איהר האָט ניט קיין עדות. איך וועל אָפּלייקענען יעדעס וואָרט, און אויב איך וועל מוזען, וועל איך עס אָפּלייקענען אונטער א שבועה.

נאָך מיין איבעררעדען מיט סמיטה'ן בין איך געגאַנגען צו מיין פאָטער'ס קאבינעט אינ'ם כעמישען אָפּטיילונג און דאָרטען האָב איך זיך צוזאמענגעטראָפען מיט ערנסט'ן. דאָס איז געווען גאַנץ אונערוואַרטעט. נור ער האָט מיך באגריסט מיט זיינע דרייסטע אויגען און פעסטען האַנד־דרוק און מיט זיין מאָדנער געמישטער אומגעלומפּערטקייט און געפיהל פון באקוועמליכקייט. עס האָט אויסגעקוקט ווי אונזער לעצטער שטורמדיגער צוזאמענ־קונפט איז אין גאַנצען פארגעסען געוואָרען; נור איך האָב ניט געוואָלט, אז עס זאָל פארגעסען ווערען.

— איך האָב נאָכגעזוכט דעם דזשעקסאָן־פאַל, — האָב איך געזאָגט פּלוצים.

ער איז גלייך פאראינטערעסירט געוואָרען, און ער האָט גע־וואַרט, איך זאָל פאָרטזעצען, כאָטש איך האָב געקענט זעהען אין זיינע אויגען, אז ער איז געווען זיכער, אז מיינע איבערצייגונגען זיינען א ביסעל צוטרייסעלט געוואָרען.

— עס ווייזט אויס, אז מען האט איהם שלעכט באהאנדעלט,
— האב איך מודה געווען. — איך — איך דענק, אז א טייל פון זיין בלוט קאפעט פון אונזערע באלקענס.

— נאטירליך, — האט ער געענטפערט, — אויב דזשעקסאן און אלע זיינע מיטמענשען זאלען ווערען באהאנדעלט מיט רחמנות, וואלטען די דיווידענדס ניט געווען אזוי גרויס.

— איך וועל שוין מעהר קיינמאל ניט קענען האבען קיין פארגעניגען פון שעהנע קליידער, — האב איך צוגעלעגט.

איך האב זיך געפיהלט ערנידעריגט און נידערגעשלאגען, און איך האב עפעס געפיהלט אנגענעהם, וואס ערנסט האט געהאט די ראלע פונ'ם גייסטליכען, פאר וועמען מען איז זיך מודה. דאן ערשט, אזוי ווי אימער נאכדעם, האט זיין מעכטיגקייט אפעלירט צו מיר. עס האט מיר אויסגעוויזען, ווי עס גיט מיר א הבטחה פון פריעדען און באשיצונג.

— איהר וועט שוין אפילו ניט געפינען קיין פארגעניגען אין לייוועגטענע קליידער, — האט ער טרויעריג געזאגט. — אין די אינדישע האנף־פאבריקען געהט אן דיזעלבע זאך. עס איז איבעראל דאסזעלבע. אונזער ציוויליזאציאן, מיט וועלכער מיר באריהמען זיך אזוי, איז געגרינדעט אויף בלוט. זי איז דורכגעווייקט אין בלוט, און קיינער פון אונז איז ניט ריין פונ'ם רויטען פלעק. די מענשען, מיט וועלכע איהר האט גערעדט — ווער זיינען זיי עס געווען?

איך האב איהם דערצעהלט אלעס, וואס ס'האט פאסירט מיט מיר.

— און קיינער פון זיי האט ניט געהאט די פרייהייט צו האנדלען, ווי זיי האבען פארשטאנען און געפיהלט, — האט ער געזאגט. — זיי זיינען אלע געווען צוגעבונדען צו דער גרויזאמער אינדוסטריעלער מאשין. און די טראגעדיע איז, וואס אלע זיינען צוגעבונדען צו איהר מיט די אדערען פון זייערע הערצער. זייערע קינדער — אימער צו איז עס דאס יונגע לעבען, וואס איז אין זייער אינסטינקט צו באשיצען. דיזער אינסטינקט איז שטארקער

פון יעדער מאָראַל. מיין פאָטער! ער האָט געשווינדעלט, גע־גנב׳עט, געטהאָן אַלערליי אונטהערליכע זאַכען, אום צו פאַרשאַפען ברויט פאַר מיר און מיינע ברידער און שוועסטער. ער איז געווען אַ שקלאַף צו דער אינדוסטריעלער מאַשין, און די מאַשין האָט ארויסגעקוועטשט זיין לעבען פון איהם. ער איז געפאַלען טויט פון דער ארבייט.

— אָבער איהר, — האָב איך איהם אונטערבראָכען, — איהר זיינט דאָך זיכער אַ פרייער מענש.

— ניט אין גאַנצען, — האָט ער געענטפערט. — איך בין ניט צוגעבונדען דורך מיין האַרץ. גאַנץ אָפט בין איך גליקליך, וואָס איך האָב קיין קינדער ניט, און איך ליעב קינדער זעהר, אין דאָך, ווען איך זאָל חתונה האָבען, וואָלט איך ניט געוואַגט צו האָבען קיין קינדער.

— דאָס איז זיכער אַ בייזער געדאַנק, — האָב איך אויס־געשריען.

— איך ווייס עס, — האָט ער געזאָגט מיט אַ טרויעריגען נעמיטה, — אָבער עס איז די אייזערנע נויטווענדיגקייט. איך בין אַ רעוואָלוציאָנער, און דאָס איז אַ געפעהרליכער בארוף.

איך האָב געלאַכט, אזוי ווי איך וואָלט איהם ניט געגלויבט.

— אויב איך וואָלט פרובירט אריינצוגעהן אין אייער פאָ־טער׳ס הויז בייגאַכט ארויסצו׳גנב׳ענען זיינע דיווידענדס פון די סיעררא־פאבריקען, וואָס וואָלט ער געטהאָן?

— ער שלאָפט מיט אַ רעוואָלווער צוקאָפּענס, — האָב איך געענטפערט. — ער וואָלט אייך העכסט וואהרשיינליך געשאָסען.

— און אויב איך און נאָך אייניגע זאָלען פיהרען אַ מיליאָן און אַ האַלב מענשען (7) אין די הייזער פון די רייכע, וואָלט געווען פיעל מעהר שיסעריי, אפשר ניט?

— יאָ, אָבער זיי טהוען עס דאָך ניט, — האָב איך אויס־געזעצט דאגעגען.

— אָט דאָס אייגענטליך איז עס, וואָס איך טהו. און מיר דענקען אוועקצונעהמען ניט בלויז דאָס רייכטום, וואָס איז אין

זיי הייזער, נור אלע קוועלען פון רייכטום, אלע מינען, אלע אייזענבאהנען און פאבריקען און באנקען, און קלייטען. אט דאס מיינט די רעוואלוציאן. עס איז ווירקליך געפעהרליך. עס וועט זיין פיעל מעהר שיסעריי, האב איך מורא, ווי עס איז זאגאר מיר ווען עס איז איינגעפאלען. נור, ווי איך האב פריהער געזאגט, קיינער איז היינט צו טאג ניט קיין פרייער מענש. מיר אלע זיינען פארכאפט געווארען אין די רעדער פון דער אינדוסטריעלער מאשין. איהר האט אויסגעפונען, אז איהר זעלבסט זיינט פארכאפט געווארען, און אז די מענער, צו וועלכע איהר האט גערעדט, זיינען צווישען די רעדער. רעדט צו אנדערע, געהט און זעהט קוירנעל אינגראם. זוכט אויף די רעפארטערס, וועלכע האבען צוריקגעהאלטען דזשעקסאן'ס פראצעס פון די צייטונגען, און די רעדאקטארען, וואס פיהרען די צייטונגען. איהר וועט אויסגעפינען אז זיי זיינען אלע שקלאפען פון דער מאשין.

עטוואס שפעטער אין אונזער שמועס האב איך איהם געפרעגט א קליינע פשוט'ע פראגע וועגען דער מעגליכקייט פון די ארבייטער פארוואונדעט צו ווערען, און איך האב געקראגען א סטאטיסטישע לעקטשור, אלס אן ענטפער.

— אלעס איז פארשריבען אין די ביכער, — האט ער געזאגט. — די ציפערען זיינען צוזאמענגעקליבען געווארען, און עס איז איבערצייגט געווארען, אז אונגליקס־פעלע פאסירען זעלטען אין די ערשטע שטונדען פון דער פריהמארגענדיגער ארבייט, נור אז זיי פארמעהרען זיך זעהר שנעל אין די שפעטערע שטונדען, ווען די ארבייטער ווערען מיעד סיי אין זייערע מוסקולען און סיי אין זייער דענקונגס־פראצעס. ווייסט איהר, אז אייער פאטער האט דריי מאל אזוי פיעל שאנסען פון לעבענס־זיכערהייט, אדער פון אונגליקס־פעלע, ווי אן ארבייטער? יא, ער האט עס זיכער. די פארזיכערונגס־קאמפאניעס (8) ווייסען עס. איהם וועלען זיי בלויז רעכענען פיער דאלאר און צוואנציג סענט א יאהר פאר א טויזענד־דאלארדיגע אונגליקס־פאליסי און פאר דערזעלבער פאליסי וועלען זיי רעכענען אן ארבייטער פופציג דאלאר.

— און איהר? — האָב איך געפרעגט; און אין דעם מאָ־מענט, וואָס איך האָב דאָס געפרעגט, האָב איך באַמערקט אין מיר אַ באַזאָרגטקייט וועגען איהם.

— אָה, אַלס רעוואָלוציאָנער, האָב איך אָפט שאַנסען פאַר־וואונדעט אָדער גע'הרג'עט צו ווערען, — האָט ער לייכט אַ זאָג געטהאָן. די פאַרזיכערונגס־קאָמפּאַניעס רעכענען די ספּעציאַלי־זירטע כעמיסטען אָפּטמאָל אַזוי פיעל, ווי זיי רעכענען אַן אַר־בייטער. איך דענק, אַז מיך וועלען זיי גאָר אין גאַנצען ניט פאַרזיכערען. ווארום האָט איהר עס געפרעגט?

מיינע אויגען האָבען געפלאַטערט און איך האָב געקענט פיהלען דאָס ווארימע בלוט שפּאַרענדיג זיך אין געזיכט. עס איז ניט געווען גראָדע, וואָס ער האָט אויסגעפונען מיין באַזאָרגט־קייט וועגען איהם, נור וואָס איך זעלבסט האָב זיך דערוואוסט וועגען דעם און אין זיין געגענוואַרט.

גראָדע דאַן איז מיין פאָטער אריינגעקומען און האָט גענומען מאַכען פאָרבאַרייטונגען אהיים צו געהן מיט מיר. ערנסט האָט איהם אָפּגעבראַכט אייניגע ביכער, וואָס ער האָט געליהען, און איז אוועקגעגאַנגען פאַר אונז. נור ווען ער האָט געהאַלטען ביים געהן, האָט ער זיך אומגעקעהרט און געזאָגט:

— אה. יא, אין איין וועגס, ווייל איהר צושטערט זיך אייער איינענעם פריעדענס־געמיטה און איך רואיניר דעם בישאָפּס, וואָלט געווען גלייך, איהר זאָלט אריינגעהן צו פרוי וויקסאָן און פרוי פערטאַנוויים. זייערע מענער זיינען, ווי איהר ווייסט, די צוויי הויפּט־אַקציען־באַזיצער פון די פאַבריקען. ווי די איבריגע מענש־הייט, זיינען די צוויי פרויען אויך צוגעבונדען צו דער מאַשין, נור זיי זיינען אַזוי צוגעבונדען, אַז זיי זיצען אויף ד ע ר מאַשין.

### פערטער קאַפּיטעל

## שקלאַפּען פון דער מאַשין

וואָס מעהר איך האָב געדענקט וועגען דזשעקסאָן׳ס האַנד,
אַלץ מעהר בין איך אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון מיין גלייב־
נילטיגקייט. די ווירקליכקייט האָט מיר געקוקט אין די אויגען
אריין. צום ערשטען מאָל האָב איך דערזעהן דעם ווירקליכען
לעבען. מיין אוניווערזיטעטס־לעבען און דאָס שטודירען זיינען
ניט געווען דאָס, וואָס זיי וואָלטען באַדאַרפט זיין. איך האָב
בלויז געלערנט טעאָריעס פון לעבען און געזעלשאַפט, וואָס האָבען
אויסגעקוקט גאַנץ גוט אין בוך. אָבער יעצט האָב איך דערזעהן
דעם לעבען גופא. דזשעקסאָן׳ס האַנד איז געווען אַ פאַקט פון
לעבען. דער פאַקט, מענש, דער אונווידערלעגבאַרער פאַקט, ווי
ערנסט פלעגט זיך אויסדריקען, האָט אָפּגעקלונגען אין מיין גע־
וויסען.

עס האָט אויסגעזעהן ברוטאַל, אונמעגליך, דאָס אונזער גאַנצע
געזעלשאַפט זאָל זיין געגרינדעט אויף בלוט. און דאָך, אָט איז
געווען דזשעקסאָן. איך האָב איהם ניט געקענט אויסמיידען.
שטענדיג זיינען מיינע געדאַנקען צוריק געקומען צו איהם, ווי
דער קאָמפּאַס צום פּאָליוס. מען איז זיך ברוטאַל באַגאַנגען געגען
איהם. מען האָט איהם ניט באַצאָהלט פאַר זיין בלוט, כדי מען
זאָל קענען באַצאָהלען אַ גרעסערען דיווידענד. און איך האָב גע־
קענט פיעל גליקליכע, צופריעדענע פאַמיליעס, וואָס האָבען גע־
קראָגען דיזע דיווידענדס, און אויף אַזוי פיעל האָבען זיי פּראָפּי־
טירט פון דזשעקסאָן׳ס בלוט. אויב איין מענש קען ווערען אַזוי

שווידערליך באהאנדעלט און די געזעלשאפט געהט זיך און עס אַרט איהר ניט, איז עס דען ניט מעגליך, אז פיעל מענשען זאָלען אזוי שווידערליך באהאנדעלט ווערען? איך האָב זיך דערמאָנט אָן די פרויען פון שיקאגא, וועלכע האָבען געארבייט פאר נײנציג סענט א וואָך, און די קינדער־שקלאפען פון די זײדליכע בוימוואָל־פאבריקען, פון וועלכע ערנסט האָט דערצעהלט. און איך האָב גע־קענט זעהן זייערע בלאסע, ווייסע הענטלעך, פון וועלכע דאָס בלוט איז אויסגעזויגען געוואָרען, ארבייטענדיג אויפ'ן מאטעריאל, פון וועלכען מיין קלייד איז געמאכט. און נאָכדעם האָב איך געדענקט פון די סיערא־פאבריקען און די דיווידענדען, וואָס זיינען אויס־געצאָהלט געוואָרען, און איך האָב געזעהן דזשעקסאָן'ס בלוט אויף מיין קלייד. דזשעקסאָנ'ען האָב איך ניט געקענט פארגעסען. אי־מער־צו האָבען מיך מיינע געדאנקען געפיהרט צוריק צו איהם.

טיעף אין מיין הארץ האָב איך געפיהלט, ווי איך וואָלט געשטאַנען ביים סאמע ברעג פון אָפּגרונד. עס האָט מיר אויסגע־וויזען, ווי איך האָב געהאלטען ביים דערבליקען א נייע לעבען און ניט נור איך אליין, מיין גאנצע וועלט האָט זיך איבערגע־קעהרט קאפויר. אָט נעהמט, צום ביישפיעל, מיין פאָטער. איך האָב געקענט זעהן די ווירקונג, וואָס ערנסט האָט אָנגעפאנגען צו האָבען אויף איהם. און דאן דער בישאָפּ. ווען איך האָב דעם בישאָפּ געזעהן לעצטענס, האָט ער אויסגעקוקט ווי א קראנקער מענש. זיינע נערוועז זיינען געוועזן שרעקליך אָנגעשטרענגט און פון זיינע אויגען האָט ארויסגעקוקט א אונבאשרייבליכער שרעק. פון דאָס ווייניגע, וואָס איך האָב אויסגעפונען, האָב איך זיך דער־וואוסט, אז ערנסט האָט געהאלטען וואָרט צו פיהרען איהם דורכ'ן גיהנום. נור וואָס פאר העלישע סצענעס דער בישאָפּ האָט גע־זעהן, האָב איך ניט געוואוסט, ווייל ער האָט אויסגעקוקט צופיעל דערשלאָגען צו רעדען וועגען זיי.

אזוי שנעל, ווי איך האָב געפיהלט, אז מיין קליין וועלטעל און די גאנצע וועלט קעהרט זיך איבער, האָב איך באטראכט ערנסט'ן, אלס די אורזאך פון דעם; און איך האָב אויך געטראכט:

„מיר זיינען געווען אזוי גליקליך און צופריעדען, איידער ער איז געקומען. און אין נעקסטען מאָמענט האָב איך באַגריפען, אַז דער געדאַנק איז געווען אַ פּאַרראַטה געגען אמת, און ערנסט איז באַלד אין מיינע אויגען אומגעוואַנדערט געוואָרען אין אַ פּרעדיגער פון וואַרהייט, מיט בליצענדע אויגען און מיט דער פּורכטלאָזיגקייט פון אַ מלאך, קעמפּפענדיג פאַר אמת און רעכט, און קעמפּפענדיג פאַר די אָרימע, עלענדע און אונטערדריקטע. און דאַן איז ערשיע־נען פאַר מיינע אויגען אַן אַנדער פּערזאָן: קריסטוס! אויך ער האָט זיך אָנגענומען פאַר די אָרימע און אונטערדריקטע, און איז געווען געגען דער פעסטגעשטעלטער מאַכט פון די גייסטליכע און פּאַריסעער. און איך האָב זיך דערמאָנט אָן זיין סוף, און מיין האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעצויגען פון שמערץ, ווען איך האָב געדעכט פון ערנסט'ן. איז איהם באַשערט צו ענדיגען זיין לעבען אַלס געקריי־ציגטער? — ער, מיט זיין טרומפּייטען־רוף־שטימע, און זיין גאַנצע פּרעכטיגע מענליכקייט!

און אין דיזען מאָמענט האָב איך געוואוסט, אַז איך האָב איהם ליעב, און אַז איך בין אויפגעפרעסען געוואָרען פון אַ שטאַר־קען פאַרלאַנג איהם צו טרויסטען אין זיין נויט. איך האָב גע־דענקט וועגען זיין לעבען. אַ שמוציג, בייז און געמיין לעבען האָט עס געמוזט זיין. און איך האָב געדענקט פון זיין פאָטער, וועלכער האָט געזאָגט ליגען און גע'גנב'עט צוליעב איהם, און איז געשטאָרבען פון האָרעוואַניע, און ער זעלבסט איז אַוועק אין פאַבריק, ווען ער איז געווען צעהן יאָהר אַלט! מיין האַרץ איז מיר שיער צופּלאַצט געוואָרען פון אַ פאַרלאַנג איהם אַרומצו־נעהמען מיט מיינע אָרעמס, און אַוועקצולעגען זיין קאָפּ אויף מיין ברוסט, — זיין קאָפּ, וואָס מוז זיין מיעד פון אזוי פיעל פּיינליכע געדאַנקען, און איהם געבען רוה — בלויז רוה — און ערלייכטערונג אום ער זאָל זיך פאַרגעסען פאַר אַ קורץ שטיקעל צייט.

איך האָב באַגעגענט קוירנעל אינגראַם ביי אַ קירכען־אונ־טערהאַלט. איך האָב איהם געקענט גוט פאַר אַ לאַנגע צייט. איך

האָב איהם געכאַפּט אין אַ ווינקעל, אַזוי אַז ער זאָל זיך ניט קענען אַרויסדרעהען פון מיר. ער האָט מיך באַגריסט מיט דער קאָנווענציאָנעלער לוסטיגקייט און העפליכקייט. ער איז אימער געווען גראַציעז, דיפּלאָמאַטיש, טאַקטפול און איבערלעגט. און וואָס אַנבאַלאַנגט זיין אויסזעהן, איז ער געווען דער אויסגעצייכענטסטער מאַן אין אונזער געזעלשאַפט. אין פאַרגלייך מיט איהם, האָט זאָגאַר דער בכבוד'ער אויסזעהן פּונ'ם עלטסטען פון אוניווערזיטעט אויסגעזעהן קליין און אונווירדיג.

און דאָך האָב איך געפונען קווירנעל אינגראַם אין דער זעלבער לאַגע, ווי די אונגעבילדעטע מעכאַניקער. אויך ער איז ניט געווען אַ פרייער מענש. אויך ער איז געווען צוגעבונדען צום ראָד. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין איהם, ווען איך האָב דערמאָנט דזשעקסאָן'ס פּראָצעס. זיין גוטמוטהיגער שמייכעל איז פאַרשוואונדען געוואָרען. אַ פּלוצלינגער אויסדרוק פון שרעק האָט פאַרקרימט זיין זעהר איידעלען פּנים. איך האָב זיך אַזוי דערשראָקען, ווי אין דער צייט, ווען סמיטה האָט זיך שיער אַרויפגעוואָרפען אויף מיר. נור קווירנעל אינגראַם האָט ניט געשאָלטען. דאָס איז געווען דער קלייגער אונטערשיעד צווישען איהם און דעם אַרבייטער. ער איז געווען באַריהמט אַלס אַ וויצלינג, נור יעצט האָט ער ניט געקענט שפּאַסען, און אונבאַוואוסטערהייט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען צו געפינען אַ וועג זיך אָפּצוטראָגען, נור ער איז געווען ווי אין אַ פאַסטקע אין דעם ווינקעל, וואו איך האָב איהם געכאַפּט.

אָה, עס האָט איהם שוין דערעסען צו הערען דזשעקסאָן'ס נאָמען. וואָרום האָב איך גאָר גערעדט פון זיין פּראָצעס? מיין שפּאַס איז איהם גאָר ניט געפעלען. עס איז געווען זעהר ניט פּאַסענד פון מיין זייט און זעהר אונבארעכענט. האָב איך דען ניט געוואוסט, אַז אין זיין פּראָפעסיע קען מען זיך מיט קיין פּערזענליכע געפיהלען ניט רעכענען? ער לאָזט איבער זיינע פּערזענליכע געפיהלען אין דערהיים, איידער ער פאָהרט אַרונטער אין זיין אָפיס. און אין אָפיס האָט ער פּראָפעסיאָנעלע געפיהלען.

— האָט דזשעקסאָן באַראַפּט קריגען שאַרענעראַץ? — האָב איך געפּרעגט.

— געוויס, — האָט ער געענטפערט, — דאָס הייסט, איך פּערזענליך פּיהל, אַז עס איז איהם געקומען. נור דאָס האָט גאָר־ניט צו טהאָן מיט דעם געזעצליכען שטאַנדפּונקט פון דעם פאַל.

ער האָט זיך ביסלעכוויז ערהאָלט און איז ארויס פון זיין פאַרלעגענהייט.

— זאָגט מיר, האָט רעכט עפּעס אַ שייכות מיט'ן געזעץ? — האָב איך געפּרעגט, — אָדער איז עס נור אַ פראַגע פון מאַכט?

קוירנעל אינגראַם איז רויט געוואָרען, ווירקליך רויט געוואָרען, און ווידער אַמאָל האָט ער גענומען זוכען אַ וועג זיך ארויסצו־דרעהען. נור איך האָב איהם פאַרשטעלט דעם וועג און האָב זיך ניט געריהרט פון אָרט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, — האָב איך געזאָגט, — ווען איינער אונטערדריקט זיינע פּערזענליכע געפיהלען, מעגען מיר ניט אָנרופען אַזאַ האַנדלונג אַלס אַ גייסטיגע פאַרדאָרבענהייט?

איך האָב קיין ענטפער ניט געקראָגען. קוירנעל אינגראַם איז אַנטלאָפען, אומוואָרפענדיג אַ פּאַלמע, וואָס איז איהם געשטאַנען אין וועג.

דאַן האָב איך פּרובירט די צייטונגען. איך האָב געשריבען אַ שטילען, איינגעהאַלטענעם רעפּאָרט פון דזשעקסאָן'ס פאַל. איך האָב קיינע קלאַגען ניט געמאַכט אויף די, מיט וועלכע איך האָב גערעדט, איך האָב זיי זאָגאַר ניט דערמאָנט. איך האָב אָנגעגעבען די ריכטיגע פאַקטען, די לאַנגע יאָהרען, וואָס דזשעקסאָן האָט גע־ארבייט אין די פאַבריקען, זיין באַמיהונג צו פאַרשפּאָרען אַ שאָדען פאַר דער קאָמפּאַניע און דעם פאָלגענדען אונגליקס־פאַל. די דריי לאָקאַלע צייטונגען האָבען צוריקגעוויזען מיין קאָרעספּאָנדענץ און די צוויי וועכענטליכע צייטונגען האָבען זיך אויך ענטזאָגט עס צו דרוקען.

איך האָב דערטאַפּט פּערסי לאַטאָן. ער האָט געענדיגט אַן אוניווערזיטעט, און איז געוואָרען אַ זשורנאַליסט, און צו יענער

צייט האָט ער געאַרבייט אַלס רעפּאָרטער אין דער איינפלוסרייכ־סטער צייטונג. ער האָט געשמייכעלט, ווען איך האָב איהם גע־פרעגט, ווארום די צייטונגען האָבען ניט דערמאָנט אַ וואָרט וועגען דזשעקסאָן׳ס פּראָצעס.

— רעדאַקציאָנעלע פּאָליטיק, — האָט ער געזאָגט. — מיר האָבען דערמיט גאָרניט צו טהאָן. דאָס אַלעס ווענדט זיך אָן רעדאַקטאָר.

— אָבער ווארום איז דאָס זייער פּאָליטיק? — האָב איך געזאָגט.

— מיר זיינען אַלע שטאָהל און אייזען פאַר די קאָמפּאַניעס, — האָט ער געענטפערט. — אויב איהר זאָלט זאָגאַר באַצאָהלען אַנאָנסען־פּרייזען, וואָלט איהר דיזען מאַטעריאַל ניט געקאָנט דרוקען אין די צייטונגען. ווען איינער זאָל עס אריינשטעלען בגנבה, וואָלט ער פארלוירען זיין שטעלע. איהר וואָלט עס ניט געקאָנט קריגען געדרוקט, ווען איהר זאָלט אפילו באַצאָהלען צעהן מאָל דעם אַנאָנסען־פּרייז.

— וואָס איז אייער אייגענע האַלטונג? — האָב איך גע־פרעגט. — ווי עס ווייזט אויס, איז אייער ארבייט צו פארבויגען דעם אמת אויפ׳ן באַפעהל פון אייערע בעלי־בתים, וועלכע, פון זייער זייט, פאָלגען דעם באַפעהל פון דיזע קאָמפּאַניעס.

— איך האָב גאָר ניט צו טהאָן מיט דעם, — האָט ער גע־זאָגט. פאַר אַ מאָמענט איז ער געווען אין אַ פארלעגענהייט, דאַן איז ער אַ ביסעל פרעהליכער געוואָרען. ער האָט געזעהן אַ וועג זיך אויסצודרעהען. — איך זעלבסט שרייב ניט קיין פאַלשע זאכען. איך האַלט מיין געוויסען ריין. נאַטירליך, עס מאַכט זיך פיעלעס, וואָס איז אבשטויסענד אין אַ טאָג׳ס ארבייט, נור דאָס אַלעס, ווי איהר זעהט, איז אַ טייל פון דער ארבייט, — האָט ער געענדיגט מעשה אינגעל.

— דאָך האָפט איהר צו זיצען אַמאָל אַליין אין רעדאַקטאָר־שטוהל און אָנהאַלטען זייער פּאָליטיק.

— איך וועל זיין פארהארטעוועט ביז צו יענער צייט, — איז געווען זיין ענטפער.

— אזוי ווי אבער דערווייל זיינט איהר נאך ניט פארהאר־טעוועט, זאגט מיר, וואס דענקט איהר יעצט וועגען דער אלגעמיי־נער רעדאקציאנס־פאליטיק?

— איך דענק גאר ניט. ווען איינער וויל מאכען אן ערפאלג אין זשורנאליזם, טאר ער ניט בריקען מיט די פיס. אזוי פיעל, ווענינגסטענס, האב איך שוין אויסגעפונען.

און ער האט ביטרע געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— אבער די גערעכטיגקייט? — בין איך צו איהם צוגע־שטאנען.

— אך, איהר פארשטעהט ניט דעם שפיעל. געווים איז אלעס אלל־רייט, ווייל אלעס קומט ארוים אלל־רייט, זעהט איהר עס דען ניט?

— העכסט דונקעל, — האב איך געשטאמעלט, נור מיין הארץ האט מיר וועה געטהאן פאר דיזען יונגען־מאן. איך האב געפיהלט, אז איך וועל אדער מוזען שרייען אדער גאר זיך צו־וויינען.

איך האב אנגעהויבען צו זעהן די געזעלשאפט, אין וועלכער איך האב געלעבט, אינ'ם ריכטיגען ליכט, און אויסגעפונען די שרעקליכע ווירקליכקייט. עס האט אויסגעוויזען, ווי א שטילע קאנספיראציע געגען דזשעקסאנ'ען. איך האב אנגעהויבען פיהלען סימפאטיע פאר'ן קלאגעדיגען אדוואקאט, וואס האט געקעמפפט פאר איהם ביים פראצעס. נור דיזע קאנספיראציע איז געווארען גרעסער און גרעסער. ניט נור איז זי געווען געציעלט געגען דזשעקסאנ'ען, נור געגען יעדען ארבייטער, וואס איז צוקאליע־טשעט געווארען אין די פאבריקען. און אויב געגען יעדען מענשען אין ד י ז ע ר פאבריק, ווארום ניט געגען יעדען ארבייטער אין אנדערע פאבריקען? אין פאקט, איז דען דאס ניט געווען אמת אין יעדער אינדוסטריע?

און אויב דאס איז אזוי, איז דאך די גאנצע געזעלשאפט א ליגען. איך האב זיך דערשראקען פאר מיינע אייגענע שליסע.

נור אָט איז געווען דזשעקסאָן, און דזשעקסאָן'ס אָרעם, און דאָס בלוט, וואָס האָט פאַרפלעקט מיין קלייד און געטריפט פון אונ־זערע באַלקענס. און עס זיינען געווען פיעל דזשעקסאָנס — הונ־דערטער אַזעלכע פעלע אין די פאַבריקען אַליין, ווי דזשעקסאָן האָט זיך אויסגעדריקט. דזשעקסאָנ'ען האָב איך ניט געקענט ארויס־פטר'ן פון מיין מוח.

איך האָב געזעהן ה' וויקסאָן און ה' פערטאַנוויט, די צוויי מענער, וועלכע האָבען געהאַט די מעהרסטע אַקציען פון די סיערראַ־פאַבריקען. נור זיי האָב איך ניט געקענט אויפטרייסלען, ווי איך האָב אויפגעטרייסעלט די מעכאַניקער, וואָס זיי האָבען באַשעפ־טיגט. איך האָב אויסגעפונען, אַז זיי האָבען אַ מאָראַל, וואָס שטעהט העכער פון דער געזעלשאַפטליכער. עס איז געווען דאָס, וואָס איך וואָלט געקענט אָנרופען אַן אריסטאָקראַטישע מאָראַל. (1) זיי האָבען גערעדט וועגען טאַקטיק, און טאַקטיק און רעכט איז ביי זיי געווען איינס און דאָס זעלבע. צו מיר האָבען זיי גערעדט מיט אַ פּאַטערליכען טאָן, און זיי האָבען אויך גענומען אין אַנ־באַטראַכט מיין יוגענד און אונערפאַהרענהייט. זיי זיינע געווען די איינגע'עקשנ'טע פון אַלע אַנדערע, וועלכע איך האָב געזעהן וועגען דזשעקסאָן'ס פּראָצעס. זיי האָבען דורכאויס געגלויבט, אַז זייער אויפפיהרונג איז געווען גוט. עס איז גאָר קיין פראַגע ניט געווען וועגען דעם, גאָר ניט געווען וואָס צו דעבאַטירען. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז זיי זיינען די רעטערס פון דער געזעלשאַפט, און אַז זיי זיינען עס געווען די יעניגע, וואָס האָבען פאַרשאַפט גליק פאַר דער מאַסע, און זיי האָבען געמאָהלען ריה־רענדע בילדער פון די שרעקליכע ליידען פון די ארבייטער, וועץ ניט די באַשעפטיגונג פון זיי, און בלויז זיי זעלבסט, מיט זייער חכמה, האָבען פאַר זיי פאַרשאַפט.

קומענדיג פון דיזע צוויי הערען, האָב איך באַגעגענט ערנסט'ן און איהם איבערגעגעבען מיינע ערפאַהרונגען. ער האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ צופריעדענער מינע און געזאָגט:

— ווירקליך? דאָס איז אמת פיין. איהר פאַנגט אָן אויס־

צוגראָבען דעם אמת פאַר זיך אַליין. עס איז אייער אייגענע ענטדעקונג, און זי איז ריכטיג אויך. קיין מענש אין דער אינ־דוסטריעלער מאַשין האָט זיין אייגענעם פרייען ווילען א חוץ דער גרויסער קאַפּיטאַליסט, און ער האָט עס אויך ניט. ווי איהר זעהט, די זעהר רייכע זיינען זיכער, אַז זיי האַנדלען ריכטיג. דאָס איז דער העכסטער אונזין פון דער גאַנצער לאַגע. זיי זיינען אַזוי פיעל געבונדען פון דער מענשליכער נאַטור, אַז זיי קענען קיין זאַך ניט טהאָן סיידען זיי גלויבען, אַז אַזוי איז רעכט. זיי מוזען האָבען א הסכמה פאַר זייער יעדער האַנדלונג. אויב זיי ווילען עטוואָס טהאָן, אין געשעפטליכע אנגעלעגענהייטען, נאַטיר־ליך, מוזען זיי וואַרטען ביז עס ענטוויקעלט זיך אין זייער געהירן א וועלכער עס איז באַגריף, א מאָראַלער, רעליגיעזער, אָדער ווי־סענשאַפטליכער, אָדער פילאָזאָפישער, אַז דאָס איז רעכט. און דאַן טהוען זיי עס, ניט נעהמענדיג אין אנבאַטראַכט, אַז איינע פון די שוואַכקייטען פונ׳ם מענשליכען שכל איז, וואָס דער וואונש זעלבסט איז דער באַשעפער פונ׳ם געדאַנק. קיין אונטערשיעד ניט, וואָס זיי ווילען טהאָן. זיי מוזען האָבען עטוואָס עס צו רעכטפערטיגען. זיי זיינען אויבערפלעכליכע פּלפּול־מאַכער. זיי זיינען יעזואיטיש. זיי פּועל׳ן ביי זיך זאָגאַר צו טהאָן שלעכטס, כדי עטוואָס גוטעס זאָל אַרויסקומען פון דעם. איינע פון די אָנ־גענעהמסטע פאַר זיי פעסטגעשטעלטע איינרעדעניש, וואָס זיי האָ־בען, איז אַז זיי שטעהען העכער פון דער גאַנצער מענשהייט אין חכמה און פעהיגקייטען. אָט דערפון נעהמט זיך זייער רעכטפערטיגונג צו באַלעבאַטעווען איבער׳ן לעבען פון דער גאַנצער מענש־הייט. זיי האָבען זאָגאַר צוריק אויפגעלעבט די טעאָריע פונ׳ם געטליכען רעכט פון קעניגע — קאָמערציעלע קעניגע אין זייער פאַל. (2)

— די שוואַרקייט פון זייער פּאָזיציע איז אין דעם, וואָס זיי זיינען פּשוט געשעפטס־מענשען. זיי זיינען ניט קיין פילאָזאָפען. זיי זיינען ניט קיין ביאָלאָגען און אויך קיין סאָציאָלאָגען. אויב זיי וואָלטען עס יאָ געווען, וואָלט אַלעס, נאַטירליך, געווען גוט.

אַ געשעפטסמאַן, וואָס איז אויך אַ ביאָלאָג און אַ סאָציאָלאָג, וואָלט געוואוסט, אַן ערך, די ריכטיגע זאַך פאַר דער מענשהייט. נור אויסער דער געשעפטס־וועלט זיינען דיזע לייט אונוויסענד. זיי ווייסען בלויז געשעפט. זיי קענען ניט די מענשהייט, ווי אויך די געזעלשאַפט, און דאָך שטעלען זיי זיך ארוים אַלס די משגיחים איבער'ן שיקזאַל פון די הונגעריגע מיליאָנען. די היס־טאָריע וועט ווען־עס־איז זיך קענען גוט אויסלאַכען פון זיי.

איך האָב זיך ניט געוואונדערט, ווען איך האָב זיך דורכ־גערעדט מיט פרוי וויקסאָן און פרוי פּערטאַנוויט. זיי זיינען געווען געזעלשאַפט־פרויען. (3) זייערע הייזער זיינען געווען פּאַר־לאָזען. זיי האָבען געהאַט פיעל הייזער צושפּרייט איבער'ן לאַנד, אויף די בערג, ביי די אָזערען און ביים ים. ארמעען פון באַ־דיענטע האָבען זיי געהאַט, און זייער געזעלשאַפטליכע טהעטיג־קייט איז געווען העכסט פיעלפאַך. זיי האָבען אונטערשטיצט דעם אוניווערזיטעט און די קירכען און די גייסטליכע איבערהויפּט האָבען געבויגען דעם קאָפּ פאַר זיי. דיזע צוויי פרויען זיינען געווען אַ מאַכט. באַרעכענט נור וויפיעל געלד זיי האָבען פאַר־מאָגט. זייער מאַכט פון קריסטאַליזירען די עפענטליכע מיינונג איז געווען אונגעהויער גרויס, ווי איך האָב שנעל געלערנט אונטער ערנסט'ס לייטונג. זיי האָבען נאָכגעקרימט זייערע מענער ווי אַפען און האָבען אויך גערעדט אויף אַ גרויסען אופן וועגען טאַק־טיק און די פליכטען און פאַראַנטוואָרטליכקייטען פון די רייכע. זיי זיינען געווען אונטער'ן איינפלוס פון דער זעלבער מאָראַל, וואָס האָט באַהערשט זייערע מענער — די מאָראַל פון זייער קלאַס; און זיי האָבען זיך באַנוצט מיט גלאַטע פראַזען, וואָס זיי אַליין האָבען ניט פאַרשטאַנען.

זיי זיינען זאָגאַר בייז געוואָרען, ווען איך האָב זיי דער־צעהלט די שוידערליכע אומשטענדען פון דזשעקסאָנ'ס פאַמיליע; און ווען איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס זיי האָבען פרייוויליג ניט בייגעשטייערט עפּעס איהם ארויסצוהעלפען, האָבען זיי געזאָגט, אַז זיי נויטיגען זיך ניט אין אונטעררייכט אין זייערע סאָציאַלע

פליכטען. ווען איך האָב זיי פּשוט געבעטען צו העלפען דזשעק־סאָנ׳ען, האָבען זיי מיר ענטזאגט. דער ערשטוינענדער פאקט איז געווען, וואָס ביידע האָבען זיך באַנוצט מיט כמעט דער זעלבער שפּראַך, כאָטש איך האָב גערעדט צו יעדער איינער באזונדער, און די ערשטע האָט ניט געוואוסט, אז איך האָב געזעהן אָדער האָב בדעה צו זעהן די צווייטע. זייער ענטפער איז געווען, זיי זיינען העכסט צופריעדען מיט דער געלעגענהייט צו ערקלערען זיך אָפען געגען באַלוינען אימיצען פאַר זיין נאכלעסיגקייט. און אז זיי ווילען ניט מיט׳ן צאָהלען פאר אַן אונגליקס־פאַל אונטערגעבען חשק אַנדערע אָרימע ארבייטער זיך צו לאָזען פארוואונדען פון דער מאַשינעריע. (4)

און זיי האָבען אַלעס געמיינט גאַנץ ערנסט, דיזע צוויי פרויען. זיי זיינען געווען בארוישט פון זייער איבערצייגונג, אַז זיי און זייער קלאַס זיינען העכער און בעסער פון אַלע אַנדערע. זיי האָבען געהאַט די הסכמה פאַר יעדער האַנדלונג זייערע און זייער אייגענער קלאַסען־מאָראַל. ווען איך בין אוועק פון מרס. פערטענוויט׳ס גרויסען פּאַלאַץ, האָב איך מיך אומגעקוקט אויף צוריק און האָב זיך דערמאָנט אָן ערנסט׳ס אויסדרוק, דאָס זיי זיינען געווען צוגעבונדען צו דער מאַשין, אָבער אזוי צוגעבונדען, דאָס זיי זיינען געזעסען א ו י ף איהר.

## פינפטער קאַפּיטעל

# „די פריינד פון וויסענשאַפט“

ערנסט איז אָפּט געקומען צו באַזוך. און עס איז ניט געווען מיין פאָטער אליין, און אויך ניט די דעבאַטען ביי די מאָהלצייטען, וואָס האָט איהם געצויגען. שוין דאַן זאָגאר האָב איך געפיהלט, אַז טיילווייז בין איך די אורזאַך פון זיינע וויזיטען, און עס האָט ניט גענומען לאַנג, ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז מיין השערה איז געווען ריכטיג. ווייל עס איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ ליעבהאָבער ווי ערנסט עווערהארד. זיין בליק און זיין האַנדדרוק זיינען געוואָרען פעסטער, אויב אַזאַ זאַך איז נור מעגליך. און די פראַגע, וואָס האָט זיך געוויזען אין זיינע אויגען צום ערשטען מאָל, איז געוואָרען וואָס אַמאָל מעהר דרינגענד.

דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב איהם באַגעגענט, איז ער מיר גאָר ניט געווען צום הארצען. דאַן האָב איך זיך געפיהלט צוגעצויגען פון איהם. שפּעטער איז ער מיר געווען אבשטויסענד, ווען ער האָט מיר מיין קלאַס אַזוי ברוטאַל אַטאַקירט. נאָך דעם, אַז איך האָב אויסגעפונען, אַז ער האָט מיין קלאַס ניט פאַרלוימדעט, און אַז זיינע בייזע, ביטערע אויסדריקע וועגען זיי האָבען זיי ווירקליך פאַרדיענט, בין איך ווידער צוגעצויגען געוואָרען פון איהם. ער איז געווען מיין נביא. ער האָט אַרונטערגעריסען פאַר מיר די מאַסקע פון דער געזעלשאַפט און האָט מיר געצייגט שטראַהלען פון דער ווירקליכקייט, וואָס זיינען געווען אַזוי אונאַנגענעהם ווי זיי זיינען געווען אמת.

ווי איך האָב געזאָגט, עס איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ ליעב־

האָבער, ווי ער. קיין מיידעל האָט ניט געקענט אַלט ווערען 24 יאָהר אין אַ שטאָדט, וואו עס איז דאָ אַן אוניווערזיטעט, און ניט האָבען קיין ליעבעס־ערפאַהרונג. עס האָבען זיך ערקלערט אין ליעבע צו מיר יונגע סטודענטען און גרייז־גרויע פּראָפעסאָרען, און די פוט־באָל ריעזען. נור קיינער פון זיי האָט ניט ערקלערט זיין ליעבע, ווי ערנסט. זיינע אָרעמס האָבען מיך ארומגענומען איי־דער איך האָב עס געוואוסט. זיינע ליפּען האָבען באַריהרט מיינע, איידער איך האָב צייט געהאַט צו פּראָטעסטירען, אָדער זיך צו וועהרען. געגען זיין ערנסטקייט איז די קאָנווענציאָנעלע מיידעל־שע שטאָלצקייט געווען לעכערליך. ער האָט מיך שיער אומגע־וואָרפען מיט זיין שטורמדיגער ליעבע. ער האָט ניט געמאַכט קיין פאָרשלאַג. ער האָט מיך אומאַרמט און האָט מיך געקושט און האָט עס אָנגענומען פאַר זיכער, אַז מיר וועלען חתונה האָבען. עס איז גאָר קיין דיסקוסיאָן ניט אָנגעגאַנגען וועגען דעם. די איינ־ציגע דיסקוסיאָן — און דאָס האָט פּאַסירט ערשט שפּעטער — איז געווען, ווען מיר זאָלען חתונה האָבען.

עס איז געווען עטוואָס, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט פּאַ־סירט. עס האָט אויסגעזעהן כמעט ווי פאַנטאַסטיש, דאָך אין איינקלאַנג מיט ערנסט׳ס פּראָבע פון אמת, עס האָט געווירקט. איך האָב אָנפאַרטרויט מיין לעבען צו איהם. און אַ גליקליכע אָנפאַרטרויאונג איז דאָס געווען. דאָך דורך יענע ערשטע טעג פון אונזער ליעבע האָב איך אָפט געפיהלט אַ שרעק פאַר דער צו־קונפט, ווען איך האָב געדענקט פון זיין ווילדען, פייערדיגען שטייגער פון ליעבען. אָבער דיזע מורא איז געווען גאָר אַן אומ־זיסטע. קיין פרוי איז קיינמאָל ניט געבענשט געוואָרען מיט אַ צערטליכערען, פיינערען מאַן. דיזע צערטליכקייט און ווילדקייט זיינע איז געווען אַ מאָדנע פאַראייניגונג, עהנליך צו דער פאַר־איינינונג פון זיין אומגעלומפּערטקייט און אין דערזעלבער צייט לייכטקייט אין זיין האַלטונג. דיזע ביסעל אומגעלומפּערטקייט! קיינמאָל איז ער פון איהר ניט לויז געוואָרען, און עס איז געווען פּראַכטפול. זיין אויפפיהרונג אין אונזער זאַל האָט מיך דער־

מאָנט א פאָרזיכטיגער אָקס אין א קלייט פון פארצעלייענע געשיר. (1)

עס איז געווען אין דער צייט, ווען מיין לעצטער צווייפעל אין דער עכטקייט פון מיין ליעבע צו איהם איז פארשוואונדען. עס איז געווען אין דעם קלוב פון „די פריינד פון וויסענשאפט" — א וואונדערבארע נאכט פון מלחמה, אין וועלכער ערנסט האָט אטאַקירט די גרויסע און מעכטיגע אין זייער אייגענעם נעסט. דיזער קלוב איז באשטאַנען פון מיטגליעדער פון דער העכסטער אריסטאָקראַטיע פונ'ם פאסיפישען ברעג. ער איז אָרגאניזירט געוואָרען פון פריילין ברענטוואוד, א זעהר רייכע אַלטע מויד, און ער האָט ביי איהר פארנומען דעם פּלאַץ פון איהר מאַן, איהר פאמיליע און איהר שפּיעלצייג. די מיטגליעדער זיינען געווען די רייכסטע אין דער שטאָדט, און די מעכטיגסטע פון די רייכע, און עס האָבען זיך אויך דורכגעוואָרפען א פּאָר געלעהרטע, אום צו געבען דעם קלוב אַן אינטעלעקטועלען טאָן.

דער קלוב האָט ניט געהאַט קיין באשטימטען פארזאמלונגס־פּלאַץ. איינמאָל אין מאָנאַט פלעגען זיך די מיטגליעדער פאַרזאמלען אין דעם פּריוואַט־הויז פון איינעם פון די מיטגליעדער צו הערען א לעקציע. די לעקטאָר זיינען, געוועהנליך, באַטש ניט אימער, געווען געדונגענע. אויב א כעמיקער אין ניו יאָרק האָט געמאַכט א נייע ענטדעקונג פון, לאָמיר זאָגען, ראדיום, האָבען זיי באַצאָהלט אַלע זיינע אויסגאַבען אויף זיין רייזע פון ניו יאָרק, און דערצו איהם נאָך באַצאָהלט א קעניגליכע סומע. דאָס זעלבע איז געווען מיט א רייזענדען, וואָס האָט זיך אומגעקעהרט פונ'ם נאָרד־פּאָל, אָדער דער ניי־מאָדערנסטער ערפאָלגרייכער ארטיסט אָדער ליטעראַט. קיין פרעמדע באזוכער זיינען ניט ערלויבט געוואָרען אויף דיזע לעקציעס און די טאַקטיק פונ'ם פאראיין איז געווען ניט צו לאָזען דערמאָנען א וואָרט פון די דיסקוסיאָנען אין די צייטונגען. אזוי פלעגען גרויסע שטאאטס־מענער — און עס האָבען פּאַסירט פיעל אזעלכע פעלע — דאָרט פריי אויס־שפּרעכען זייערע מיינונגען.

איך שפּרייט אוים פאַר מיר אַ צוקנייטשען בריוועל, וואָס ערנסט האָט צו מיר געשריבען צוואַנציג יאָהר צוריק, און פונ׳ם בריוועל קאָפּיר איך דאָס פאָלגענדע:

„אייער פאָטער איז אַ מיטגליעד פון די „פריינד פון וויסענ־שאַפט“, טאָ קענט איהר קומען. דארום קומט נעקסטען דיענסטאָג אבענד. איך זאָג אייך צו, אַז איהר וועט זיך זעהר גוט אַמוזירען. אין אייערע לעצטע באַגעגענישען מיט די בעלי־בתים, האָט איהר זיי ניט געקענט ריהרען. אויב איהר קומט, וועל איך זיי אויפ־טרייסלען פאַר אייך. איך וועל זיי מאַכען ברומען, ווי וועלף. איהר האָט בלויז אָנגעריהרט זייער מאָראַל. ווען זייער מאָראַל ווערט אַטאַקירט, ווערען זיי נאָך מעהר צופריעדען און שטעהן נאָך ביי זיך העכער. אָבער איך וועל אָנריהרען זייערע געלד־בייטלען. דאָס וועט זיי אויפטרייסלען ביי די וואָרצלען פון זייער סאַמע נאַטור. אויב איהר קענט קומען, וועט איהר זעהן דעם הויף־מענשען אָנגעטהאָן און פאַרפּוצט אין אַריסטאָקראַטישע קליידער, ברומענדיג און קנאַקענדיג מיט די צייהנער איבער אַ ביין. איך זאָג אייך צו אַ פיינעם קאַצען־יאָמער און אַן ערלויכ־טענדען איינבליק אין דער נאַטור פון דער בעסטיע.

„זיי האָבען מיך איינגעלאַדען, אום צו צורייסען מיך אין שטיקער. דאָס איז פריילין ברענטוואוד׳ס אידעע. זי האָט מיר געגעבען קאַפּוליער אָנצוהערעניש וועגען דעם, ווען זי האָט מיך איינגעלאַדען. זי האָט זיי שוין איינמאָל פאַרשאַפט אַזאַ שפּאַס. זיי דערפרעהען זיך, ווען זיי קריגען אריין ווייכהערציגע רע־פאָרמערס צו רעדען פאַר זיי. פריילין ברענטוואוד דענקט, אַז איך בין מילד, ווי אַ קעצעלע, און גוטמוטהיג און נאַריש ווי אַ קוה. איך וועל ניט אָפּלייקענען, אַז איך האָב איהר געהאָלפען צו דענקען אַזוי פון מיר. זי האָט מיך זעהר פיעל אויסגעפּרובירט, ביז זי האָט ענטדעקט מיין אונשעדליכקייט. איך וועל קריגען פיין באַצאָהלט — צוויי הונדערט און פופציג דאָלאַר, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַן, וועלכער, כאָטש אַ ראַדיקאַל, איז געלאָפען פאַר גאָווערנאָר. אויך מוז איך טראָגען אבענד־קליידער (אַן

אריסטאָקראַטישען אנצוג). דאָס בין איך געצוואונגען צו טהאָן. איך בין קיינמאָל ניט געוועזן אזוי געקליידעט אין מיין לעבען. איך דענק, אז איך וועל מוזען קריגען אויף באָרג אַן אנצוג וואו עס איז. נור איך וואָלט נאָך פיעל מעהר אריבערגעטראָגען, אבי צו האָבען די געלעגענהייט זיך אָפּצורעכענען מיט די „פריינד פון וויסענשאַפט".

דער קלוב האָט זיך פאַרזאַמעלט יענעם אבענד אין פּער־טאַנוויים'ס הויז. פיעל שטוהלען זיינען ספּעציעל אריינגעשטעלט געוואָרען אין דעם גרויסען זאַל און ארום צוויי הונדערט מיטגליע־דער האָבען זיך אויסגעזעצט צו הערען ערנסט'ס רעדע. זיי זיינען ווירקליך געווען הערשער פון דער געזעלשאַפט. איך האָב זיך אַמ־זירט איבעררעכענענדיג אין מיין געדאַנק די סומען געלד, וואָס דיזע מענשען האָבען פאַרמאָגט און עס האָט אויסגעמאַכט הונ־דערטע מיליאָנען. און זיי זיינען ניט געווען די רייכע פּוסט־און־פּאַסטניקעס. זיי זיינען געווען געשעפטס־מענשען, וועלכע האָבען גענומען אַ זעהר טהעטיגען אַנטייל אין דעם אינדוסטריעלען און פּאָליטישען לעבען.

מיר זיינען אַלע געווען אויף אונזערע פּלעצער, ווען פריילין ברענטוואוד האָט אריינגעפיהרט ערנסט'ן. באַלד האָבען זיך אַלע צוגערוקט נעהענטער צום אויבען־אָן פון צימער, וואו ערנסט האָט געזאָלט רעדען. ער איז געווען אָנגעטהאָן אין אבענד־קליידער, און מיט זיינע ברייטע אַקסלען און קעניגליכען קאָפּ האָט ער אויס־געקוקט גרויסאַרטיג. און אויך דאָן האָב איך געזעהן יענע ביסעל אומגעלומפּערטקייט אין זיינע באַוועגונגען. מיר שיינט, אז איך האָב איהם געקענט ליעב האָבען בלויז פאַר דעם אליין. און ווי איך האָב געקוקט אויף דעם האָב איך דערשפּירט אין מיר אַ גרויסע פרייד. איך האָב ווידער געפיהלט דעם קלאַפּען פון זיין פּולס אויף מיינעם, די באַריהרונג פון זיינע ליפּען. און איך האָב זיך געפיהלט אזוי שטאָלץ, אז עס האָט זיך מיר געגלוסט זיך אויפ־שטעלען און אויסרופען צו די פאַרזאַמעלטע: ער איז מיינער! ער האָט מיך געהאַלטען אין זיינע אָרעמס, און איך, קליין ווי איך

בין, האָב אָנגעפילט זיין מות. טראָץ זיינע מאָסענהאַפטע קעניג־ליכע אידעען.

ביים סאַמע אויבען־אָן האָט איהם פריילין ברענטוואוד פאָר־געשטעלט פאַר קוירנעל וואַן־גילבערט, און איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט עס זיין דער פאָרזיצענדער. קוירנעל וואַן־גילבערט איז געווען אַ גרויסער קאָרפּאָריישאָן־לאָיער. אויסער דעם איז ער געווען אַ גרויסער קענער פון געזעץ. דאָס געזעץ איז געווען זיין ליאַלקע, מיט וועלכער ער האָט זיך געשפּיעלט. ער האָט דאָס געזעץ געקנאָטען ווי ליים, צוזאַמענגעדרעהט אין וועלכער פאָרם עס איז איהם געפעלען. אין זיין ערשיינונג און רעדנער־קראַפט און קענטניס און אויפטהו איז ער געווען אַזוי יונג, ווי דאָס לעצטע געזעץ. זיין ערשטען רוהם האָט ער זיך ערוואָרבען, ווען ער האָט געבראָכען די שאַרדוועל־צוואה. (2) זיין געהאַלט פאַר דעם איין פּראָצעס איז געווען פינף הונדערט טויזענד דאָלאַר. פון דאַן אָן איז ער געשטיגען מיט דער געשווינדקייט פון אַ פייערווערק. מען האָט איהם אָפּט אָנגערופען דער גרעסטער אַדוואָקאַט, נאַ־טירליך, קאָרפּאָריישאָן־אַדוואָקאַט, אין לאַנד; און ווען מען האָט קלאַסיפיצירט די אַדוואָקאַטען, איז ער אימער געווען אריינגערע־כענט צווישען די ערשטע דריי.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אין איניגע געקליבענע ווער־טער, וועלכע זיינען געווען עטוואָס איראָניש, האָט ער פאָרגע־שטעלט ערנסט'ן. קוירנעל וואַן־גילבערט האָט לוסטיג געשפּאַסט אין זיין פאָרשטעלען דעם סאָציאַלען רעפאָרמער און אַ מיטגליעד פון דעם ארבייטער־קלאַס און די פאַרזאַמעלטע האָבען געשמיי־כעלט. מיך האָט עס בייז געמאַכט, און איך האָב אַ בליק געטהאָן צו ערנסט'ן. קוקענדיג אויף איהם, בין איך נאָך מעהר בייז גע־וואָרען. ער האָט אויסגעוויזען גאָר ניט צו ערגערען זיך איבער די שטעכווערטלעך. נאָך מעהר, עס האָט אויסגעוויזען, אַז ער האָט גאָר ניט געוואוסט, אין וואָס פאַר אַ טאָן ער רעדט. ער איז גע־זעסען און האָט אויסגעקוקט נאַריש און שלעפעריג. ער האָט ווירקליך אויסגעקוקט נאַריש. און פאַר אַ מאָמענט האָט ערוואַכט

אין מיר א געדאנק: וואָס, אויב ער זאָל זיך שרעקען פאַר דיזער פאַרזאַמלונג פון די מעכטיגע און קלוגע?... דאַן האָב איך גע־שמייכעלט: מיך האָט ער ניט געקענט אָפּנאַרען. ער האָט אָבער אָפּגענאַרט די אַנדערע, פּונקט ווי ער האָט אָפּגענאַרט פריילין ברענטוואוד. זי איז געזעסען אויף א שטוהל אין דער ערשטער רייה, און עטליכע מאָל האָט זי אויסגעדרעהט איהר קאָפּ אָט צו איינעם, אָט צום צווייטען פון איהרע פריינד און האָט צוגעשמייכעלט, הנאה האָבענדיג פון די באַמערקונגען.

אַז קוירנעל וואַן־גילבערט איז פאַרטיג געוואָרען, האָט זיך ערנסט אויפגעשטעלט און האָט אָנגעפאַנגען רעדען. ער האָט אָנגעפאַנגען אין א שטילער שטימע, לאַנגזאַם און באַשיידען, און מיט א טאָן פון איינעם, וואָס איז אין א פאַרלעגענהייט. ער האָט גערעדט פון זיין געבורט אין דעם אַרבייטער־קלאַס, און פון דער שמוציגקייט און שוידערליכקייט פון זיינע אומשטענדען, וואו דער קערפּער און דער גייסט ווערען צוזאַמען אויסגעהונגערט און געמוטשעט. ער האָט געמאָהלען זיינע אַמביציעס און אידעאַלען, און זיין באַגריף פון א פּאַראַדיז, אין וועלכען עס האָבען געלעבט די מענשען פון די העכערע קלאַסען.

„אויבען איבער מיר", — האָט ער געזאָגט, — „האָב איך געוואוסט, זיינען געוועזען גרויסע גייסטער, ריינע און נאָבעלע דענ־קער, שטאַרקע, אינטעלעקטועלע לעבען. איך האָב דאָס אַלעס געוואוסט, ווייל איך האָב אַזוי געלעזען אין די סיסייד לייברערי (3) ראָמאַנען, אין וועלכע, מיט דער אויסנאַהם פון די שאַרלאַטאַנעס און שאַרלאַטאַנקעס, האָבען אַלע מענער און פרויען געדענקט שעהן, האָבען גערעדט מיט א שעהנער שפּראַך, און געהאַנדעלט לויבענס־ווירדיג. אין קורצען, אַזוי ווי איך האָב באַגריפען, אַז העכער איבער מיר איז געווען אַלעס, וואָס איז פיין, נאָבעל און חנ'עוודיג, אַלעס, וואָס האָט בייגעשטייערט אַנשטענדיגקייט און לייטישקייט צום לעבען, אַלעס וואָס מאַכט דאָס לעבען ווערטה און באַלוינט פאַר די מאַטערניש און אונגליקען."

ער האָט פאָרטגעזעצט און באַשריבען זיין לעבען אין דער

פאבריק, דאס לעבען פון שמידעריי, און זיין באגעגעניש מיט די סאציאליסטען. צווישען זיי, האט ער געזאגט, האט ער אויך געפונען שארפע מוחות און גרויסע דענקער, גייסטליכע, וואס זיינען געווארען ארים און צובראכען, ווייל זייער קריסטענטום איז געוועזן צו גרוים און ברייט פאר וועלכער־ניט־איז געמיינדע פון די דיענער פון מאמאן, און פראפעסארען, וואס זיינען צו־בראכען געווארען אויפ'ן ראד פון אוניווערזיטעט־אונטערטהעניג־קייט צו די הערשענדע קלאסען. די סאציאליסטען זיינען רעוואלו־ציאנערען, האט ער געזאגט, זיי קעמפפען אום צו שטירצען די געגענווארטיגע אונזיניגע געזעלשאפט און פונ'ם מאטעריאל בויען די שכל'דיגע געזעלשאפט פון דער צוקונפט. ער האט געזאגט פיעל מעהר, און עס וואלט גענומען צופיעל צייט צו שרייבען, אבער איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען, ווי ער האט באשריבען דאס לעבען פון די רעוואלוציאנערען. זיינע געמעסיגטע אויסדריקע זיינען פארשוואונדען. זיין שטימע איז געווארען שטארק און זיכער, און עס האט געבלישצעט, ווי ער זעלבסט האט געלויכטען, און ווי זיינע בלישצענדע געדאנקען, וואס האבען זיך ארויסגע־שפארט פון איהם. ער האט געזאגט:

„צווישען די רעוואלוציאנערען האב איך געפונען אויך א וואר־רימען גלויבען אין דער מענשהייט, הייסען אידעאליזם, זיסקייט פון זעלבסטלאזיגקייט און אויפאפפערונג. דא איז דאס לעבען געוועזן ריין, נאבעל און לעבהאפט. איך בין געקומען אין באַ־ריהרונג מיט גרויסע נשמות, וועלכע האבען געשטעלט קערפער און גייסט, העכער פון דאלארס און סענטען, און פאר וועמען דאס ווייגען פונ'ם שמאכטענדען הינטער־גאס־קינד האט געמיינט פיעל מעהר פונ'ם גאנצען שטאלץ פון קאמערציעלער גרויסקייט און א זועלט־אימפעריע. אלע ארום מיר זיינען געוועזן פול מיט נאבעלע צוועקען און העלדישע טהאטען, און מיינע טעג און נעכט זיינען געוועזן באלויכטען פון זונען־שיין און שטערען און פאר אייגע אויגען האט אימער געברענט און געפלאקערט דער היי־ליגער געבעט־בוך, קריסטוס'עס אייגענער געבעט־בוך, די ארימע,

לאַנג־לײדענדע און שוידערליך־באַהאַנדעלטע מענשהייט, וואָס וועט אַם ענדע גערעטעט ווערען.״

אַזוי ווי איך האָב איהם פריהער געזעהן פּאַרוואַנדעלט, אַזוי איז ער אויך יעצט געשטאַנען פאַר מײנע אויגען פּאַרוואַנדעלט אין אַן אידער געשטאַלט. זײן שטערען האָט געגלויכטען מיט׳ן געטליכען פייער, וואָס איז געווען אין איהם, און זײנע אויגען האָבען נאָך מעהר אַרויסגעשיינט פון דער שטראַהלענדער ליכטיג־קייט, וואָס, עס האָט אויסגעוויזען, האָט איהם אַרומגעוויקעלט, ווי אַ מאַנטעל. נור די אַנדערע האָבען ניט געזעהן דיזע שטראַה־לענדע ליכטיגקייט. יעדענפאַלס, איך האָב געהערט הערר וויקסאָן, וואָס איז געזעסען לעבען מיר, אָפּשפּאַטען אין דער הויך: „אור־טאָפּיש״. (4)

ערנסט האָט ווײטער דערצעהלט, ווי ער האָט געשטיגען אין דער געזעלשאַפט, ביז ער איז ענדליך געקומען אין באַריהרונג מיט די מיטגליעדער פון די העכערע קלאַסען, און געהאַט אַ שטענדיגען פאַרקעהר מיט די מענשען פון הויכען שטאַנד. דאַן איז זײן פאַר־בלענדונג פאַרשוואונדען און ער האָט אויפגעעפענט די אויגען. און ווי אַזוי ער האָט זײן אויפקלערונג באַשריבען, האָבען די פאַר־זאַמעלטע וועניג וואָס געשמייכעלט. ער איז ערשטוינט געוואָרען פונ׳ם פּראָסטען מאַטעריאַל. דאָס לעבען האָט ניט אויסגעקוקט פיין און חנ׳עוודיג. ער איז ערשטוינט געוואָרען זעהענדיג זייער עגאָאיזם און וואָס עס האָט איהם איבעררראַשט מעהר פון אַלץ, איז געווען די אַבוועזענהייט פון אינטעלעקטועלען לעבען. נור וואָס קומענדיג פון די רעוואָלוציאָנערען, האָט איהם די שטומפּפּ־זיניגקייט פון די העכערע קלאַסען געשווינדערט. און דאַן, ניט אַכ־טענדיג זייערע פּראַכטפולע קירכען און גוט־באַצאָהלטע גייסט־ליכע, האָט ער געפונען די רייכע מענער און פרויען, אַלס העכסט מאַטעריאַליסטיש. עס איז אמת, זיי האָבען געפּלאַפּעלט זיסע פראַזען, קלײנינקע אידעאַלען און קלײנינקע מאָראַלע לעהרען, נור מיט זייער גאַנצער פּלאַפּלעריי איז דער הערשענדער טאָן

פון זייער לעבען, וואס זיי האבען געפיהרט, געווען א מאטע־ריאליסטישער. און זיי האבען גאר קיין מאראל ניט געהאט.

— איך האב באגעגענעט מענער, — האט ער געזאגט, — וועלכע פלעגען דערמאנען דעם נאמען פונ׳ם שר־השלום אין זיי־ערע שימפף־רעדען וועגען מלחמה, און האבען אריינגעטהאן ביק־סען אין די הענד פון די פינקערטאן־חברה (5) צו שיסען סטריי־קערס אין זייערע אייגענע פאבריקען. איך האב באגעגענט מענער, וואס זיינען געווען שרעקליך אויפגעבראכט אויף פרייז־פייטינג (א געשלעג צווישען צוויי מענשען פאר געלד), און וועלכע האבען צו דערזעלבער צייט גענומען אנטייל אין שפייז־פעלשונגען, וואס האבען אומגעבראכט מעהר קינדער יעדעם יאהר, ווי זאגאר דער בלוטיגער הערא̈ד.

— דיזער איידעלער אריסטאקראטיש־אויסזעהענדער מענש איז געווען א כלומר׳שטדיגער דירעקטאר און א געצייג פון גרויסע קאמפאניעס, וועלכע האבען שטילערהייט בארויבט אלמנות און יתומים. דיזער אדעליגער הערר, וועלכער איז א זאמלער פון פיינע ביכער און אנטיקען, האט געצאהלט כאבאר צו א פיהרער פון א פאליטישער מאשין. דיזער רעדאקטאר, וועלכער דרוקט פאטענטירטע מעדיצין־אנאנסען, האט מיך גערופען שופט און דעמאגאג, ווייל איך האב געוואגט איהם צו זאגען, ער זאל שריי־בען אין זיין צייטונג דעם אמת וועגען פאטענטירטע מעדיצין. (6) דיזער מאן, וואס רעדט אזוי פראכטפול איבער דער שעהנקייט פון אידעאליזם און גאט׳ס גוטסקייט, האט נור וואס פאררא̈טהען זיינע קאמעראדען אין א געשעפטס־אנעלעגענהייט. דער יעניגער, א זייל פון זיין קירך און ביישטייערער פון פיעל סומען צו אויסלענ־דישע מיסיאן־הייזער, מאכט זיינע פאבריק־מיידלעך ארבייטען צעהן שטונדען א טאג פאר א הונגער־לוין און דערמיט ערמוטהיגט ער פראסטיטוציע. דיזער מאן, וועלכער שטאטעט אוים פאקולטעטען און אוניווערזיטעטען און בויט פראכטפולע קאפעלען, האט געשווארען פאלש אין געריכטס־הויז צוליעב דאלארס און סענטען. דיזער באהן־מאגנאט האט געבראכען זייןווארט אלס מענש, אלס עהרען־

מאַן, אַלס בירגער און אַלס קריסט, ווען ער האָט שטילערהייט געגעבען אַ ראַבאַט, און ער האָט עס געטהאָן פיעל מאָל. דיזער סענאַטאָר איז געווען דער שקלאַף, דאָס געצייג און אַ ליאַלקע פון אַן אונגוויסענדען מאַשין־באָס. (7)און אַזוי איז געווען דיזער גובערנאַטאָר און דיזער ריכטער פונ'ם העכסטען געריכט. און אויך דיזער ביטרער קאַפּיטאַליסט באַזיצט די פּאָליטישע מאַשין, דעם מאַשין־באָס און די באַהנען, וועלכע גיבען פרייע טיקעטס דיזע אַלע חברה.

— און אַזוי איז דאָס געווען. אַנשטאַט אַ פּאַראַדיז האָב איך זיך געפונען אין דעם מדבר פון קאָמערציאַליזם. איך האָב געפונען טעמפּפזינגקייט אין אַלעמען, אויסער געשעפט. איך האָב ניט געפונען קיינעם, וואָס איז ריין, נאָבעל און אמת־געזונד. וואָס איך האָב יא געפונען, איז געווען שוידערליכע אייגענליעבע און הארצלאָזיגקייט, און אַ שרעקליכען מאַטעריאַליזם.

פיעל מעהר האָט ער זיי געזאָגט וועגען זיי און ווי ער האָט זיינע אויגען געעפענט. זייער אינטעלעקט האָט איהם גענודיעט; און מאָראַליש און גייסטיג האָבען זיי איהם דערעסען; און ער איז געווען גליקליך צו געהן צוריק צו זיינע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען געוועז ריין, נאָבעל און געזונד, אַלעס וואָס די קאַ־פּיטאַליסטען זיינען ניט.

— און יעצט, — האָט ער געזאָגט, — לאָזט מיר אייך זאָגען עטוואָס וועגען דער רעוואָלוציאָן.

נור צוערשט מוז איך זאָגען, אַז זיין שרעקליכע אַטאַקע האָט זיי ניט געריהרט. איך האָב געקוקט אויף די פּנים'ער אַרום מיר, נור זיי זיינען זיך געזעסען מיט צופריעדענע מינעס און האָבען זיך געפּיהלט העכער פון די אַלע זאכען, וועלכע ער האָט אויס־גערעכענט. און איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט מיר גע־זאָגט: אַז קיין באַשולדיגונג פון זייער מאָראַל קען זיי ניט אויפ־טרייסלען. דאָך האָב איך געקענט זעהן, אַז זיין מוטהיגע שפּראַך האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף פריילין ברענטוואָוד. זי האָט אָנגעקוקט פאַרזאָרגט און צוטראָגען.

ערנסט האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ שילדערונג פון דער רעוואָ־לוציאָנערער אַרמעע, און ווען ער האָט אָנגעפאַנגען צו געבען די ציפערען פון זייער מאַכט (די וואוטס, וואָס זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען אין פאַרשיעדענע לענדער), האָבען די פאַרזאַמעלטע אָנ־געהויבען צו ווערען אונרוהיג. אַ זאָרגפולע מינע האָט זיך באַ־וויזען אויף זייערע געזיכטער, און איך האָב באַמערקט אַ בייסען מיט די ליפּען. אָם ענדע איז דער שלייער פון דער שלאַכט אָרונ־טערגעוואָרפען געוואָרען. ער האָט געשילדערט די אינטערנאַציאָ־נאַלע אָרגאַניזאַציאָן פון די סאָציאַליסטען, וואָס האָט פאַראייניגט די אנדערטהאַלבען מיליאָן פון די פאַראייניגטע שטאַאטען מיט די דריי־און־צוואַנציג און אַ האַלב מיליאָן פון דער וועלט.

— אַזאַ רעוואָלוציאָנערע אַרמעע, — האָט ער געזאָגט, — פינף און צוואַנציג מיליאָן שטאַרק, איז אַ זאַך צו מאַכען הערשער און הערשענדע זיך אָפּצושטעלען און באַטראַכטען. דער געשריי פון דיזער אַרמעע איז: „קיין רחמנות! מיר ווילען אַלעס, וואָס איהר פאַרמאָגט. מיר וועלען ניט זיין צופריעדען מיט ווענינער ווי אַלעס וואָס איהר פאַרמאָגט. מיר ווילען האָבען אין אונ־זערע הענד די לייצעס פון מאַכט און דעם שיקזאַל פון דער מענשהייט. אָט זיינען אונזערע הענט. זיי זיינען מעכטיגע הענט. מיר געהען נעהמען אייערע רעגיערונגען, אייערע פּאַלאַצען און אייערע באַקוועמליכקייטען, און יענעם טאָג וועט איהר אַרבייטען פאַר אייער ברויט אַזוי ווי דער פויער אין פעלד אָדער דער שמאַכטענדער, קליינינקער משרת אין אייערע גרויסע שטעדט. דאָ זיינען אונזערע הענט, זיי זיינען שטאַרקע הענט!

און ווי ער האָט אַזוי גערעדט, האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע צוויי גרויסע אָרעמס פון זיינע פּראַכטפולע שולטערן, און דעם שמיעד'ס הענד האָבען צוזאַמענגעדריקט די לופט ווי אַן אָדלער'ס קלויען. ער האָט אויסגעקוקט ווי דער גייסט פון די הערשענדע אַרבייטער אַזוי שטעהענדיג מיט זיינע הענט אויסגע־שפּרייט פאַרטיג צו צורייסען און דערשטיקען זיינע צוהערער. איך האָב דערפיהלט אַ קוים־באַמערקבאַרען ציטערען אין זיינע

צוהערער פון דיזע מעכטיגע, פעסטע ציפערען פון די רעוואָלו־ציאָנערען. דאָס הייסט, די פרויען האָבען געציטערט, און זייערע פנים׳ער האָבען אויסגעדריקט שרעק. אָבער ניט די מענער. זיי זיינען געווען פון די טהעטיגע רייכע, ניט די פוסט־און־פאַסט־ניקעס, און זיי זיינען אַלע געווען גוטע קעמפּפער. אַ שטילער, הייזעריגער ברוגז האָט זיך געהערט אין דער לופט פאַר אַ מאָ־מענט און האָט גלייך אויפגעהערט. דאָס איז געווען דער אָנ־זאָגער פונ׳ם שטורם, וואָס האָט געזאָלט קומען, און ס׳איז מיר באַשערט געווען עס צו הערען פיעל מאָל יענעם אבענד — דער צייכען פונ׳ם ברוט אין מענשען, די ערנסטקייט פון זיינע פרי־מיטיווסטע ליידענשאַפטען, און זיי האָבען זאָגאר אַליין ניט גע־וואוסט, אַז זיי האָבען געברומט. דאָס איז געווען דאָס ברומען פון דער סטאַדע חיות, וואָס קומט ארויס פון איהר מויל און גאַנץ אונבאוואוסט. און אין יענעם מאָמענט האָב איך געזעהן דאָס בילדען־זיך פונ׳ם צאָרן אין זייערע געזיכטער, און איך האָב געזעהן דעם קאַמפּף־גלאַנץ ערשיינען אין זייערע אויגען. איך האָב גלייך באַגריפען, אַז זיי וועלען ניט זעהר לייכט ארויס־לאָזען די לייצעס פון דער וועלט־רעגיערונג פון זייערע הענד.

ערנסט האָט פאָרטגעזעצט מיט זיין אנגריף. ער האָט ער־קלערט, אַז עס געפינען זיך אַ מיליאָן און אַ האַלב רעוואָלוציאָ־נערען אין אַמעריקא, ווייל דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט שלעכט פאַרוואַלטעט די געזעלשאַפט. ער האָט געמאָהלען די עקאָנאָמישע אומשטענדען פונ׳ם הייהל־מענשען און די ווילדע פעלקער פון היינטיגער צייט, אָנצייגענדיג, אַז זיי באַזיצען ניט קיין געצייג און ניט קיין מאַשינען, און זיי האָבען בלויז אַ נאַ־טירליכע פעהיגקייט צו פּראָדוצירען. דאַן האָט ער נאָכגעפאָלגט די ענטוויקלונג פון מאַשינעריע און די געזעלשאַפטליכע אָרגאַני־זאַציאָנען אזוי, אַז היינט איז די פּראָדוצירענדע קראַפט פונ׳ם ציוויליזירטען מענשען טויזענד מאָל גרעסער ווי דעם ווילדענ׳ס.

— פינף מענשען, האָט ער געזאָגט, — קענען פּראָדוצירען ברויט פאַר טויזענד. איין מענש קען פּראָדוצירען בוימוואָל־

מאטעריאל פאר צוויי הונדערט און פופציג מענשען, וואל — פאר דריי הונדערט, און שיך — פאר טויזענד. פון דעם וואלט מען געקענט ציהען דעם שלוס, אז אונטער א פעהיגער פאר־וואלטונג פון דער געזעלשאפט האט דעם מאדערנעם ציוויליזירטען מענשען באדארפט זיין פיעל בעסער פון דעם "הייהל־מענש. אבער איז איהם בעסער? לאמיר נור זעהן. היינט־צו־טאג זיינען פאראן אין די פאראייניגטע שטאאטען פופצעהן מיליאן מענ־שען, (8) וואס לעבען אין גרויס דחקות און ארימקייט; און מיט'ן ווארט ארימקייט מיינען מיר יענע אומשטענדען, אין וועלכע צוליעב מאנגעל אין שפייז און ריכטיגע באשיצונג פון קעלט, קענען זיי זאגאר ניט אנהאלטען זייער געזונדס־צושטאנד, וואס זיי האבען נויטיג פאר זייער ארבייט. היינט־צו־טאג געפינען זיך אין די פאראייניגטע שטאאטען, ניט אכטענדיג אויף אייערע זאגענאנטע ארבייטער־געזעצען, 3 מיליאן קינדער־ארבייט. (9) אין צוועלף יאהר האט זיך זייער צאהל פארדאפעלט. און אין איין וועגס וועל איך אייך, ד' פארוואלטער פון דער געזעלשאפט, פרעגען, ווארום איהר האט ניט ארויסגעגעבען די ציפערען פונ'ם צענזוס פון 1910? און איך אליין וועל ענטפערען פאר אייך, אז איהר האט מורא געהאט. די ציפערען פון די ארימע און אונ־טערדריקטע וואלטען געפיהרט צו דער רעוואלוציאן, וועלכע זאגאר יעצט פיהלט זיך שוין.

— נור זיך אומצוקעהרען צו מיין באשולדיגונג. אויב דעם יעצטיגען מענשענ'ס פראדוקציאנס־קראפט איז א טויזענד מאל גרעסער פונ'ם הייהל־מענשענ'ס קראפט, ווארום־זשע זיינען היינט־צו־טאג דא אין די פאראייניגטע שטאאטען פופצעהן מיליאן מענ־שען, וואס זיינען ניט ריכטיג באשיצט און ניט ריכטיג געשפייזט? ווארום געפינען זיך דריי מיליאן קינדער־ארבייטער? עס איז אן אמת'ע קלאגע. דער קאפיטאליסטישער קלאס האט שלעכט פאר־וואלטעט. נעהמענדיג אין אנבאטראכט דעם פאקט, אז דער מא־דערנער מענש לעבט פיעל ערגער פונ'ם הייהל־מענש, און אז זיין פראדוצירענדע קראפט איז א טויזענד מאל גרעסער פונ'ם

הייהל־מענשענ׳ס קראַפט, קען מען קיין אַנדער שלום ניט ציהען, ווי אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרוואַלטונג איז שלעכט, אַז איהר האָט שלעכט פאַרוואַלטעט, מיינע העררען, און אַז אייער פאַר־וואַלטונג איז קרימינאַל און עגאָאיסטיש. און אויף דיזער קלאַגע קענט איהר מיר היינט אבענד ניט ענטפערען, פונקט אַזוי ווי אייער גאַנצער קלאַס קען ניט ענטפערען דעם מיליאָן און אַ האַלב רעוואָלוציאָנערען פון די פאַראייניגטע שטאַאטען. איהר קענט ניט ענטפערען. איך פאָדער אייך יעצט אויף צו ענטפערען. און נאָך מעהר, איך וואָג אייך צו זאָגען, אַז ווען איך וועל ענדיגען וועט איהר מיר ניט ענטפערען. אויף דיזען איינציגען פונקט וועט אייער צונג זיין געבונדען, כאָטש איהר וועט רעדען גענוג וועגען אַנדערע זאַכען.

— איהר האָט שלעכט פאַרוואַלטעט. איהר האָט געמאַכט צו גאָר ניט אונזער גאַנצע ציוויליזאַציע. איהר זייט געווען בלינד און האבזיכטיג. איהר האָט זיך אויפגעשטעלט (פּונקט ווי איהר שטעלט זיך היינט אויף) אין אונזערע געזעצגעבענדע געביידעס, און עפענטליך ערקלערט, אַז פּראָפיט איז אונמעגליך אָהן קינדער־ארבייט. איהר מוזט עס מיר ניט גלויבען אויפ׳ן וואָרט. עס איז אַלעס דאָ פאַרשריבען. איהר האָט פאַרוויעגט אייער געוויסען צום שלאָפען מיט פּלאַפּלעריי וועגען זיסע אידע־אַלען און ליעבע מאָראַלע לעהרען. איהר זייט זאַט מיט מאַכט און באַזיץ, פאַר׳שכור׳ט מיט ערפאָלג; און איהר קענט ניט האָפען אויף מעהר פון אונז ווי די פוילע ביהנען, וואָס געפינען זיך אַרום האָניג, ווען די ארבייטענדע ביהנען וואַרפען זיך אויף זיי אַרויף צו פאַרניכטען זיי. איהר זייט דורכגעפאַלען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט, און מען וועט די פאַרוואַלטונג אַרויסנעהמען פון אייערע הענט. אַ מיליאָן און אַ האַלב מענער פון דעם ארבייטענדען קלאַס זאָגען, אַז זיי וועלען פאַראייניגען דיָ איבעריגע ארבייטער מיט זיי און צונעהמען די פאַרוואַלטונג פוּן אייך. אָט דאָס איז די רעוואָלוציאָן, מיינע הערען. שטעלט זיָ אָפּ, אויב איהר קענט.״

פאַר אַ לענגערע ווײַלע האָט ערנסט'ס שטימע נאָך אַלץ גע־קלונגען אין דעם גרויסען צימער. דאַן האָט זיך געלאָזט הערען דאָס ברומען, וואָס איך האָב נאָך פריהער געהערט. און אַ דור־צענד מענער זיינען גלייך אויפגעשטאַנען און האָבען געוואָלט קריגען דאָס וואָרט פון קוירנעל וואַן־גילבערט. איך האָב באַמערקט די קאָנוואולסיווע באַוועגונגען פון פריילין ברענטוואוד'ס אַקסלען, און אין דעם מאָמענט בין איך געווען בייז, ווייל עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז זי לאַכט עס פון ערנסט'ן. און דאַן האָב איך געזעהן, אַז עס איז ניט קיין געלעכטער, בלויז היסטעריקע. זי איז געווען בלאַס און צושראָקען, זעהענדיג, וואָס זי האָט אויפ־געטהאָן מיט'ן ברענגען אַזאַ פייער־בראַנד פאַר איהר ליעבלינג־קלוב.

קוירנעל וואַן־גילבערט האָט ניט געשענקט קיין אויפמערק־זאַמקייט די אַלע מענער, מיט זייערע ליידענשאַפטליך־דערצאָרנטע פנים'ער, וועלכע האָבען געשטרעבט צו קריגען ערלויבניש צו רעדען. זיין אייגען פנים האָט אויסגעקוקט שרעקליך. ער איז אויפגעשפרונגען, באַוועגענדיג מיט זיינע אָרעמס, און אַ מאָמענט האָט ער בלויז אויסגעשפּראָכען עטוואָס אונבאַגרייפליכעס. דאַן האָט זיך זיין רעדע־קראַפט אומגעקעהרט. אָבער עס איז ניט געווען די רעדע פון אַ הונדערט־טויזענד־דאָלאַרדיגען אַדוואָקאַט, און זיין רעדע איז געווען אַלטמאָדיש.

— פאַלש און פאַלש, — האָט ער אויסגעשריען. — קיינ־מאָל אין מיין לעבען האָב איך ניט געהערט אַזוי פיעל פאַלשע שליסע אויסגעדריקט אין איין קורצער שטונדע. און אַ חוץ דעם, מוז איך אייך זאָגען, אַז איהר האָט אונז גאָר קיין נייעס ניט געזאָגט. איך האָב דאָס אַלעס געלערנט אין אוניווערזיטעט, נאָך איידער איהר זייט געבוירען געוואָרען. זשאַן זשאַק רוסאָ האָט אויסגעדריקט אייערע סאָציאַליסטישע טעאָריען כמעט צוויי הונ־דערט יאָהר צוריק. געהן צוריק צום לאַנד, ווירקליך! זיך אומ־קעהרען צוריק! אונזער ביאָלאָגיע לערנט אונז ווי אונזיניג דאָס איז! עס איז גאַנץ ריכטיג געזאָגט געוואָרען, אַז אַ ביסעל קענט־

נים איז אַ געפעהרליכע זאַך, און איהר האָט עס באַשטעטיגט היינט אבענד מיט אייערע משוגענע טעאָריען. פאַלשקייט איבער פאַלשקייט! עס האָט מיר קיין זאַך אַזוי ניט דערעסען, ווי אייער איבערמאָס מיט פאַלשע שליסע. אָט דאָס האָט איהר פאַר אייערע פאַלשע שליסע און קינדערשען אַרט דענקען!

ער האָט געקנאַקט מיט די פינגער אין אַ פאַראַכטענדען וועג און האָט זיך געוואָלט אוועקזעצען. פון די פרויען־מיילער האָבען זיך געהערט צושטימענדע אויסגעשרייען, און שטילע צושטימענדע טענער פון די מענער האָבען זיך אויך אַרומגעטראָגען אין דער לופטען. וואָס אנבאַלאַנגט דעם דוצענד מענער, וואָס האָבען גע־וואָלט קריגען דאָס וואָרט, האָבען אַ העלפט פון זיי אָנגעפאַנגען רעדען אַלע מיט איין מאָל. דער גערויש און דאָס פּלוידערען איז געווען אונבאַשרייבליך. קיינמאָל זיינען פּערטאַנוויט'ס ווענד געווען די עדות פון אַזאַ מין ספּעקטאַקעל. אָט דאָס זיינען עס די קאַלטע קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע און די לאָרדען פון דער גע־זעלשאַפט, אָט די־יעזע צייהן־קריצענדע אין ברומענדע ווילדע אין פּאַראַדנע קליידער. ווירקליך ערנסט האָט זיי אויפגעטרייסעלט, ווען ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענד צו זייערע געלד־זעק, זיינע הענד, וואָס האָבען פאַר זיי אויסגעזעהן ווי די הענד פון די פּופּצעהן הונדערט טויזענד רעוואָלוציאָנערען.

נור ערנסט האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרלוירען אין אַ סיטו־אַציאָן. נאָך איידער קוידנעל וואַן־גילבערט האָט געהאַט צייט זיך אַוועקצוזעצען, איז ערנסט אויפגעשפּרונגען און געמאַכט אַ פּאָר שריט פאָרווערטס.

— רעדט איינציגווייז! — האָט ער געשטורמט.

די שטימע איז געקומען פון זיינע גרויסע לונגען און האָט באַהערשט דעם מענשליכען שטורם. מיט דער שטאַרקייט פון זיין פּערזענליכקייט האָט ער קאָמאַנדירט, עס זאָל זיין שטיל.

— בלויז איינער קען רעדען, — האָט ער ווידערהאָלט דאָס מאָל זעהר ווייך. לאָזט מיך פריהער ענטפערען קוירנעל וואַן־גילבערט. נאָך דעם קענט איהר אַלע קומען — אָבער בלויז איינ־

ציגווייז, גערענקט! קיין מאסען־שפיעל. דא איז ניט קיין פוס־באל שפיעל (אן אמעריקאנער שפיעל, אין וועלכען גאנץ אפט וואַרפען פיעל מענשען זיך אן אויף איינעם. — איבערז.).

— וואס אנבאלאנגט אייך, — האט ער פארטגעזעצט, זיך ווענדענדיג צו קוירנעל וואן־גילבערט, — האט איהר ניט גע־ענטפערט אויף קיין זאך, וואס איך האב געזאגט. איהר האט בלויז ארויסגעגעבען עטליכע צומישטע און פארשימעלטע באשטע־טיגונגען וועגען מיין דענקונגס־קוואליטעט. דאס, קען זיין, מעג אייך צוניץ קומען אין אייערע געשעפטס־אנגעלעגענהייטען, אבער איהר קענט ניט קומען צו מ י ר מיט דעם. איך בין ניט קיין ארבייטער, מיט'ן היטעל און האנד, בעטענדיג אייך מיר צו פאר־גרעסערען מיין געהאלט, אדער מיך צו באשיצען פון דער מאשין, אויף וועלכער איך ארבייט. איהר קענט ניט זיין דאגמאטיש וועגען אמת, ווען איהר האנדעלט מיט מיר. לאזט דאס איבער פאר אייערע לוין־שקלאפען. זיי וועלען ניט וואגען אייך צו ענט־פערען, ווייל איהר האלט זייער ברויט און פוטער, זייער לעבען אין אייערע הענד.

וואס אנבאלאנגט דאס אומקעהרען זיך צו דער נאטור, וואס, ווי איהר זאגט, איהר האט געלערנט אין אוניווערזיטעט, נאך איי־דער איך בין געבוירען געווארען, לאזט מיך אייך אנצייגען, אז, ווי עס שיינט, האט איהר קיין אנדער זאך ניט געלערנט פון דאן אן. סאציאליזם האט אזוי פיעל צו טהאן מיט דעם, ווי העכערע מאטעמאטיקס מיט א ביבעל־קלאס. איך האב אנגערו־פען אייער קלאס אונוויסענד, ווען זיי זיינען אויסער דער ספערע פון געשעפטס־אנגעלעגענהייטען. איהר, מיין הערר, האט זעהר פיין אילוסטרירט מיין באהויפטונג.

דיזע שרעקליכע באשטראפונג פון איהר הונדערט טויזענד דאלארדיגען אדוואקאט איז געווען צופיעל פאר פריילין ברענט־ווואודס נערוועו. איהר היסטעריע איז געווארען שרעקליך, און מען האט זי א ווייגענדע און לאכענדע ארויסגעפיהרט פון צימער.

עס איז געוועזן בעסער פאַר איהר, ווייל עטוואָס ערגערעס האָט נאָכגעפאָלגט.

— גלויבט מיר ניט אויפ'ן וואָרט, — האָט ערנסט פאָרט־געזעצט, נאָך דעם ווי מען האָט איהר אַרויסגעפיהרט. — אייערע אייגענע אויטאָריטעטען וועלען איינשטימיג איבערצייגען, אַז איהר זייט אונוויסענד. אייערע געדרונגענע טרעגער פון וויסענשאַפט וועלען אייך זאָגען, אַז איהר זייט אונגערעכט. געהט אַריין צו אייער אונטערטהעניגסטען געהילף־לעהרער פון סאָציאָלאָגיע און פרעגט איהם דעם אונטערשיעד פון רוססאָ'ס טעאָריע פון „אומ־קעהרען זיך צו דער נאַטור" און די סאָציאַליסטישע טעאָריע; פרעגט דעם העכסט־אָרטאָדאָקסישען בורזשואזנעם פּאָליטיקאָ־עקאָ־נאָמיסט און סאָציאָלאָג, זוכט נאָך אין די בלעטער פון יעדען לעהרבוך, וואָס איז געשריבען געוואָרען וועגען דעם געגענשטאַנד, און וואָס געפינט זיך אין אייערע ביבליאָטעקען; און פון זיי אַלע וועט איהר קריגען דעם ענטפער, אַז עס איז ניטאָ קיין געמיינ־שאַפטליכעם צווישען די צוויי. פאַרקעהרט, דער איינשטימיגער ענטפער וועט זיין, אַז דאָס אומקעהרען זיך צו דער נאַטור" און סאָציאַליזם זיינען דער סאַמע היפּוך איינער פון צווייטען. ווי איך זאָג, איהר דאַרפט ניט שטעלען אויף מיין וואָרט. די פאַר־צייכנונג פון אייער אונוויסענהייט געפינט זיך אין אייערע איי־גענע ביכער, אייערע ביכער, וועלכע איהר האָט קיינמאָל ניט געלע־זען. און וואָס אַנבאַלאַנגט אייער אונוויסענהייט, זייט איהר אַ גוטער ביישפּיעל פון אייער קלאַס.

— איהר קענט דעם געזעץ, קוירנעל וואַן־גילבערט. איהר ווייסט ווי צו דיענען גרויסע געזעלשאַפטען און צו פאַרגרעסערען זייערע דיווידענדען דורך מאַכען דריידלעך מיט'ן געזעץ. זעהר גוט. האַלט זיך ביי דעם. איהר זייט אַ צימליך באַוואוסטע פּערזענליכקייט. איהר זיינט אַ גוטער אַדוואָקאַט, אָבער זעהר אַ שלעכטער היסטאָריקער. איהר ווייסט גאָר ניט פון סאָציאָ־לאָגיע און אייער ביאָלאָגיע איז גלייכצייטיג מיט פּליני'ס.

ביי דעם האָט זיך קוירנעל וואַן־גילבערט צוזאַמענגעדרעהט אין

זיין שטוהל. אין צימער איז געווען שטיל. יעדער איינער איז געזעסען ווי פאראליזירט. אזא מין שרעקליכע באהאנדלונג פונ׳ם גרויסען קוירנעל וואן־גילבערט איז ניט געהערט געוואָרען, עס האָט זיך גאָר קיינעם ניט גע׳חלום׳ט, עס איז געווען אונמעגליך עס צו גלויבען — דער גרויסער קוירנעל וואו־גילבערט, פאר ווע־מען ריכטער האָבען געציטערט, ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין געריכט־הויז! נו, ערנסט האָט קיינמאָל קיין רחמנות ניט געהאט אויף א געגנער.

— דאָס איז, נאטירליך, ניט קיין שאנדע פאר אייך, — האָט ערנסט געזאָגט. — יעדער מאן צו זיין באשעפטיגונג. איהר האלט זיך ביי אייערער און איך וועל זיך האלטען ביי מיינער. איהר האָט זיך ספעציאליזירט. ווען עס קומט צו קענטניס פון געזעץ, ווי אמבעסטען אויסצומיידען דעם געזעץ אָדער צו מאכען נייע געזעצען פאר׳ן בענעפיט פון גנב׳ישע געזעלשאפטען, דארף איך זיך וואלגערען אינ׳ם שטויב פאר אייערע פיס. אָבער ווען עס קומט צו סאָציאָלאָגיע — מיין באשעפטיגונג — דארפט איהר זיך לייגען אינ׳ם שטויב פאר מיינע פיס. געדענקט עס. געדענקט אויך, אז אייער געזעץ איז בלויז א זאך פון יעצט, און אז איהר קענט בלויז א זאך פון יעצט. דעריבער זיינען אייערע דאָגמאטישע באשטעטיגונגען און געכאפטע גענעראליזאציאָנען פון היסטאָרישע און סאָציאָלאָגישע זאכען ניט ווערטה אייער אָטעם, וואָס איהר ברענגט אויף זיי.

ערנסט האָט זיך אָפגעשטעלט פאר א קליינער ווייל און האָט איהם אויפמערקזאם באטראכט, באמערקענדיג זיין פינסטער פנים פארדרעהט פון כעס, זיין שווער־אָטעמדיגע ברוסט, זיין צונויפ־געקאָרטשעטען קערפער, און זיינע איידעלע ווייסע הענט נערוועז אויפעפענענדיג און פארמאכענדיג זיך.

— נור ווי עס ווייזט אוים, האָט איהר גענוג אָטעם צו פאר־ברענגען אין ניוועץ און איך וועל אייך געבען א געלעגענהייט איהם אויסצוניצען. איך האָב באשולדיגט אייער קלאַס. צייגט מיר, אז מיין באשולדיגונג איז פאלש. איך האָב אייך אָנגעצייגט דעם

עלענד פונ'ם מאָדערנעם מענשען — דריי מיליאָן קינדער ארביי־
טען אין די פאראייניגטע שטאאטען, אָהן וועמעס ארבייט עס
וואָלט קיין פּראָפיט ניט מעגליך געווען, און פופצעהן מיליאָן מענ־
שען אויסגעהונגערטע, שלעכט־געקליידטע, און מיט נאָך ערגערע
וואוינונגען. איך האָב אָנגעציינט, אַז דעם היינטיגען מענשענ'ס
פּראָדוצירונגס־קראַפט צוליעב דער אָרגאַניזירונג פון דער געזעל־
שאַפט און דעם געברויך פון מאַשינעריע, איז טויזענד־פאַך גרעסער
ווי דעם הייהל־מענשענ'ס קראַפט. און איך האָב געזאָגט, אַז פון
די צוויי פאַקטען איז קיין אַנדער שלוס ניט מעגליך אויסער דער,
אַז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט שלעכט פאַרוואַלטעט. דאָס
איז געווען מיין באַשולדיגונג, און איך האָב אייך אויפגעפאָדערט
מיר צו ענטפערען אויף דעם. ניין, ניט נור דאָס. איך האָב פאָר־
אויסגעזאָגט, אַז איהר וועט מיר ניט ענטפערען. ס'בלייבט איבער
פאַר אייער אָטעם צו פאַרניכטען מיין פּראָפעצייהונג. איהר
האָט אָנגערופען מיין רעדע פאַלש. צייגט די פאַלשקייט, קוירנעל
וואַן־גילבערט. ענטפערט אויף די באַשולדיגונגען, וואָס איך און
מיינע פופצעהן הונדערט טויזענד קאַמעראַדען האָבען געבראַכט
געגען אייער קלאַס און געגען אייך.

קוירנעל וואַל־גילבערט האָט זעהר גיך פאַרגעסען, אַז ער איז
געווען פּאָרזיצענדער, און אוים העפליכקייט האָט ער געזאָלט ער־
לויבען די אַנדערע, וואָס האָבען זיך געמאָלדען ביי איהם צו רעדען.
ער האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט, און, פאַרלירענדיג זיין רעדנער־
קונסט און באַהערשענדע קראַפט, באַליידיגט ערנסט'ן פאַר זיין
דעמאַגאָגיע און יוגענד, און ווילד אַטאַקירענדיג דעם ארבייטער־
קלאַס, אָנצייגענדיג דעם ארבייטער'ס אונפעהיגקייט און ווערטה־
לאָזיקייט.

— אלס אַן אַדוואָקאַט איז אייך צום שווערסטען זיך האַל־
טען ביים פּונקט, פון אַלע מענשען, וואָס איך האָב באַגעג־
נענט, — האָט ערנסט אָנגעפאַנגען זיין ענטפער צו דעם נייעם
שטראָם פון זידלעריי. — מיין יוגענד האָט גאָר ניט צו טהאָן
מיט דעם, וואָס איך האָב ערקלערט. און די ווערטהלאָזיגקייט

פונ׳ם ארבייטער־קלאַס האָט אויך גאָר ניט צו טהאָן מיט דעם. איך האָב אָנגעקלאָגט דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס אין שלעכטער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט. איהר האָט ניט געענטפערט, איהר האָט זאָגאַר ניט געמאַכט קיין אָנשטרענגונג צו ענטפערען. וואָרום? איז דאָס ווייל איהר האָט ניט וואָס צו ענטפערען. איהר זייט דאָך דער פאַרקעמפפער פון דער פאַרזאַמלונג. יעדער איינער דאָ, אַ חוץ מיך, קוקט אייך אין מויל אריין פאַר אַן ענטפער. זיי קוקען אייך אין מויל אריין, ווייל זיי אליין האָבען ניט קיין ענטפער. וואָס אנבאַלאַנגט מיר, ווי איך האָב פריהער געזאָגט, ווייס איך, אַז ניט נור קענט איהר ניט ענטפערען, נור איהר וועט זאָגאַר ניט פּרובירען מיר צו ענטפערען.

— דאָס איז אונערטרעגליך! — האָט קוירנעל וואַן־גילבערט אויסגעשריען. — דאָס איז אַ באַליידיגונג!

— אַז איהר זאָלט ניט ענטפערען, איז אונערטרעגליך, — האָט ערנסט געענטפערט. קיין מענש קען זיך ניט פיהלען אינ־טעלעקטועל באַליידיגט. באַליידיגונג איז אַ געפיהל־זאַך. קומט צו־זיך. גיט מיר אַן אינטעלעקטועלען ענטפער צו מיין אינטעלעק־טועלער אַנקלאַגע, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט שלעכט פאַרוואַלטעט די געזעלשאַפט.

קוירנעל וואַן־גילבערט איז געבליבען שטיל, מיט אַ כמורנעם אויסדרוק אויף זיין פּנים, וועלכער ערשיינט אויפ׳ן פּנים פון אַ מענשען, וועלכער געפינט עס אונטער זיין ווירדע זיך צו געפינען צוזאַמען מיט אַ בויאַן.

— זייט ניט געפאַלען ביי זיך, — האָט ערנסט געזאָגט. — איהר קענט זיך טרויסטען מיט׳ן פאַקט, דאָס קיין איינציגער מיטגליעד פון אייער קלאַס האָט נאָך ווען עס איז געענטפערט אויף דער קלאַגע.

ער האָט זיך געווענדעט צו די אַנדערע מענער, וואָס האָבען אַזוי חשק געהאַט צו רעדען:

— און יעצט קומט אייער געלעגענהייט. שיסט פייער, און פאַרגעסט ניט, אַז איך פאָדער אייך אויף צו געבען דעם ענטפער, וועלכען קוירנעל וואַן־גילבערט האָט ניט געקענט געבען.

עס וואָלט געווען אונמעגליך פאַר מיר אָנצושרייבען אַלעס, וואָס ס׳איז געזאָגט געוואָרען אין דער דיסקוסיע. איך האָב פריהער גאָר קיינמאָל ניט באַגריפען, וויפיעל ווערטער עס קענען ארויסגעזאָגט ווערען אין בלויז קורצע דריי שטונדען. יעדענפאַלס, עס איז געווען גלענצענד. וואָס מעהר זיינע געגנער זיינען גע־וואָרען אויפגערעגט, אַלץ מעהר האָט זיי ערנסט אומישנע אויפ־גערייצט. ער האָט באַזעסען די קענטנים פון אַן ענציקלאָפּעדיע, און מיט אַ וואָרט אָדער פראַזע האָט ער געמאַכט צו גאָרנישט זייי־ערע אַרגומענטען. ער האָט אָנגערופען די פּונקטען פון זייערע אונלאָגישע אַרגומענטען. דער איז אַ פאַלשער סילאָגיזם, יענער שלוס האָט קיין צוזאַמענהאַנג ניט מיט׳ן גרונד־געדאַנק, בעת דער צווייטער גרונד־געדאַנק איז געווען באַטריגעריש, ווייל ער האָט כימרע באַהאַלטען אין זיך דעם שלוס, וועלכען דער אַרגומענטאַטאָר האָט געוואָלט ציהען. דאָס איז געווען אַ טעות, יענעס בלויז אַן השערה, און די אַנדערע באַהויפּטונג, וועלכע איז דער סאַמע היפוך פון די פעסט־געשטעלטע וואַרהייטען, ווי זיי זיינען גע־דרוקט אין אַלע לעהר־ביכער.

און אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען. אַ מאָל האָט ער פאַרביטען די שווערד אויף אַ שטיק האָלץ און ער האָט געבראָכען שטיקער פון זייערע געדאַנקען רעכטס און לינקס. און אימער האָט ער פאַרלאַנגט פאַקטען און זיך פאַראויס ענטזאָגט פון צו דיסקוטירען טעאָריען. און זיינע פאַקטען זיינען געווען זייער וואָטערלאָ. ווען זיי האָבען אַטאַקירט דעם אַרבייטער־קלאַס, האָט ער אימער גע־ענטפערט: „דער טאָפּ רופט דעם קעסעל אַן שוואַרץ“; דאָס איז אָבער ניט קיין ענטפער צו דער קלאַגע, „אַז אייער אייגען פּנים איז שמוציג.“ און צו יעדען פון זיי האָט ער געזאָגט: „וואָרום האָט איהר ניט געענטפערט אויף דער קלאַגע, אַז אייער קלאַס האָט שלעכט פאַרוואַלטעט? איהר האָט גערעדט וועגען אַנדערע זאַכען, נור דאָס האָט איהר ניט געענטפערט. איז דאָס אַזוי, ווייל איהר האָט ניט קיין ענטפער?“

עס איז געווען שוין ביי דער ענדע פון דער דיסקוסיאָן, ווען

הערר וויקסאָן האָט גערעדט. ער איז געווען דער איינציגער, וואָס איז געווען געלאָסען, און ערנסט האָט איהם באהאנדעלט מיט א רעספעקט, וועלכען ער האָט די אנדערע ניט ארויסגעצייגט.

— עס איז ניט נויטיג צו ענטפערען, — האָט הערר וויקסאָן געזאָגט לאנגזאם, באדענקענדיג זיך. — איך האָב אויפמערקזאם נאָכגעפאָלגט די דיסקוסיע מיט שטוינען און עקעל. איהר, מיינע הערען, עקעלט מיך, מיטגליעדער פון מיין קלאַס. איהר האָט זיך אויפגעפיהרט ווי קליינע נארישע חדר־אינגלעך, שוין אָפגע־רעדט פון אריינפאלען יענעם אין די רייד און דאָס קנאקען און טראסקען פונ'ם געמיינעם פאָליטיקער. איהר זייט באזיעגט געוואָרען. איהר האָט גערעדט א סך, און אלץ, וואָס איהר האָט געטהאָן, איז זשומען. איהר האָט געזשומט ווי קאָמארעס ארום א בער. מיינע הערען, אָט דאָרט שטעהט דער בער (ער האָט אָנגעוויזען אויף ערנסט'ן) און אייער זשומען האָט איהם בלויז געקיצעלט אין די אויערען.

— גלויבט מיר, די לאגע איז א גאנץ ערנסטע. דער בער האָט אויסגעשטרעקט זיינע לאפעס היינט אבענד אונז צו דער־שטיקען. ער האָט געזאָגט, אז עס זיינען דאָ א מיליאָן און א האלב רעוואָלוציאָנערען אין די פאראייניגטע שטאאטען. דאָס איז א פאקט. ער האָט געזאָגט, אז זיי האָבען בדעה אוועקצור־נעהמען פון אונז אונזער רעגיערונג, אונזערע פאלאצען און אונזער פורפורנעם לוקסוס. אויך דאָס איז א פאקט. אַן אומענדערונג, א גרויסע אומענדערונג קומט אַן אין דער געזעלשאפט; נור גליק־ליכערווייזע, קען זיין עס וועט ניט זיין אזוי ווי דער בער ער־ווארטעט. דער בער האָט געזאָגט, אז ער וועט אונז צודריקען. ווי אָבער, אז מיר וועלען איהם צודריקען?

דער האלז־כאָרכעל האָט זיך ווידער געלאָזט הערען אין צימער, און איינער האָט צוגעשאָקעלט דעם קאָפּ צום צווייטען מיט צושטימונג און באוואוסט. זייערע פנים'ער האָבען אויס־געקוקט הארט. זיי זיינען געווען קעמפפער. דאָס בין איך געווען זיכער

— אבער ניט מיט זשומען און מיט צודריקען דעם בער, — האט הערר וויקסאן פארטגעזעצט קאלט און אונליידענשאפטליך. מיר וועלען געהן אויפ'ן יאגד נאכ'ן בער. מיט וועלען איהם ניט ענטפערען מיט ווערטער. אונזער ענטפער וועט זיין מיט בליי. מיר האבען די מאכט. קיינער וועט דאס ניט אפלייקענען. און צוליעב דעם, וואס מיר האבען די מאכט, וועלען מיר אויך בלייבען מיט דער מאכט.

ער האט זיך פלוצים געווענדעט צו ערנסט'ן. דער מאמענט איז געווען א דראמאטישער.

— אט דאס איז אונזער ענטפער. מיר האבען ניט קיין ווערטער צו פארלירען. ווען איהר וועט אויסשטרעקען אייערע מעכטיגע הענד צו נעהמען אונזערע פאלאצען און לוקסוס, דאן וועלען מיר אייך צייגען וואס מאכט איז. אינ'ם גערויש פון קוילען און גראנאטען, אינ'ם קלאנג פון הארמאטען וועט אונזער ענטפער זיין באהאלטען. (10) מיר וועלען אייך, רעוואלוציאנערען, צומאהלען אונטער אונזערע קנאפלען, און מיר וועלען געהן איבער אייערע פנים'ער. די וועלט איז אונזערע, מיר זיינען איהרע לארדען, און זי וועט בלייבען אונזערע. וואס אנבאלאנגט דעם ארבייטער־קלאס, איז ער געלעגען אין שמוץ פון אנפאנג היס־טאריע, און איך האב די היסטאריע ריכטיג געלעזען, און אין שמוץ וועט ער בלייבען אזוי לאנג, ווי איך און די מייניגע און די יעניגע, וואס קומען נאך אונז, וועלען האבען די מאכט. אט דאס איז דאסווארט. עס איז דער קעניג פון ווערטער — מאכט, ניט גאט, ניט מאמאן, נור מאכט. גיסט עס אייך איבער'ן צונג, ביז עס וועט אייך אנהויבען שמערצען. מאכט!

— איך האב געקראגען דעם ענטפער, — האט ערנסט שטיל געזאגט. — עס איז דער איינציגער ענטפער, וואס מען האט גע־קענט געבען. מאכט. דאס איז, וואס מיר פון דעם ארבייטער־קלאס פרעדיגען. מיר ווייסען, און מיר ווייסען דאס דורך בי־טערע ערפאהרונגען אז קיין רוף צו גערעכטיגקייט, צו מענש־ליכקייט, קען אייך ווען עס איז ריהרען. אייערע הערצער זיינען

אזוי הארט ווי אייערע קנאפּלען, מיט וועלכע איהר טרעט איבער די געזיכטער פון די אָרימע. דארום האָבען מיר אַגיטירט פאַר מאַכט. מיט דער מאַכט פון אונזערע שטימען אין וואהל־טאָג וועלען מיר צונעהמען אייער רעגיערונג פון אייך.

— נו, און ווי איז, אַז איהר קריגט אַ מאַיאָריטעט, אַ גרויסע מאַיאָריטעט אין וואהל־טאָג? — האָט העררד וויקסאָן איהם אונ־טערבראָכען. — צום ביישפּיעל, אַז מיר ענטזאָגען זיך אייך איבער־צוגעבען די רעגיערונג נאָך דעם ווי איהר האָט געוואונען ביים שטימקאַסטען?

— אויך דאָס האָבען מיר באַוואָרענט, — האָט ערנסט גע־ענטפערט, — און מיר וועלען אייך געבען אַן ענטפער מיט בליי. מאַכט, האָט איהר פּראָקלאַמירט אַלס דעם קעניג פון אַלע ווערטער. גאַנץ גוט. מאַכט זאָל עס זיין. און אין דעם טאָג, וואָס מיר זיעגען ביים שטימקאַסטען, און איהר ענטזאָגט זיך אונז צו געבען די רעגיערונג, וואָס מיר האָבען אויף אַ פריעדליכען און קאָנסטי־טוציאָנעלען אופן געוואונען, און איהר פאַרלאַנגט צו וויסען, וואָס מיר וועלען דאַן טהאָן — אין יענעם טאָג, זאָג איך אייך, וועלען מיר ענטפערען, און אין דעם גערויש פון קוילען און גראַנאַטען און אינ׳ם קלאַנג פון הארמאַטען וועט אונזער ענטפער זיין גע־קליידעט.

— איהר קענט פון אונזערע הענד זיך ניט אויסדרעהען. עס איז אמת, אַז איהר האָט ריכטיג פאַרשטאַנען די היסטאָריע. עס איז אמת, אַז דער ארבייטער איז פון אָנפאַנג פון דער היסטאָריע געווען אין שמוץ. און עס איז גלייכצייטיג אמת, אַז אזוי לאַנג ווי איהר און אייעריגע און די, וואָס וועלען קומען נאָך אייך, האָבען די מאַכט, וועט דער ארבייטער בלייבען אין שמוץ. איך שטים איין מיט אַלעם, וואָס איהר האָט געזאָגט. מאַכט וועט זיין דער שיעדענס־ריכטער, אזוי ווי עס איז אימער געווען. עס איז אַ קאַמפּף פון קלאַסען. פּונקט אזוי ווי אייער קלאַס האָט ארונטערגעשלעפּט די אַלטע פעאָדאַלע אדעל־קלאַס, אזוי וועט אייער קלאַס ארונטערגעשלעפּט ווערען פון מיין קלאַס, דעם אר־

ביימער־קלאַס. אויב איהר וועט לעזען אייער ביאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע מיט אזא קלאָרקייט ווי איהר לעזט די היסטאָריע, וועט איהר זעהן, אז די ענדע, וואָס איך האָב אייך דאָ גע־מאָהלען, איז אונפֿאַרמיידליך. עס מאַכט קיין אונטערשיעד נים, צי עס וועט נעהמען איין יאָהר, צעהן אָדער א טויזענד — אייער קלאַס וועט ארונטערגעוואָרפען ווערען. און דאָס וועט געטאָן ווערען דורך מאַכט. מיר פון דעם ארבייטער־קלאַס האָבען דאָס וואָרט אזוי פיעל מאָל איבערגע׳חזר׳ט, אז אונזער גאַנצער מוח איז אָנגעפילט מיט דעם. מאַכט. עס איז א קעניגליך וואָרט.

און אזוי האָט זיך געענדיגט די נאַכט מיט די „פריינד פון וויסענשאַפט“.

זעקסטער קאַפּיטעל

# שאָטענס

עס איז געווען אַרום די צייט, ווען מיר האָבען אָנגעהויבען פיהלען אַלערליי כמאַרעס זיך אָנרוקען אויף אונז. ערנסט האָט שוין לאַנג געדענקט, אַז עס איז ניט קלוג פון מיין פאָטער אויפ־צונעהמען אין זיין הויז סאָציאַליסטען און ארבייטער־פיהרער, און אויך עפענטליך באַזוכען סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען. מיין פאָטער האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיין שרעקעדיגקייט. וואָס אַנ־באַלאַנגט מיר, האָב איך זעהר פיעל געלערנט פון מיין קענטשאַפט מיט די אַרבייטער־פיהרער און דענקער. איך האָב געזעהן די צווייטע זייט פון'ם מעדאַל. איך בין געווען ענטציקט פון דער זעלבסטלאָזיגקייט און דעם הויכען אידעאַליזם, וואָס איך האָב ביי זיי אויסגעפונען, כאָטש איך האָב זיךווירקליך געשראָקען פאַר די גרויסע וויסענשאַפטליכע און פילאָזאָפישע ליטעראַטור פון סאָציאַליזם. איך האָב געלערנט שנעל גענוג אום צו באַגרייפען די געפאַהר פון אונזער לאַגע.

עס זיינען געווען גענוג ווארנונגען, נור איך האָב זיי קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט. צום ביישפּיעל, פּרוי פּערטאַנ־ווייט און פרוי וויקסאָן האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אין דער הויכער געזעלשאַפט פון דער אוניווערזיטעט־שטאָדט, און פון זיי האָט עס געשטאַמט, אַז איך בין אַ חוצפה'דיגע יונגע פרוי מיט אַ שלעכטער נייגונג זיך אַריינצומישען אין יענעמ'ס גע־שעפטען. דאָס האָב איך באַטראַכט אַלס נאַטירליך, באַרעכענענ־דיג מיין אויספאָרשונג אין דעם פאַל פון דזשעקסאָן'ס אָרעם.

נור איך האָב ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט די ווירקונג פון אַזאַ מיינונג פון אַזעלכע צוויי מעכטיגע געזעלשאַפטס־ריעזען.

אמת, איך האָב באַמערקט אַ מין דערווייטערונג פון מיר פון דער זייט פון מיינע פריינד, נור דאָס, האָב איך געדענקט, איז געווען צוליעב זייער אונצופריעדענהייט מיט מיין שידוך מיט ערנסט'ן. ערשט אַ שטיקעל צייט נאָכדעם האָט ערנסט מיר אָנ־געצייגט, אַז די אַלגעמיינע האַלטונג פון מיין קלאַס איז געווען עטוואָס מעהר ווי אַ צופאַל, נור אַז געהיימע שפּרוזינעס האָבען פאַראורזאַכט דעם באָיקאָט געגען מיר.

— דו האָסט געעפנעט דיין הויז צו אַ שונא פון דיין קלאַס, — האָט ער געזאָגט, — און ניט נור דאָס, נור דו האָסט איהם אויך געגעבען דיין ליעבע, דיך זעלבסט. דאָס מיינט, אַז דו האָסט פאַרראַטהען דיין קלאַס. רעד דיר נור ניט איין, אַז דו וועסט זיך אויסדרעהען אונבאַשטראָפט.

נור, נאָך איידער דאָס איז פאָרגעקומען . . . מיין פאָטער געקומען אַהיים איין נאָכמיטאָג. ערנסט איז דאַן געווען ביי אונז, און מיר האָבען געקענט זעהן, אַז מיין פאָטער איז געווען בייז — פילאָזאָפיש בייז. ער איז זעהר זעלטען געווען ערנסט אין כעס; נור אַ ביסעל קאָנטראָלירטען כעס פלעגט ער זיך ערלויבען. ער פלעגט עס אָנרופען אַ שטאַרקונגס־מיטעל. און מיר האָבען גע־קענט זעהן, אַז ער האָט דעם שטאַרקונגס־מיטעל יעצט נור־וואָס איינגענומען.

— ווי געפעלט עס אייך? — האָט ער געפרעגט. — איך האָב נור וואָס געהאַט מיטאָג ביי ווילקאָקס.

ווילקאָקס איז געווען דער באַאָהרענטער פּרעזידענט פון'ם אוניווערזיטעט, וועמעס אויסגעוועפּטער פאַרשטאַנד איז געווען אָנ־געפּיקעט מיט געדאַנקען, וואָס זיינען געווען יונג אין 1870, און וועלכע ער האָט פון דאַן אָן ניט געפונען פאַר נויטיג צו ענדערען.

— איך בין איינגעלאַדען געוואָרען, — האָט מיין פאָטער ער־קלערט. — מען האָט געשיקט נאָך מיר.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. און מיר האָבען געוואַרט.

— אָה, עס איז געטהאָן געוואָרען אויף אַ פיינעם אופן, דאָס איז אמת, נור ער האָט מיך גע׳מוסר׳ט. מיך! און פון דעם אַלטען עובר בטל!

— איך קען וועטען, אַז איך וויים, פאַרוואָס ער האָט אייך גע׳מוסר׳ט, — האָט ערנסט געזאָגט.

— איהר וועט ניט טרעפען אין דריי מייל, — האָט מיין פאָטער געלאַכט.

— איין מייל וועט זיין גענוג, — האָט ערנסט געענטפערט.

— און איך וועל ניט טרעפען. איך ציה בלויז שליסע. מען האָט אייך גע׳מוסר׳ט פאַר אייער פּריוואַטען אויפפיהר.

— אמת, — האָט מיין פאָטער אויסגעשריען, — ווי אַזוי האָט איהר עס געטראָפען?

— איך האָב געוואוסט, אַז עס וועט קומען צו דעם. איך האָב אייך דאָך שוין פריהער געוואָרענט.

— יאָ, איהר האָט עס טאַקי געטהאָן, — האָט מיין פאָטער גערעדט מעהר צו זיך אַליין, — נור איך האָב עס מיר ניט גע־קענט גלויבען. יעדענפאַלס איז דאָס מיט איין שטאַרקען באַווייז מעהר פאַר מיין בוך.

— עס איז נאָך גאָרניט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס וועט ערשט קומען, — האָט ערנסט ווייטער געזאָגט. — אויב איהר וועט אָנהאַלטען אויפצונעהמען סאָציאַליסטען, אַלערליי סאָרטען ראַדיקאַלען, מיך אַריינגערעכענט, אין אייער הויז.

— פּונקט וואָס דער אַלטער ווילקאָקס האָט געזאָגט. אָ, ווי אונערוואַרטעט דאָס איז געוועזן פאַר מיר! ער האָט געזאָגט, אַז עס איז זעהר אַ שלעכטער געשמאַק, דורכאויס אונניצליך און ניט אין איינקלאַנג מיט די טראַדיציעס פון אוניווערזיטעט. ער האָט נאָך פיעלעס גערעדט אַזוי אונקלאָר. דאַן האָב איך איהם ניט געקענט מאַכען מיר אָנווייזען איין באַשטימטען פאַל. איך האָב איהם געמאַכט זיך פיהלען גאַנץ אונבאַקוועם, און אַלעס, וואָס ער האָט געקענט טהאָן, איז איבערצו׳חזר׳ן און איבערקייען דאָס זעלבע און ווי הויך ער שעצט און עהרט מיך, און די גאַנצע

וועלט עהרט מיך אַלס אַ וויסענשאַפטס־מאַן. עס איז איהם ניט געווען זעהר אַנגענעהם עס צו טהאָן. איך האָב געקענט זעהן, אַז ער האָט עס ניט זעהר גערן געטהאָן.

— ער האָט ניט געהאַנדעלט לויט זיין פרייען ווילען, — האָט ערנסט געזאָגט. — די פּוס־קייט ווערט ניט אימער געטראָגען מיט חשק.

— יאָ, אַזוי פיעל האָב איך אַרויסגעקראָגען פון איהם. ער האָט געזאָגט, אַז דער אוניווערזיטעט נויטיגט זיך אין זעהר פיעל געלד, דאָס יאָהר מעהר, וויפיעל דער שטאַאט איז וויליג בייצושטייערען; און אַז דאָס געלד מוז קומען פון רייכע פּערזאָנען, וועלכע ווילען ניט ליידען, אַז דער אוניווערזיטעט זאָל זיך אַוועקקעהרען פון זיין הויכען אידעאַל פון שטילע פאָרשונגען אויפ'ן געביעט פון וויסענשאַפט. ווען איך האָב פּרובירט איהם צודריקען צו דער וואַנד מיט מיין פראַגע: וואָס האָט מיין פּריוואַט־לעבען צו טהאָן מיט'ן אוניווערזיטעט'ס אָפּקעהרען זיך פון זיינע הויכע אידעאַלען, האָט ער מיר אָנגעבאָטען אַן אָברוה אויף צוויי יאָהר מיט פולען געהאַלט, אין אייראָפּאַ. נאַטירליך, אונטער די אומשטענדען, האָב איך דאָס ניט געקענט אָננעהמען.

— עס וואָלט געווען פיעל בעסער, ווען איהר וואָלט עס יאָ געווען אָנגענומען, — האָט ערנסט כמורנע געזאָגט.

— עס איז געווען כאַבאַר, — האָט מיין פאָטער פּראָטעסטירט; און ערנסט האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— דער בעטלער האָט אויך געזאָגט, אַז מען האָט גערעדט, מענשען האָבען גערעדט צווישען זיך, וועגען מיין טאָכטער, וואָס ווייזט זיך אין דער עפענטליכקייט מיט אַזא בעוואוסטען פּערזאָן, ווי איהר, און אַז אויך דאָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דעם אוניווערזיטעט'ס ווירדע. ניט דאָס איז ער, חלילה, דאַגעגען — אָה, ניין, חלילה וחס נור מענשען ריידען און איך דאַרף שוין אַליין פאַרשטעהן.

ערנסט האָט זיך איבערלעגט אַ פּאָר מינוט, און האָט געזאָגט מיט אַ בייזקייט אין זיין פּנים:

— הינטער דעם שטעקט עטוואָס מעהר, ווי דער אוניווערזי־טעט־אידעאַל. אימיצער האָט עס אָנגעשטעלט דעם פּרעזידענט ווילקאָקס.

— דענקט איהר אַזוי? — האָט מיין פאָטער געפרעגט, און זיין פּנים האָט אַרויסגעצייגט מעהר אינטערעס ווי מורא.

— הלואי וואָלט איך געקענט אייך איבערגעבען דעם באַגריף, וואָס בילדעט זיך יעצט אין מיין מוח, — האָט ערנסט געזאָגט. — קיינמאָל נאָך אין דער וועלט'ס געשיכטע, איז די געזעלשאַפט ניט געווען אין אַזאַ לאַגע, ווי יעצט. די שנעלע ענדערונגען אין אונזער אינדוסטריעלער סיסטעם פאַראורזאַכען פּונקט אַזעלכע שנעלע ענ־דערונגען אין אונזער רעליגיעזער, פּאָליטישער און סאָציאַלער וועלט. אַ שרעקליכע רעוואָלוציע געהט אָן אין די נערוועז פון דער געזעלשאַפט. איך קען די זאַכען קוים זעהן. נור זיי זיינען דאָ אין דער לופט, אָט יעצט, היינט. איך קען פיהלען זייער ערשיינען — זאַכען גרויסע, אונבאַשטימטע און שרעקליכע. איך שוידער, ווען איך באַרעכען, אין וואָס די זאַכען קענען זיך קריס־טאַליזירען. איהר האָט געהערט וויקסאָן'ס רעדע יענעם אבענד. אונטער אַלעס, וואָס ער האָט געזאָגט, זיינען געווען די זעלבע נאָמענלאָזע, פאַרמלאָזע זאַכען, וואָס איך פיהל.

— איהר מיינט...? — האָט מיין פאָטער אָנגעהויבען, און דאַן זיך אָפּגעשטעלט.

— איך מיין, אַז עס איז דאָ אַ שאָטען פון עטוואָס קאָלאָ־סאַלעס און דראָהענדעס, וואָס פאַנגט שוין יעצט אָן אַרומצונעהמען דאָס לאַנד. רופט עס אָן דעם שאָטען פון אַן אָליגאַרכיע, אויב איהר ווילט; דאָס איז דאָס וויינציגסטע, וואָס איך וואַג זיך משער צו זיין. וואָס דער כאַראַקטער פון דעם וועט זיין, ענטזאַג איך זיך זאָגאַר פאָרצושטעלען. (1) נור וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען איז, נעמליך: איהר זייט אין אַ געפעהרליכער לאַגע — אַ גע־פאַהר, וואָס מיין אייגענע שרעק מאַכט נאָך פיעל גרעסער, ווייל איך קען ניט מעסטען די גרויסקייט פון איהר. נעהמט מיין ראַטה און נעהמט אָן דעם פאָרשלאַג פון ווילקאָקס.

— אָבער דאָס וועט דאָך זיין אַ פייגהייט, — האָט מיין פאָטער פּראָטעסטירט.

— ניין, איהר זייט אַן אַלטער מאַן. איהר האָט געטהאָן אייער ארבייט אין דער וועלט, און אַ וויכטיגע ארבייט. לאָזט איבער די מלחמה צו דער יוגענד. מיר, יונגע לייט, האָבען נאָך אונזער ארבייט אויפצוטהאָן. עווים וועט שטעהן ביי מיין זייט אין אַלץ, וואָס ס'וועט פאָרקומען. זי וועט אייך רעפּרעזענטירען אין די פאָדערשטע רייהען פון דער מלחמה.

— אָבער זיי קענען מיר קיין שלעכטס ניט טהאָן, — האָט מיין פאָטער אויסגעזעצט. — אַ דאַנק גאָט, איך בין אונאבהענגיג. איך פאַרזיכער אייך, דאָס איך וויים די שרעקליכע פאַרפאָלגונגען, וואָס זיי קענען אָנפיהרען געגען אַ פּראָפעסאָר צוליעב מיינע פאַר־דיענסטען. איך קען זיך גאַנץ גוט באַגעהן בלויז מיט מיין איינ־קונפט, און דאָס געהאַלט איז די איינציגע זאַך, וואָס זיי קענען צונעהמען פון מיר.

— אָבער איהר באַגרייפט ניט ריכטיג, — האָט ערנסט גע־ענטפערט. — אויב אַלעס, פאַר וואָס איך שרעק זיך, איז טאַקי אַזוי, קען אייער פּריוואַטער איינקונפט, זאָגאַר אייער קרן, צו־גענומען ווערען פון אייך אַזוי לייכט ווי אייער געהאַלט.

מיין פאָטער האָט געשוויגען עטליכע מינוטען. ער האָט זיך טיעף פאַרטראַכט, און איך האָב געקענט זעהן די ליניען פון ענט־שלאָסענהייט פאַרמירענדיג זיך אין זיין געזיכט. צום ענדע האָט ער געזאָגט:

— איך וועל ניט אָננעהמען דעם פאָרשלאַג. — ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. — איך וועל אָנגעהן מיט מיין בוך. (2) איהר קענט האָבען אַ טעות, נור צי איהר האָט אַ טעות, צי ניט, איך וועל בלייבען אויף מיין פּאָסטען.

— גוט, — האָט ערנסט געזאָגט, — איהר לאָזט זיך אויפ'ן זעלבען וועג, וואָס בישאָפּ מאָרהויז געהט, און איהר וועט האָבען דיזעלבע נידערלאַגע: „איהר וועט ביידע זיין פּראָלעטאַריער, איי־דער איהר וועט פאַרטיג ווערען.״

דער געשפּרעך האָט זיך יעצט אומגעווענדעט אויפ'ן בישאָפּ, און מיר האָבען גע'פּועל'ט ביי ערנסט'ן, ער זאָל אונז דערצעהלען וואָס ער האָט געטהאָן מיט איהם.

— זיין נשמה איז קראַנק פון דער רייזע דורכ'ן גיהנום, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. איך האָב איהם דורכגעפיהרט דורך די היימען פון אייניגע פאַבריק־אַרבייטער. איך האָב איהם געוויזען די מענשליכע קרבנות, וואָס זיינען אוועקגעשליידערט געוואָרען אָן אַ זייט פון דער אינדוסטריעלער מאַשין, און ער האָט זיך צוגע־הערט צו זייערע לעבענס־געשיכטען. איך האָב איהם דורכגעפיהרט דורך די געמיינע נאַכבאַרשאַפט פון סאַן־פראַנציסקאָ, און אין שכרות, פּראָסטיטוציע און פאַרברעכען האָט ער אויסגעפונען אַ פיעל טיעפערע אורזאַך, ווי געבוירענע פאַרדאָרבענהייט. ער איז זעהר קראַנק, און וואָס איז נאָך ערגער, איך קען איהם ניט קאָנ־טראָלירען. ער איז צו גוט, ער איז צופיעל געריהרט געוואָרען. און ווי געוועהנליך, איז ער אונפּראַקטיש. זיין מוח פליהט איהם מיט אַלערליי איינרעדענישען און ער פּלאַנט אַ מיסיאָנערען־אַר־בייט צווישען די קולטיווירטע. ער פיהלט עס, אַלס זיין פליכט אויפצולעבען דעם פאַרצייטיגען גייסט פון דער קירך און צו טראָגען איהר מיטטיילונג צו די רייכע. ער איז צופיעל אָנגעשטרענגט. ער וועט ווען־עס־איז אויספּלאַצען, און דאַן וועט קומען אַ צוזאַ־מענשטויס. וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס וועט אָננעהמען, קען איך זאָגאַר ניט טרעפען. ער באַזיצט אַ לויטערען, ערהאַבענעם גייסט, נור ער איז צו אונפּראַקטיש. ער איז אויסער מיין קאָנטראָל. איך קען איהם ניט האַלטען אויף דער ערד. און דורך דער לופט איילט ער צו זיין צוזאַמענברוך. און נאָך דעם וועט קומען זיין קרייציגונג. אַזעלכע הויכע גייסטער זיינען ווי געוואונשען פאַר קרייציגונגען.

— און דו? — האָב איך געפרעגט; און אונטער מיין שמייכעל האָט זיך געפיהלט די ערנסטקייט פון אַנגסט, פון ליעבע.

— ניין, ניט איך, — האָט ער געלאַכט. — מיך וועט מען אפשר הינריכטען, אָדער אין געהיים מאָרדען, אָבער מיך וועט

מען קיינמאָל ניט קרייציגען. איך שטעה דאָ פעסט אויף דער ערד.

— אָבער, ווארום פאַראורזאַכסטו די קרייציגונג פונ׳ם ביי־שאָפּ? — האָב איך געפרעגט. — דו וועסט דאָך ניט אָפּלייקענען, אז דו ביזט שולדיג אין דעם.

— ווארום זאָל איך לאָזען אַ צופריעדענעם זיך פיהלען גליק־ליך, ווען אזוי פיעל מיליאָנען געפינען זיך אין דער העכסטער נויט? — האָט ער פון זיין זייט געפרעגט.

— דאַן ווארום האָסטו געראַטהען מיין פאָטער אָנצונעהמען דעם פאָרשלאַג אוועקצופאָהרען?

— ווייל איך בין ניט אַ געלייטערטער, ערהאַבענער גייסט, — איז געוועזען דער ענטפער. — ווייל איך בין סאָליד און עגאָאיס־טיש, ווייל איך ליעב דיך, און פונקט, ווי די פאַרצייטיגע רות, זיינען דיינע אויך מיינע. וואָס אַנבאַלאַנגט דעם בישאָפּ, האָט ער ניט קיין טעכטער. אויסער דעם אָט ווי וועניג גוטס ער וועט ניט טהאָן, וועט זיין קלענער, אונבאַדייטענדער פישטשען טהאָן עטוואָס גוטעס פאַר דער רעוואָלוציע, און יעדע ביסעל האָט אַ ווערטה.

איך האָב ניט געקענט איינשטימען מיט ערנסט׳ן. איך האָב זעהר גוט געוואוסט דעם בישאָפּ׳ס נאָבעלען כאַראַקטער, און איך האָב מיר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז ווען ער וועט אויפהויבען זיין שטימע פאַר גערעכטיגקייט, וועט עס זיין ניט מעהר, ווי אַ קליינער אונבאַדייטענדער פישטשען. נור איך בין נאָך ניט געוועזען אזוי באַהאַוונט אין די טרוקענע טרויעריגע פאַקטען פון לעבען, ווי ערנסט איז געוועזען. ער האָט זעהר קלאָר פאָראויסגעזעהן די נוצלאָזיגקייט פונ׳ם בישאָפּ׳ס ערהאַבענעם גייסט, פונקט ווי די ווייטערדיגע פאַסירונגען האָבען עס מיר שנעל געוויזען.

עס איז געוועזען בלויז אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווען ערנסט האָט מיר דערצעהלט, אַלס אַן אינטערעסאַנטע נייעס, אז די רע־גיערונג האָט איהם אָנגעבאָטען די שטעלע אַלס דער קאָמישיאָנער פון ארבייט פון די פאַראייניגטע שטאַאטען. איך האָב זיך גע־

פיהלט גליקליך. דאָס געהאַלט איז געווען אַ גרויסע, און עס וואָלט פאַרזיכערט אונזער הייראטה. און דאַן איז דאָס זיכער געווען אַן אנגענעהמענע סאָרט ארבייט פאַר ערנסט׳ן, און נאָך מעהר, מיין שטאָלצירען מיט איהם האָט מיך געמאַכט באַגריסען די אָנגע־באָטענע שטעלע, אלס אַן אנערקענונג פון זיינע פעהיגקייטען.

דאַן האָב איך באַמערקט אַ גלאַנץ אין זיינע אויגען. ער האָט געלאַכט פון מיר.

— דו האָסט ניט בדעה צו... צו ענטזאגען? — האָב איך געשטאַמעלט.

— עס איז אַ סאָרט כאַבאַר, — האָט ער געזאָגט. הינטער דעם שטעקט די פיינע האַנד פון וויקסאָנ׳ען, און הינטער איהם שטעהן נאָך גרעסערע מענער פון איהם. עס איז אַן אַלטער שפּי־צעל, אַלט ווי דער קלאַסענקאַמפּף זעלבסט — אוועקצו־גנב׳ענען די קאַפּיטאַנען פון דער ארבייטער־ארמעע. אָרימע, באַטריגענע ארבייטער! אויב איהר וואָלט נור געוואוסט וויפיעל פון אייערע פיהרער עס זיינען געקויפט געוואָרען אויף אַזאַ מין אופן אין דער פאַרגאַנגענהייט! עס קאָסט ביליגער, אַזוי פיעל ביליגער, אונ־טערצוקויפען אַ גענעראַל, איידער צו קעמפּפען געגען איהם מיט זיין גאַנצער ארמעע. עס זיינען געווען — אָבער איך וועל ניט אָנרופען קיין נעמען. איך בין גענוג ערביטערט וועגען דעם. טייַ־ערע נשמה מיינע, איך בין אַן ארבייטער־קאַפּיטאַן. איך קען זיך ניט פאַרקויפען. אויב ניט אַן אַנדער אורזאַך, וועט דער אָנ־דענקען פון מיין אָרימען פאָטער און ווי ער האָט געארבייט מיך אָפּהאַלטען דערפון.

טרערען האָבען זיך געוויזען אין זיינע אויגען, אָט פון דעם גרויסען העלד מיינעם. ער האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעבען די ענטוויקלונג פון זיין פאָטער — די שמוציגע ליגענס און די קליינינקע גנבות, וואָס ער איז געווען גענויטיגט צו טהאָן, אום צו פאַרשאַפען ברויט פאַר זיינע קינדער.

— מיין פאָטער איז געווען אַ גוטער מענש, — האָט ערנסט מיר איינמאָל געזאָגט. — זיין גייסט איז געווען גוט און דאָך

פאַרקריפּעלט, צוקאַליעטשעט, און טעמפּ דורך דער ברוטאַליטעט פון זיין אַרט לעבען. זיינע באַלעבאַטים האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ דערשלאָגענע בעסטיע, אַ כיטרע בעסטיע. ער וואָלט באַדאַרפט לעבען נאָך היינטיגען טאָג, ווי דיין פאָטער. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקען קערפּער. נור די מאַשין האָט איהם אַריינגעכאַפּט און איהם פאַרמוטשעט צום טוידט — פאַר פּראָפיט. טהו נור אַ טראַכט וועגען דעם — פאַר פּראָפיט. זיין בלוט איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ וויין־מיטאָג, אָדער אַן אונבאַדייטענד שטיקעל ציערונג, אָדער אַן אַנדערע, זינלאָזע שוויינעריי פון די פּאַראַזיטישע פוסטראָן־פּאַסטניקעס, די ליידיג־געהענדיגע רייכע, זיינע באַלעבאַטים, די בעסטיעס, די בעסטיעס.

זיבעטער קאפיטעל.

# דעם בישאָפ׳ס חלום

„דער בישאָפ איז ארויס פון מיין רשות", האָט ערנסט געשריבען צו מיר. „ער איז אין דער לופטען. היינט אבענד געהט ער אָנפאנגען צו פארריכטען אונזער מיזעראבלע וועלט. ער געהט זיי דערלאַנגען זיין דרשה. ער האָט עס מיר אליין געזאָגט. און איך קען איהם ניט צוריקהאלטען. היינט אבענד איז דער פאָרזיצענדער פון דער י. פ. ה. (1) און ער וועט אין זיין פאָררעדע אלס פאָרזיצענדער זיי ארויסזאָגען אלעס, וואָס ער האָט אויפ׳ן הארצען.

„אפשר וואָלט מעגליך געווען, איך זאָל דיך מיטנעהמען אהין, אום דו זאָלסט איהם הערען? נאַטירליך. וועט עס זיין נוצלאָז. דיין הארץ וועט געבראָכען ווערען — אויך זיין הארץ וועט געבראָכען ווערען. נור פאר דיר וועט עס זיין אָן אויסגעצייכענטע באשיינפערליכע לעהרע. דו ווייסט, טייערע מיינע, ווי שטאָלץ איך בין, וואָס דו ליעבסט מיך. און איבער דעם וויל איך, אז דו זאָלסט וויסען מיין פולען ווערט, איך וויל מכפר זיין אין דיינע אויגען, א ביסעל אויף מיין אונווירדיגקייט. און אזוי איז דאָס שוין, דאָס מיין גאוה פארלאַנגט עס, אז דו זאָלסט וויסען, אז מיין ארט דענקען איז ריכטיג. מיינע מיינונגען וועגען דעם זיינען זעהר גרויזאַם; די נוצלאָזיגקייט פון אזא נאָבעלער פערזאָן ווי דער בישאָפ, וועט דיר צייגען די נויטווענדיגקייט פון אזא גרוי־

זאַמקייט. טאָ קומט היינט אבענד. כאָטש די אבענד'ס פּאָ־סירונגען וועלען זיין גאַנץ טרויעריגע, דאָך פיהל איך, אז צוליעב דעם וועסטו ווערען נאָך פיעל נעהנטער צו מיר."

די י. פּ. ה. האָט געהאַלטען איהר קאָנווענשאָן יענע נאַכט אין סאַן־פראַנציסקאָ. (2) די קאָנוועגשאָן איז בארופען געוואָרען צו פאַרהאַנדלען די פראַגע פון עפענטליכע פארברעכענס און די מיטלען פאַר דעם. בישאָפּ מאָרהויז איז געווען פּאָרזיצענדער. ער האָט אויסגעקוקט זעהר נערוועז, זיצענדיג אויף דער פּלאַטפאָרמע, און איך האָב געקענט זעהן, ווי אָנגעשטרענגט ער איז געווען. ביי זיין זייט זיינען געזעסען בישאָפּ דיקינסאָן, ה. ה. דזשאונס, דער עלטסטער פונ'ם עטהישען דעפּאַרטמענט אין דעם קאַליפאָרניער אוניווערזיטעט; פרוי א. וו. הוירד, די גרויסע צדקה־אָרגאַניזאַ־טאָרין; פיליפּ וואָרד, דער גרויסער פילאַנטראָפּ, און פיעל קלע־נערע לייטענדע גייסטער אויפ'ן געביעט פון מאָראַל און צדקה. בישאָפּ מאָרהויז האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט פלוצים אָנ־געפאַנגען:

„איך בין געזעסען אין אַן עקיפּאַזש, פאָהרענדיג דורך די גאַסען. עס איז געווען ביינאַכט. יעדע ווייַלע האָב איך ארויס־געקוקט דורך די פענסטערלעך, און פלוצים האָבען זיך מיינע אויגען געעפענט, און איך האָב געזעהן זאַכען, ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט. צום אָנפאַנג האָב איך פארשטעלט מיינע אויגען מיט די הענד, אום ניט צו זעהן די שרעקליכע סצענען, און דאַן אין דער פינסטער, איז געקומען די פראַגע: וואָס בלייבט צו טהאָן? עטוואָס שפּעטער איז די פראַגע געקומען אין אַן אַנדע־ פאָרם: וואָס וואָלט יעזוס געטהאָן? און מיט דער פראַגע האָט עס אויסגעוויזען, ווי א שטאַרקע ליכטיגקייט האָט אָנגעפילט דאָס פּלאַץ און איך האָב געזעהן מיין פליכט אַזוי קלאָר, ווי די זון, פּונקט ווי שאול האָט געזעהן זיין פליכט אויף זיין וועג קיין דמשק.

„איך האָב אָפּגעשטעלט דעם עקיפּאַזש, האָב ארויסגעשטיגען, און נאָך א פּאָר מינוטען רעדען מיט זיי, האָב איך איבערגערעדט צוויי גאַסען־פרויען, זיי זאָלען מיטפאָהרען אין מיין עקיפּאַזש.

אויב יעזוס איז געווען גערעכט, דאַן זיינען די צוויי אונגליקליכע מיינע שוועסטער. און די איינציגע האָפנונג פאַר זייער ערלעזונג איז געווען מיין ליעבע און צערטליכקייט.

„איך וואוין אין איינעם פון די שעהנסטע געגענדען אין סאַן־פראַנציסקאָ. די הויז, אין וועלכע איך וואוין, קאָסט הונדערט טויזענד דאָלאַר, און די אויסשטאַטונג ביכער און קונסטווערק קאָסטען נאָך אַ מאָל אַזוי פיעל, אויב ניט מעהר. דאָס איז אַ פּאַלאַץ, אין וועלכען עס געפינען זיך פיעל דיענער. איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט צו וואָס פּאַלאַצען זיינען גוט. אָבער יעצט ווייס איך. איך האָב גענומען די צוויי פרויען פון דער גאַס אין מיין פּאַלאַץ, און זיי וועלען וואוינען מיט מיר צוזאַמען. איך האָף אָנצופילען יעדעס צימער אין מיין פּאַלאַץ מיט אַזעלכע שוועסטער, ווי זיי זיינען."

די פאַרזאַמעלטע זיינען געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אונרוהיג, און די פּנים׳ער פון די, וואָס זיינען געזעסען אויפ׳ן פּלאַטפאָרמע, האָבען ארויסגעוויזען מעהר און מעהר פאַרדרוס און איבערראַשונג. און ביי דעם פּונקט האָט זיך בישאָפ דיקינסאָן אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און מיט אַן אויסדרוק פון עקעל אויף זיין פּנים, איז ער אראָפּ פון פּלאַטפאָרם און האָט פאַרלאָזען דעם זאַל. נור בישאָפ מאָרהויז, פאַרגעסענדיג אַלעמען, זיינע אויגען פאַרנומען מיט זיין פאַנטאַסטישער ערשיינונג, האָט פאָרטגעזעצט:

„אָה, שוועסטער און ברידער, אין אַזאַ האַנדלונג געפין איך די לעזונג פון אַלע מיינע שווערע פּראָבלעמען. איך האָב ניט געוואוסט צו וואָס עקיפּאַזשען זיינען געמאַכט, נור יעצט ווייס איך. זיי זיינען געמאַכט צו פיהרען אין זיי די שוואַכע, די קראַנקע און די אַלטע; זיי זיינען געמאַכט צו צייגען עהרע צו יענע, וואָס האָבען זאָגאַר פאַרלוירען דעם אינסטינקט פון בושה.

„איך האָב ניט געוואוסט צו וואָס פּאַלאַצען זיינען געבויט; אָבער יעצט האָב איך געפונען אַ נוץ פאַר זיי. די קירכען־פּאַלאַצען דאַרפען זיין האָספּיטעלער און ערציהונגס־אַנשטאַלטען פאַר די

יעניגע, וואָס זיינען געפאַלען אין וועג און האַלטען ביים אונטער־געהן.״

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א לאַנגער ווײַלע, און עס איז געוועזן צו באַמערקען, אַז ער איז באַזיעגט פון זיינע געדאַנקען, און זעהר נערוועז ווי צום בעסטען זיי אויסצודריקען.

„איך בין ניט פעהיג, טייערע ברידער, אייך צו זאָגען עטוואָס וועגען מאָראַל. איך האָב געלעבט אין שאַנד און היפּאָקריטסטוואָ צו לאַנג, אום איך זאָל קענען העלפען אַנדערע; נור מיין האַנדלונג מיט די פרויען, מיינע שוועסטער, ציינט מיר, אַז עס איז לייכט אויסצוגעפינען דעם בעסערען וועג. צו די יעניגע, וואָס גלויבען אין יעזוס׳ען און זיינע לעהרען, קען קיין אַנדער באַציהונג ניט זיין צווישען מענש און מענש, ווי די באַציהונג פון ליעבע. ליעבע זעלבסט איז שטאַרקער פון זינד — שטאַרקער פונ׳ם טוידט. דאַ־רום זאָג איך צו די רייכע צווישען אייך, דאָס עס איז זייער פליכט צו טהאָן, וואָס איך האָב געטהאָן און וואָס איך טהו יעצט. זאָל יעדער איינער פון אייך, וואָס איז רייך גענוג, אריינגעהמען אין זיין הויז א וועלכען עס איז גנב און איהם באַהאַנדלען ווי זיין ברודער; וועלכער עס איז אונגליקליכע און איהר באַהאַנדלען ווי זיין שוועסטער, און סאַן־פראַנציסקאָ וועט זיך ניט נויטיגען אין א פּאָליציי און קיינע ריכטער; די טורמעס וועלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין האָספּיטעלער, און דער קרימינאַל און זיינע פאַרברע־כענס וועלען פאַרשווינדען.

„מיר מוזען אוועקגעבען זיך זעלבסט און ניט אונזער געלד. מיר מוזען טהאָן ווי קריסטוס האָט געטהאָן; אָט דאָס איז די אויפגאַבע פון דער קירך היינט. מיר האָבען אוועקגעבלאָנדזשעט וויים פון יעזוס׳עס לעהרען. מיר זיינען אריינגעטהאָן אין אונ־זערע פלייש־טעפּ. מיר האָבען אוועקגעשטעלט מאַמאָן אויפ׳ן פּלאַץ פון קריסטוס. איך האָב מיט מיר א פּאָעמא, וואָס דער־צעהלט די גאַנצע געשיכטע. איך וועל עס איבערלעזען פאַר אייך. עס איז געשריבען געוואָרען פון א בלאָנדזשענדער נשמה און וואָס האָט דאָך געזעהן קלאָר. (3) איהר מוזט עס ניט אָננעהמען אַלס

אַ באַליידיגונג פאַר דער קאַטוילישער קירך. עס איז אַן אַנגריף אויף אַלע קירכען, אויפ'ן גלאַנץ און פּראַכט פון אַלע קירכען, וועלכע האָבען אַוועקגעוואַנדערט פון גאָט'ס וועג און זיך אויס־באַהאַלטען פון זיינע שעפּעלאַך. אָט איז דאָס ליעד:

די זילבערנע גלעקער האָבען געקלונגען איבער דער קירך;
די מענשען האָבען געקניעט אויף דער ערד מיט שרעק;
און געטראָגען אויף די העלזער פון די מענער האָב איך געזעהן,
ווי אַ גרויסער גאָט, דעם הייליגען לאָרד פון רוים.

גלח'יש האָט ער געטראָגען אַ מאַנטעל ווייסער פון שוים,
און מאַיעסטעטיש געקליידט אין קעניגליכען רויטען,
דריי גאָלדענע קרוינען האָבען באַציערט זיין קאָפּ;
און אין פּראַכט און גלאַנץ איז דער פּאַפּסט אַהיים געגאַנגען.

מיין הארץ האָט צוריק געבליקט איבער פיעל יאָהרען
צו איינעם, וואָס האָט געוואַנדערט איינזאַם ביים ים;
און אומזיסט האָט ער געזוכט אַ רוה־פּלאַץ;
פוקסען האָבען נאָרעס און יעדער פויגעל זיין נעסט.
איך, בלויז איך, מוז אַ מיעדער אומוואַנדערען
און פאַרוואונדען מיינע פיס, און טרינקען ווייַן געזאַלצען
מיט טרערען.

די פאַרזאַמעלטע האָבען אויסגעוויזען צו זיין גערירהרט, נור ניט היגגעריסען. דאָך בישאָפּ מאָרהויז האָט עס ניט באַמערקט. ער האָט געהאַלטען אין איין רעדען.

— און דערפאַר זאָג איך אַזוי צו די רייכע צווישען אייך: איהר אונטערדריקט שווערליך דעם לאָרד'ס שעפּעלעך. איהר האָט פאַרהאַרטעוועט אייערע הערצער. איהר האָט פאַרשטאָפּט אייערע אויערען צו די שטימען, וואָס לאָזען זיך הערען איבער'ן גאַנצען לאַנד — די שטימען פון פיין און טרויער, וואָס איהר

ווילט ניט הערען, נור וואָס וועלען ווען עס איז יאָ געהערט ווערען.
און דארום זאָג איך —

נור אין דיזען מאָמענט האָבען ה. ה. דזשאָונס און פיליפּ וואָרד, וועלכע האָבען זיך נאָך פריהער אויפגעהויבען פון זייערע שטולען, אראָפּגעפיהרט דעם בישאָפּ פון דער פּלאַטפאָרם, בעת די פארזאמעלטע זיינען געזעסען ערשטוינט און אָטעמלאָז.

ערנסט האָט ווילד און גרויזאם געלאכט, ווען מיר זיינען ארויס אויפ׳ן גאס. זיין געלעכטער האָט מיך אויפגערודערט. מיין הארץ איז מיר שיער צושפּרונגען געוואָרען פון מיינע אונ־טערדריקטע טרערען.

— ער האָט זיי מיטגעטיילט זיין שליחות, — האָט ערנסט געשריען. — דאָס מענשליכע און די טיעף פארבאָרגענע צארטע נאטור פון זייער בישאָפּ האָט ארויסגעפּלאצט, און די קריסטליכע געמיינדע, וואָס האָט איהם פריהער ליעב געהאט, האָט באשלאָ־סען, אז ער איז משוגע! האָסטו געזעהן, ווי באזאָרגט זיי זיינען געווען, ווען זיי האָבען איהם אראָפּגעפיהרט פון דער פּלאַטפאָרמע? דער גיהנום האָט געמוזט הילכען פון געלעכטער ביי דעם ספּעק־טאקעל.

—פונדעסטוועגען וועט דאָס, וואָס דער בישאָפּ האָט געזאָגט היינט אבענד, מאכען א גרויסען איינדרוק, — האָב איך געזאָגט.

—דענקסטו אזוי? — האָט ערנסט שפּאָטיש געפרעגט.

— עס וועט אָנמאכען א רושם, — האָב איך ווידערהאָלט. — האָסטו ניט געזעהן די צייטונגס־שרייבער, שרייבענדיג שנעל ווי משוגעים, ווען ער האָט גערעדט?

— פון וואָס זאָגאר איין שורה וועט ניט ערשיינען אין די מאָרגענדיגע צייטונגען.

— איך קען עס ניט גלויבען, — האָב איך געשריען.

— טאָ וואַרט און דו וועסט זעהן, — איז געווען דער ענט־פער. — ניט א שורה, ניט איין געדאנק, וואָס ער האָט אויסגע־שפּראָכען. די טעגליכע פּרעס? די טעגליכע פּראָסטיטוטקע?

— אָבער די רעפּאָרטערס, — האָב איך אויסגעזעצט דאַ־גענען, — איך האָב זיי געזעהן.

— ניט אַ וואָרט, וואָס ער האָט אויסגערעדט, ועט ווערען געדרוקט. דו האָסט פאַרגעסען די רעדאַקטאָרען. זיי קריגען זייער געהאַלט פאַר דער שטעלונג, וועלכע זיי נעהמען. זייער האַלטונג איז ניט צו דרוקען עטוואָס, וואָס איז אַ געפאַהר פאַר דער עקזיס־טירענדער אָרדנונג. דעם בישאָפּ׳ס רעדע איז געווען אַ שרעקלי־כער אנגריף אויף דער עקזיסטירענדיגער אָרדנונג. עס איז געווען אפּיקורסות. זיי האָבען איהם אַרונטערגעפיהרט פון דער פּלאַט־פאָרם, כדי ער זאָל מעהר קיין אפּיקורסות ניט אויסרעדען. די צייטונגען וועלען ציטירען זיין אפּיקורסות דורך פאַרשווייגען עס אין גאַנצען. די פּרעס פון די פאַראייניגטע שטאַאטען? עס איז אַ פּאַראַזיטישער געוויקס, וואָס ווערט פעט פון דעם קאַפּיטאַליס־טישען קלאַס. איהר אַרבייט איז צו דיענען דער עקזיסטירענדיגער אָרדנונג און פאָרמירען אַן עפענטליכע מיינונג, און זי דיענט דעם קלאַס זעהר גוט.

— לאָז מיך פּראָפעצייהען. די מאָרגענדיגע צייטונגען וועלען בלויז שרייבען, אַז דעם בישאָפּ׳ס געזונד איז ניט זעהר גוט, אַז ער האָט געאַרבייט זעהר שווער, און אַז ער איז קראַנק געוואָרען לעצטען אבענד. אין עטליכע טעג אַרום וועט מען ווייטער שריי־בען, אַז ער ליידעט פון נערווען־צושטערונג און אַז זיין דאַנקבאַרע געמיינדע האָט איהם געגעבען אַ מעגליכקייט זיך אויסצורוהען. נאָך דעם וועט איינס פון די צוויי פּאַסירען: אָדער דער בישאָפּ וועט אנערקענען זיין טעות און וועט זיך אומקעהרען פון זיין וואַקאַציע אַ געזונדער מענש, וועלכער זעהט ניט מעהר קיין פאַנ־טאַסטישע זאכען, אָדער ער וועט אָן אַלץ זיך האַלטען ביי זיין משוגעת, און דאַן מעגסטו זיין זיכער צו זעהן אין די צייטונגען אַן ערקלערונג, איינגעהילט אין צערטליכקייט, אַז ער איז משוגע. נאָך דעם וועט מען איהם לאָזען פּלאַפּלען זיינע פאַנטאַזיעס צו די ווענט פון אַ משוגעים־הויז.

— דו גערהסט שוין אַ ביסעל צו־ווייט! — האָב איך אויס־געשריען.

— אין די אויגען פון דער געזעלשאַפט וועט עס זיכער זיין משוגעת, — האָט ער געענטפערט. — וועלכער עהרליכער מענש, וואָס איז ניט משוגע, וועט אריינגעהמען פאַרשטויסענע פרויען און גנבים אין זיין הויז, צו וואוינען מיט זיי ווי מיט שוועסטער און ברידער? אמת, קריסטוס איז געשטאָרבען צווישען צוויי גנבים, אָבער דאָס איז אַ גאַנץ אַנדערע געשיכטע. משוגעת! די גייסטיגע פּראָצעסען פונ'ם מענשען, מיט וועלכען איינער שטימט ניט איין, זיינען אימער פאַררעכענט אַלס ניט־נאָרמאַל. וואו איז דער גרענעץ צווישען ניט ריכטיגען דענקען און משוגעת? עס איז אונבאַגרייפליך, אַז אַ וועלכער עס איז קלוגער מענש זאָל אַזוי פאַלשטענדיג ניט איינשטימען מיט מיינע געזונטע באַשלוסען.

— עס איז דאָ אַ גוטער ביישפּיעל אין די היינטיגע אָבענד־צייטונגען. מערי מעקקענא וואוינט אויף מאַרקעט סטריט. זי איז אַן אָרימע, אָבער עה־ליכע פרוי. זי איז אויך אַ פּאַטריאָטקע, נור זי האָט פאַלשע מיינונגען וואָס אַנבאַלאַנגט דער אַמעריקאַנער פאָהן און די באַשיצונג, וועלכע עס סימבאַליזירט. און אָט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איהר: איהר מאַן האָט געטראָפען אַן אונ־גליק און ער איז געבליבען ליגען אין האָספּיטאַל דריי מאָנאַטען. כאָטש זי האָט געוואַשען און געטהאָן אַנדערע אַרבייט פאַר פרעמ־דע, איז זי געבליבען הינטערשטעליג אין דירה־געלד. נעכטען האָבען זיי איהר אַרויסגעשטעלט אויפ'ן גאַס. נור צוערשט האָט זי אויסגעשפּרייט אַן אַמעריקאַנער פאָהן, און פון אונטער דער פאָהן האָט זי אַנאָנסירט, אַז אין זכות פון באַשיצונג, וואָס די פאָהן גיט איהר, קענען זיי איהר ניט אַרויסשטעלען אויף דער קעלט אין גאַס. וואָס האָט מען געטהאָן? מען האָט זי אַרעס־טירט און אָנגעקלאָגט אין משוגעת. היינט האָבען זי עקספּערטען אונטערזוכט. זי איז ערקלערט געוואָרען אַלס משוגע, און מען האָט איהר אַוועקגעשיקט אין משוגעים־אַנשטאַלט.

— אָבער דו פאַרקריכסט שוין צו ווייט, — האָב איך אויס־

געזעצט. — למשל, אַז איך שטים ניט איין מיט אַלעמען וועגן דעם ליטעראַרישען סטייל פון אַ בוך, וועלען זיי מיר דאָך ניט שיקען אין משוגעים־אַנשטאַלט דערפאַר.

— אמת, — האָט ער געענטפערט. — אָבער אַזאַ מיינונגס־פאַרשיעדענהייט איז ניט פאַררעכענט אַלס אַ געפאַהר פאַר דער געזעלשאַפט. אָט אין דעם איז דער חלוק. די מיינונגס־פאַרשיע־דענהייט פון מערי מעקקענאַ און דעם בישאָפּ'ס סטראַשען אָבער יאָ דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. וואָס וואָלט געווען, אויב אַלע אָרימע זאָלען זיך ענטזאַגען צו צאָהלען דירה־געלד און זוכען שוץ אונטער דער אַמעריקאַנער פאָהן? לאַנד־באַזיץ וואָלט אונטער־געגאַנגען. דעם בישאָפּ'ס מיינונגען זיינען פונקט אַזוי געפעהרליך פאַר דער געזעלשאַפט. דעריבער — אין משוגעים־הויז!

נור איך האָב פונדעסטוועגען איהם ניט געוואָלט גלויבען.

— וואַרט און זעה, — האָט ערנסט געזאָגט, און איך האָב געוואַרט.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָב איך אַרויסגעשיקט נאָך אַלע צייטונגען. אַזוי ווייט האָט ערנסט געהאַט רעכט: ניט אַ וואָרט, וואָס בישאָפּ מאָרהויז האָט געזאָגט, איז געדרוקט גע־וואָרען. אין איינע אָדער צוויי צייטונגען האָט מען יאָ דערמאָנט, אַז זיינע געפיהלען האָבען גענומען די אויבער־האַנד. דאָך זיינען די אַלע פּלאַכע רעדען פון די אַנדערע רעדנער איבערגעגעבען גע־וואָרען מיט אַלע איינצעלהייטען.

עטליכע טעג נאָכדעם איז ערשיענען אַן ערקלערונג, אַז ער, דער בישאָפּ, איז אָפּגעפאָהרען, כדי זיך צו ערהאָלען פון זיין שווערער אַרבייט. אַזוי ווייט איז געווען ריכטיג, אָבער ניט אַ וואָרט וועגען משוגעת, אפילו ניט וועגען נערוועז־קראַנקהייט. מיר האָט זיך ווייניג וואָס גע'חלום'ט וועגען דעם שרעקליכען וועג, וואָס איז דעם בישאָפּ געווען באַשערט דורכצומאַכען — די פּיין און די קרייציגונג, וועגען וועלכע ערנסט האָט געטראַכט.

אכטער קאפיטעל

# די מאַשין־ברעכער

עס איז געווען פונקט איידער ערנסט איז געלאָפען אויפ'ן סאָציאַליסטישען טיקעט פאר קאָנגרעס, ווען מיין פאָטער האָט פאראנשטאלט, וואָס ער האָט גערופען „א פראָפיט און שאדען מאָהלצייט". ערנסט האָט עס גערופען די „מאשין־ברעכער מאָהל־צייט". נור אין דער ווירקליכקייט איז דאָס געווען א מאָהלצייט פאר געשעפטס־לייט, קליינע געשעפטס־לייט, נאטירליך. איך צווייפעל, אויב זאָגאר איינער פון זיי איז געווען פאראינטערע־סירט אין א געשעפט, אין וועלכען דער גאנצער קאפיטאל האָט געגרייכט צוויי הונדערט טויזענד דאלאר. זיי זיינען געווען אמת'ע מיטגליעדער פון דעם מיטעל־קלאס.

אָוועז, פון דיר פירמע סילווערבערג, אָוועז און קאָמפּאניע — א גרויסע גראָסערי־פירמע מיט עטליכע קלייטען, איז דארטען געווען. מיר האָבען געקויפט אונזער עסענוואַרג ביי זיי. ביידע שותפים פון דער אפטייק־פירמע קאָוואלט און וואשבורן זיינען אויך געווען, און הערר אדמונדסאָן, דער אייגענטימער פון א גרוי־סען גראניט־שטיין־גרוב אין קאנטרא קאסטא, איז געווען ביים מאָל־צייט. און עס זיינען געווען פיעל עהנליכע מענער, אייגענטימער אָדער שותפים פון קליינע פאבריקען, קליינע געשעפטען, קליינע אינדוסטריען — אין קורצען, קליינינקע קאפיטאליסטלעך.

זיי האָבען געהאט כיטרע פּנים'ער, גאנץ אינטרעסאנטע מענ־שען, און האָבען גערעדט פּשוט און צו דער זאך. זייער איינשטי־מיגע קלאגע איז געווען געגען די קאָאָפּעראציאָנען און טראסטס.

זייער געשריי איז געווען: „ברעכט די טראַסטס!” און יעדער איינער האָט געהאַט די זעלביגע קלאַגע־געשיכטע צו דערצעהלען. זיי האָבען פאַרגעשלאָגען רעגיערונגס־באַזיץ פון אַזעלכע טראַסטס, ווי די אייזענבאַהנען און טעלעגראַפען, און אונגעהויער גרויסע איינ־קונפטס־טעקסעס, אום צו פאַרמיידען די אָנזאַמלונג פון גרויסע פארמעגענס. צו דער זעלבער צייט האָבען זיי פאָרגעשלאָגען, אַלס אַ רפואה געגען די שטאָדטישע געמיינהייטען, דעם געמיינ־שאַפטליכען באַזיץ פון עפענטליכע נויטווענדיגקייטען, ווי וואַסער, גאַז, טעלעפאָנען און גאַסען־באַהנען.

צום מעהרסטען אינטערעסאַנט איז געווען הערר אַדמונדסאָן׳ס קלאַגע וועגען זיינע צרות, וואָס ער שטעהט זיך אויס אַלס אַ שטיין־גרוב־אייגענטימער. ער האָט מודה געווען, אַז ער האָט קיינמאָל ניט פאַרדיענט קיין געלד אין זיין שטיין־גרוב, כאָטש ער האָט פאַרקויפט זעהר פיעל סחורה צוליעב דער ערד־ציטערניש, וואָס האָט חרוב געמאַכט סאַן־פראַנציסקאָ. זעקס יאָהר האָט גע־נומען דאָס ווידער־אויפבויען פון סאַן־פראַנציסקאָ, און זיינע גע־שעפטען האָבען זיך פאַרמעהרט אַרום אַכט מאָל, און דאָך זיינע אומשטענדען זיינען ניט בעסער, ווי פריהער.

— די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניע ווייסט מיין געשעפט אַ ביסעל בעסער ווי איך אַליין, — האָט ער געזאָגט. זי ווייסט מיינע אַר־בייטס־אויסגאַבען ביז צו אַ סענט, און זי ווייסט די פונקטען פון מיינע קאָנטראַקטען. ווי אַזוי זי ווייס דאָס, קען איך זיך בלויז משער זיין. זי מוז האָבען שפּיאָנען צווישען מיינע אַרבייטער, און זי האָט געוויס אַ וועלכען עס איז פאַרקעהר מיט די מענשען, וואָס מאַכען קאָנטראַקטען מיט מיר. ווייל, קוקט זיך איין, יעדעס מאָל, וואָס איך שליס אַ גרויסען קאָנטראַקט, מיט פונקטען, וועלכע ערלויבען מיר אַ נייש־קשה׳דיגען פּראָפיט, ווערט דער פראַכט־פּרייז פון מיין שטיינגרוב צום מאַרקויף־פּלאַץ גלייך געהעכערט. דאַגע־גען, ווען עס האָט זיך געמאַכט אַן אונגליקס־פאַל, גרעסערע אַר־בייטס־אויסגאַבען, אָדער קאָנטראַקטען מיט ניט אַזעלכע גינסטיגע פונקטען, קען איך יאָ פועל׳ן ביי דער קאָמפּאַניע, אַז זי זאָל אַרונ־

טערלאָזען פון פרייז. וואָס איז דער רעזולטאַט? גרויסע אָדער קליינע פאַרדיענסטען, די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניע קריגט זיי.

— וואָס עס בלייבט אייך איבער מעהר, וויפיעל עס קאָסט אייך, — האָט ערנסט איבערשלאָגענדיג איהם געפרעגט, — איז מסתמא דער געהאַלט, וואָס איהר וואָלט געקראָגען אַלס פאָרמאַן ביי זיי, ווען די שטיין־גרוב וואָלט געווען זייערע.

— ריכטיג, — האָט אדמונדסאָן געענטפערט. — בלויז מיט אַ קורצער צייט פריהער האָב איך איבערגערעכענט מיינע ביכער פאַר די לעצטע צעהן יאָהר. איך האָב ענטדעקט, אַז פאַר די לעצטע צעהן יאָהר זיינען מיינע פאַרדיענסטען געווען גלייך ווי אַן אויפזעהער'ס געהאַלט. די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניע וואָלט פּונקט אַזוי געקענט באַזיצען די שטיין־גרוב און מיך דינגען אַלס אויפ־זעהער.

— אָבער מיט דער אונטערשייד, — האָט ערנסט געלאַכט:

— די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניע וואָלט באַדאַרפט נעהמען אויף זיך די ריזיקע, וועלכע איהר טראָגט אויף אייערע פּלייצעס.

— אויך אמת, — האָט הערר אדמונדסאָן טרויעריג גע־ענטפערט.

נאָך דעם, ווי ער האָט זיי אַלעמען געלאָזט זיך אויסרעדען, האָט ערנסט גענומען פאַרוואַרפען זיי מיט פראַגען. ער האָט אָנ־געפאַנגען מיט הערר אָווען.

— איהר האָט אויפגעעפענט איינע פון אייערע געוועלבען דאָ אין בערקלי, אַרום זעקס מאָנאַטען צוריק?

— יאָ, — האָט אָווען געענטפערט.

— און זייט דאַן האָב איך באַמערקט האָבען זיך די דריי קליינע קלייטלעך צוגעמאַכט. איז אייער קלייט געווען שולדיג אין דעם?

הערר אָווען האָט עס באַשטעטיגט מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל: — זיי האָבען ניט געהאַט קיין שאַנס געגען אונז.

— וואַרום ניט?

— מיר האָבען אַ גרעסערען קאַפּיטאַל, און אין אַ גרעסערען געשעפט איז אימער דאָ מעהר טאָלק און וועניגער פּארלוסט.

— און אייער קלייט האָט איינגעשלונגען די פּראָפּיטען פון די דריי קלענערע? איך זעה עס איין. אָבער זאָגט מיר נור, וואָס איז געוואָרען פון די אייגענטימער פון די דריי קליטען?

— איינער טרייבט אַ וואָגען פאַר אונז, און וואָס די אנדערע טהוען ווייס איך ניט.

ערנסט האָט פּלוצלינג זיך געווענדעט צו הערר קאוועלט:

— איהר פארקויפט זעהר פיעל סחורה אויף אַ ניעדריגען פּרייז. (1) וואָס איז געוואָרען פון די אייגענטימער פון די קליינע אַפּטייקען, וועלכע איהר האָט צוגעדריקט צום וואנד?

— איינער פון זיי, הערר האוזפורטהער, איז דער אויפזעהער פון אונזער רעצעפּט־דעפּאַרטמענט, — איז געוועזן דער ענטפער.

— און איהר האָט איינגעשלונגען די פּראָפּיטען, וואָס זיי האָבען געמאַכט?

— געוויס. דערפאַר זיינען מיר אין געשעפט.

— און איהר? — האָט ערנסט פּלוצלינג געזאָגט צו הערר אַדמונדסאָן, — איך פאַרדריסט, ווייל די אייזענבאהן־קאָמפּאַניע נעהמט צו אייערע פּראָפּיטען?

הערר אַדמונדסאָן האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— וואָס איהר ווילט, איז צו האָבען די פּראָפּיטען פאַר זיך?

ער האָט ווידער צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— פּראָפּיטען פון אנדערע מענשען?

אַדמונדסאָן האָט ניט געענטפערט.

— פון אנדערע מענשען? — האָט ערנסט איהם צוגעשפּאַרט.

— אַזוי ווערען פּראָפּיטען געמאַכט, — האָט הערר אַדמונדסאָן לאַקאָניש געענטפערט.

— אויב אַזוי, בעשטעהט דער געשעפט־שפּיעל אין דעם:

צו מאכען פּראָפיטען פון אנדערע און צוריק צו האַלטען אנדערע פון מאכען פּראָפיטען פון אייך. אָט דאָס מיינט עס, אפשר ניט?

ערנסט האָט געמוזט ווידערהאָלען זיין פראַגע, איידער הערר אדמונדסאָן האָט געענטפערט און דאַן האָט ער געזאָגט:

—יא, דאָס מיינט עס, אויסער וואָס מיר האָבען ניט דאַגעגען וואָס אנדערע מאכען פּראָפיטען פון אונז, אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען ניט געגומען מיט געוואַלד און זיינען ניט גרויס.

— גרויס זאָגט איהר, דאָך זאָגט איהר זיך ניט אָפּ פון גרויסע פּראָפיטען... זיכער ניט?

און הערר אדמונדסאָן האָט געמיטליך מודה געווען אויף זיין שוואכקייט. עס איז געווען נאָך איין מאַן, וועמען ערנסט האָט אויסגעפרעגט ביי דיזען פּונקט, א הערר קאַלווין, וועלכער איז אמאָל געווען דער אייגענטימער פון א מילך־געשעפט.

— מיט א קורצער צייט צוריק האָט איהר געקעמפט געגען מילך־טראָסט, — האָט ערנסט געזאָגט צו איהם, און היינט זייט איהר גאָר פארנומען מיט פּאָליטיק. (2) ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט?

— אָה, איך האָב נאָך דעם קאַמפּף ניט אויפגעגעבען, — האָט הערר קאַלווין געענטפערט, און ער האָט אויסגעקוקט קאַמפּפס־לוסטיג גענוג. — איך קעמפּף געגען טראָסט אויפ׳ן איינציגען פעלד, וואָס איז מעגליך צו קעמפּפען, אויפ׳ן פּאָליטישען פעלד. לאָזט מיר אייך צייגען. מיט איינינע יאָהר צוריק האָבען מיר, מילך־לייט, געקענט טהאָן וואָס מיר האָבען געוואָלט.

— אָבער איהר האָט קאָנקורירט צווישען זיך, — האָט ערנסט איהם איבערגעשלאָגען.

— יאָ. דערפּאַר האָבען מיר געהאַט קליינע פּראָדיענסטען. מיר האָבען געפּרובירט זיך צו אָרגאַניזירען, נור אונאבהענגיגע מילך־לייט האָבען אונז אימער געשטערט. נאכהער איז געקומען דער מילך־טראָסט.

— פינאַנסירט מיט א גרויסען קאַפּיטאַל פון סטענדארד אָיל (3) — האָט ערנסט געזאָגט.

יאָ, — האָט הערר קאַלווין צוגעשטימט, — נור מיר האָבען עס ניט געוואוסט צו יענער צייט. זיינע אַגענטען זיינען געקומען צו אונז מיט אַ נאַגאַיקע: „קומט אריין און ווערט פעט" — אַ געווען זייער פּאָרשלאָג — אָדער בלייבט אויסען און געהט אויס פון הונגער. די מעהרסטע פון אונז זיינען אריין. די יעניגע, וואָס זיינען ניט אריינגעטראָטען, זיינען אויסגעגאַנגען. אָה, פון אָנפאַנג האָט זיך עס באַצאָהלט. מילך האָט געשטיגען אַ סענט אויפ'ן קוואָרט. איין פערטעל פון דעם סענט איז אריינגעפאַלען צו אונז. דריי־פערטעל זיינען געגאַנגען צום טראָסט. דאַן איז מילך געשטיגען נאָך איין סענט. אָבער מיר האָבען פון דעם סענט שוין גאָר ניט געקראָגען. אונזערע קלאָגען האָבען אונז ניט געהאָלפען. דער טראָסט האָט געהאַט די קאָנטראָל. מיר האָבען ענטדעקט, אַז מיר זיינען געווען פּשוט'ע סאָלדאַטען. ענדליך האָט מען אונז דאָס פערטעל פונ'ם סענט אויך ענטזאָגט. דאַן האָט אונז דער טראָסט גענומען ארויסשטופּען. וואָס האָבען מיר געקענט טהאָן? מיר זיינען ארויסגעשטופּט געוואָרען, און אויס מילך־לייט, בלויז אַ מילך־טראָסט.

— אָבער אַז מילך איז געווען צוויי סענט העכער, וואָלט איהר דאָך, דוכט זיך, געקענט קאָנקורירען, — האָט ערנסט ביטרע פאַר־געשלאָגען.

— מיר האָבען טאַקע אַזוי געדענקט. מיר האָבען עס פּרו־בירט. — הערר קאַלווין האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט. — עס האָט אונז געמאַכט פאַר אָרימע לייט. דער טראָסט האָט געקאָנט פאַרקויפען מילך פאַר ביליגער ווי מיר. ער האָט געקאָנט פאַר־קויפען מיט אַ קליינעם פאַרדיענסט, בעת מיר האָבען פאַרקויפט מיט פאַרלוסט. איך האָב פאַרלאָרען פופציג טויזענד דאָלאַר אין יענער אונטערנעהמונג. פיעל פון אונז האָבען באַנקראָטירט. די מילך־לייט זיינען ווי אָפּגעווישט געוואָרען פון דער ערד.

— הייסט עס, דער טראָסט האָט צוגענומען אייערע פּראָפיטען פון אייך, — האָט ערנסט געזאָגט, — און איהר זייט אריינגע־טראָטען אין פּאָליטיק אום צו מאַכען געזעצען ארויסצוטרייבען

דעם טראסט און איהר זאלט קענען קריגען די פראפיטען צוריק?

הערר קאלווין'ס פנים איז ליכטיג געווארען. — דאס איז פונקט וואס איך זאג צו די פארמערס אין מיינע רעדעס. דאס איז אונזער גאנצע אידעע איבערגעגעבען אין קורצען.

— און דאך פראדוצירט דער טראסט מילך פיעל ביליגער, ווי דער אונאבהענגיגער מילך־מאן? — האט ערנסט געפרעגט.

— ווארום זאל ער עס ניט טהאן, מיט דער פראכטפולער ארגאניזאציע און די נייע מאשינעריע וואס ער קען קויפען מיט זיין גרויסען קאפיטאל?

— קיינער דיסקוטירט ניט דיזען פונקט, — האט ערנסט גע־ענטפערט. — גאנץ געוויס, ער קען עס טהאן, און נאך מעהר, ער טהוט עס.

הערר קאלווין האט זיך פאנאנדערגעלאזט אין א פאליטישער רעדע, ערקלערענדיג זיינע מיינונגען. פיעל אנדערע האבען איהם נאכגעפאלגט, און דער אלעמיינער געשריי איז געווען צו פארניכ־טען די טראסטס.

— ארימע, איינפאכע נארונים, — האט ערנסט געזאגט צו מיר שטילערהייט, — זיי זעהן זעהר גוט אזוי ווייט, ווי זיי זעהן, אבער זיי זעהן ניט ווייטער פון זייערע שפיץ־נעזער.

א ביסעל שפעטער האט ער געקראגען דאסווארט נאך אמאל, און אויף זיין כאראקטעריסטישען שטייגער האט ער זיי קאנטראָ־לירט דעם גאנצען אבענד.

— איך האב אייך אלעמען אויפמערקזאם אויסגעהערט היינ[illegible] אבענד, — האט ער אנגעפאנגען, — און איך זעה, אז איהר שפיעלט דעם געשעפט־שפיעל אויף דעם אלטען ארטאדאקסישען אופן. לעבען ביי אייך הייסט מאכען מעהר פראפיט. איהר האט א פעסטען גלויבען, אז איהר זייט באשאפען געווארען אין דער וועלט מיט'ן איינציגען צוועק צו מאכען פראפיטען. נור עס איז דא איין שטיקעל אפהאלט. אט אין סאמע מיטען פון אייער שארען פארדיענסט קומט דער טראסט און נעמט אייערע פראפי־טען צו. דאס איז א רעטעניש, וואס קומט אין צוזאמענשטויס

מיט'ן צוועק פון דער באשאפונג, און דער איינציגער צוועק צו לעזען די רעטעניש איז צו פארניכטען די יעניגע, וואס נעהמען צו אייערע פראפיטען; אזוי גלויבט איהר.

— נון, איך האב זיך צוגעהערט צו אייך זעהר אויפמערקזאם, און עס איז דא בלויז איין נאמען, וואס קען אייך כאראקטעריזירען. איהר זיינט „מאשין־ברעכער“. ווייסט איהר וואס א מאשין־ברעכער איז? לאזט מיר אייך זאגען. אינ'ם אכטצעהנטען יאהרהונדערט האבען מענער און פרויען אין ענגלאנד געוועבט מאטעריע אויף וועב־שטוהלען אין זייערע אייגענע שטיבלעך. עס איז געווען א לאנגזאמער, אומגעלומפערטער און קאסטבארער וועג צו וועבען. דאן איז געקומען די דאמפף־מאשין און די ארבייט־שפארענדע מאשינעריע. טויזענד וועב־שטוהלען פארזאמעלט אין איין פאבריק און געטריבען פון א צענטראלער מאשין האט געוועבט מאטעריע פיעל ביליגער ווי די הויז־וועבער האבען עס געקענט טהאן אויף זייערע האנד־ווערקשטאטען. דא אין דער פאבריק איז געווען דער פרינציפ פון קאמבינאציע, און עס האט פארטריבען קאנקורענץ. די מענער און פרויען, וואס האבען געארבייט אויף די וועב־שטוהלען פאר זיך זעלסט, זיינען יעצט אוועק אין פאבריק און האבען געארבייט אויף די מאשין־וועב־שטוהלען, ניט פאר זיך, נור פאר די קאפיטאליסטישע אייגענטימער. נאך מעהר, קליינע קינדער זיינען געגאנגען ארבייטען אויף די מאשינען פאר א קלענערען לוין, און האבען צוגענומען די פלעצער פון די מענער. דאס האט געבראכט שלעכטע צייטען פאר די מענער. זייערע לעבענס־מיטעל זיינען געווען ווייניג. זיי האבען געליטען פון הונגער. און זיי האבען געזאגט, אז די מאשינען זיינען געווען שולדיג אין דעם. דארום האבען זיי זיך גענומען ברעכען די מאשין. זיי זיינען ניט געווען ערפאלגרייך, און זיי זיינען געווען זעהר נאריש מיט דעם.

— דאך האט איהר זיך ניט אפגעלערנט פון זיי. אט זייט איהר אנדערהאלבען הונדערט יאהר שפעטער, און איהר פרובירט אלץ צו צוברעכען די מאשינען. לויט אייערע אייגענע ווערטער,

טהוען די טראָסט־מאַשינען די ארבייט פיעל בעסער און ביליגער, ווי איהר קענט עס טהאָן. דערפאר קענט איהר מיט זיי ניט קאָנקור־רירען. און דאָך ווילט איהר צוברעכען די מאַשינען! איהר זייט זאָגאר מעהר אונוויסענד, ווי די אונוויסענדע ענגלישע אר־בייטער. און ווייל איהר געהט ארום און פלאפּעלט וועגען דער אויפלעבונג פון קאָנקורענץ, פארניכטען אייך די טראָסטס גאָר אין גאַנצען.

יעדער איינער פון אייך דערצעהלט די זעלביגע געשיכטע — דאָס פארשווינדען פון קאָנקורענץ און דאָס אָנקומען פון קאָמ־בינאַציע. איהר, הערר אָווען, האָט פארניכטעט קאָנקורענץ דאָ אין בערקלי, ווען אייער קלייט האָט פארטריבען דריי קליינע קרעמערלעך און צוגעשלאָסען זייערע געשעפטען. אייער קאָמבי־נאַציע איז געווען מעהרווירקזאַם. דאָך פיהלט איהר דעם דרוק פון אנדערע קאָמבינאַציעס אויף אייך: די טראָסט־קאָמבינאַציע, און איהר שרייט: געוואַלד! איז דאָס, ווייל איהר זייט ניט קיין טראָסט. אויב איהר וואָלט געווען א גראָסערי־טראָסט פאר די גאַנצע פאראייניגטע שטאַאטען, וואָלט איהר געזונגען גאָר אַן אנדער לידעל, און דאָס לידעל וואָלט געווען: „געבענשט זיינען די טראָסטס!” און ווידער אַמאָל, ניט נור איז אייער קליינע קאָמבינאַציע ניט קיין טראָסט, נור איהר זעלבסט, ווייסט אויך, ווי שוואַך אייער קאָמבינאַציע איז. איהר פאַנגט אָן פאָראויס־צוזעהן אייער אייגענעם סוף. איהר פיהלט זיך זעלבסט אין איי־ערע קראָמען אַלס סאָלדאַטען אין דעם שפּיעל. איהר זעהט די מעכטיגע רייכע ווערענדיג שטאַרקער פון טאָג צו טאָג; איהר פיהלט זייערע כאַפּענדע הענד אוועקלעגען זיך אויף אייערע פראָ־פיטען און צונעהמענדיג צו ביסלעך דאָ און דאָרטען — דער איי־זענבאַהן־טראָסט, דער אָיל־טראָסט, דער שטאָהל־טראָסט, דער קויהל־לען־טראָסט; און איהר ווייסט, אז צום ענד וועלען זיי אייך פארניכטען, אוועקנעהמען דאָס לעצטע פון אייערע קליינע פאַר־דיענסטען.

— איהר, מיין הערר, פיהרט א גאַנץ געמיינע שפּיעל. ווען

איהר האָט אַרויסגעשטופּט די דריי קליינע קרעמערלעך דאָ אין בערקלי, מיט אייער בעסער־אָרגאַניזירטער קאָמבינאַציע, האָט איהר געמאַכט אַ גרויסען אָנשטעל, איהר האָט גערעדט וועגען פעהיג־קייט און אונטערנעהמונגס־גייסט און האָט געשיקט אייער פּרווי קיין אייראָפּא פון די פאַרדיענסטען, וואָס איהר האָט געמאַכט, איינשלינגענדיג די דריי קליינע קרעמלעך. עס מיינט, אַז איין הונד עסט דעם צווייטען, און איהר האָט זיי אויפגעפרעסען. נור אין צווייטען פאַל, ווערט איהר אויפגעפרעסען פון גרעסערע הינט, און דאַרום שרייט איהר. און וואָס איך זאָג אייך פערזענליך, איז אויך אמת וועגען די אַלע אַנדערע, וואָס זיצען אַרום טיש. איהר זייט אַלע שרייערס. איהר אַלע פאַרלירט אינ׳ם שפּיעל, און איהר שרייט וועגען דעם.

— אָבער ווען איהר שרייט, מאַהלט איהר ניט די סיטואַציע אַזוי קלאָר, ווי איך טהו עס. איהר זאָגט ניט אויס, אַז איהר גלייבט אַרויסצוקוועטשען פּראָפיטען פון אַנדערע, און אַז איהר לייגט עס אַזוי איין דער וועלט, ווייל אַנדערע פרעסען אַרויס איי־ערע פּראָפיטען פון אייך. אָבער ניין, איהר זייט צו קלוג פאַר דעם. איהר זאָגט גאָר אַנדערעס. איהר האַלט קליין־קאַפּיטאַליס־טישע פּאָליטישע רעדעס, אַזוי ווי הערר קאַלווין טהוט. וואָס האָט ער געזאָגט? אָט זיינען עטליכע פראַזען, וועלכע איך האָב אויפ־געכאַפּט: אונזערע גרונד־פּרינציפּען זיינען גוט גענוג; וואָס דאָס לאַנד דאַרף האָבען, איז זיך אומצוקעהרען צו די פונדאַמענטאַלע אַמעריקאַנער מעטאָדען — פרייע געלעגענהייט פאַר יעדען, דער פרייהייטס־גייסט, אין וועלכע די נאַציע איז באַשאַפען געוואָרען. לאָמיר זיך אומקעהרען צו די פּרינציפּען פון אונזערע אור־עלטערען.

— ווען מען זאָגט „פרייע געלעגענהייט פאַר אַלע", מיינט ער פרייע געלעגענהייט אויסצוקוועטשען פּראָפיטען, די פרייהייט וואָס איז יעצט אַוועקגענומען געוואָרען פון די גרויסע טראָסטס. און די לעכערליכסטע זייט פון דער גאַנצער געשיכטע איז, וואָס איהר האָט ווידערהאָלט די פראַזען אַזוי אָפט, אַז איהר גלויבט שוין אין זיי. איהר ווילט האָבען די געלעגענהייט צו באַרויבען אייערע

מיטמענשען אויף אייער אייגענעם קליינעם שטייגער, נור איהר היפּנאָטיזירט זיך זעלבסט, מאַכענדיג זיך גלויבען, אַז איהר ווילט פּריוהייט, איהר זיינט חזיר׳יש און ווילט אַלעס פאַר זיך, נור די צוויבער־קראַפט פון אייערע פראַזען מאַכט אייך גלויבען, אַז איהר זייט פּאַטריאָטען. אייער וואונש פאַר פּראָפיטען, וועלכער איז איינפאַכער עגאָאיזם, האָט איהר פאַרביטען אין אַן אַלטרואיס־טישער באַזאָרגטקייט פאַר דער ליידענדער מענשהייט. קומט אַרויס מיט׳ן אמת, אָט דאָ צווישען אייערע אייגענע, און זייט כאָטש איינמאָל עהרליך. קוקט דעם געגענשטאַנד גלייך אין די אויגען און רופט אָן זאַכען מיט זייערע ריכטיגע נעמען.

פיעל פּנים׳ער זיינען געווען רויט און האָבען אויסגעקוקט בייז, און אין אַלגעמיין האָט יעדען עפּעס אַרומגענומען אַ שרעק. זיי האָבען זיך געשראָקען פאַר דיזען גלאַט־ראַזירטען יונגען־מאַן און זיין שטאַרקען רעדען און שרעקליכען שטייגער פון רופען אַ זאַך ביים ריכטיגען נאָמען. הערר קאַלווין האָט גלייך געענטפערט:

— און וואָרום ניט? — האָט ער געפרעגט. — וואָרום קענען מיר זיך ניט אומקעהרען צו דעם אויפפיהר פון אונזערע עלטערען, ווען די רעפּובליק איז געגרינדעט געוואָרען? איהר האָט גע־זאָגט זעהר פיעל אמת, אָט ווי ניט אנגענעהם עס איז געווען פאַר אונז. אָבער דאָ צווישען זיך זעלבסט לאָמיר זיך אויסרעדען. לאָמיר אַראָפּוואַרפען אונזערע מאַסקען און אָננעהמען דעם אמת, ווי הערר עווערהאַרד האָט איהם זעהר פּשוט באַשטעטיגט. עס איז אמת, אַז מיר, קלענערע קאַפּיטאַליסטען, יאָגען זיך נאָך פּראָ־פיט, און אַז די טראַסטס נעהמען אונזערע פּראָפיטען אַוועק פון אונז. עס איז אמת, אַז מיר ווילען פאַרניכטען די טראַסטס כדי די פּראָפיטען זאָלען פאַרבלייבען ביי אונז. און וואָרום קענען מיר דאָס ניט טהאָן? וואָרום ניט? איך פרעג, וואָרום ניט?

— אָה, יעצט קומען מיר צום סאַמע פונקט, — האָט ערנסט געזאָגט מיט אַ צופריעדענער מינע. — איך וועל פּרובירען אייך זאָגען, וואָרום ניט, כאָטש עס וועט מיר זיין גאַנץ אונאַנגענעהם אייך עס צו זאָגען. ווי איהר זעהט, אייערע לייט האָבען געשטו־

דירט געשעפטס־אנגעלעגענהייטען אויף א קליינעם אופן, אבער איהר האט גאר ניט געלערנט וועגען געזעלשאפטליכער ענטוויק־לונג. איהר זייט אין סאמע מיטען פון אן איבערגאנגס־פעריאד אין עקאנאמישער ענטוויקלונג, וואס געהט יעצט אן, אבער איהר פארשטעהט עס ניט, און דערפאר זייט איהר אין אזא מיש־מאש. ווארום קענט איהר זיך ניט אומקעהרען? ווייל איהר קענט ניט. איהר קענט ניט מאכען דעם שטראם פון עקאנאמישער עוואלוציע פליסען צוריק, פונקט ווי איהר קענט ניט מאכען וואסער פליסען בארג ארויף. יהושוע האט געמאכט די זון שטעהן אין גבעון. נור איהר ווילט נאך איבערשטייגען יהושוע'ן. איהר ווילט מאכען די זון געהן ריקווערטס אין הימעל. איהר ווילט, אז די צייט זאל נעהמען א שריט ריקווערטס פון מיטאג־צייט צו פריהמארגען.

— אין דער צייט פון ארבייט־שפארענדיגע מאשינען, פון אר־גאניזירטער פראדוקציע, פון פארמעהרטע פעהיגע קאמבינאציעס, ווילט איהר אומקעהרען די עקאנאמישע זון אויף א גאנצען דור צוריק, צו דער צייט, ווען עס זיינען ניט געווען קיין גרויסע קאפיטאליסטען, ניט קיין גרויסע מאשינעריע, ניט קיין אייזענ־באהנען — א צייט, ווען א גרופע קליינע קאפיטאליסטלעך האבען מלחמה געהאלטען איינער מיט'ן צווייטען אין אן עקאנאמישער אנארכיע, און ווען פראדוקציע איז געווען פארצייטיג, אויסברענ־געריש, אונארגאניזירט און קאסטבאר. גלויבט מיר, יהושוע'ס ארבייט איז געווען פיעל לייכטער, און ער האט נאך געהאט דעם גרויסען גאט, וואס זאל איהם ארויסהעלפען. אבער גאט האט אייך, קליינע קאפיטאליסטען, פארלאזט. די זון פונ'ם קליינעם קאפיטאליסט געהט אונטער, און וועט שוין קיינמאל מעהר ניט אויפגעהן. אויך זייט איהר ניט בכח צו מאכען די זון שטעהן אויף איין פלאץ. איהר שטארבט אויס, און עס איז אייך באשערט אויסצושטארבען אין גאנצען און אויסגעמעקט צו ווערען פון דער געזעלשאפט.

—דאס איז א באפעהל פון עוואלוציע. עס איז גאט'ס ווארט. קאמבינאציע איז שטארקער פון קאנקורענץ. דער פארצייטיגער

מענש איז געווען אַ קליינינקע באַשעפעניש, וואָס פלעגט זיך באַהאַלטען אין די שפּאַלטען פון אַ שטיין. ער האָט זיך פאַר־אייניגט מיט אַנדערע און געהאַלטען מלחמה מיט זיינע מענשען־פרעסענדע שונאים. זיי זיינען געווען קאָנקורירענדע חיות. דער פאַרצייטיגער מענש איז געווען אַ געזעלשאַפטליכע חיה, און איבער דעם איז ער געשטיגען העכער פון אַלע חיות. און מענשען האָבען דערגרייכט גרעסערע קאָמבינאַציעס פון דאָן אָן. עס איז קאָמבי־נאַציע געגען קאָנקורענץ, אַ הונדערט־טויזענד יאָהריגער קאַמפף. אין וועלכען קאָנקורענץ איז אימער געשלאָגען געוואָרען. יעדער איינער, וואָס שטעלט זיך אויף דער זייט פון קאָנקורענץ, געהט אונטער.

— אָבער די טראָסטס זעלבסט האָבען דאָך אַרויסגעשפּראָצט פון קאָנקורענץ! — האָט הערר קאַלווין איבערגעשלאָגען.

— אמת, — האָט ערנסט געענטפערט, — און די טראָסטס זעלבסט האָבען פאַרניכטעט קאָנקורענץ. דאָס איז, לויט אייערע אייגענע ווערטער, די אורזאַך וואָרום איהר זייט אויס מילך־מאַן.

דער ערשטער געלעכטער פונ׳ם אבענד האָט זיך געלאָזט הערען אַרום טיש, און זאָגאַר הערר קאַלווין האָט מיטגעלאַכט אויף זיין אייגענעם רעכנונג.

— און יעצט, ווייל מיר רעדען וועגען טראָסטס, — האָט ערנסט פאָרטגעזעצט, — לאָמיר פעסטשטעלען אייניגע זאַכען, און אויב איהר שטימט ניט איין מיט זיי, זאָגט עס גלייך אַרוים. שווייגען וועט מיינען איינשטימיגקייט. איז עס ניט אמת, אַז אַ מאַשין־וועב־שטוהל וועבט אוים מעהר מאַטעריע און פיעל בילי־גער, ווי אַ האַנד־וועב־שטוהל?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, נור קיינער האָט ניט געזאָגט אַ וואָרט.

— איז דען ניט העכסט נאַריש צו צוברעכען אַ מאַשין־וועב־שטוהל און צוריקקעהרען צו דער אומגעלומפּערטער און פיעל קאָסטבאַרער האַנד־מאַשין־מעטאָד פון וועבען?

קעפּ האָבען צוגעשאָקעלט זייער איינשטימיגקייט.

— איז דאָס אויך ניט אמת, אַז די קאָמבינאַציע, וואָס איז באַוואוסט אַלס אַ טראָסט, פּראָדוצירט בעסער און פיעל ביליגער, ווי עס קענען אַ טויזענד קאָנקורירענדיגע קליינע פירמען?

קיינער האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט דאַגעגען.

— אויב אַזוי, איז דאָס ניט העכסט נאַריש צו פאַרניכטען די פעהיגע און ביליג־פּראָדוצירענדיגע קאָמבינאַציע?

קיינער האָט ניט געענטפערט פאַר אַ לאַנגער ווײַלע. דאַן האָט הערר קאָוואַלט געזאָגט:

— וואָס־זשע זאָלען מיר טהאָן? — האָט ער פאַרלאַנגט צו וויסען. — די פאַרניכטונג פון די טראָסטס איז דער איינציגער וועג, וואָס מיר זעהן, זיך אויסצודרעהן פון זייער הערשאַפט.

ערנסט איז גלייך געוואָרען היים און פול מיט לעבען.

— איך וועל אייך צייגען אַן אַנדער וועג, — האָט ער געשריען. — לאָמיר ניט פאַרניכטען די וואונדערבאַרע מאַשינען, וואָס זיינען פעהיגע און ביליגע פּראָדוצירער. לאָמיר זיי קאָנטראָלירען. לאָמיר זעלבסט פּראָפיטירען פון זייער פעהיגקייט און ביליגקייט. לאָמיר זיי זעלבסט פאַרוואַלטען. לאָמיר ארויסוואַרפען די יעצטיגע אייגענטימער פון די וואונדערבאַרע מאַשינען, און לאָמיר זיי זעלבסט באַזיצען. אָט דאָס, מיינע העררען, איז סאָציאַליזם, אַ גרעסערע קאָמבינאַציע פון די טראָסטס, די גרעסטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע קאָמבינאַציע, וואָס איז ווען ערשיענען אויף דעם פּלאַנעט. עס איז אין איינקלאַנג מיט עוואָלוציע. עס איז דער צד פונ׳ם געווינער. קומט אריבער צו אונז, סאָציאַליסטען, און זייט אויפ׳ן געווינער׳ס זייט.

איצט זיינען שוין ניט אַלע געווען איינשטימיג. קעפּ האָבען זיך געשאָקעלט, און עס האָט זיך געהערט אַ מורמלען איבער׳ן גאַנצען צימער.

— גאַנץ גוט. איהר ווילט, אַלזאָ, בעסער בלייבען אַלט־מאָדיש, — האָט ערנסט געלאַכט. איהר ווילט שפּיעלען אַטאַווּיסטישע ראָלען. איהר זייט פאַראורטיילט צום טוידט, פונקט ווי דער אַטאַוויזם. האָט איהר זיך ווען עס איז געפרעגט, וואָס ווען

פּאַסירען, ווען אַ גרעסערע קאָמבינאַציע זאָגאַר פון די יעצטיגע טראָסטס ווערט זיך ענטוויקלען? האָט איהר אַמאָל אַ טראַכט געטהאָן, וואו איהר וועט זיך געפינען, ווען די גרויסע טראָסטס וועלען זיך פאראייניגען אין דער גרעסטער קאָמבינאַציע — אין דעם סאָציאַלען, עקאָנאָמישען און פּאָליטישען טראָסט?

ער האָט זיך פּלוצלינג און אָהן אַ שום שייכות געווענדעט צו הערר קאַלווין:

— זאָגט מיר, האָט ערנסט געזאָגט, — אויב עס איז ניט אמת. איהר זייט געצוואונגען צו גרינדען אַ נייע פּאָליטישע פּאַרטיי, ווייל די אַלטע פּאַרטייען זיינען אין די הענד פון ד׳ טראָסטס. די העכסטע שטערונג צו אייער פּראָפּאַגאַנדע זיינען די טראָסטס. יעדער שטיין אין וועג, אָן וועלכען איהר שלאָגט זיך אָן, יעדער קלאַפּ, וואָס פאַלט אויף אייך, יעדע נידערלאַגע, וואָס איהר קריגט, איז אַלץ פון די טראָסטס. איז דאָס ניט אזוי, זאָגט מיר נור.

— עס איז אמת, — האָט הערר קאַלווין מודה געוועזן. — מיר האָבען פארכאַפּט די שטאַאט־לעגיסלאַטור פון אָרעגאָן און דורכגעפיהרט פּראַכטפולע פּראָטעקציע־געזעצען, נור זיי האָבען ניט געקראָגען די צושטימונג פונ׳ם גובערנאַטאָר, וועלכער איז געווען אַ טראָסט־מענש. מיר האָבען ערוועהלט אַ גובערנאַטאָר אין קאָלאָראַדאָ און די לעגיסלאַטור האָט זיך ענטזאָגט איהם צו לאָזען אריינטרעטען אין אמט. צוויי מאָל האָבען מיר דורכגעפיהרט אַ נאַציאָנאַלען איינקונפט־שטייער און יעדעס מאָל האָט איהם דער העכסטער געריכט ערקלערט אַלס אונקאָנסטיטוציאָנעל. די געריכטס־הייזער זיינען אין די הענד פון די טראָסטס. מיר, דאָס פאָלק, צאָהלען ניט די ריכטער גענוג. נור עס וועט קומען אַ צייט —

— ווען די קאָמבינאַציע פון די טראָסטס וועט קאָנטראָלירען אַלע געזעץ־קערפּערשאַפטען, ווען די קאָמבינאַציע פון די טראָסטס זעלבסט וועט זיין די רעגיערונג, — האָט ערנסט איבערגעשלאָגען.

— קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט! — זיינען געוועזן די גע־

שרייען פון אַלע זייטען. יעדער איינער איז געווען אויפגערעגט און קאַמפּפסלוסטיג.

— זאָגט מיר, האָט ערנסט זיי צוגעשפּאַרט, — וואָס וועט איהר טהאָן, ווען אַזאַ צייט וועט קומען?

— מיר וועלען באַנוצען אונזער מאַכט, — האָט הערר אַד־מונדסאָן אויסגעשריען, און פיעל שטימען האָבען צוגעשטימט מיט זיין באַשלוס.

— דאָס וועט זיין אַ בירגער־קריעג, — האָט זיי ערנסט גע־וואָרענט.

— זאָל עס זיין אַזוי, אַ בירגער־קריעג, — איז געווען הערר אַדמונדסאָן׳ס ענטפער. און די אויסגעשרייען פון אַלע מענשען אַרום טיש האָבען זיך געהערט גלייכצייטיג מיט זיינעם. — מיר האָבען ניט פאַרגעסען די טאַטען פון אונזערע אור־עלטערען. מיר זיינען גרייט צו קעמפּפען און שטאַרבען פאַר אונזער פרייהייט.

ערנסט האָט געשמייכעלט.

— פאַרגעסט ניט, — האָט ער געזאָגט, — אַז מיר האָבען שטילערהייט איינגעשטימט, אַז פרייהייט אין אייער פאַל, מיינע הערען, מיינט פרייהייט אַרויסצוקוועטשען פּראָפיטען פון אַנ־דערע מענשען.

די מענשען אַרום טיש זיינען געווען בייז, יעצט זיינען זיי געווען בייז גענוג צו קעמפּפען; נור ערנסט האָט קאָנטראָלירט דעם טומעל און זיי האָבען איהם געמוזט אויסהערען.

— נאָך איין פראַגע: ווען איהר וועט זיך אָפּרופען מיט אייער מאַכט, געדענקט, די אורזאַך פאַר אייער אויפשטאַנד וועט זיין, ווייל די רעגיערונג איז אין די הענד פון די טראַסטס. דאַרום, געגען אייער מאַכט וועט די רעגיערונג אַרויסשיקען די רעגוליאַרנע אַרמע, די פלאָט, די מיליץ, די פּאָליס —אין קורצען, די גאַנצע אָרגאַניזירטע שלאַכט־מאַשינעריע פון די פאַראייניגטע שטאַאטען. וואָס וועט אייער מאַכט זיין אין פאַרגלייך מיט דיזען?

מוטלאָזיגקייט האָט זיך באַוויזען אויף זייערע פּנים׳ער, און

איידער זיי זיינען געקומען צו זיך, האָט ערנסט דערלאַנגט נאָך א קלאפּ.

— געדענקט איהר, ניט זעהר לאנג צוריק, ווען אונזער רעגוליארנע ארמעע איז באשטאנען פון בלויז פופציג טויזענד? פון יאָהר צו יאָהר איז די ארמעע פארגרעסערט געוואָרען און היינט צו טאָג באשטעהט די ארמעע פון דריי הונדערט טויזענד.

ווידער אמאָל האָט ער זיי אָנגעגריפען.

— אויך ניט דאָס איז אַלעס. ווייל איהר האָט אזוי פלייסיג זיך נאָכגעיאָגט אייער ליעבלינגס-פאנטאזיע, מיט'ן נאָמען פּראָפיט און האָט מאָראליזירט וועגען אייער ליעבלינגס-געצקע, מיט'ן נאָמען קאָנקורענץ, האָט קאָמבינאציע אָפּגעטהאָן גרעסערע און מעהר טרויעריגע זאכען. אָט נעהמט די מיליץ.

— עס איז אונזער מאכט, — האָט הערר קאָוואלט אויסגעשריען. — מיט דער מיליץ וועלען מיר ווידערשטעהן דעם אנגריף פון דער רעגוליארנע ארמעע.

— איהר זעלבסט וועט געהן אין דער מיליץ, — איז געווען ערנסט'ס ענטפער, — און מען וועט אייך אוועקשיקען קיין מעין אָדער פלאָרידא, אָדער די פיליפינס, אָדער ערגעץ אנדערש־וואו, צו דערטרינקען אין בלוט אייערע אייגענע קאמעראדען, וואָס פיהרען אָן דעם בירגער־קריעג פאר זייער פרייהייט, בעת פון קענזעס, וויסקאָנסין אָדער וועלכער עס איז אנדער שטאאט, וועלען אייערע אייגענע קאמעראדען געהן אין דער מיליץ און קומען קיין קאליפאָרניע צו דערטרינקען אין בלוט אייערע קאמעראדען אין דעם בירגער־קריעג.

יעצט זיינען זיי ווירקליך געווען איבעררעשט און זיי זיינען געזעסען שטום, ביז הערר אָווען האָט ארויסגעמורמעלט:

— מיר וועלען ניט געהן אין דער מיליץ — דאָס וועט מאכען אן ענדע. אזוי נאריש וועלען מיר ניט זיין.

ערנסט האָט זיך גלייך צולאכט.

— איהר פארשטעהט ניט דעם אויפטהו זייערען. איהר

קענט זיך גאָר ניט העלפען. מען וועט אייך סיי־ווי־סיי פאַרצייר־
כענען אַלס מיליץ־מאַשינען.

— עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי ציוויל־געזעץ, — האָט הערר
אָווען זיך איינגעשפּאַרט.

— ניט ווען די רעגיערונג סוספּענדירט ציוויל־געזעץ. אין
יענעם טאָג, ווען איהר רעדט פון ווידערשטאַנד, וועט אייער מאַכט
אַנגעווענדעט ווערען געגען אייך זעלבסט. אין דער מיליץ וועט
איהר מוזען געהן, צי איהר ווילט, צי ניט. העיבאַס־קאָרפּוס (אַ
באַפעהל צו באַפרייען אַ פּערזאָן פון פּריזאָן) האָב איך געהערט אי־
מיצען אונטערמורמלען. אנשטאָט העיבאַס־קאָרפּוס וועט איהר
קריגען פּאָסט־מאורטעמס (פאַלמעסען נאָכ'ן טויט), אויב איהר
וועט זיך ענטזאָגען צו געהן אין דער מיליץ, אָדער צו פאָלגען,
נאָכדעם ווי איהר האָט אריינגעטראָטען אין איהר. איהר וועט
פּראָצעסירט ווערען פאַר אַ קריעגס־געריכט און געשאָסען ווערען
ווי די הינד. דאָס איז דער געזעץ.

— עס איז ניט דער געזעץ, — האָט הערר קאַלווין פּאָזיטיוו
באַשטעטיגט. — עס איז ניטאָ אַזאַ געזעץ. יונגערמאַן, איהר
האָט דאָס אַלעס געזעהן אין חלום. איהר האָט גערעדט פון
שיקען די מיליץ אין די פיליפּין־אינזלען. דאָס איז אונקאָנסטי־
טוציאָנעל. די קאָנסטיטוציע באַשטעטיגט אויסדריקליך, אַז מיליץ
קען ניט אַרויסגעשיקט ווערען קיין אויסלאַנד.

— וואָס האָט די קאָנסטיטוציע צו טהאָן דערמיט? — האָט
ערנסט איבערגעפרעגט. — די ריכטער פאַרטייטשען די קאָנסטי־
טוציע, און די ריכטער, לויט הערר אַדמונדסאָן'ס צושטימונג,
זיינען טראָסט־נפשות. אַ חוץ דעם, איז דאָס, ווי איך האָב גע־
זאָגט, אַ געזעץ. דער געזעץ איז אין קראַפט פאַר יאָהרען, ניין
יאָהר, מיינע הערען.

— אַז מיר קענען גענומען ווערען אין דער מיליץ געגען
אונזער ווילען? — האָט הערר קאַלווין אונגלויביג געפרעגט. —
אַז זיי קענען אונז פאַרדאַמען צום שיסען דורך אַ קריעגס־געריכט,
אויב מיר ענטזאָגען זיך?

— יאָ, — האָט ערנסט געענטפערט, — נעמליך, דאָס איז עס.

— ווי קומט עס, וואָס מיר האָבען קיינמאָל ניט געהערט פון אזא געזעץ? — האָט מיין פאָטער געפרעגט, און איך האָב גע־קענט זעהן, אז דאָס איז געווען עטוואָס נייעס אויך פאר איהם.

— צוליעב צוויי אורזאכען, — האָט ערנסט געזאָגט. — ערשטענס איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו ברענגען דעם געזעץ אין קראפט. אויב אזא געלעגענהייט וואָלט פאסירט, וואָלט איהר גלייך געהערט וועגען דעם. און, צווייטענס, דאָס געזעץ איז דורכגעשמוגעלט געוואָרען פון קאָנגרעס און סענאט כמעט שטילערהייט אָהן וועלכער עס איז דיסקוסיע. נאטירליך, די צייטונגען האָבען ניט דערמאָנט א וואָרט וועגען דעם. מיר האָבען עס באנאכריכטעט אין אונזערע צייטונגען, נור איהר לעזט קיינמאָל ניט אונזערע צייטונגען.

— איך באהויפט נאָך אלץ, אז איהר חלום׳ט, — האָט הערר קאלווין זיך איינגע׳עקשנ׳ט. — דאָס לאַנד וואָלט עס קיינמאָל ניט ערלויבט.

— אָבער זי האָט עס יאָ ערלויבט, — האָט ערנסט געענטפערט. — און וואָס אנבאלאנגט מיין חלום׳ען, — ער האָט ארויסגענומען א קליינעם פאמפלעט פון זיין קעשענע. — זאָגט מיר, אויב דאָס קוקט אויס ווי א חלום?

ער האָט אויפגעעפענט דעם פאמפלעט און אָנגעפאנגען לעזען:

„סעקציע 1. עס זאָל זיין געזעץ, און זאָ ווייטער און זאָ ווייטער, דאָס מיליץ זאָל באשטעהן פון יעדען געזונדען מענליכען בירגער פון די שטאאטען, טעריטאָריען און קאָלאָמביא דיסטריקט, וועלכער איז עלטער פון אכטצעהן און איינגער פון פינף און צוואַנציג יאָהר.

„סעקציע 7. יעדער בעאַמטער אָדער פּארצייכענטער מיליץ־מאן — געדענקט די ערשטע סעקציע, מיינע העררען, איהר זייט אלע מיליץ־לייט — דאָס וועלכער עס איז מיליץ־מאן, וועל־

כער זאָל זיך ענטזאגען אָדער פארנאַכלעסיגען צו ערשיינען פאר א קאָמאַנדירענדען אָפיציער, ווען ער ווערט פאָרגערופען אַזוי ווי דאָ איז אָנגעשריבען, זאָל ווערען גע׳משפּט פון א קריעגס־געריכט, און זאָל באַשטראָפט ווערען, ווי דער קריעגס־געריכט וועט רע־קאָמענדירען.

„סעקציע 8. דער קריעגס־געריכט, אינ׳ם פּראָצעס פון מי־ליץ־לייט אָדער בעאַמטע, זאָל באַשטעהן בלויז פון מיליץ־אָפּי־ציערען.

—„סעקציע 9. די מיליץ, ווען זי ווערט ארויסגערופען פאר דיענסט אין די פאראייניגטע שטאאטען, זאָל זיין אונטער־וואָרפען די זעלבע מלחמה — רעגלען אָדער אָרדנונגען, ווי די רעגולערע סאָלדאַטען פון דער פאראייניגטער שטאאטען ארמעע.“

— אָט האָט איהר עס, מיינע הערען, אמעריקאנער בירגער און קאמעראדען מיליץ־לייט. ניין יאָהר צוריק האָבען מיר, סאָ־ציאַליסטען, געדענקט, אַז דיזער געזעץ איז געווען געציעלט געגען די ארבייטער. נור, ווי עס ווייזט אויס, איז ער אויך געציעלט געגען אייך. קאָנגרעסמען ווייליע, אין דער קורצער דיסקוסיע, וואָס איז ערלויבט געוואָרען, האָט געזאָגט, אַז דיזער געזעץ גרייט אָן א זאַפּאַס־קראַפט, וועלכע זאָל אָנגעהמען די מאַסע ביים האַלז. איהר זייט די מאַסע, דער פּעבעל, מיינע הערען — און באַשיצט, ניט אַכטענדיג אויף קיין סכנה, לעבען, פרייהייט און אייגענטום! און ווען די צייט וועט קומען, ווען איהר וועט אויפשטעהן מעכטיג און גרייט צום קאַמפּף, געדענקט, אַז דער אויפשטאַנד וועט זיין געגען דעם טראַסט׳ס אייגענטום, און די פרייהייט פונ׳ם טראַסט, לויט געזעץ, אייך צו דריקען און צו צוקוועטשען. מען האָט אייך אייערע צייהן ארויס־געשלעפּט, מיינע הערען. אייערע נעגעל זיינען אונטערגעשאָרען. אינ׳ם טאָג, וואָס איהר וועט אויפשטעהן מעכטיגע און קעמפּפענ־דיג — ציינערלאָז און נעגעללאָז, וועט איהר זיין אַזוי אונשעדליך, ווי זשאבעס.

— איך גלויב עס ניט, — האָט קאָוואַלט געשריען. — עס איז ניטאָ אזא געזעץ. דאָס איז בלויז א סאָציאַליסטישער אויפטהו.

— דער דאָזיגער געזעץ איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען אין דעם הויז פון די פאָרשטעהער דעם 30טען יולי, 1902 — איז געווען דער ענטפער. — קאָנגרעססמאַן דיק פון אָהייאָ האָט איהם פאָרגעשלאָגען. מען האָט דעם געזעץ דורכגעפיהרט זעהר געשווינד. דער סענאַט האָט איהם דורכגעפיהרט איינשטימיג דעם 14טען יאַנואַר, 1903. און פונקט זיעבען טעג שפּעטער האָט איהם דער פּרעזידענט פון די פאַראייניטע שטאַאטען אונטערגעשריבען. (4)

נײנטער קאפּיטעל

# די מאַטעמאַטיק פון אַ חלום

בעת יעדער איינער איז נאָך געווען ווי פארטויבט פון דער נייעס, וואָס ערנסט האָט פאר זיי ענטדעקט, האָט ער ווידער אָנגעפאנגען צו ריידען.

— איהר האָט געזאָגט, במעט יעדער איינער פון אייך, היינט אבענד, אז סאָציאליזם איז אונמעגליך. יעצט לאָזט מיר אייך באַווייזען זיין אונפארמיידליכקייט. ניט נור איז עס אונפארמיידליך, אז איהר, קליינע קאפּיטאַליסטלעך, זאָלט פארשווינדען, נור דאָס פארשווינדען פון די גרויסע קאפּיטאַליסטען און פון די טראָסט איז אויך אונפארמיידליך. געדענקט, דער שטראָם פון עוואָלוציע פליסט קיינמאָל ניט צוריק. ער לויפט ווייטער און ווייטער. ער פליסט פון קאָנקורענץ צו קאָמבינאציע, און פון קליינע קאָמבינאציעס צו גרויסע, און פון גרויסע קאָמבינאציעס צו קאָלאָסאַלע פאראייניגונגען, און ער פליסט ווייטער ביז צום סאָציאליזם, וועלכער איז די העכסט־קאָלאָסאַלע קאָמבינאציע פון זיי אַלע.

— איהר זאָגט מיר, דאָס איך חלום. גאַנץ גוט. איך וועל אייך ווייזען די מאטעמאטיק פון מיין חלום; און אָט יעצט, גלייך פון אָנפאנג, פאָדער איך אייך אויף מיר צו צייגען, דאָס מיין חשבון איז אַ פאַלשער. איך וועל באווייזען דעם אונפארמיידליכען פאַלען פון דער קאפּיטאַליסטישער אָרדנונג און איך וועל אייך מאטעמאטיש דעמאָנסטרירען, ווארום זי מוז פאַלען. יעצט פאנג איך אָן און האָט געדולד, אויב פון אָנפאנג וועל איך זיך ניט האַלטען ביים ענין, לויט אייער מיינונג.

— לאָמיר, צוערשט, אונטערזוכען אַן איינצעלנעם אינדוסט־

ריעלען פּראָצעס, און ווען איך זאָג עטוואָס, מיט וואָס איהר זייט ניט איינשטימיג, זייט אַזוי גוט און שלאָגט מיר גלייך איבער. אַט וועלען מיר נעהמען אַ שוה־פבאַריק. די פאַבריק נעהמט לעדער און מאַכט שיך דערפון. אַט איז לעדער, וואָס איז ווערט הונדערט דאָלאַר. עס געהט דורך דער פאַבריק און קומט אַרויס אין דער פאָרם פון שיך, לאָמיר זאָגען, צוויי הונדערט דאָלאַר ווערט. וואָס האָט פּאַסירט? הונדערט דאָלאַר איז צוגעלייגט געוואָרען צו דעם ווערט פונ׳ם לעדער. ווי אַזוי איז דאָס צו־געלייגט געוואָרען? אַט וועלען מיר זעהן.

— קאַפּיטאַל און אַרבייטער האָבען צוגעלייגט דעם ווערט פון הונדערט דאָלאַר. קאַפּיטאַל האָט צוגעשטעלט די פאַבריק, די־בען צוגעשטעלט די אַרבייט. דורך דער פאַראייניגטער מיה פון מאַשינעריע און האָט באַצאָהלט אַלע אויסגאַבען. אַרבייטער האָ־קאַפּיטאַל און אַרבייט איז צוגעלייגט געוואָרען הונדערט דאָלאַר. שטימט איהר אַלע איין אַזוי ווייט.

די קעפּ אַרום טיש האָבען צוגעשאָקעלט זייער צושטימונג.

— אַרבייט און קאַפּיטאַל, האָבענדיג פּראָדוצירט די הונ־דערט דאָלאַר, נעהמען זיך יעצט צום טיילען. די סטאַטיסטיק פון דער חלוקה גיט אָן זאַגאַר די איינצעלנע סענטען; נור מיר וועלען צוליעב באַקוועמליכקייט געבען אַן ערך פון זיי. קאַ־פּיטאַל נעהמט פופציג דאָלאַר אַלס חלק, און די אַרבייטער קריי־גען פופציג דאָלאַר זייער חלק אויסגעצאָהלט אין שכירות. מיר וועלען יעצט ניט באַהאַנדלען די קריעגערייען איבער דער חלוקה. (1) קיין אונטערשיעד ניט, וויפיעל זיי קריעגען זיך, זיי צוטיילען זיך ווי עס איז. און מערקט אייך, אַז וואָס עס איז אמת וועגען איין אינדוסטריעלען פּראָצעס, איז אויך אמת וועגען די אַלע אַנדערע. האָב איך רעכט?

וויעדער האָבען אַלע צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ.

יעצט, אָנגענומען, אַז די אַרבייטער, האָבענדיג געקראָגען פופ־ציג דאָלאַר, ווילען צוריק קויפען שיך, קענען זיי בלויז קויפען שיך אין ווערט פון פופציג דאָלאַר דאָס איז קלאָר, ניין אפשר?

— און יעצט וועלען מיר איבערגעהן פון דעם פראצעס צו דער אלגעמיינער סומע פון אינדוסטריען אין די פאראייניגטע שטאאטען, אין וועלכע מיר וועלען אריינרעכענען די לעדער זעלבסט, רויהען מאטעריאל, פארקעהר־מיטלען, דאס פארקויפען, מיט איין ווארט, אלעס. מיר וועלען זאגען אין רונדע ציפערען, אז די גאנצע פראדוקציע פון די פאראייניגטע שטאאטען אין איין יאהר באטרעפט פיער ביליאן. ארבייט קריגט אויסגעצאהלט אין שכירות דורך דעם פעריאד צוויי ביליאן דאלאר. פיער ביליאן זיינען פראדוצירט געווארען. וויפיעל פון דעם קען ארבייט צוריק קויפען? צוויי ביליאן. ווענען דעם איז ניטא וואס צו דיסקוטירען. דאס איז זיכער. מיינע פראצענטען, וואס איך גיב אן, זיינען נאך צו־מילד, ווייל צוליעב פיעל קאפיטאליסטישע שפיצלעך קען ארבייט ניט צוריקקויפען זאגאר א העלפט פון דער גאנצער פראדוקציע.

— נור זיך אומקעהרען צום ענין. מיר וועלען זאגען, אז ארבייט קויפט צוריק צוויי ביליאן. דאן איז דאס זעלבסטפארשטענדליך, אז ארבייט קען בלויז געברויכען צוויי ביליאן. בלייבען נאך צוויי ביליאן, וועלכע ארבייט קען ניט קויפען און געברויכען.

— ארבייט פארברויכט זאגאר ניט די גאנצע צוויי ביליאן, — האט איינער זיך אנגערופען. — אויב זיי וואלטען עס אין גאנצען פארברויכען, וואלטען די ארבייטער ניט געהאט קיין געלד אין די שפאר־באנקען.

— ארבייטער־געלד אין די שפאר־באנקען איז בלויז א רעזערוו־פאנד, וואס ווערט פארברויכט אזוי שנעל ווי עס ווערט אנגעזאמעלט. די זאמלונגען ווערען געהאלטען פאר די עלטערע יאהרען, קראנקהייטען און אונגליקס־פעלען און באערדיגונגס־אויסגאבען. די שפאר־באנקען־זאמלונג איז פשוט א שטיק ברויט אוועקגעלייגט אויף דער פאליצע, כדי צו האבען וואס צו עסען דעם צווייטען טאג. ניין, ארבייטער פארברויכען דעם גאנצען פראדוקט, וואס זיי קענען קויפען פאר זייערע שכירות.

— צוויי ביליאן בלייבען איבער פאר קאפיטאל. נאך דעם

ווי אַלע אויסגאַבען זיינען אויסגעצאָהלט געוואָרען, פאַרברויכט קאַפּיטאַל אַלעס, וואָס איז איבערגעבליבען? פאַרברויכט קאַפּי־טאַל די גאַנצע צוויי ביליאָן?

ערנסט האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט געשטעלט די פראַגע דירעקט צו איינינע מענער. זיי האָבען בלויז געשאָקעלט מיט די קעפּ.

— איך ווייס ניט, — האָט איינער פון זיי אָפּענהערציג געזאָגט.

— געוויס ווייסט איהר ניט, — האָט ערנסט פאָרטגע־זעצט. — באַדענקט זיך נור אַ מינוט. אויב קאַפּיטאַל וואָלט פאַרברויכט דעם גאַנצען חלק, וואָלט זיך די סומע פון קאַפּיטאַל ניט פאַרגרעסערט. עס וואָלט אימער געווען די זעלבע סומע. אויב איהר וועט זיך צוקוקען צו דער עקאָנאָמישער היסטאָריע פון די פאַראייניגטע שטאַאטען, וועט איהר זעהן, אַז קאַפּיטאַל ווערט וואָס אַ מאָל גרעסער. דערפון נעהמען מיר אַרויס, אַז קאַפּיטאַל פאַרברויכט ניט זיין חלק. געדענקט איהר די צייט, ווען ענגלאַנד האָט געהאַט אַזוי פיעל פון אונזערע אייזענבאַהן־אַקציעס? דורך אַ משך פון פאַרגאַנגענע יאָהרען האָבען מיר אָפּגעקויפט די אַקציעס וואָס מיינט דאָס? דער אונגעברויכטער חלק פון קאַ־פּיטאַל האָט צוריק געקויפט די אַקציעס. וואָס מיינט דער פאַקט, וואָס אין דער יעצטיגער צייט באַזיצען די היגע קאַפּיטאַליסטען הונדערט און הונדערט מיליאָנען ווערט פון מעקסיקאַנער אַקציעס, רוסישע אַקציעס, איטאַליענישע און גריכישע? דאָס מיינט, אַז הונדערט און הונדערט מיליאָנען זיינען געווען אַ טייל פון קאַ־פּיטאַל׳ס חלק, וועלכען קאַפּיטאַל האָט ניט פאַרברויכט. נאָך מעהר, פונ׳ם סאַמע אָנפאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, האָט קאַפּיטאַל קיינמאָל ניט פאַרברויכט זיין גאַנצען חלק.

— און יעצט קומען מיר צום סאַמע עיקר. פיער ביליאָן דאָלאַרס רייכטום ווערט פּראָדוצירט אין איין יאָהר אין די פאַר־איינינטע שטאַאטען. אַרבייט קויפט צוריק צוויי ביליאָן און פאַר־ברויכט עס. קאַפּיטאַל פאַרברויכט ניט די איבעריגע צוויי ביליאָן.

אַ גרויסער באַלאַנס בלייבט איבער, וואָס ווערט ניט פאַרברויכט. וואָס טהוט מען מיט דעם באַלאַנס? וואָס קען מען טהאָן מיט איהם? ארבייט קען גאָר ניט געברויכען פון דעם, ווייל ארבייט האָט שוין אויסגעגעבען אַלעס. קאַפּיטאַל וועט ניט פאַרברויכען דעם באַלאַנס, ווייל ער האָט שוין, לויט זיינע אייגענע אייגענ־שאַפטען, פאַרברויבט אַלעס, וואָס איז מעגליך. און דאָך בלייבט איבער אַ באַלאַנס. וואָס קען מען טהאָן מיט דעם? וואָס ווערט געטהאָן מיט דעם?

— מען פאַרקויפט איהם אין אויסלאַנד, — האָט הערר קאַ־וואַלט פריוויליג געענטפערט.

— דאָס איז אייגענטליך וואָס זיי טהוען, — האָט ערנסט צוגעשטימט. — צוליעב דעם באַלאַנס דאַרפען מיר האָבען אַן אויסלענדישען מארק. דאָס ווערט פאַרקויפט אין אויסלאַנד. מען מוז איהם פאַרקויפען אין אויסלאַנד. עס איז ניטאָ קיין אַנדער וועג ווי פּטור צו ווערען דערפון. און דער אונגעברויכ־טער איבערפלוס, וועלכער ווערט פאַרקויפט אין אויסלאַנד, ווערט אָנגערופען אונזער גינסטיגער געשעפטס־באַלאַנס. שטימען מיר אַלע איין אַזוי ווייט?

— זיכער, דאָס איז אַן איינפאַכער צייט־פאַרלוסט צו ער־קלערען דיזען א״ב פון מסחר, — האָט הערר קאַלווין שאַרף גע־זאָגט. — מיר אַלע פאַרשטעהן די אַלע פּרינציפּען זעהר גוט.

— און גראָדע מיט דיזען א״ב, וואָס איך האָב אַזוי ברייט ערקלערט, וועל איך אייך צומישען, — האָט ערנסט געענטפערט. — אָט דאָס איז דאָס חריפות. און איך געה עס גלייך טהאָן. ריכט זיך.

— די פאַראייניגטע שטאַאטען זיינען אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וועלכע האָט ענטוויקעלט איהרע רייכטומס־קוועלען. לויט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פון אינדוסטריע, האָט דאָס לאַנד אַן אונברויכבאַרען איבערפלוס, וועלכע זי מוז פּטר׳ן, און מוז עס פּטר׳ן אין אויסלאַנד. (2) וואָס עס איז אמת וועגען די פאַראיי־ניגטע שטאַאטען, איז אויך אמת וועגען יעדער אַנדער קאַפּיטאַ־

ליסטישער לאַנד מיט ענטוויקעלטע רייכטום־קוועלען. יעדעס לאַנד אַזעלכעס האָט אַן אונגרוויכבארען איבערפּלוס. פאַרגעסט ניט, אַז זיי האָבען שוין געהאַנדעלט צווישען זיך און אַז דער איבער־פלוס בלייבט נאָך אַלץ. ארבייט אין אַלע די לענדער האָט אויס־געגעבען די גאַנצע שכירות און קען ניט קויפען קיין זאַך פון׳ם איבערפלוס. קאַפּיטאַל אין די אַלע לענדער האָט אויך פאַר־ברויכט אַלעס, וואָס איז מעגליך. און דאָך בלייבען איבער די קאַפּיטאַלען צווישען זיך. ווי אַזוי קענען זיי עס פּטר׳ן?

— זיי אויספאַרקויפען אין די לענדער, וועלכע זיינען אונ־ענטוויקעלט, — האָט ה׳ קאַוואַלט פאַרגעשלאָגען.

— ריכטיג. איהר זעהט, מיין ארגומענט איז אַזוי קלאָר און איינפאַך, אַז איהר זעלבסט פיהרט איהם אָן פאַר מיר. און יעצט צום נעקסטען שריט. אָנגענומען, אַז דאָס לאַנד פון די פאַראייניגטע שטאַאטען שיקט אָפּ איהר איבערפלוס אין אַ לאַנד, וואָס איז אונענטוויקעלט, ווי בראַזיליען. געדענקט, אַז דער איבערפלוס איז שוין איבער אַלע געשעפטען, וועלכע ווערען אָנ־געפיהרט צווישען די צוויי לענדער. וואָס, דענקט איהר, קריגט דאָס לאַנד צוריק פון בראַזיליען?

— געלד, — האָט געזאָגט הערר קאַוואַלט.

— אָבער עס איז דאָ בלויז אַזוי פיעל געלד, און ניט זעהר פיעל, אין דער וועלט, — האָט ערנסט אויסגעזעצט דאַגעגען.

— געלד אין דער פאָרם פון פאַרזיכערונגען, באָנדס, אַקציעס און עהנליכעס, — האָט הערר קאַוואַלט צוגעלעגט.

— יעצט האָט איהר געטראָפען, — האָט ערנסט געזאָגט. — פון בראַזיליען קריגט דאָס לאַנד פון די פאַראייניגטע שטאַאטען פאַר איהר איבערפלוס אַקציעס און פאַרזיכערונגס־פּאַפּיערען. און וואָס מיינט דאָס? עס מיינט, אַז די פאַראייניגטע שטאַאטען פאַרמאָגען אין בראַזיליען באַהנען, פאַבריקען, מינען און לאַנד. און וואָס מיינט דאָס?

הערר קאַוואַלט האָט זיך פאַרטראַכט און ענדליך צוגעשאָ־קעלט מיט׳ן קאָפּ.

— איך וועל אייך זאָגען, — האָט ערנסט פאַרטגעזעצט. — עס מיינט, אז די בראַזיליאַנער רייכטום-קוועלען ווערען ענטוויקעלט און בעאַרבייט. און יעצט, דער נעקסטער פונקט: ווען בראַזיליען, אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, האָט ענטוויקעלט איהרע רייכטימער, וועט זי זעלבסט אויך האָבען אַן איבערפלוס. קען זי אָפּשיקען איהר איבערפלוס אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען? ניין, ווייל דאָ האָבען מיר אונזער אייגענעם איבערפלוס. קען דאָס לאַנד פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען טהאָן דאָס, וואָס זי האָט פריהער געטהאָן אין בראַזיליען — לויז ווערען פון איהר איבערפלוס אין בראַזיליען? אויך ניין, ווייל בראַזיליען האָט שוין אויך אַן איבערפלוס.

— וואָס האָט פּאַסירט?ביידע, אי די פאַראייניגטע שטאַאַטען, אי בראַזיליען, מוזען יעצט זוכען נייע אונענטוויקעלטע לענדער, אום פּטור צו ווערען פון זייער איבערפלוס. נור דורכ'ן זעלבען פּראָצעס פון אָפּוואַרפען ביי זיי דעם איבערפלוס, ווערען די אַנדערע לענדער ענטוויקעלט. באַלד האָבען זיי אַליין אַן איבערפלוס, און אויך זיי זוכען אַנדערע אונענטוויקעלטע לענדער. יעצט, מיינע העררען, פאָלגט מיר נאָך. אונזער פּלאַנעט איז פון אַ באַשטימטער גרויס. עס זיינען בלויז דאָ אַ באַשטימטע צאָהל לענדער אין דער וועלט. וואָס וועט ווערען, ווען יעדעס לאַנד פון דער וועלט, זאָגאַר די קלענסטע און די לעצטע, שטעהט מיט אַן איבערפלוס פּנים אל פּנים מיט דיזע אַלע איבעריגע לענדער פון דער וועלט אויך מיט איבערפלוס?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט זיינע צוהערער. דער שטוינען, וואָס איז געווען אויסגעמאָהלט אויף זייערע פּנים'ער, איז געווען העכסט אַנגענעהם. אויך שרעק האָט זיך געמערקט. פון בלויז אַבסטראַקטען האָט ערנסט צוזאַמענגעשטעלט אַ פיגור און האָט זיי געמאַכט צו זעהן. זיי האָבען עס געזעהן, זיצענדיג ביים טיש, און זיי האָבען זיך געשראָקען דערפאַר.

— מיר האָבען אָנגעפאַנגען מיט אלף-בית, הערר קאַלווין, האָט ערנסט כיטרע געזאָגט. — יעצט האָב איך אייך געגעבען

דעם גאַנצען א"ב ביז „ת". עס איז גאַנץ איינפאַך. אָט דאָס איז די חריפות. איהר האָט זיכער אַן ענטפער מיר צו געבען. וואָס, אויב יעדעס לאַנד אין דער וועלט האָט אַן איבערפלוס, וואָס איז אונברויכבאַר? וואו וועט זיך אייער קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אהינטהאָן דאַן?

נור הערר קאַלווין האָט געשאָקעלט זיין פאַרזאָרגטען קאָפּ. ער האָט וואַרשיינליך געזוכט אין ערנסט'ס געדאַנק אַ טעות.

— לאָמיר איבערגעהן דעם גאַנצען ענין בקיצור, — האָט ערנסט געזאָגט. — מיר האָבען אָנגעפאַנגען מיט אַן איינצעלנעם אינדוסטריעלען פּראָצעס, די שוה־פאַבריק. מיר האָבען געפונען, אַז די חלוקה פון דער פאַראייניגטער פּראָדוקציע אין דיזער פאַבריק איז עהנליך צו דער אין אַלע אינדוסטריען. מיר האָבען אויסגעפונען, אַז ארבייט האָט געקענט צוריק קויפען מיט די שכירות בלויז אַזוי פיעל פון דער פּראָדוקציע, און אַז קאַפּיטאַל האָט ניט פאַרברויכט אַלעס, וואָס ס'איז איבערגעבליבען. מיר האָבען אויסגעפונען, אַז נאָך דעם וויביידע קאַפּיטאַל און ארבייט, האָבען פאַרברויכט אַלעס, וואָס איז מעגליך, איז געבליבען אַן איבערפלוס. מיר האָבען צוגעשטימט, אַז דער איינציגער וועג לויז צו ווערען פון דעם איז צו פאַרטהאָן עס אין אויסלאַנד. מיר האָבען אויך צוגעשטימט, אַז דער עפעקט פון אָנוואַרפען דעם איבערפלוס אויף אַן אַנדער לאַנד איז צו ענטוויקלען די רייכטימער פון יענעם לאַנד און אין אַ קורצער צייט געפינט זיך אויך דאָרט אַן אונברויכבאַרער איבערפלוס. מיר האָבען אָנגעפיהרט דעם פּראָצעס צו אַלע לענדער אויפ'ן פּלאַנעט, ביז יעדעס לאַנד פּראָדוצירט יעדעס יאָהר, און יעדען טאָג, אַן אונברויכבאַרען איבערפלוס, וועלכען זי קען ניט אוועקשיקען אין אַן אַנדער לאַנד. און יעצט פרעג איך ווייטער, וואָס וועלען מיר טהאָן מיט דעם איבערפלוס?

קיינער האָט נאָך אַלץ ניט געענטפערט.

— הערר קאַלווין? — האָט ערנסט געפרעגט.

— איך בין באַזיעגט, — האָט הער קאַלווין מודה געווען.

— מיר האָט זיך אַזאַ זאַך קיינמאָל ניט גע'חלומ'ט, — האָט

הערר אדמונדסאָן געזאָגט. — און דאָך צייגט עס אויס אַזוי קלאָר, ווי דאָס געדרוקטע וואָרט.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געהערט קאַרל מאַרקס׳עס (3) מעהר־ווערט־לעהרע ערקלערט, און ערנסט האָט עס געטהאָן אַזוי איינפאַך, אַז אויך איך בין געווען צומישט און ערשטוינט.

— איך וועל אייך אָנצייגען אַ וועג, ווי צו פּטר׳ן דיזען איבערפלוס, — האָט ערנסט געזאָגט. — ווארפט איהם אריין אין ים. יעדען יאָהר ווארפט אריין אין ים הונדערטער מיליאָנען ווערט סחורה, ווי שיך, קליידער, ווייץ און אנדערע ארטיקלען. דאָס וועט אַלעס פאררעכטען, אַ ?

— נאַטירליך אַזוי וועט מען אַלעס פאררעכטען, — האָט הערר קאַלווין געענטפערט. — אָבער עס איז לעכערליך, וואָס איהר רעדט גאָר אַזוי.

ערנסט האָט זיך גלייך ארויפגעוואָרפען אויף איהם מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ.

— איז דאָס מעהר לעכערליך פון אייער פאָרשלאַג, איהר מאַשין־ברעכערס, זיך אומצוקעהרען צו די פאר־מבול׳דיגע מעטאָדען פון אונזערע אור־עלטערען ? וואָס האָט איהר פאָרגעשלאָגען אַלס אַ מיטעל צו פּטר׳ן דעם איבערפלוס ? איהר ווילט אויסמיידען די פּראָבלעם פונ׳ם איבערפלוס דורך ניט פּראָדוצירען אַן איבערפלוס ? מיט אייער אומקעהרען זיך צו אַ פאַרצייטיגער פּראָדוקציאָנס־מעטאָד, וועלכע איז אַזוי אונ׳שכל׳דיג, אָהן אָרדנונג, און קאָסטבאַר, אַז עס וואָלט געווען אונמעגליך צו פּראָדוצירען אַן איבערפלוס.

הערר קאַלווין האָט עס אַראָפּגעשלונגען. דער פּונקט איז איהם פאָלשטענדיג ערקלערט געוואָרען. ער האָט נאָך אַ מאָל אַראָפּגעשלונגען און זיך אויסגעריינינגט זיין האַלז.

— איהר האָט רעכט, — האָט ער געזאָגט, — איך בין פאַר־משפט. עס איז לעכערליך, נור מיר מוזען עפּעס טהאָן. עס איז אַ פאַל פון לעבען און טוידט פאַר אונז מענשען פון דער מיטעל־

קלאַס. מיר ענטזאַגען זיך אונטערצוגעהן. מיר וועלען בעסער זיין אונזיניג און זיך אומקעהרען צו דער רויהער און פאַרשווענדערישער מעטאָד פון אונזערע אור־עלטערן. מיר וועלען אוועקשטעלען די אינדוסטריע אויף איהר פאַר־טראַסטיגען שטאַפעל. מיר וועלען צוברעכען די מאַשינען. און וואָס וועט איהר טהאָן וועגען דעם?

— אָבער איהר קענט ניט צוברעכען די מאַשינען, — האָט ערנסט געענטפערט. — איהר קענט ניט מאַכען דעם שטראָם פון עוואָלוציע פליסען צוריק. אַלס אייערע געגנער זיינען דאָ צוויי גרויסע מעכטע, יעדער איינער פון די צוויי איז מעכטיגער פון דעם מיטעל־קלאַס. די גרויסע קאַפּיטאַליסטען, אין קורצען, די טראַסטס, וועלען אייך ניט לאָזען זיך אומקעהרען צוריק. זיי ווילען ניט, אַז די מאַשינען זאָלען פאַרניכטעט ווערען. און גרעסער פון די טראַסטס, און נאָך מעהר מעכטיג, איז ארבייט. ארבייט וועט אייך ניט לאָזען פאַרניכטען די מאַשינען. דער באַזיץ פון דער וועלט, די מאַשינען אריינגערעכענט, ליגט צווישען דיזע צוויי, די טראַסטס און ארבייט. דאָס זיינען די קאַמפּפס־רייהען. נור יעדער צד וויל פאַראייניגען די מאַשינען. אין דעם דאָזיגען קאַמפּף האָט דער מיטעל־קלאַס ניט קיין פּאָזיציע. דער מיטעל־קלאַס איז אַ קאַרליק צווישען צוויי ריעזען. זעהט איהר דאָס ניט? אָרימער, אָפּשטאַרבענדער מיטל־קלאַס, איהר זייט אריינגע־כאַפּט געוואָרען צווישען די אויבערשטע און אונטערשטע מאָהל־שטיינער און זאָגאַר יעצט האָט דאָס מאָהלען זיך שוין אָנגעפאַנגען.

— איך האָב מאַטעמאַטיש דעמאָנסטרירט דעם אונפאַרמייד־ליכען שטורץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. ווען יעדעס לאַנד וועט שטעהן מיט אַן אונגברויכבאַרען און אונפאַרברויכבאַרען איבערפלוס, וועט די קאַפּיטאַליסטישע געביידע צוזאַמענברעכען אונטער דעם שרעקליכען בנין פון פּראָפיטען וועלכען זי אַליין האָט אויפגעבויט. און אין יענעם טאָג וועלען די מאַשינען ניט פאַרניכ־טעט ווערען. דער קאַמפּף וועט דאַן אָנגעהן פאַר דעם באַזיץ פון די מאַשינען. אויב ארבייט געווינט, וועט אייך אָפּגעהן גלאַט. די פאַראייניגטע שטאַאַטען און אגב אורחא די גאַנצע וועלט, וועט

אריינגטרעטען אין אַ נייער גרויסער עפּאָך. אנשטאָט צודריקט צו ווערען פון די מאַשינען, וועט דאָס לעבען זיין שענער, גליקליכער און נאָבעלער טאַקי דורך די זעלבע מאַשינען. פאַר אייך פון דעם פאַרניכטעטען מיטעל־קלאַס, צוזאַמען מיט די ארבייטער — דאַן וועט קיין אַנדער קלאַס ניט זיין אויסער ארבייטער; און אַזוי וועט איהר און די איבריגע ארבייטער אנטייל נעהמען אין דער גלייכער צוטיילונג פון דער פּראָדוקציע פון די וואונדערבאַרע מאַשינען. און מיר, אַלע, וועלען מאַכען נייע און מעהר וואונ־דערבאַרע מאַשינען. און עס וועט ניט זיין קיין אונברויכבארער איבערפלוס, ווייל עס וועלען ניט זיין קיין פּראָפיטען.

— אָבער, ווי, צום ביישפּיעל, אַז די טראַסטס געווינען דעם קאַמפּף פאַר׳ן באַזיץ פון די מאַשינען און די וועלט? — האָט הערר קאָוואַלט געפרעגט.

— דאַן, — האָט ערנסט גענטפערט, — איהר און די אר־בייטער און מיר אַלע וועלען געדריקט און געשטיקט ווערען אונ־טערן אייזערנעם קנאַפּעל פון אַ דעספּאָטיזם, וואָס וועט זיין אַזוי אונבארמהערציג און שרעקליך, ווי דער ערגסטער דעספּאָטיזם, וואָס האָט ווען עס איז פארשוואַרצט די בלעטער פון דער מענש־ליכער היסטאָריע. דאָס וועט זיין אַ גוטער נאָמען פאַר דעם דעס־פּאָטיזם, דער אייזערנער קנאַפּעל. (4)

אַ לאַנגע פּויזע האָט נאָכגעפאָלגט. און יעדער מענש ארום טיש האָט זיך טיעף פארטראַכט.

— אָבער דיזער סאָציאַליזם אייערער איז אַ חלום, — האָט הערר קאָלווין געזאָגט, און גלייך איבערגע׳חזר׳ט: אַ חלום.

— איך וועל אייך ציינגען עטוואָס, וואָס איז ניט אַ חלום, — האָט ערנסט געענטפערט. — און דאָס וועל איך אָנרופען די אלי־גארכיע. איהר רופט עס פּלוטאָקראַטיע. מירביידע מיינען די זעלבע זאַך, די גרויסע קאַפּיטאַליסטען אָדער די טראַסטס. לאָמיר זעהן, וואו די מאַכט ליגט היינט צו טאָג. און כדי דאָס אייך צו ציינגען, לאָמיר צוטיילען די געזעלשאַפט אין די קלאַסען.

— היינט זיינען דאָ דריי גרויסע קלאַסען אין דער געזעל־

שאַפט. צוערשט קומט די פּלוטאָקראַטיע, וועלכע באַשטעהט פון רייכע באַנקירען אייזענבאַהן־מאַגנאַטען, דירעקטאָרען פון גרויסע געזעלשאַפטען און טראָסט־מאַגנאַטען. צווייטענס, איז די מיטעל־קלאַס, אייער קלאַס, מיינע הערען, וועלכע באַשטעהט פון לאַנד־באַזיצער, סוחרים, קליינע פאַבריקאַנטלעך און פּראָפעסיאָנעלע מענשען. דריטענס, צולעצט, קומט מיין קלאַס, דער פּראָלעטאַריער, וועלכער באַשטעהט פון לוין־אַרבייטער. (5)

— איהר מוזט צוגעבען, אַז דער באַזיץ פון רייכטום רעפּרע־זענטירט די מאַכט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען היינט. ווי אַזוי זיינען די רייכטימער צוטיילט צווישען די דריי קלאַסען? אָט זיינען די ציפערען. די פּלוטאָקראַטיע פאַרמאָגט 67 ביליאָן פונ׳ם רייכטום. פון דער גאַנצער סומע מענשען, וואָס זיינען באַשעפטיגט אין פאַרשיעדענע אונטערנעהמונגען אין די פאַראייניגטע שטאַא־טע, זיינען בלויז ניין־צעהנטעל פון איין פּראָצענט פון זיי פּלוטאָ־קראַטען. דאָך פאַרמאָגט די פּלוטאָקראַטיע זיעבציג פּראָצענט פון דעם גאַנצען רייכטום. די מיטעל־קלאַס פאַרמאָגט פיער־און־צוואַנ־ציג ביליאָן. ניין און צוואַנציג פּראָצענט באַשעפטיגטע מענשען זיינען פון דער מיטעל־קלאַס, און זיי פאַרמעגען פינף־און־צוואַנציג פּראָצענט פונ׳ם גאַצען רייכטום. בלייבט איבער דער פּראָלעטאַ־ריאַט. ער פאַרמאָגט פיער ביליאָן. פון אַלע באַשעפטיגטע מענשען, שטעלט דער פּראָלעטאַריאַט צו זיעבציג פּראָצענט; און דער פּראָ־לעטאַריאַט פאַרמאָגט פיער פּראָצענט פון דעם גאַנצען רייכטום. וואו ליגט די מאַכט, מיינע הערען?

—לויט אייערע ציפערען, זיינען מיר, פון דער מיטעל־קלאַס, מעכטיגער פון די אַרבייטער — האָט הערר אַדמונדסאָן געמאַכט אַ באַמערקונג.

— אָנרופענדיג אונז שוואַך, מאַכט אייך ניט שטאַרקער אין פאַרגלייך מיט דער מעכטיגקייט פון דער פּלוטאָקראַטיע — האָט ערנסט געענטפערט. — און נאָך מעהר, איך בין נאָך ניט פאַרטיג מיט אייך. עס איז דאָ אַ גרעסערע מאַכט פון רייכטום, און די גרויסקייט באַשטעהט אין דעם, וואָס קיינער קען עס ניט צונעהמען.

אונזער מאכט, די מאכט פון די פראָלעטאריער, איז אין אונזערע מוסקולען, אין אונזערע הענד, מיט וועלכע מיר וואַרפען גאַלקעס, און אין אונזערע פינגער, מיט וועלכע מיר קענען שיסען פון רעוואָל־ווערען. די מאכט קען מען פון אונז ניט אוועקנעהמען. עס איז די פרימיטיווע מאכט, עס איז די מאכט, וואָס איז דער סאַמע עצם פון לעבען, עס איז די מאכט, וואָס איז שטאַרקער פון רייכטום, און דער רייכטום קען ניט צוגענומען ווערען.

— אָבער אייער מאכט קען אָבגעזונדערט ווערען פון אייך. מען קען זי אוועקנעהמען פון אייך. זאָגאַר יעצט נעהמט די פּלוטאָקראַ־טיע זי אוועק פון אייך. צום סוף וועט זי עס אין גאַנצען אוועק־נעהמען. און דאַן וועט איהר אויפהערען זיין די מיטעל־קלאַס. איהר וועט אַרונטערשטייגען צו אונז. איהר וועט ווערען פּראָלעטאַריער. און דאָס שעהנסטע דערפון איז, וואָס איהר וועט נאָך מעהר פאַר־גרעסערען אונזער מאכט. מיר וועלען אייך אויפנעהמען ווי ברידער. און מיר וועלען קעמפפען האַנד אין האַנד פאַר דער מענשהייט.

— איהר זעהט, אַרבייט האָט ניט קיין קאָנקרעטע זאַך, וואָס מען קען צונעהמען. דעם אַרבייטער'ס חלק פון דעם לאַנד'ס רייכטום באַשטעהט פון קליידער און הויז־מעבעל, און אין פיעל זעלטענע פאַלען, אַ הויז, וואָס איז אין גאַנצען אָבגעצאָהלט. איהר אָבער האָט יאַ אַ קאָנקרעטען רייכטום, פיער און צוואַנציג ביליאָן, און די פּלו־טאָקראַטיע וועט עס אוועקנעהמען. עס איז דאָ אַ מעגליכקייט, אַז די אַרבייטער־קלאַס וועט עס פריהער אוועקנעהמען פון אייך. קענט איהר ניט זעהן אייער לאַגע, מיינע הערען? די מיטעל־קלאַס איז אַ קליין לעמעלע צווישען אַ לייב און אַ טיגער. אויב איינער וועט אייך ניט פאַרצוקען, וועט עס דער צווייטער טאָן. און אויב די פּלוטאָקראַטיע וועט אייך פאַרשלינגען צום ערשטען, וועט עס דאַן זיין בלויז אַ פראַגע פון צייט ביז דער פּראָלעטאַריאַט וועט פאַרניכ־טען די פּלוטאָקראַטיע.

— זאָגאַר אייער יעצטיגער רייכטום גיט ניט קיין ריכטיגע אָפּ־שאַצונג פון אייער מאכט. די מאכט פון אייער רייכטום איז בלויז אַן אויסגעבלאָזען איי. דערפאַר שרייט איהר מיט אייער שוואַכען

קליינעם קאַמפּאַס-געשריי: קעהרט זיך אום צו די מעטאָדען פון אונזערע עלטערען. איהר באַמערקט שוין אייער מאַכטלאָזיגקייט.

— וואָס פאַר אַ מאַכט האָבען די לאַנד-באַזיצער? איבער פופ־ציג פּראָצענט פון זיי זיינען שקלאַפען צוליעב דעם פאַקט, וואָס זיי דינגען בלויז די ערד, אָדער זייער לאַנד איז פאַר'משכנ'ט. און זיי אַלע זיינען שקלאַפען צוליעב דעם פאַקט, וואָס די טראָסטס, אָט יעצט שוין, באַזיצען אָדער קאָנטראָלירען (וואָס איז איינס און דאָס זעלבע) אַלע מיטלען פון פאַרקויפען די תבואה, למשל, באַהנען, קאַלטע שפּייכלער, תבואה-שפּייכלער און שיפען. נאָך מעהר, די טראָסטס קאָנטראָלירען די פאַרקויפס-פּלעצער. אין דעם אַלעם האָבען די לאַנד-באַזיצער ניט קיין מאַכט. וואָס אַנבאַלאַנגט זייער פּאָליטישע און רעגיערענדיגע מאַכט, וועל איך רעדען וועגען דער פּאָליטישער מאַכט פון דער גאַנצער מיטעל-קלאַס.

—טאָג-טעגליך שטופּען די טראָסט אַרויס די לאַנד-אייגענ־טימער פונקט ווי זיי האָבען אַרויסגעשטופּט הערר קאַלווין און די איבעריגע מילך-לייט פונ'ם מ לך-געשעפט. און טאָג-טעגליך ווערען די סוחרים אויך דערשטיקט אויפ'ן זעלבען אופן. געדענקט איהר, ווי בלויז אין זעקס מאָנאַטען האָט דער טאַבאַק-טראָסט דערשטיקט פיער הונדערט טאַבאַק-געוועלבען אין ניו יאָרק אליין? וואו זיינען די אַמאָליגע בעלי-בתים פון די קוילען-פעלדער? איהר ווייסט עס אָהן מיין דערצעהלען, אַז דער באַהנען-טראָסט באַזיצט אָדער קאָנ־טראָלירט אַלע הארטע און ווייכע קוילען-פעלדער. באַזיצט ניט דער סטענדערד-אויל-טראָסט וועלכע צוואַנציג דאַמפּף-שיפען? און קאָנטראָלירט ניט דער זעלבער טראָסט דעם גאַנצען קופּער-האַנדעל, שוין ניט רעדענדיג פון אַ שמעלצער-טראָסט, וואָס איז בלויז אַ זייטיגע אונטערנעהמונג? צעהן טויזענד שטעדט אין די פאַראיי־ניגטע שטאַאטען זיינען באַלויכטע פון קאָמפּאַניס, וואָס זיינען דאָס אייגענטום, אָדער אונטער דער קאָנטראָל פון סטענדאַרד אויל טראָסט, און פּונקט אין אַזוי פיעל שטעדט זיינען אַלע עלעקטרישע פאַרקעהר-מיטלען — שטאָדטישע, צווישען שטעדטיגע און אין די פאָרשטעדט — אין די הענד פון סטענדאַרד אויל. די קליינע

קאפיטאליסטען, וואס זיינען געווען אין די דאזיגע טויזענדיגע אונטערנעהמונגען, זיינען ניטא מעהר. איהר ווייסט דאס.

— דער קליינער פאבריקאנט איז ווי דער לאנד־באזיצער; קליינע פאבריקאנטען און לאנד־באזיצער זיינען לכל הדעות ארונטער געפאלען צום שטאפעל פון פעדאליזם. וואס אנבאלאנגט די פראפעסיאנעלע מענשען און ארטיסטען פון היינטיגע צייטען, זיינען זיי אינ'ם יעצטיגען מאמענט פשוט'ע פארברעכער, בעת די פאליטישענס זיינען תלינים. ווארום ארבייט איהר, הערר קאלווין, טאג און נאכט צו ארגאניזירען די מיטעל־קלאס, און מאכען א נייע פאליטישע פארטיי? ווייל די פאליטישענס פון די אלטע פארטייען ווילען ניט האבען צו טאן מיט אייערע אטאוויסטישע אידעען, ווייל, ווי איך האב געזאגט, זיי זיינען תלינים, אויפהאלטערס פון דער פלוטאקראטיע.

איך האב גערעדט פון די פראפעסיאנעלע מענשען און ארטיסטען אלס פארברעכער. וואס דען אנדערש זיינען זיי? יעדער איינער פון זיי, די פראפעסארען, די פרעדיגער און די רעדאקטארען האלטען אן זייערע שטעלען דורך זייער דיענען דער פלוטאקראטיע, און זייער דיענסט באשטעהט אין דעם, וואס זיי פראפאגאנדירען בלויז אזעלכע אידעען, וואס זיינען אדער אונשעדליך אדער גוט פאר דער פלוטאקראטיע. ווען זיי פראפאגאנדירען אידעען, וואס זיינען שעדליך פאר דער פלוטאקראטיע, פארלירען זיי זייערע שטעלען, אין וועלכען פאל, אויב זיי האבען זיך ניט פארזארגט פאר א שלעכטער צייט, פאלען זיי ארונטער צום פראלעטאריאט, און אדער זיי שטארבען, אדער זיי ווערען ארבייטער־קלאסאגיטאטארס. און פארגעסט ניט, אז עס איז די פרעס, די קירךביהנע און דער אוניווערסיטעט, וועלכע גיבען דעם טאן צו דער עפענטליכער מיינונג. זיי פיהרען די נאציע אויפ'ן געדאנקען־וועג, אזוי צו זאגען. וואס אנבאלאנגט די ארטיסטען, זיי שאפען בלויז פאר'ן נידעריגען געשמאק פון דער פלוטאקראטיע.

— נור נאך אלעמען, רייכטום אן און פאר זיך איז ניט די ריכטיגע מאכט; **עס איז דאס מיטעל צו מאכט, און מאכט זעלבסט**

איז רעגיערונגס־מאַכט. ווער קאָנטראָלירט די רעגיערונג היינט? דער פּראָלעטאַריאַט מיט זיינע צוואַנציג מיליאָן באַשעפטיגטע? זאָגאַר איהר לאַכט פון אַזאַ אידעע. קאָנטראָלירט די מיטעל־קלאַס מיט זיינע אַכט מיליאָן באַשעפטיגטע די רעגיערונג? ניט מעהר פון'ם פּראָלעטאַריאַט. ווער זשע קאָנטראָלירט די רעגיערונג? די פּלוטאָקראַטיע מיט איהר קאַרגען פערטעל מיליאָן באַשעפטיגטע מיטגליעדער. נור דיזער פערטעל מיליאָן קאָנטראָלירט ניט די רעגיערונג, כאָטש זיי טוען גלענצענדע אַרבייט אין זייער פאַך. עס איז דער פאַרשטאַנד, דער מח פון דער פּלוטאָקראַטיע, וואָס קאָנטראָלירט די רעגיערונג, און דיזער מוח באַשטעהט פון זיבען (6) קליינע און מעכטיגע גרופּען. אויך פאַרגעסט ניט, אַז די גרופּען אַרבייטען היינט האַנד אין האַנד.

לאָזט מיך אייך אָנצייגען די מאַכט פון בלויז איינע פון די גרופּען. זי באַשעפטיגט פערציג טויזענד אַדוואָקאַטען צו באַזיעגען איין מענשען אין די געריכטס־הייזער. זי גיט אַוועק אונצעהליגע טויזענטער פרייע בילעטען צו ריכטער, באַנקירען, רעדאַקטאָרען, גלחים, אוניווערסיטעטס־לייט, מיטגליעדער פון שטאַאַטס־לעגיס־לאַטורען און קאָנגרעס־לייט. זי האַלט אָן פּראַכטפולע לאַבבים (7) אין יעדען שטאַאַט, הויפּט־שטאָדט און אויך אין דער נאַציאָנאַלער הויפּט־שטאָדט; און אין אַלע שטעדט און דערפער פון'ם לאַנד באַשעפטיגט זי אַ גרויסע אַרמעע יאַבעדניקעס און קליינע פּאָליטי־שענס, וועמעס אויפגאַבע עס איז אויפצופּאַסען אויף די פּריימע־רים (וואַהלען, וואָס ווערען געהאַלטען פאַר די אַלגעמיינע וואַהלען, אין וועלכע די וועהלער פון יעדער פּאַרטיי קלייבען זייערע קאַנדיי־דאַטען). זיי פּיקעווען אָן די קאָנווענשאָנס מיט זייערע חברה, ווע־רען אויסערוועהלט אַלס געריכטס־געשוואָרענע, קויפען אונטער ריכ־טער, און אַרבייטען אויף פאַרשיעדענע אופנים פאַר די אינטערעסען פון די רייכע. (8)

— מיינע הערען, איך האָב בלויז געמאָהלען די מאַכט פון איינע פון די זיעבען גרופּען, וועלכע שטעלען צוזאַמען די געהירען פון דער פּלוטאָקראַטיע. (9) אייערע פיער און צוואַנציג ביליאָן

גיבען אייך ניט קיין רעגיערונגס־מאכט, וואָס האָט די ווערט פינף און צוואַנציג סענט. עס איז אַן אויסגעבלאָזען איי, און גאַנץ גיך וועט זאָגאר דאָס אוועקנעהמען ווערען פון אייך. די פּלוטאָקראַטיע האָט די גאַנצע מאכט אין איהרע הענד יעצט. זי מאכט די געזעצען, ווייל זי באַזיצט דעם סענאַט דעם קאָנ־גרעס, די ריכטער און די שטאַאַס־לעגיסלאַטורען. און ניט נאָר דאָס. הינטער דעם געזעץ מוז זיין די מאכט אָנצואווענדען דעם געזעץ. הייגט־צו־טאָג מאכט די פּלוטאָקראַטיע דעם געזעץ און אַרויף צו צווינגען דעם געזעץ, האָט זי די פּאָליציי, די אַרמעע, די פלאָט, און, לעצטענס, די מיליץ, וואָס מיינט: איהר און יעדער איינער פון אונז.

זעהר ווייניג האָבען זיי דיסקוטירט נאָך דעם, און דער מיטאָג איז גלייך געקומען צו אַן ענד. אַלע זיינען געזעסען שטיל, דערשלאָגען, און דאָס געזעגענען זיך איז צוגעגאַנגען זעהר שטיל. עס האָט אויסגעוויזען, ווי זיי האָבען זיך איבערגעשראָ־קען פאַר דער ערשיינונג, וואָס זיי האָבען נור וואָס דערזעהן.

— די לאַגע איז אין דער אמת׳ען אַ גאַנץ ערנסטע — האָט הערר קאַלווין געזאָגט. —איך האָב ווייניג וואָס אויסצוזעצען געגען אייך, ווי איהר האָט זי געמאָהלט. נור איך שטים ניט איין מיט אייך וועגען דעם שיקזאַל פון דער מיטעל־קלאַס. מיר וועלען זיי איבערלעבען, און מיר וועלען נאָך שטיצען די טראַסטס.

— און זיך אומקעהרען צו אונזערע עלטערענס מעטאָדען — האָט ערנסט געענדיגט פאַר איהם.

— זאָל זיין אַזוי — האָט הערר קאַלווין טרויעריג געזאָגט — איך וויים, אַז עס איז אַ מין מאַשין־ברעכעריי, און אַז עס איז אונזיניג. נור דאָס לעבען איז אויך אונזיניג, מיט די אַלע פּלוטאָקראַטישע מאַכערייקעס. און יעדענפאַלס, אונזער סאָרט מאַשין־ברעכעריי איז אַמווענינגסטען פּראַקטיש און מעגליך, און אייער סאָציאַליזם איז דאָס ניט. נור אַ חלום. מיר קענען אייך ניט נאָכגעבען.

— איך ווינש נור, אַז איהר זאָלט וויסען עטוואָס וועגען

עוואָלוציע און סאָציאָלאָגיע — האָט ערנסט נאָכדענקענד גע־זאָגט, ווען ער האָט זיי געררייכט די האנד. — מיר וואָלטען זיך פאַרשפּאָרט אַזוי פיעל צרות, אויב איהר וואָלט געוואוסט עפּעס וועגען די דאָזיגע זאַכען.

צעהנטער קאַפּיטעל

# דער דרעה־ווינד

שרעקליכע פּאַסירונגען האָבען געפאָלגט איינע נאָך דער צווייטער, מיט דער שנעלקייט פון׳ם דונער׳ס קלאַפּעריי נאָך דעם „געשעפטס־לייט־מיטאָג״; און איך, ניט־ווירדיגער איך, וועלכע האָב אזוי פריעדליך געלעבט אלע מיינע יאָהרען אין דער אוניווערזיטעט־שטאָדט האָט געפונען זיך און מיינע פּער־זענליכע אנגעלעגענהייטען אריינגעשלעפּט אין דעם דרעה־ווינד פון די גרויסע וועלט־אנגעלעגענהייטען. צי עס איז געווען מיין ליעבע צו ערנסט׳ען, אָדער די באַלויכטונג זיינע פון דעם אמת׳ען כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער איך האָב געלעבט, וואָס האָט מיך געמאַכט פאַר א רעוואָלוציאָנערקע, ווייס איך ניט; נור איך בין געוואָרען א רעוואָלוציאָנערקע, און איך בין אריינגעוואָרפען געוואָרען אין א קרייז פון פּאַסירונגען, וועלכע איך וואָלט צוריק מיט דריי מאָנאטען גאָר ניט געקענט באַגריי־פען.

דער קריזים אין מיין אייגענעם גליק איז געקומען גלייכצייטיג מיט גרויסע קריזיסען אין דער געזעלשאַפט. ערשטענס, איז מיין פאָטער ענטזאגט געוואָרען פון זיין שטעלע אינ׳ם אוניווערזי־טעט. אָה, עס האָט ניט געהייסען, אז מען האָט איהם ענטזאגט. מען האָט בלויז פארלאנגט זיין רעזיגנאציע, דאָס אלעס. דאָס אליין, אָן און פאַר זיך, האָט ניט אויסגעמאַכט זעהר פיעל. מיין פאָטער האָט זיך ווירקליך געפרעהט מיט דעם. עס האָט איהם איבערהויפּט געפרעהט, וואָס זיין ענטזאגונג איז פאראורזאכט געוואָרען ביי דער ערשיינונג פון זיין בוך „עקאָנאָמיק און בילדונג״. דאָס האָט באַ־

פעסטיגט זיין ארגומענט, האָט עס באַשטעטיגט. וואָס פאַר אַ בעסערע צייגנים האָט מען געקענט אָנגעבען צו באַווייזען, אַז ביל־דונג איז קאָנטראָלירט פון דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס ?

נור די איבערצייגונג איז ווייט ניט געגאַנגען. קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז מען האָט איהם געצוואונגען צו רעזיגנירען פון אוניווערזיטעט. חאָטש ער איז געווען אַזאַ באַריהמטער וויסענשאַפטס־מאַן, און אַזאַ ערקלערונג, צולעגענדיג דערצו די אורזאַך פון זיין געצוואונגענער רעזיגנאַציע, וואָלט געמאַכט אַ פוראָר איבער דער גאַנצער וועלט. די צייטונגען האָבען איהם געזונגען שבחים, און איהם געלויבט פאַ׳רן אויפגעבען די שווערע ארבייט פון האַלטען לעקציעס אום ער זאָל קענען אָבגעבען זיין גאַנצע צייט צו וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען.

פון אָנפאַנג האָט מיין פאָטער געלאַכט. נאָכהער איז ער גע־געוואָרען בייז — אויף זיין שטייגער. נאָכהער איז געקומען די אונ־טערדריקונג פון זיין בוך. די אונטערדריקונג איז אָפּגעטאָן געוואָרען שטילערהייד, אַזוי שטיל, אַז פון אָנפאַנג האָבען מיר גאָר נישט געקענט פאַרשטעהן. די ארויסגאַבע פונ׳ם בוך האָט באַלד געמאַכט אַ שטיקעל רושם אין לאַנד. מיין פאָטער איז אין אַן אנשטענדיגען אופן אָנגעגריפען געוואָרען אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, דער טאָן פונ׳ם אנגריף איז געווען, אַז עס איז אַ שאָד, וואָס אַזאַ גרויסער וויסענשאַפטס־מאַן זאָל איבערלאָזען זיין אייגענעם געביעט און זיך אריינלאָזען אין סאָציאָלאָגיע, וועגען וועלכע ער האָט גאָר־ניט געוואוסט און איז גלייך צומישט געוואָרען. דאָס האָט אָנגע־האַלטען ארום אַ וואָך צייט. און מיין פאָטער האָט זיך געפיהלט גוט און האָט געזאָגט, אַז דער בוך האָט באַריהרט אַ וואונד אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. און דאַן, פּלוצים, האָבען די צייטונגען און די קריטישע מאַגאַזין אויפגעהערט צו דערמאָנען אַ וואָרט וועגען בוך. אויך איז דער בוך, מיט דער זעלבער פּלוצלינג־קייט, פאַרשוואונדען פון די פאַרקויף־פּלעצער. מען האָט ניט גע־קענט קריגען אַ קאָפּיע פון די בוכהאַנדלערס. מיין פאָטער האָט גע־שריבען צו די ארויסגעבערס און זיי האָבען איהם געלאָזט וויסען,

אַז די פּלאַטען זיינען דורך אַ צופאַל געשעדיגט געוואָרען. אַ זעהר אונצופריעדענע קאָרעספּאָנדענץ האָט נאָכגעפאָלגט. בלייבענדיג צוגעשפּאַרט צום וואַנד, האָבען די אַרויסגעבער איהם געשריעבען, אַז זיי קענען מעהר דעם בוך ניט דרוקען, נור אַז זיי זיינען צו־פרידען אָפּצולאָזען אַלע זייערע רעכט אויף דעם בוך.

— און איהר וועט ניט געפינען אַן אַנדער פאַרלעגער איבער׳ן גאַנצען לאַנד, וואָס וועט זיך וועלען צוריהרען צו דעם — האָט ערנסט געזאָגט. — און אויב איך וואָלט געווען אויף אייער פּלאַץ, וואָלט איך גלייך געהאַלטען מויל. איהר האָט פּשוט פאַרזוכט אַ ביסעל פון דעם „א י י ז ע ר נ ע ם ק נ א פּ ע ל".

אָבער מיין פאָטער איז געווען אַ וויסענשאַפטס־מאַן, ער האָט קיינמאָל ניט געגלויבט אין באַשליסען שנעל. אַ לאַבאָראַטאָריע־עקספּערימענט איז ניט געווען קיין עקספּערימענט, סיידען ער האָט דורכגעזוכט יעדע קלייניגקייט. דאַרום האָט ער געדולדיג אויסגע־פּרובירט יעדער פאַרלעגער־פירמע. זיי האָבען געגעבען אונצעהליגע תירוצים, נור קיין איינער פון זיי האָט ניט געוואָלט דרוקען דעם בוך.

ווען מיין פאָטער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער בוך איזווירקליך אונטערדריקט געוואָרען, האָט ער געפּרובירט צו פאַר־עפענטליכען דעם פאַקט אין די צייטונגען; נור זיינע בריעף זיי־נען איגנאָרירט געוואָרען. אויף אַ פּאָליטישער פאַרזאַמלונג פון די סאָציאַליסטען, וואו פיעל צייטונגס־רעפּאָרטער זיינען געווען, האָט מיין פאָטער געדענקט, אַז ער האָט געהאַט אַ גוטע געלעגענהייט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט דערצעהלט די גאַנ־צע געשיכטע פון דער אונטערדריקונג פון זיין בוך. אויפ׳ן קומענדיגען טאָג האָט ער געלאַכט, ווען ער האָט גע־לעזען אין די צייטונגען, און נאכהער איז ער בייז געוואָרען, זעהר בייז געוואָרען. די צייטונגען האָבען גאָר ניט דערמאָנט וועגען זיין בוך, נור זיי האָבען געשריבען אַ גאַנץ פאַלשען רעפּאָרט. זיי האָבען פאַרדרעהט די ווערטער און די פראַזען פון דעם אינהאַלט פון זיין רעדע, און זיי האָבען געמאַכט פון זיין שטילע, קאָנטראָלירטע

באמערקונגען א גרילצענדע אנארכיסטישע רעדע. עס איז אבגע־טאן געווארען קינסטלעריש. איין ביישפיעל, איבערהויפט, געדענק איך. ער האט זיך באנוצט מיט דער פראזע „סאציאלע רעוואלו־ציע“. דער רעפארטער האט בלויז ארויסגעווארפען דאסווארט „סאציאלע“. דאס איז ארויסגעשיקט געווארען איבער׳ן גאנצען לאנד אין אן „אסאשיאייטעד פרעס“־טעלעגראמע, און איבער׳ן גאנצען לאנד האט זיך אויפגעהויבען א געשריי פון שרעק. מיין פאטער איז געבראנדמארקט געווארען אלס א ניהיליסט און אן אנארכיסט, און אין איין ציימונגס־קאריקאטור, וואס איז קאפירט געווארען פון זעהר פיעל צייטונגען, איז ער געמאהלען געווארען, ווי ער פאכט מיט א רויטער פאהן אן דער שפיצע פון א מענגע לאנג־האריגע, ווילד־אויסקוקענדיגע מענער, וועלכע האבען געהאל־טען פאקעלען, מעסערס און דינאמיט־באמבעס אין זייערע הענד.

די פרעס האט איהם שרעקליך אנגעגריפען, זיין לאנגע און שימפפענדע לייט־ארטיקלען, פאר זיין אנארכיזם. און מען האט גע־געבען אנצוהעריניש, אז ער האט ווארשיינליך פארלארען זיין פאר־שטאנד. די דאזיגע באנעהמונג פון דער קאפיטאליסטישער פרעס איז קיין נייעס ניט געוועזען, פלעגט ערנסט אונז זאגען. עס איז געוועזען דער מנהג, האט ער געזאגט, צו שיקען רעפארטערס צו אלע סא־ציאליסטישע פארזאמלונגען מיט׳ן איינציגען צוועק צו רעפארטען פאלש און צו פארדרעהען אלעס, וואס איז געזאגט געווארען, אום אבצושרעקען די מיטעל־קלאס, פון וועלכער עס איז מעגליכער פאראייניגונג מיט׳ן פראלעטאריאט. און ערנסט האט פיעל מאל געווארענט מיין פאטער אויפצוהערען צו קעמפפען און זיך צוריק ציהען פון עפענטליכקייט.

די סאציאליסטישע פרעס פונ׳ם לאנד האט אויפגענומען דעם קאמפף און דורך דעם לעזענדיגען טייל פון די ארבייטער איז געוועזען באוואוסט, אז דער בוך איז אונטערדריקט געווארען. נור בלויז די ארבייטער האבען דאס געוואוסט. נאכהער האט דער „אפפיעל טו ריזען“, א גרויסע סאציאליסטישע דרוק־פירמע, אראנ־זשירט מיט מיין פאטער ארויסצוגעבען דעם בוך. מיין פאטער

איז געווען העכסט אויפגעלעגט דערפון, נור ערנסט איז געווען שטארק באזארגט.

— איך זאג אייך, אז מיר זיינען ביים סאמע שוועל פונ׳ם „אונבאוואוסטען״ האט ער ארגומענטירט. — גרויסע זאכען פאסירען שטילערהייט ארום אונז. מיר קענען זיי פיהלען. מיר ווייסען נים וואס גראד די זאכען זיינען, נור זיי פאסירען זיכער. די גאנצע געזעלשאפטליכע געביידע טרייסעלט זיך איבער זיי. פרעגט מיך נים. איך זעלבסט ווייס אויך נים. נור פון דעם געזעלשאפטליכען פלוס וועט זיך עטוואס קריסטאליזירען. עס קריסטאליזירט זיך יעצט. די אונטערדריקונג פונ׳ם בוך איז געווען א איבעראיילטע האנדלונג. וויפיעל ביכער זיינען שוין אונטערדריקט געווארען? מיר האבען נים דעם מינדעסטען באגריף דערפון. מיר טאפען אין דער פינסטער. מיר האבען נים קיין וועג, ווי עס אויסצוגעפינען. פאסט אויף און איהר וועט זעהן, אז נעקסט וועלען די סאציאליסטישע צייטונגען אונטערדריקט ווערען, און די סאציאליסטישע דרוק־פירמען. איך האב מורא, אז עס קומט שוין. מיר וועלען דערווארגען און דערשטיקט ווערען.

ערנסט האט געפיהלט דעם פולס פון די פאסירונגען זאגאר בעסער פון אלע אנדערע סאציאליסטען, און אין צוויי טעג ארום האט מען דערלאנגט דעם ערשטען קלאפ. דער „אפפיעל טו ריזען״ איז געווען א וואכענטליכע צייטונג, און איהר דורכשניטליכע צירקולאציע צווישען דעם פראלעטאריאט איז געווען זיבען הונדערט און פופציג טויזענד. זי איז אויך גאנץ אפט ערשיענען אין ספעציעלע אויסגאבען פון צוויי ביז פינף מיליאן. די גרויסע אויסגאבען זיינען באצאהלט און פארשפרייט געווארען פון א קליינע צאהל פרייוויליגע ארבייטער, וועלכע האבען זיך ארומגעקליבען ארום „אפפיעל״. דער ערשטער קלאפ איז געציעלט געווארען געגען די ספעציעלע אויסגאבען, און עס איז געווען א צושמעטערענדער קלאפ. דורך א פרייוויליגען ארדער פונ׳ם פאסט־אפיס זיינען די אויסגאבען ערקלערט געווארען אלס די נים רעגולארע ציר־

קולאַציע פון דער צייטונג, און צוליעב דער אורזאַך האָט מען זיי אויף דער פּאָסט ניט אָנגענומען.

אַ וואָך שפּעטער האָט דער מיניסטער פון פּאָסט־אָפּיס ענטשיעדען, אַז די צייטונג איז אַ העצענדע, און מען האָט זי מעהר ניט אויפגענומען אויף דער פּאָסט. דאָס איז געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ פאַר דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ. דער „אַפּפּיעל" איז געווען אין אַ פאַרצווייפעלטער לאַגע. די אַרויסגעבער האָבען אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן צו גרייכען זייערע אַבאָנענטען דורך די עקספּרעס־קאָמפּאַניעס, נור זיי האָבען זיך ענטזאַגט צו פיהרען די צייטונג. דאָס איז געווען די ענד פונ׳ם „אַפּפּיעל". אָבער ניט אין גאַנצען. זיי האָבען זיך גענומען דרוקען מיין פּאַטער׳ס בוך. צוואַנציג טויזענד קאָפּיעס פון דעם בוך זיינען שוין געווען אין דער בוכבינדער־אַבטיילונג, און די דרוק־מאַשינען האָבען געדרוקט נאָך. און דאַן, אָהן אַ שום וואָרנונג, האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אַ פּעבעל אין איין נאַכט, און מיט אַן אַמעריקאַנער פאָהן אָן זייער שפּיץ און זינגענדיג פּאַטריאָטישע ליעדער, האָבען זיי אונטערגעצונדען די גרויסע געביידע פונ׳ם „אַפּפּיעל" און זי פאַרניכטעט.

זשיראַרד, קענזעס, איז געווען אַ שטיל, רוהיג שטעדטעל. דאָרטען האָבען קיינמאָל ניט פּאַסירט קיין אַרבייטער־צוזאַמענשטויס. דער „אַפּפּיעל" האָט געצאָהלט יוניאָן־פּרייזען; און איז פאַקטיש געווען די שטיצע פונ׳ם שטעדטעל, געבענדיג באַשעפטיגונג צו הונדערטער מענער און פרויען. ניט קיין זשיראַרדער בירגער האָבען אַנטייל גענומען אין דיזער געוואַלד־טאַט. דיזער פּעבעל איז ווי אַרויסגעשפּרונגען פון דער ערד, און לויט אַלע אויסזיכטען, נאָכ׳ן אָבטהאָן די טייפעלשע אַרבייט, איז ער ווי צוריק איינגעזונקען אין דער ערד. ערנסט האָט אַנערקענט די פּאַסירונג אַלס אַ זעהר וויכטיגע.

— די שוואַרצע מאה (1) ווערט אָרגאַניזירט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען — האָט ער געזאָגט — דאָס איז דער אָנ־

פאַנג, מיר וועלען נאָך האָבען פיעל מעהר פון זיי. דער אייזערנער קנאַפּעל ווערט פרעך.

און אזוי איז מיין פאַטער׳ס בוך אונטערגעגאַנגען. עס איז אונז באַשערט געווען צו זעהן פיעל מעהר פון די שווארצע מאות אין די קומענדע טעג. יעדע וואָך זיינען אַנדערע סאָציאַליסטישע צייטונגען ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון דער פּאָסט; און אין אונ־צעהליגע פאַלען האָבען די שווארצע מאות פארניכטעט די סאָציאַ־ליסטישע דרוק־הייזער. נאַטירליך האָבען די צייטונגען פונ׳ם לאַנד אָנגעהאַלטען זייער רעאַקציאָנערע שטעלונג אין זייער פארטיידי־גונג פון דער הערשענדער קלאַס, און די פארניכטעדיגע סאָציאַליס־טישע פּרעס איז מיסרעפּרעזענטירט און געשימפּפט געוואָרען, בעת די שווארצע מאות זיינען געלויבט געוואָרען אַלס אמת׳ע פּאַט־ריאָטען און געזעלשאַפטס־רעטער. אזוי איבערציייגענד איז די מיס־רעפּרעזענטאַציע געווען, אַז ערנסטע גייסטליכע האָבען געלויבט די שווארצע מאות אויף דער בימה אין דער צייט, ווען זיי האָבען באַדויערט די נויטווענדיגקייט פון געוואַלד.

היסטאָרישע פּאַסירונגען האָבען געפאָלגט איינע נאָך דער צווייטער זעהר שנעל, און ערנסט איז נאָמינירט געוואָרען פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי צו לויפען פאַר קאָנגרעסמאַן. זיין שאַנס ערוועהלט צו ווערען איז געווען זעהר גוט. דער גאַסען־באַהן־סטרייק אין סאַן פראַנציסקאָ איז פארלוירען געגאַנגען, און גלייך נאָכדעם איז דער פוהרמאַן סטרייק אויך פארלוירען. די צוויי נידערלאַגען זיינען געווען אַן אומגליק פאַר די אָרגאַניזירטע אר־בייטער. די גאַנצע וואַסער־ברעג־פעדעראַציע, און אַלע זייערע בונד־גענאָסען אין דעם בוי־פאַך האָבען געשטיצט די פוהר־לייט, און אַלע זיינען געשלאָגען געוואָרען אויף אַ שענדליכען אופן. עס איז געווען אַ בלוטיגער סטרייק. די פּאָליציי האָט צובראָכען אונ־צעהליגע קעפּ מיט זייערע שטעקענס; און די טוידטען־ליסט איז פארגרעסערט געוואָרען פונ׳ם שיסען אויף די סטרייקערס מיט מיט אַן הארמאַט, וועלכען מען האָט אוועקגעשטעלט אינ׳ם שטאַל פון די „מארסדען־ספּעציעל־דעליוועריי־קאָמפּאַני“.

אלס א רעזולטאט זיינען די מענער געווען אויפגערעגט און נקמה־דורשטיג. זיי האָבען געוואָלט בלוט און נקמה. זייענדיג גע־שלאָגען אויף זייער אייגענעם פעלד, זיינען זיי געווען גרייט צו נעהמען נקמה דורך פּאָליטישע אקציאָן. זיי האָבען נאָך אַלץ אויפגעהאלטען זייערע ארבייטער־אָרגאניזאציעס, און דאָס האָט זיי געגעבען מאכט אינ'ם פּאָליטישען קאמפּף, וואָס איז אָנגעגאנגען. ערנסט'ס שאנס פאר זיעג איז געוואָרען וואָס א מאָל שטארקער. טאָג־טעגליך האָבען מעהרערע יוניאָנס זיך ערקלערט פאר שטיצען די סאָציאַליסטען, ביז אפילו ערנסט אליין האָט געלאכט, ווען די קברות־לייט־יוניאָן און די עופות־קלייבער־יוניאָן האָבען זיך אָנ־געשלאָסען אין די רייהען. די ארבייטער זיינען געוואָרען הארטנע־קיג. ווייל זיי האָבען אָנגעפּאקט די סאָציאַליסטישע פארזאמלונגס־פּלעצער מיט א מין משוגע'נעם ענטוזיאזם, פּלעגען זיי זיך צו די פּאָליטישענס פון די אַלטע פּארטייען גאָר ניט וועלען צוהערען. די אַלטע פּארטיי־רעדנערס פלעגען באגריסט ווערען פון ליידיגע זאַלען, כאָטש גאנץ אָפט האָבען זיי געפונען געפּאקטע זאַלען, וואו זיי פּלעגען אזוי גרויזאם באהאנדעלט ווערען, אז מען פּלעגט גאנץ אָפט דארפען ארויסרופען ספּעציעלע פּאָליסלייט.

ווי איך האָב פריהער געזאָגט, היסטאָריע איז שנעל געמאכט געוואָרען. די לופט איז געווען פול מיט זאכען, וואָס האָבען פּאַ־סירט און וואָס זיינען געווען אין פּאָרבערייטונג. דאָס לאנד איז געווען ביים אָנפאנג פון א שלעכט שטיקעל צייט, (2) וואָס איז פאראורזאכט געוואָרען פון א צאָהל גוטע יאָהרען, דורך וועלכע די שוועריקייט פון פּטר'ן דעם אונברויכבארען איבערפלוס אין אויסלאנד איז געוואָרען נאָך שווערער. די פארשיעדענע אינדוסט־ריען האָבען ניט געארבייט די פולע צייט; פיעל גרויסע פאב־ריקען זיינען געשטאנען לעדיג, ווארטענדיג אויף דער צייט, ווען דער איבערפלוס וועט פארנוצט ווערען; און דער לוין פון די ארבייטער איז געפאלען זעהר שטארק.

דער גרויסער מאשיניסטען־סטרייק איז אויך געבראָכען גע־וואָרען. צוויי הונדערט טויזענד מאשיניסטען, צוזאמען מיט זייערע

פינף הונדערט גענאָסען אין דעם מעטאַל־ארבייטער־פאַך, זיינען באזיעגט געוואָרען אין דעם בלוטיגען סטרייק, וועמענס גלייכען האָט נאָך ניט פארשמירט די היסטאָרישע בלעטער פון די פאראייניגטע שטאאטען. געשלעגען זיינען אָנגעגאנגען מיט די קליינע אַרמעען פון באוואפענטע סטרייק־ברעכער, (3) וועלכע זיינען צו־געשטעלט געוואָרען פון די בעלי־בתים־פאראיינען; די שווארצע מאות, אין פיעל וויט־צושפרייטע פלעצער האָבען צושטערט אייגענטום; און ענדליך, זיינען הונדערט טויזענד רעגולערע סאָלדאַטען פון די פאראייניגטע שטאאטען ארויסגערופען געוואָרען צו מאַכען א שרעקליכע ענד פון די פאסירונגען. פיעל ארבייטער־פיהרען זיינען הינגעריכטעט געוואָרען; פיעל אנדערע זיינען פאר׳משפט געוואָרען צו געפענגנים, און טויזענדער פון די סטרייקערס זיינען אריינגעזעצט געוואָרען אין די בול־פענס (4) (אָקסען־שטאַל) און מערדעריש באהאנדעלט געוואָרען פון די סאָלדאטען.

מען האָט זיך יעצט אָבגערעכענט מיט זיי פאר די גוטע יאָהרען. אלע פארקויף־פלעצער זיינען געווען איבערפילט מיט סחורה; אלע פרייזען זיינען געפאלען; און צווישען דעם אלגעמיינעם פאלען פון פרייזען איז די פרייז פון ארבייט געפאלען אם נידריגסטען. דאָס לאנד איז געווען אין א קאָנוואולסיע פון אינדוסטריעלע שטרייטיגקייטען. ארבייטער האָבען געסטרייקט איבעראל; און וואו זיי האָבען ניט געסטרייקט, האָבען זיי די קאפיטאליסטען אליין ארויסגעשיקט. די צייטונגען זיינען געווען פול מיט געשיכטעס פון בלוט און געוואלדטהאט. און אין אלעמען האָבען די שווארצע מאות געהאט אן אנטייל. בונטען, אונטערצינדונגען און צושטערונג פון אייגענטום זיינען געווען זייערע פונקציאָנען און זיי האָבען זייער ארבייט גוט געטאָן. די גאנצע ארמע פון די פאראייניגטע שטאאטען איז געווען אויפ׳ן פלאץ, ארויסגערופען דורך די האנדלונגען פון די שווארצע מאות. (5) אלע שטעדט און שטעדטלעך האָבען אויסגעקוקט ווי באוואפענטע לאגערען, און ארבייטער זיינען געשאָסען געוואָרען ווי די הינט. פון דער גרויסער אַרמע אונבאשעפטיגטע האָבען זיי געקראָגען די סטרייק־ברע־

בערם; און ווען די סטרייק־ברעכערס פלעגען אַ מאָל געשלאָגען ווערען פון די יוניאָנס, פלעגען די סאָלדאַטען זיי קומען צו הילף און צודריקען די יוניאָן־לייט. אַ חוץ דעם איז געווען די מיליץ. דערווייל האָבען זיי זיך נאָך ניט באַדאַרפט באַנוצען מיט דעם סעקרעטנעם מיליץ־געזעץ. בלויז די רעגוליאַרנע אָרגאַניזירטע מי־ליץ איז געווען אויף די קאַמפּפס־פּלעצער, און זי איז געווען אי־בעראַל. און אין דער שרעקליכער צייט האָט די רעגיערונג פאַר־גרעסערט די אַרמע מיט נאָך הונדערט טויזענד סאָלדאַטען.

קיינמאָל האָט די אַרבייטער־קלאַס ניט געליטען אַזאַ שרעק־ליכע נידערלאַגע. די גרויסע קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע, די אָלי־גאַרכען, האָבען צום ערשטען מאָל געגעבען שטיצע די וואַקלענדיגע בעלי־בתים פאַראיינען אין זייער קאַמפף. די פאַראיינען זיינען געווען צוזאַמענגעשטעלט כמעט דורכאויס פון מיטעלקלאַס מענ־שען, און יעצט, געצוואונגען פון שלעכטע צייטען און קראַכענדע פרייזען און געשטיצט פון די גרויסע קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע, האָבען זיי געהאַט אַ גרויסען גלענצענדען זיעג איבער די אָרגאַ־ניזירטע אַרבייטער. עס איז געווען אַ מעכטיגער פאַרבאַנד, אָבער עס איז געווען די פאַראייניגונג פון אַ לייב מיט אַ שעפּעלע, ווי די מיטעל־קלאַס האָט עס טאַקי גלייך נאָכדעם אויסגעפונען.

די אַרבייטער זיינען געווען צובלוטיגט און בייז, אָבער באַ־זיעגט. דאָך האָט זייער נידערלאַגע ניט געענדיגט די שלעכטע צייט. די באַנקען, אַן און פאַר זיך אַ פעסטונג פון דער אָליגאַר־כיע, האָבען געהאַלטען אין איין צוריקציהען קרעדיט. די וואָל־סטריט (6) באַנדע האָט געמאַכט פון׳ם אַקציען־פאַרקויף־פּלאַץ אַ קעסעל־גרוב, אין וועלכען די פּרייזען פון לאַנד זיינען אַרונ־טערגעשטיגען כמעט צו גאָר־ניט. און פון דיזען חורבן האָט זיך אויפגעהויבען די ניי־געבאָרענע אָליגאַרכיע, אַן אונצושטערבאַרע, אַ גלייכגילטיגע און אַ פעסטע. איהר זיכערהייט און באַשטימטהייט האָט געוואָרפען אַ שרעק. ניט נור האָט זי זיך באַנוצט מיט איהר אייגענער מאכט, נור זי האָט אויך גענוצט די גאַנצע מאכט

פון דער קאַסע פון די פאַראייניגטע שטאַאטען אויסצופיהרען איהרע פּלענער.

די קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע האָבען זיך יעצט גענומען צו דער מיטעל־קלאַס. די בעלי־בתים פאַראיינען, וואָס האָבען גע־האָלפען די קאַפּיטאַנען צו צורייסען און דערשטיקען די ארבייטער, זיינען יעצט צופליקט געוואָרען פון זייערע געוועזענע בונ־דעס־גענאָסען. אין סאַמע מיטען קראַך פון די מיטעל־לייט, דער קליינער געשעפטס־מאַן און קליינער פאַבריקאַנט, זיינען די טראַסטס געשטאַנען אייזען־פעסט. ניט נור זיינען זיי געשטאַנען פעסט, נור זיי זיינען נאָך געווען טעטיג. זיי האָבען פאַרזייעט ווינד, ווינד און מעהר ווינד; ווייל בלויז זיי אַליין האָבען גע־וואוסט ווי צו שניידען אין דעם שטורם־ווינד, וואָס האָט נאָכ־געפאָלגט, און נאָך מאַכען פּראָפיט דערפון. און נאָך וואָס פאַר פּראָפיטען! שטאַרק גענוג איבערצוטראָגען דעם שטורם, וואָס, אייגענטליך, זיי אליין האָבען פאַראורזאַכט, האָבען זיי זיך אונ־פאַרשעהמט ארויסגעלאָזט פאַנגען די קרבנות, וואָס זיינען געפאַ־לען ארום זיי. פּרייזען זיינען אונ׳ברחמנות׳דיג און אונבאַגרייפ־ליך געזונקען, און די טראַסטס האָבען פאַרגרעסערט זייערע גע־שעפטען, וועלכע זיינען אזוי אויך געווען גרויס גענוג, זאָגאַר פאַרשפּרייטענדיג זיך אויף אַנדערע געביטען — און אימער האָבען זיי עס געטהאָן אויפ׳ן רעכנונג פון דער מיטעל־קלאַס.

און אזוי האָט דער זומער פון 1912 בוכשטעבליך געזעהן דעם טויט־שלאַג פון דער מיטעל־קלאַס. זאָגאַר ערנסט איז ער־שטוינט געוואָרען פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער עס איז געטאָן געוואָרען. ער האָט באַדייטענד געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און האָט געקוקט האָפנונגסלאָז אויף די קומענדע הערבסט־וואַה־לען.

— ניטאָ וואָס צו רעדען — האָט ער געזאָגט. — מיר זיינען באַזיעגט. דער אייזערנער קנאַפּעל איז שוין דאָ. איך האָב גע־האָפט אויף אַ פריעדליכען זיעג ביים באַלאָט־קאַסטען, נור איך האָב זיך גענאַרט. וויקסאָן האָט געהאַט רעכט. מיר וועלען באַרויבט

ווערען פון אונזערע איבערגעבליבענע פריוויטען; דער אייזער־נער קנאָפּעל וועט טרעטען איבער אונזערע פּנים'ער; עס בלייבט גאָר־ניט פאַר'ן ארבייטער־קלאַס אויסער אַ בלוטיגע רעוואָלוציע. מיר וועלען, נאַטירליך, געווינען, נור איך שוידער, ווען איך טראַכט פון דעם.

און פון דאַן אָן האָט ערנסט געלעגט זיין האָפנונג אויף דער רעוואָלוציע. אין דעם הינזיכט איז ער געווען פאַראַלעל פון זיין גאַנצער פּאַרטיי. זיינע סאָציאַליסטישע קאַמעראַדען האָבען ניט איינגעשטימט מיט איהם. זיי האָבען נאָך אַלץ באַשטעטיגט, אַז דער זיעג קען געוואונען ווערען דורך די וואַהלען. עס איז ניט געווען מחמת זיי זיינען צומישט געוואָרען. זיי זיינען געווען צו קאַלטבלוטיג און מוטיג אום צומישט צו ווערען. זיי האָבען פּשוט ניט געגלויבט. דאָס אַלעס. ערנסט האָט זיי ניט געקאָנט מאַכען צו באַטראַכטען די קומענדע אָליגאַרכיע צו־ערנסט. ער האָט זיי אַ ביסעל אויפגעמונטערט, נור זיי זיינען געווען צו זיכער מיט זייער אייגענער מאַכט. אין זייער טעאָרעטישער סאָציאַלער עוואָלוציע איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַן אָליגאַרכיע. און דאַריבער האָט די אָליגאַרכיע ניט געקענט ווערען.

— מיר וועלען אייך אויסוועהלען און שיקען אין קאָנגרעס און אַלעס וועט זיין ווי געוואונשען — האָבען זיי איהם געזאָגט ביי איינע פון אונזערע סעקרעטנע פאַרזאַמלונגען.

— און ווען זיי וועלען מיך אַרויסנעהמען פון קאָנגרעס, — האָט ערנסט קאַלטבלוטיג געענטפערט — און וועלען מיך אָנ־שפּאַרען אָן אַ וואַנט און מיך שיסען — וואָס וועט זיין נאָכהער?

— דאַן וועלען מיר זיך באַנוצען מיט אונזער מאַכט און וויי־דערשטעהן, — האָבען אַ דוצענד שטימען געענטפערט אויף איין מאָל.

— דאַן וועט איהר זיך באָדען אין אייער גאַל — איז געווען זיין ענטפער. — איך האָב געהערט די מיטעל־קלאַס זינגען דאָס זעלבע ליעדעל. און וואו איז זי יעצט מיט איהר מאַכט?

עלפטער קאפיטעל

# די גרויסע ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג

הערר וויקסאָן האָט ניט געשיקט נאָך מיין פאָטער. זיי האָבען זיך דורך א צופאַל באַגעגענט אויפ'ן שיף, פאָהרענדיג אין סאַן פראַנציסקאָ, פון וואָס עס איז צו זעהן, אַז די ווארנונג, וואָס ער האָט מיין פאָטער געגעבען, איז ניט געוועזן צוגעגרייט פון פריהער. ווען זיי זאָלען זיך ניט געווען באַגעגענען, וואָלט ער די ווארנונג ניט געקראָגען. דער רעזולטאַט וואָלט, פונדעסטוועגען, געוועזן דער זעלבער. מיין פאָטער האָט געשטאַמט פון די „מייפלאַוער" (1) פּאַסאַזשירען, און ער האָט געהאַט היים בלוט.

— ערנסט האָט געהאַט רעכט — האָט ער מיר געזאָגט, ווען ער איז אַהיים געקומען. — ערנסט איז א מערקווירדיגער יונגערמאַן. און איך וויל בעסער דיך זעהן אַלס זיין פרוי איידער די פרוי פון א ראקעפעלער זעלבסט. אָדער פון דעם ענגלישען קעניג.

— וואָס איז שוין נייעס? — האָב איך א צושראָקענע געפרעגט.

— די אַליגאַרכיע געהט אונז טרעטען אויפ'ן קאָפּ — אויף מיינעם און אויף דיינעם. וויקסאָן האָט עס מיר כמעט אויסדריקליך געזאָגט. ער איז געווען זעהר פריינדליך — פאַר אַן אַליגאַרך. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגען, מיך צוריק אויפצונעהמען אין אוניווערסיטעט. ווי געפעהלט עס דיר? ער, וויקסאָן, א שמוציגער געלד־כאַפּער, האָט די מאַכט צו באַשליסען, צי איך זאָל האַלטען לעקציעס אינ'ם שטאַאַטס־אוניווערסיטעט. נור ער האָט מיר געמאַכט נאָך א בעסערען פאָרשלאַג — דער פאָרשלאַג איז צו מאַכען מיך פאַר א פּרעזידענט פון א גרויסען לעהר־אַנשטאַלט פון פיזי־

שע וויסענשאַפטען, וועלכער ווערט יעצט געפּלאַנט — די אָליגאַר־כיע, ווי דו זעהסט, מוז געפינען אַ פּלאַץ פאַר איבערפלוס.

— געדענקט איהר, וואָס איך האָב געזאָגט אייער טאָכטער'ס סאָציאַליסטישען ליעבהאָבער? — האָט ער געזאָגט. — איך האָב איהם געזאָגט, אַז מיר וועלען טרעטען די אַרבייטער אויף די קעפּ. און מיר וועלען עס טאָן. וואָס אַנבעלאַנגט אייך זעלבסט, רעס־פּעקטיר איך אייך זעהר פיעל פאַר אייער וויסענשאַפט. נור אויב איהר ווילט פּרובירען אייער מזל מיט די אַרבייטער — נו, היט זיך אָפּ אייער קאָפּ, דאָס איז אַלעס! און דאַן האָט ער מיך פאַרלאָזט.

— עס מיינט, אַז מיר וועלען דאַרפען התונה האָבען פריהער, ווי מיר האָבען געפּלאַנט — איז געווען ערנסט'ס פּירוש, ווען מיר האָבען דאָס איהם דערצעהלט.

איך האָב זיין לאָגיק גלייך אויפ'ן פּלאַץ ניט פאַרשטאַנען. נור איך האָב באַלד נאָכדעם אויסגעפונען, אַז עס איז ריכטיג. עס איז געווען אין דער צייט, וואָס די פּיערטעל־יעהריגע פאַר־דיענסטען פון די סיעררא־פאַבריקען איז אויסגעצאָהלט געוואָרען — אָדער, בעסער געזאָגט, האָט געזאָלט אויסגעצאָהלט ווערען, ווייל מיין פאָטער האָט נאָך זיי ניט געקראָגען. נאָכ'ן וואַרטען איינינגע טעג, האָט מיין פאָטער געשריבען צום סעקרעטאַר. דער ענטפער איז גלייך געקומען אַז אין די ביכער געפינט זיך קיין רעקאָרד, אַז מיין פאָטער פאַרמאָגט אַקציעס פון דער קאָמפּאַניע, און אַ העפליכע בקשה פאַר אַ מעהר ערקלערענדיגער אינפאָרמאַציע.

— איך וועל עס זיי מאַכען קלאָר גענוג, פאַרדאַמט זאָלען זיי ווערען! — האָט מיין פאָטער זיך געבייזערט, און איז אוועק־געגאַנגען אין דער באַנק צו קריגען זיינע דאָקומענטען פון זיין געדונגענעם קאַמעריל אין דער באַנק'ס שטאָהלענעם קאַסטען.

— ערנסט איז אַ זעהר מערקווירדיגער מענש — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז צוריקגעקומען און בעת איך האָב איהם גע־האָלפען אַראָבנעהמען זיין אויבערראָק. — איך ווידערהאָל עס

נאָך אַ מאָל, טאָכטער מיינע, דיין חתן איז אַ זעהר מערקווירדיגער יונגער־מאַן.

איך בין שוין געוועהנט געווען צו ערוואַרטען אַ נייעם אומ־גליק, ווען ער פלעגט ליובען ערנסטען אַזוי שטאַרק.

— זיי האָבען מיר שוין געטראָטען אויפ׳ן קאָפּ — האָט מיין פאָטער מיר ערקלערט. — עס זיינען ניט געווען קיין אַקציעס. דאָס קאָמעריל איז ליידיג. דו און ערנסט וועלען מוזען חתונה האָבען גאַנץ שנעל.

מיין פאָטער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען ביי זיינע לאַבאָראַ־טאָריע מעטאָדען. ער האָט איינגעקלאָגט די סיעררא־פאַבריקען אין געריכטס־הויז. ער האָט אָבער ניט קאָנטראָלירט די ריכטער, בעת די סיעררא־פאַבריקען האָבען זיי יאָ קאָנטראָלירט. דאָס האָט ער־קלעהרט אַלעס, ער איז באַזיעגט געוואָרען דורכ׳ן געזעץ. און די אונפארשעהמטע רויבעריי האָט זיי אָבגעגאָלטען.

יעצט זאָגאָר מוז איך לאַכען, ווען איך קוק צוריק אויף יענער צייט, ווי מיין פאָטער איז באַזיעגט געוואָרען. ער האָט ווידער באַגעגענט וויקסאָן׳ען צופעליג אין סאַן פראנציסקאָ אויף דער גאַס, און ער האָט איהם גערופען אַ פארדאַמטער שורקע. און דאַן האָט מען מיין פאָטער ארעסטירט פאַר אנגריעף. ער איז באַ־שטראָפט געוואָרען אין פּאָליציי־געריכט, און האָט געגעבען אַ פארזיכערונג, אַז ער וועט זיין פריעדליך. דאָס אַלעס איז געווען אַזוי לעכערליך, אַז ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער געלאַכט. אָבער וואָס פאַר אַ רעש דאָס האָט אָנגעמאַכט אין די צייטונגען! זיי האָבען גערעדט זעהר ערנסט וועגען דעם באַציל פון געוואַלד־טאַט, וואָס האָט אָנגעשטעקט יעדען מענשען, וואָס האָט אויפ־גענומען סאָציאַליזם; און מיין פאָטער, מיט אַ רעקאָרד פון אַ לאַנגען פריעדליכען לעבען, איז אָנגעגעבען געוואָרען אַלס אַ גו־טער ביישפּיעל פון דער ארבייט פון די באַצילען. אייניגע צייט־טונגען האָבען אויך באַשטעטיגט, אַז מיין פאָטער׳ס פארשטאַנד איז אָבגעשוואַכט געוואָרען פון צופיעל לערנען די וויסענשאַפטען און זיי האָבען פאָרגעשלאָגען איהם צו פארשפּארען אין אַ

משוגעים־אַנשטאַלט. און דאָס זיינען ניט געווען קיין פּוסטע רייד. עס איז געווען אַ ריכטיגע און באַלדיגע סכנה. נור מיין פּאָטער איז געווען קלוג גענוג עס פאַראויסצוזעהן. ער האָט זיך געקאָנט אָבלערנען פונ'ם בישאָפּ'ס ערפאַהרונגען, און ער האָט זיך עס גוט גענומען אין אכט. ער האָט פון דאַן אָן געשוויגען, וואָס פאַר אַן אונרעכט זיי האָבען איהם ניט אָבגעטאָן, און ער האָט מיט דעם ווירקליך איבערראַשט זיינע שונאים.

נעהמט, למשל, אונזער הויז — אונזער היים. מיר האָבען גע־מוזט אָבגעבען אונזער הויז, ווייל זיי האָבען געוויזען, אַז עס איז געווען פאַר'משכנ'ט צו דער צייט, און מיר האָבען קיינמאָל ניט געהאַט קיין משכון אויף דעם. די ערד, אויף וועלכע די הויז איז געבויט געוואָרען, האָט מיין פּאָטער געקויפט פאַר מזומן געלד, און ער האָט באַצאָהלט פאַר'ן הויז, ווען ער האָט עס געבויט. און אי דאָס הויז און אי די ערד, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען, זיינען קיינמאָל ניט געווען פאַר'משכנ'ט. דאָך האָבען זיי געצייגט די געזעצליכע פּאַפּירען, ריכטיג און געזעצליך אָנגעשריבען, און אַ פאָלקאָמענעם רעקאָרד פון פּראָצענט צאָהלונגען אין פארשיע־דענע דאַטען פון די לעצטע עטליכע יאָהר. מיין פּאָטער האָט דאָס אַלץ פאַרשוויגען. פּונקט ווי מען האָט איהם באַרויבט פון זיין געלד, אַזוי האָט מען איהם באַרויבט פון זיין היים. און ער האָט זיך ניט געקאָנט וועהרען. די מאַשינערי פון דער געזעלשאַפט איז געווען אין די הענד פון די מענשען, וועלכע האָבען עס גע־מאַכט פאַר זייער אויפגאַבע איהם צו רואינירען. ער איז געווען אַן אמת'ער פילאָזאָף, און ער האָט זיך שוין זאָגאַר ניט געבייזערט וועגען דעם.

— עס איז מיר שוין באַשעהרט צוברעכען צו ווערען — האָט ער מיר געזאָגט, — אָבער דאָס מיינט ניט, אַז איך דאַרף זיך ניט אויסהיטען פון געבראָכען צו ווערען וואָס ווייניגער. מיינע אַלטע ביינער זיינען שוין האַרט און ברעכען זיך לייכט, און איך האָב זיך שוין אָבגעלערענט פון ערפאַהרונג. גאָט ווייס, אַז איך וויל ניט אָבלעבען מיינע לעצטע עטליכע יאָהר אין אַ משוגעים־הויז.

דאָס דערמאָנט מיך אינ'ם בישאָפּ מאָרהויז, וועמען איך האָב פאַרנאַכלעסיגט אין אַזוי פיעל בלעטער פון מיין בוך. נור לאָמיך, ערשטענס, שרייבען וועגען מיין חתונה. אין די רייכע פּאַסירונגען, ווייס איך, איז די ערצעהלונג פון מיין חתונה זעהר אונוויכטיג, דאַרום וועל איך עס בלויז דערצעהלען אין קורצען.

— יעצט וועלען מיר ווערען אמת'ע פּראָלעטאַריער — האָט מיין פאָטער געזאָגט, ווען מיר זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון אונזער הויז. — איך האָב אימער צו מקנא געווען דעם חתן דיינעם פאַר זיין ריכטיגע באַקאַנטשאַפט מיט'ן פּראָלעטאַריאַט. יעצט וועל איך זיי אליין זעהן און זיך באַקענען מיט זיי.

מיין פאָטער האָט געמוזט זיין אַ גרויסער ריזיקאַנט. ער האָט באַטראַכט אונזער קאַטאַסטראָפע אלס אַ סאָרט ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג. ער איז ניט געווען פאַרביטערט, אויך ניט דער־צאָרענט וועגען דעם. ער איז געווען צופיעל פילאָזאָפיש און אייג־פאַך כדי צו זיין נקמה־דורשטיג, און ער איז געווען צופיעל אריינ־געלאָזט אין רוחניות, אַז די מאַטעריעלע באַקוועמליכקייטען, וואָס מיר האָבען געהאַלטען אין פאַרלירען, זאָלען איהם אויספּעה־לען צו פיעל. און ווען מיר האָבען זיך אריבערגעצויגען קיין סאַן פראַנציסקאָ אין פיער חשך'דיגע צימערען אין דעם נידריגען טייל פון שטאָדט, נידעריגער פון מאַרקעט גאַס, האָט מען געזעהן, אַז ער האָט זיך אריינגעלאָזט אין זיין אונטערנעהמונג מיט קינדערשען ענטוזיאַזם און פרייד. ער האָט קיינמאָל ניט קריסטאַליזירט זיי־נע בעאָבאַכטונגען אויפ'ן מח. ער האָט קיינמאָל ניט געשאַצט פאַלש. קאָנווענציאָנעלע אָדער געוואוינהייטס־פאָרשאַצונגען האָ־בען ביי איהם גאָר ניט אויסגעמאַכט. די איינציגע ווערט, וואָס ער האָט אנערקענט, איז געווען אַ מאַטעמאַטישער און וויסענשאַפטלי־כער פאַקט. מיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער מאַן. ער האָט געהאַט אַ גייסט און אַ פאַרשטאַנד, וואָס בלויז גרויסע ליוט באַ־זיצען. אין אייניגע פאַכען איז ער אפילו געווען גרעסער פון ערנסט'ען, וועמעס גלייכען זאָגאַר איך האָב קיינמאָל ניט באַ־געגענט.

זאָגאר איך האָב געפונען אַן ערלייכטערונג אין אונזער גע־ביטענעם אַרט לעבען. אַם וועניגסטען, האָב איך זיך אויסגעדרעהט פון דעם אָרגאַניזירטען חרם, און וועלכען מיר האָבען זיך געפונען אין דער אוניווערזיטעט־שטאָדט, זינט מיר האָבען ערוועקט די שנאה פון דער ניי־געבוירענער אליגארכיע. און דער איבערבייט איז ביי מיר אויך געווען אַ סאָרט ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג. און נאָך די גרעסטע פון אַלע, ווייל עס איז געווען אַ ליעבעס־אונטערנעהמונג. דער פאַרלוסט פון אונזער פאַרמעגען האָט צו־געאיילט מיין חתונה, און איך בין געקומען אַלס פרוי וואוינען אין פיער צימערען אויף פעלל־גאַס אין דער סאַן פראַנציסקאָ ני־דער־שטאָדט.

און דאָס איז געווען אַלעס, וואָס איז אונז געבליבען. איך האָט ערנסט׳ען געמאַכט זיך פיהלען גליקליך. איך בין אריינגע־טראָטען אין זיין שטורמדיגען לעבען, ניט ווי אַ נייער באַאונרו־היגענדיגער פאַקטאָר, נור ווי איינער, וואָס ברענגט רוה און פריע־דען. איך האָב איהם געגעבען רוה. דאָס איז געווען דער לוין פון מיין ליעבע צו איהם. דאָס איז געווען דער איינציגער אונפעהל־באַרער צייכען, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט פאַרפעהלט איהם צו געבען. צו ברענגען פאַרגעסענהייט, אָדער דעם גלאַנץ פון צופריע־דענהייט — אין זיינע מיעדע אויגען — מיט וואָס פאַר אַ גרעסערע ברכה האָב איך געקענט געבענשט ווערען?

זיינע טייערע, מיעדע אויגען! ער האָט געאַרבייט שווערער פון אַלע אַנדערע מענשען, און זיין גאַנץ לעבען האָט ער געאַרבייט פאַר אַנדערע. דאָס איז געווען אַ ריכטיגע אָפּשאַצונג פון זיין מענ־ליכקייט. ער איז געווען אַ מענשענפריינד און אַ ליעבהאָבער. און ער מיט זיין איינגעפונדעוועטען קאַמפּפס־גייסט, זיין אייזען־פעסטען קערפּער און זיין אָדלער־גייסט איז דאָך געווען אַזוי צאַרט און אַנגענעהם מיט מיר, ווי אַ פּאָעט. ער איז געווען אַ פּאָעט. אַ זינגער אין זיינע טאַטען. און זיין גאַנץ לעבען האָט ער געזונגען דאָס מענשליכע ליעד. און ער האָט עס געטאָן אויס ריינער ליעבע

צו מענשען, און פאַר די מענשען האָט ער אוועקגעגעבען זיין לע־בען און איז געקרייציגט געוואָרען.

און דאָס אַלעס האָט ער געטאָן אָהן וועלכע עס איז האָפנונג פאַר א צוקינפטיגע באַלוינונג. אין זיין וועלט־אַנשויאונג האָט קיין צוקינפטיגעס לעבען ניט עקזיסטירט. ער, וועלכער האָט ווירקליך געברענט מיט אונשטערבליכקייט, האָט אַליין ניט געגלויבט אין זיין אייגענע אונשטערבליכקייט — אַזוי פּאַראַדאָקסיש איז ער געווען. ער, מיט אַזאַ ברענענדען גייסט, איז געווען באַהערשט פון דער קאַלטער פילאָזאָפיע, די מאַטעריאַליסטישע לעהרע. איך פלעג איהם זיין דאַגעגען, ווען איך האָב איהם געזאָגט, אַז כ'האָב געמאָסטען זיין אונשטערבליכקייט מיט די פליגעל פון זיין נשמה, און אַז איך וואָלט באַדאַרפט איבערלעבען אונצעהליגע דורות אום צו קענען עס אָבמעסטען. ער פלעגט זיך צולאַכען, און זיינע אָרעמס פלעגען מיך ארומכאַפּען, און פלעגט מיך רופען זיין זיסע מעטאַפיזיקערין; און דאָס מיעדקייט פלעגט פאַרשווינדען פון זיינע אויגען, און עס פלעגט אין זיי אריינפליסען די גליקליכע ליעבעס־ליכט, וועלכעס אַן און פאַר זיך איז געווען אַ נייער און גענוגער צייכען פון זיין אונשטערבליכקייט.

ער פלעגט מיך אויך רופען זיין דואַליסטקע, (איינע וואָס באַ־שטעהט פון צוויי — איבערז.) און ער פעלגט ערקלעהרען, ווי קאַנט, באַנוצענדיג זיך מיט'ן שכל, האָט פאַרניכטעט דעם שכל, אום צו קענען דיענען צו גאָט. און ער האָט געצויגען אַ פּאַראַלעל צווישען מיר און איהם, און האָט מיך באַשולדיגט אין דער זעלבער האַנדלונג. און ווען איך האָב זיך ערקלעהרט שולדיג, נור איך האָב פאַרטיידיגט מיין האַנדלונג אַלס אַ העכסט שכל'דיגע, האָט ער מיך צוגעדריקט נאָך שטאַרקער און האָט געלאַכט טאַקי נור ווי איינער פון גאָט'ס ליעבהאָבערס קען לאַכען. איך פלעג אָב־לייקענען, אַז ירושה און אומשטענדען האָבען געקענט ערקלעהרען זיין אָריגינאַליטעט און געניוס, פּונקט ווי די קאַלטע, טאַפּענדע פינגער פון וויסענשאַפט קענען כאַפּען, אַנאַליזירען און קלאַסיפי־צירען דעם סאַמע עצם, וואָס שטעלט צוזאַמען לעבען זעלבסט.

איך האָב געגלויבט, אַז דער רוים איז אַן ערשיינונג פון גאָט, און אַז די נשמה איז אַ פּראָדוקט פון גאָט׳ס כאַראַקטער זעלבסט; און ווען ער פלעגט מיך רופען זיין זיסע מעטאַפיזיקערין, האָב איך איהם גערופען מיין אונשטערבליכער מאַטעריאַליסט. און אַזוי האָבען מיר זיך געליעבט און געווען גליקליך; און איך האָב איהם געליעבט פאַר זיינע מאַטעריאַליסטישע אַנשויאונגען, ווייל ער האָט אויפגעטאָן אַזוי פיעל אַרבייט אויף דער וועלט, און געטאָן די אַרבייט אָהן אַ שום געדאַנק פון אַ גייסטיגען פאַר־דיענסט, און צוליעב זיין זעהר עניו׳דיגען גייסט, וועלכער האָט איהם צוריקגעהאַלטען פון שטאָלצקייט און אַ באַוואוסטזיין פון זיין קעניגליכען גייסט.

נור ער האָט יאָ געהאַט שטאָלץ. ווי אַזוי האָט ער געקאָנט זיין אַן אָדלער און ניט באַזיצען קיין שטאָלץ? זיין אַרגומענט איז געווען, אַז עס איז פיינער פאַר אַ שטאַרבענדיגען לעבענס־פינטעל צו פיהלען געטליך, איידער פאַר אַ גאָט צו פיהלען געטליך; און דערפאַר האָט ער אַזוי הויך געשעצט וואָס ער פלעגט אָנרופען זיין שטערבליכקייט. ער פלעגט זעהר ליעב האָבען ציטירען אַ פראַגמענט פון אַ באַוואוסטער פּאָעמא. ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן די גאַנצע פּאָעמא, און אַלע זיינע אַנשטרענגונגען אויסצור־געפינען דעם נאָמען פון׳ם פאַרפאַסער זיינען געווען אומזיסט. איך גיב דאָ איבער דעם פראַגמענט, ניט בלויז, ווייל ער האָט עס אַזוי ליעב געהאַט, נור ווייל עס צייגט אין קורצען, וואָס פאַר אַ פּאַראָדאָקסישען גייסט ער האָט געהאַט, און זיין אייגענעם באַגריף פון זיין גייסט. ווייל ווי אַזוי קען אַ מאַן, מיט אַזוי פיעל ברענענדע ליידענשאַפט, אַזוי ערהאַבען, אַזוי אַנגענעהם דעקלאַמירען דאָס פּאָלגענדע און דאָך זיין שטערבליך, אַ שטיקעל אונדוירערנדיגע קראַפט, אַ פּאָרמע, וואָס ווערט פאַרשוואונדען? אָט איז די פּאָעמאַ:

„פרייד איבער פרייד און געווינס איבער געווינס
זיינען מיינע באַשטימטע רעכט פון מיין געבורט.

און איך שריי אוים די לויב פון מיינע אונענדליכע טעג
צו דעם אַבקלינגענדען עכאָ ביים ברעג פון דער ערד.
באַטש איך לייד אלערליי מיתות, מיט וועלכע אַ מענש קען
שטארבען
ביז צו דעם לעצטען סוף פון צייט,
האָב איך אָבער אויסגעליידיגט מיין כוס פון זעגען
אין יעדען דור און קלימאַט —
דער שוים פון שטאָלץ, דער געשמאַק פון מאכט.
די זיסקייט פון ווייבליכען געשלעכט!
איך ליידיג אוים דעם סאַמע אָבזאַץ אויף מיינע קניה,
ווייל, אָה, דער געטראַנק איז גוט;
איך טרינק צו לעבען, איך טרינק צו טוידט,
און סמאַקע מיינע ליפּען מיט גענאַנג,
ווייל ווען איך שטארב, וועט אַנאַנדער „איך" טרינקען פון
דעם זעלבען געטראַנק.

„דער מענש, וואָס דו האָסט פארטריבען פון גן עדן,
בין איך דאָס געווען, מיין גאָט, דאָס בין איך געווען.
און איך וועל דאַרטען זיין, ווען די ערד און לופט
וועלען אָבגעריסען ווערען פונ'ם ים ביז'ן הימעל,
ווייל עס איז מיין וועלט, מיין פּראַכטפולע וועלט,
די וועלט פון מיינע טייערסטע יסורים,
פונ'ם ערשטען שוואכען געשריי פונ'ם ניי־געבוירענעם,
ביז צו דער קוועלונג פון פרויען־גסיסה.

„איבערפילט מיט'ן פולם פון אַ נאָך ניט געבוירענע ראַסע,
צוריסען פון אַ וועלט־גרויסען פארלאַנגען
מיין שטאַרקער שטראָם פון ווילד, יונג בלוט
וואָלט געקענט דערטרינקען זאָגאר דאָס פייער פון גיהנם.
איך בין מאַן, מאַן, מאַן, פון מיין צוואוועהטאָגטען פליישׁ

ביז צום שטויב פון מיין ערדישען ציעל,
פון דער אומעטיגקייט פון דער טראַגעדיגער מוטער
ביז צום גלאַנץ פון מיין נאַקעטער נשמה.
ביין פון מיין ביין און פלייש פון מיין פלייש,
די גאַנצע וועלט שפּרינגט אויף, ווען איך וויל,
און דער ניט־געשטילטער דורשט פון אַ פארשאָלטענעם גן־עדן
זאָל בראַנעווען די ערד איבער גענוג.
אַלמעכטיגער גאָט, ווען איך ליידיג אוים דעם לעבענס־כוס
פון אַלע זיינע רעגענבויגען גלאַנצען,
וועט די אונגליקליכע פּלאָג פון דער אייביגער נאַכט
ניט זיין צו לאַנג פאַר מיינע חלומות.

„דער מאַן, וואָס דו האָסט פארטריבען פון גן־עדן,
בין איך דאָס געוועזן, מיין גאָט, דאָס בין איך געוועזן,
און איך וועל דאָרט זיין, ווען די ערד און לופט
וועלען אָבגעריסען ווערען פונ׳ם ים ביז׳ן הימעל;
ווייל עס איז מיין וועלט, מיין פּראַכטפולע וועלט,
די וועלט פון מיינע טייערע פארגעניעגענס,
פון דעם שיינענדען גלאַנץ פון נאָרדליכען שטראָם
ביז צו דער טונקעלהייט פון מיין אייגענער ליעבע־נאַכט"

ערנסט האָט אימער זיך איבערגעאַרבייט. זיין וואונדערבאַרער קערפּער־געבוי האָט איהם אויפגעהאַלטען; נור זאָגאַר זיין מעכ־טיגער געבוי האָט ניט געקאָנט צוריק האַלטען דעם מיעדען בליק פון זיינע אויגען. זיינע ליעבע, מיעדע אויגען! ער איז קיינמאָל ניט געשלאָפען מעהר ווי פיער און אַ האַלב שטונדען אַ נאַכט; דאָך האָט ער קיינמאָל ניט געפונען גענוג צייט צו טאָן אין גאַנ־צען די אַרבייט, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן. ער האָט קיינמאָל ניט אויפגעגעבען זיין פּראָפּאַגאַנדא־טעטיגקייט, און איז געווען אנגאַזשירט צו געבען לעקטשורס צו אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען

פּאַר מאָנאַטען. דאַן איז געקומען דער קאַמפּיין (דער פּאָליטישער וואַהל־קאַמפּף — איבערז.) ער האָט געטאָן גענוג אַרבייט אין דעם אַליין. מיט דער אונטערדריקונג פון די סאָציאַליסטישע פאַרלאַג־הייזער האָבען זיינע קליינע האָנאָראַרען גאָר אויפגעהערט, און ער האָט זיך געמאַטערט צו מאַכען אַ לעבען, ווייל ער האָט געמוזט פאַרדינען צום לעבען אַ חוץ אַלע זיינע איבעריגע אַרבייטען. ער האָט איבערזעצט זעהר פיעל וויסענשאַפטליכע און פילאָזאָפישע אַרטיקלען פאַר די זשורנאַלען; און אַהיים קומענדיג שפּעט ביי־נאַכט, אויסגעמאַטערט פונ׳ם קאַמפּיין אָנשטרענגונגען, פלעגט ער פאַרזונקען ווערען אין אַ מאַסע אַרבייט, איבערזעצענדיג און אַרבייטענדיג שווער ביז פאַר־טאָג. און אַ חוץ דעם אַלעמען, האָט ער דאָך אָנגעהאַלטען זיין שטודיום. ביז צום טאָג פון זיין טוידט האָט ער אָנגעהאַלטען זיין שטודיום, און ער האָט וואונדערבאַר פלייסיג שטודירט.

און דאָך האָט ער געפונען צייט צו ליעבען און מאַכען מיך גליקליך. נור דאָס איז עררייכט געוואָרען דורך מיין ענדערען מיין אַרט לעבען אויף זיינעם. איך האָב אויסגעלערנט סטענאָגראַפיע און שרייבען אויפ׳ן שרייב־מאַשין און בין געוואָרען זיין סעקרעטאַר. ער פלעגט באַשטעטיגען, אַז איך האָב פאַרלייכטערט זיין אַרבייט אויף אַ העלפט. און אַזוי האָב איך זיך אויסגעלערענט צו פאַרשטעהן זיין אַרבייט. אונזערע אינטערעסען זיינען געוואָרען געגענזייטיג און מיר האָבען געאַרבייט צוזאַמען און געשטיפט צוזאַמען.

און דאַן זיינען געווען אונזערע זיסע, גע׳גנב׳עטע מינוטען אין מיטען פון אונזער אַרבייט — בלויז אַ וואָרט, אַ לאַשטשע, אָדער אַ בליק פון ליעבע־ליכט; און אונזערע מאָמענטען זיינען געווען מעהר אנגענעהמענער, ווייל זיי זיינען געווען גע׳גנב׳עט, ווייל מיר האָבען געלעבט אין די הויכע פלעצער, וואו די לופט איז שאַרף און פינקלענד, וואו די אַרבייט פאַר דער מענשהייט ווערט געטאָן, און וואו שמוץ און עגאָאיזמוס האָט קיינמאָל ניט

אַריינגעטראָטען. מיר האָבען ליעב געהאַט די ליעבע, און אונזער ליעבע איז קיינמאָל ניט פאַרשמירט געוואָרען פון עטוואָס, וואָס איז ניט געווען די סאַמע בעסטע. און דאָס בלייבט איבער פון דעם אַלעמען: איך האָב ניט געהאַט קיין נידערפאַל. איך האָב איהם נעגעבען רוה — ער, וועלכער האָט געאַרבייט אַזוי שווער פאַר אַנדערע, מיין טייערער, מיעד־אויגיגער גלויביגער אין שטערב־ליכקייט.

## צוועלפטער קאפיטעל

# דער בישאָפּ

עס איז שוין געווען נאָך מיין חתונה ווען איך האָב זיך צור־פעליג באגעגענט מיט בישאָפּ מאָרהויז. נור איך מוז איבערגעבען די פּאסירונגען אין זייערע ריכטיגע פאָלגען. נאָך זיין אויסברוך ביי דער י. פּ. ה. קאָנוועגשאָן, האָט דער בישאָפּ, זייענדיג אַ גוטע נשמה, זיך געלאָזט איינרעדען פון זיינע פריינד, וועלכע האָבען איהם צוגעדריקט, און ער איז אוועקגעפאָהרען אויף אייני־גע וואָכען זיך אָברוהען. נור ער האָט זיך אומגעקעהרט מיט אַ נאָך פעסטערען באשלוס צו פּרעדיגען די שליחות פון דער קירך. צום גרויסען שטוינען פון זיין געמיינדע, איז זיין ערשטע פּרעדיגונג געווען כמעט עהנליך צו דער רעדע, וואָס ער האָט גע־האלטען ביי דער קאָנוועגשאָן. ווידער אַ מאָל האָט ער געזאָגט, און געגעבען איינצעלהייטען, אַז די קירך האָט אוועקגעוואנדערט פונ׳ם מייסטער׳ס לעהרען און אַז מאמאָן האָט פארנומען דעם פּלאץ פון קריסטוס.

און דער רעזולטאט איז געווען, דאָס מען האָט איהם, ווילענ־דיג אָדער ניט ווילענדיג, אוועקגעפיהרט אין אַ פּריוואטען אנ־שטאלט פאר גייסטיגע קראנקהייטען, און אין די צייטונגען זיי־נען ערשיענען ריהרענדע באשרייבונגען פון זיין גייסטיגע קראנק־הייט און פון דער ערהאבענהייט פון זיין כאראקטער. ער איז געהאלטען געוואָרען אַ געפאנגענער אין דעם סאניטאריום. איך בין געגאנגען אהין אונצעהליגע מאָל, נור מען האָט מיך ניט צור־געלאָזט צו איהם; און איך בין שרעקליך געריהרט געוואָרען פון דער טראגעדיע פון אַ קלוגען, נאָרמאלען, הייליגען מאן, וואָס

ווערט דערקוועטשט פון דער ברוטאַלער געזעלשאַפט, ווייל דער בישאָפּ איז געווען קלוג, איידעל און נאָבעל. ווי ערנסט פלעגט זאָגען, דער גאַנצער חסרון זיינער איז געווען, וואָס ער האָט גע־האַט אונריכטיגע ביאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע אידעען, און צוליעב דיזע אונריכטיגע אידעען זיינע האָט ער זיך גענומען פאַרריכטען די אַלע זאַכען ניט אויף אַ ריכטיגען אופן.

וואָס מיך האָט געשראָקען אַם מעהרסטען, איז געווען דעם בישאָפּ׳ס הילפלאָזיגקייט. אויב ער וואָלט זיך איינגעשפּאַרט פאַר׳ן אמת, ווי ער האָט איהם געזעהן, דאַן פאַרבלייבט ער אויף זיין גאַנץ לעבען אין אַ משוגעים־אַבטיילונג. און ער וואָלט גאָרניט געקאָנט טאָן. זיין געלד, זיין קולטור, זיין שטעלע וואָלט איהם ניט געקאָנט ראַטעווען. זיינע מיינונגען זיינען געפעהרליך פאַר דער געזעלשאַפט און די געזעלשאַפט האָט ניט געקאָנט באַגריי־פען, אַז אַזעלכע געפעהרליכע אידעען האָבען געקאָנט זיין אַ פּראָ־דוקט פון אַ קלוגען פאַרשטאַנד, אָדער, אַם וועניגסטענס, מיר צייגט זיך אויס, אַז דאָס איז געווען דער געזעלשאַפט׳ס שטעלונג אין דיזען הינזיכט.

נור דער בישאָפּ, כאָטש ער האָט געהאַט אַן עדעלען און נאָבעלען גייסט, איז ער געווען פון דעסטוועגען כיטרע גענוג. ער האָט באַגריפען זיין געפעהרליכע לאַגע גאַנץ קלאָר. ער האָט געזעהן, אַז ער איז געפאַנגען געוואָרען אין נעץ, און ער האָט געפּרופט זיך אַרויסצודרעהען. ניט צולאָזענדיג צו איהם קיין הילף פון זיינע פריינד, ווי איך, ערנסט, אָדער מיין פאָטער וואָל־טען איהם געקאָנט געבען, האָט ער געמוזט אַליין אָנפיהרען דעם קאַמפּף. און אין דער אַרויפגעצוואונגענער איינזאַמקייט פון דעם סאַניטאַריום איז ער געזונד געוואָרען. ער איז ווידער קלוג גע־וואָרען. זיינע אויגען האָבען אויפגעהערט צו זעהן די אַלע פאַנ־טאַזיעס; זיינע געהירען זיינען אויסגעלייטערט געוואָרען פונ׳ם איינפאַל, אַז עס איז די פליכט פון דער געזעלשאַפט צו שפּייזען דעם מייסטער׳ס שעפעלעך.

ווי איך האָב געזאָגט, ער איז געוואָרען געזונד. און די צייי־

טונגען, די קירך־מענשען האָבען באַגריסט זיין צוריק־קומען מיט פרייד. איך בין איינמאָל געגאַנגען צו זיין קירך. די דרשה זיי־נע איז געווען פול'ם זעלביגען טאָרט, וואָס ער פלעגט זיי געבען לאַנג צוריק איידער ער האָט גאָר געזעהן זיינע פאַנטאַזיעס. איך בין געווען ענטטוישט, געערגערט. האָט איהם די געזעלשאַפט אַרויסגעשלאָגען אַלעם פון קאָפּ? איז ער געוואָרען אַ פייגלינג? האָבען זיי איהם אָנגעשראָקען און איהם געבראַכט צו חרטה? אָדער איז די אנשטרענגונג געווען צופיעל פאַר איהם, און ער האָט הכנעה'דיג באַשלאָסען זיך אונטערצוגעבען צו דער עקזיסטי־רענדער אָרדנונג?

איך האָב איהם באַזוכט אין זיין פּראַכטפאָלער היים. ער איז געווען שרעקליך געביטען. ער איז געווען אויסגעמאָגערט, און איך האָב באַמערקט קנייטשען אויף זיין פּנים, וועלכע איך האָב פריהער ניט געזעהן. מען האָט געקענט זעהן, אַז מיין וויזיט איז איהם ניט געווען זעהר אַנגענעהם. ער האָט נערוועז געצופּט זיין אַרבעל, בעת מיר האָבען גערעדט; און זיינע אויגען זיינען געווען אונרוהיג, קוקענדיג איבעראַל, נור ענטזאַגענדיג זיך צו קוקען מיר אין די אויגען אריין. ער האָט אויסגעקוקט צו זיין פאַרטראַכט איבער עפּעס אַנדערש, און ער האָט זיך אַלע מאָל מאָדנע אָבגעשטעלט אין מיטען שמועס, ער האָט אָפט פּלוצים גע־ביטען דעם ענין, וועגען וועלכען מיר האָבען גערעדט, און ער האָט זיך אין גאַנצען זעהר משונה'דיג באַנומען. זאָל דאָס זיין דער רוהיגער, פעסטער און געטליכער מאַן, וועלכען איך האָב געקאָנט, מיט זיינע ריינע, קלאָרע אויגען, און זיין פעסטע בליק? ער איז מיסבאַהאַנדעלט געוואָרען; ער איז נידערגעשלאָגען געוואָרען און פון שרעק איז ער געוואָרען אונטערטעניג. זיין נשמה איז געווען צו צאַרט. זי איז ניט געווען מעכטיג גענוג אויסצושטעהן געגען דיזע אָרגאַניזירטע וועלף־באַנדע פון דער גע־זעלשאַפט.

איך האָב זיך געפיהלט טרויעריג, אוינאויסדריקליך טרויעריג. ער האָט גערעדט צווידייטיג, און ער האָט זיך אַזוי געשראָקען

פאַר דעם, וואָס איך וואָלט געוואָלט איהם פרעגען, אז מיין הארץ האָט מיר ניט דערלאָזט איהם איבערצופרעגען. ער האָט געערעדט וועגען זיין קראַנקהייט, און ער האָט גערעדט אָהן אַ שום צוזאַמענהאַנג וועגען דער קירך, וועגען דער פאַררייכטונג פונ'ם אָרגעל און וועגען קליינינקע צדקות. און ער האָט אויסגעקוקט אַזוי צופריעדען מיט מיין אַוועקגעהן, אַז איך וואָלט זיך שטאַרק צולאַכט, ווען מיין הארץ וואָלט מיר ניט געווען צוריסען ווערען אויף שטיקער אויס רחמנות צו איהם.

אָרימער העלד! אויב איך וואָלט עס נור געוואוסט! ער האָט געקעמפפט ווי אַ ריעז, און איך האָב זיך עס גאַר ניט אָנגעשטויסען. אַליין. איינער אַליין, צווישען מיליאָנען פון זיינע מיטמענשען האָט ער געקעמפפט זיין קאַמפף. צוריסען און צוואַוועהטאָגט פון זיינע ליידען אינ'ם משוגעים־אַנשטאַלט און זיין טרייהייט צו אמת און גערעכטיגקייט, האָט ער זיך פעסטגעהאַלטען ביים אמת און יושר; נור ער איז געווען אַזוי עלענד, אַז ער האָט זאָגאַר ניט געוואַגט מיר צו גלויבען. ער האָט אויסגעלערענט גוט — צו גוט.

נור עס האָט ניט לאַנג גענומען פאַר מיר עס אויסצוגעפינען. מיט אַמאָל איז דער בישאָפ פאַרשוואונדען געוואָרען. ער האָט קיינעם ניט געזאָגט, אַז ער פאָהרט אַוועק; און אַז עטליכע טעג זיינען פאַראיבער און ער איז ניט צוריק געקומען, האָבען פיעל פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז ער האָט זיך גענומען דאָס לעבען דורך אַן אָנפאַל פון משוגעת. נור קיינער האָט דאָס ניט געגלויבט, ווען מען האָט אויסגעפונען, אַז ער האָט צוערשט פאַרקויפט אַלעס, וואָס ער האָט פאַרמאָגט — זיין פּאַלאַץ אין שטאָדט, זיין זומערוואוינונג אין מענלאָ־פּאַרק, זיינע געמאָהלטע בילדער און זאַמלונגען, און זאָגאַר זיין באַליעבטע ביבליאָטעק. עס איז געווען גאַנץ קלאָר, אַז ער האָט צונויפגעזאַמעלט זיין גאַנץ פאַרמעגען איידער ער איז פאַרשוואונדען.

דאָס האָט פּאַסירט, ווען דער אונגליק האָט אונז געטראָפען אין אונזערע אייגענע אַנגעלעגענהייטען; און ביז וואַנען מיר

האָבען זיך איינגעאָרדענט אין אונזער נייער היים, האָבען מיר זאָגאר קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטען וועגען בישאָפּ. און דאַן איז אונז אַלעס קלאָר געוואָרען. איינמאָל פריה אין אָבענר. עס איז נאָך ווירקליך געווען בין השמשות, בין איך אריבערגעלאָפען די גאַס צו קויפען פלייש פאַר ערנסט׳ס אבענד־מאָהלצייט.

פּונקט אינ׳ם מאָמענט, וואָס איך בין ארויסגעקומען פונ׳ם פּלאַץ, וואו איך האָב געקויפט דאָס פלייש, איז אַ מאַן ארויסגעקור־מען פון דעם שפּייז־געוועלב וואָס איז געווען דערביי. אַ מאָדנער געפיהל פון פאַמיליאַריטעט מיט דיזען מאַן האָט מיך געמאַכט זיך ארומצוקוקען נאָך אַ מאָל, נור דער מאַן האָט זיך אומגעדרעהט און איז אוועק מיט שנעלע טריט. עס איז געווען עטוואָס אין דער משופּע׳דיגקייט פון זיינע אַקסלען און די זילבערנע האָר פון זיין קאָלנער און זיין ווייכען הוט, וואָס ער האָט געטראָגען, וואָס האָט ערוועקט אין מיר אונבאַשטימטע עראינערונגען. אַנשטאָט איבער־צוגעהן די גאַס, האָב איך זיך נאָכגעיאָגט נאָך דעם מאַן. איך האָב געמאַכט שנעלערע טריט, פּרובירענדיג ניט צו טראַכטען די געדאַנקען, וואָס האָבען זיך פאַרמירט אין מיין מח. ניין, עס איז געווען אונמעגליך. עס איז ניט מעגליך געווען — ניט אין די אָפּגעקראָכענע אויבער־הויזען, וועלכע זיינען צו־לאַנג און עס העני־גען פון זיי ארוים פעדים.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, געלאַכט פון מיר אליין, און כמעט אויפגעגעבען דעם געיעג נאָך איהם, נור די פאַמיליאַריטעט מיט זיינע אַקסלען און די זילבערנע האָר! און ווידער האָב איך זיך נאָכגעאיילט נאָך איהם. ווען איך בין איהם פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך געוואָרפען אַ שנעלען בליק אין איהם; דאַן האָב איך זיך שנעל אומגעדרעהט און איך בין געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט׳ן — בישאָפּ.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דער זעלבער פּלוצלינגקייט, און האָט ברייט אויפגעעפענט זיין מויל. אַ גרויסע פּאַפּיר־בייטעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אויף זיין רעכטער האַנד, איז ארונטער־געפאַלען אויף דער ערד. דער בייטעל האָט געפּלאַצט, און ארום

זיינע און מיינע פּיס האָבען זיך געקייקעלט קאַרטאָפעל. ער האָט געקוקט אויף מיר פאַרוואונדערט און מיט שרעק, דאַן האָט עס אויסגעקוקט, ווי ער ווערט איינגעזונקען. זיינע אַקסלען זיינען אַרונטערגעפאַלען פון דערשלאָגענקייט, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיעפען זיפץ.

איך האָב איהם געררייכט מיין האַנד. ער האָט איהר אָנ־געגריפען מיט זיינער, וועלכע איז געוועזן קאַלט און קלעפּעדיג. ער האָט זיך אויסגערייניגט זיין האַלז אויס פאַרלעגענהייט, און איך האָב געקענט זעהן דעם שוויים אַרויסשפּאַרענדיג אויף זיין שטערען. עס איז גאַנץ קלאָר, אַז ער האָט זיך שטאַרק איבער־געשראָקען.

—די קאַרטאָפעל -- האָט ער שוואַך געמורמעלט — זיי זיינען זעהר קאָסטבאַר.

מיר ביידע האָבען זיי אויפגעהובען און זיי צוריקגעלעגט אינ׳ם צוריסענעם פּאַפּירענעם בייטעל, וועלכען ער האָט יעצט זעהר פאָר־זיכטיג געהאַלטען אין זיין האַנד. איך האָב געפּרובירט איהם זאָגען, ווי עס האָט מיך געפרעהט, וואָס איך האָב איהם באַגעגענט און אַז ער מוז גלייך געהן מיט מיר צו אונזער היים.

— מיין פאָטער וועט זיך ווירקליך פרעהען אייך צו זעהן — האָב איך געזאָגט. — מיר וואוינען בלויז אַ קורץ שטיקעל וועג פון דאַנען.

— איך קען ניט -- האָט ער געזאָגט — איך מוז געהן. אַ גוטע נאַכט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַ צושראָקענער, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מען זאָל איהם ניט דערזעהן. און ער האָט זיך געלאָזט אַוועקגעהן.

— זאָגט מיר, וואו איהר וואוינט, און איך וועל קומען שפּעט־טער — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט געזעהן, אַז איך בין איהם נאָכגעגאַנגען, און אַז איך האָב געהאַט בדעה איהם ניט אָפּצולאָזען נאָכדעם ווי איך האָב איהם שוין אויסגעפונען.

— ניין — האָב איך פּעסט געענטפערט — איהר מוזט יעצט געהן מיט מיר.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף די קאַרטאָפּעל, אייניגע פון וועל־כע האָבען זיך אַרויסגעשאָטען אויף זיין אָרעם, און אויף די קליינע בינטלעך, וואָס זיינען געלעגען אויף זיין צווייטען אָרעם.

— עס איז ווירקליך אוממעגליך — האָט ער געזאָגט — פאַר־צייהט מיין אונהעפליכקייט. אַז איהר וואָלט געוואוסט...

ער האָט אויסגעזעהן ווי ער האַלט ביים פאַרלירען זיך, נור אין אַ מאָמענט האָט ער זיך ווידער קאָנטראָלירט.

— אַ חוץ די שפּייזען, — האָט ער ווידער געזאָגט, — איז עס אַ זעהר טרויעריגער פאַל. עס איז שרעקליך. זי איז אַן אַלטע פרוי. איך מוז עס איהר אַלעס גלייך צוטראָגען. זי ליידט שרעקליך. איך מוז גלייך געהן אַהין. דאַן וועל איך קומען, איך גיב אייך מיין וואָרט.

— לאָזט מיך געהן מיט אייך — האָב איך וואָלונטירט. — לאָמיר זיך צואיילען.

אַ דאַנק דעם בישאָפּ, האָב איך אויסגעפונען עטוואָס וועגען מיין אייגענער נאָכבאַרשאַפט. מיר האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגע־שטעלט, אַז אַזאַ אָרימקייט און נויט געפינט זיך דאָ. נאַטירליך, דאָס איז אַלעס געווען, ווייל איך האָב זיך ניט אָפּגעגעבען מיט צדקה. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז ערנסט האָט געהאַט רעכט, ווען ער האָט חוזק געמאַכט פון צדקה, אָנרופענדיג עס אַ פּלאַסטער צו אַן אייטערענדער וואונד. שניידט עס אויס — פלעגט זיין זיין רפואה; גיט דעם אַרבייטער, וואָס ער פּראָדוצירט; פּענ־סיאָנירט פּונקט ווי די סאָלדאַטען, די, וואָס ערטערען זיך, בכבוד אַרבייטענדיג. און מיר וועלען ניט דאַרפען האָבען קיין צדקה. זייענ־דיג איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון דעם, האָב איך געאַרבייט מיט איהם צוזאַמען פאַר דער רעוואָלוציע, און איך האָב ניט אויס־געבראַכט מיין ענערגיע, צו פאַרלייכטערען די געזעלשאַפטליכע איב־לען, וואָס זיינען אימער צו אַרויסגעקומען פון דער געזעלשאַפט׳ס אונגערעכטיגקייט און געמיינהייט.

איך בין נאָכגעגאנגען דעם בישאָפּ אין אַ קליין צימער, צעהן ביז צוועלף פוס די גרויס, אין אַן אונטערשטען טענעמענט־הויז. און דאָרטען האָבען מיר געפונען אַן אַלטע, קלייניגקע דייטשע פרוי — פיער און זעכציג יאָהר אַלט — האָט מיר דער בישאָפּ געזאָגט. זי האָט זיך שטארק פארוואונדערט, ווען זי האָט מיך דערזעהן, נור זי האָט אונז פריינדליך באַגריסט און האָט ניט אויפגעהערט נייהען אַ פּאָר מענערשע הויזען, וועלכע זי האָט געהאַלטען אויף איהרע קניה. נעבען איהר, אויף דער פּאָדלאָגע, איז געלעגען אַ גאַנצער הויפען הויזען. דער בישאָפּ האָט אויסגעפונען, אַז זי האָט ניט געהאט קיין קוילען אָדער שפּענדלעך און ער איז ארויסגעגאַנ־גען איינקויפען די זאכען.

איך האָב אויפגעהויבען אַ פּאָר הויזען און באַטראַכט איהר ארבייט.

— זעקס סענט, גנעדיגע פרוי — האָט זי געזאָגט, שאָקלענ־דיג מיט'ן קאָפּ, בעת זי האָט גענייהט. זי האָט גענייהט זעהר לאַנגזאַם, נור זי האָט ניט אויפגעהערט נייהען זאָגאר פאר אַ מינוט. עס האָט אויסגעוויזען, ווי דאָס וואָרט „נייהען" האָט געהערשט איבער איהר.

— פאַר דיזער גאַנצער ארבייט? — האָב איך געפרעגט — איז דאָס אַלעס, וואָס זיי צאָהלען? ווי לאַנג נעהמט עס אייך?

— יאַ — האָט זי געענטפערט. — דאָס איז אַלעס, וואָס זיי צאָהלען. צוויי שטונדען ארבייט אויף יעדע פּאָר.

— אָבער דער בעל־הבית ווייס דאָס ניט — האָט זי שנעל צוגעלעגט, ארויסצייגענדיג איהר מורא פון ארייגשלעפּען איהם אין אַ צרה. — איך ארבייט זעהר לאַנגזאַם. איך האָב רהומאַטיזם אין מיינע הענד. מיידלעך ארבייטען שנעלער. זיי ענדיגען אויס אַ פּאָר הויזען אין אַ העלפט —צייט. דער בעל־הבית איז זעהר גוט צו מיר. ער לאָזט מיך נעהמען די ארבייט אהיים, ווייל איך בין אַלט און דער טומעל פון די מאַשינען האַקט מיר אין קאָפּ. אויב ניט צוליעב זיין פריינדליכקייט, וואָלט איך אויסגעגאַנגען פון הונגער.

— יאָ, מענשען, וואָס ארבייטען אין שאַפּ, קריגען אַכט סענט פּאַר אַ פּאַר. אָבער וואָס קען איך טהאָן? עס איז ניטאָ געגוג ארבייט אפילו פאַר די יונגע. די אַלטע האָבען גאָר קיין שאַנס ניט. אַפט קריג איך בלויז איין פּאַר אַ טאָג. היינט געראַדע האָט זיך געמאַכט, וואָס איך האָב געקראָגען אַכט פּאָר צו ענדיגען ביז נאַכט.

איך האָב איהר געפרעגט וויפיעל שטונדען אַ טאָג זי ארבייט, און זי האָט געענטפערט, אַז עס ווענדט זיך נאָכ׳ן סעזאָן.

— אין זומער־צייט, ווען דער בעל־הבית קריגט אָרדערס צו מאַכען שנעל, ארבייט איך פון פינף אין דער פריה ביז ניין ביי־נאַכט. נור ווינטער־צייט איז צו קאַלט. די הענד זיינען שטייף און זיי וואַרימען זיך ניט אַן אַזוי שנעל. דאַן מוז איך ארבייטען שפּעטער — ביז נאָך האַלבע נאַכט אויך אַמאָל.

— יאָ, עס איז געווען אַ שלעכטער זומער, די שלעכטע צייטען. גאָט מוז אודאי זיין אין כעס. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער בעל־הבית האָט מיר געגעבען ארבייט היינטיגע וואָך. עס איז בעסער, עס איז ניטאָ פיעל צו עסען, ווען מען ארבייט ניט. איך בין שוין געוואוינט דערצו. איך האָב גענעהט מיין גאַנץ לעבען, אין דייטשלאַנד און דאָ, אין סאַן־פראַנציסקאָ — דריי און דרייסיג יאָהר.

—אַז איך בין זיכער מיט מיין דירה־געלד, איז מיר שוין אַלעס רעכט. ער רעכענט בלויז דריי דאָלאַר פאַר דיזען צימער. דאָס איז זעהר ביליג. נור עס איז ניט אַזוי לייכט צונויפצוקריגען דריי דאָלאַר יעדען מאָנאַט.

זי האָט אויפגעהערט רעדען, און, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ, האָט זי פאָרטגעזעצט איהר ארבייט.

— איהר מוזט זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווי איהר ברענגט אויס אייערע פאַרדיענסטען — האָב איך איהר געגעבען אָנצוהערען.

זי האָט באַשטעטיגט מיט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ.

— נאָכ׳ן אָפּצאָהלען דאָס דירה־געלד איז שוין ניט אַזוי שלעכט. נו, נאַטירליך, קיין פלייש קען איך מיר ניט פאַרגינען, און

איך האָב ניט קיין מילך צו טרינקען מיט דער קאַפע, נור איך האָב אימער־צו אַ מאָהלצייט אַ טאָג, און גאַנץ אָפט צוויי אַ טאָג.

די לעצטע באַמערקונג האָט זי געמאַכט מיט שטאָלץ. איהרע ווערטער האָבען געקלונגען מיט נצחון. נור אין דער שטילקייט, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט, האָב איך באַמערקט דעם אומעט אין איהרע פייכטע אויגען. דער בליק אין איהרע אויגען האָט אויס־געקוקט צו זיין ווייט, ווייט אַוועק. זי האָט אויסגעריבען איהרע אויגען. עס האָט איהר געשטערט אין איהר נייהען.

— ניין, דער הונגער מאַכט ניט מיין האַרץ וועה טהאָן — האָט זי ערקלערט. — מען קען געוואוינט ווערען צו הונגער. דאָס וויין איך פאַר מיין קינד. די מאַשין האָט זי דער׳הרג׳עט. אמת איז, זי האָט געאַרבייט שווער, נור איך קען עס ניט פאַרשטהען. זי איז געווען אַ שטאַרקע. און זי איז געווען יונג — בלויז פערציג; און זי האָט בלויז געאַרבייט דרייסיג יאָהר. עס איז אויך אמת, זי האָט אָנגעפאַנגען ווען זי איז געווען יונג; נור מיין מאַן איז געשטאָרבען. דער קעסעל פון דער פאַבריק האָט געפּלאַצט. און וואָס האָבען מיר געקענט טהאָן? זי איז געוועזען בלויז צעהן יאָהר אַלט, אָבער זי איז געווען שטאַרק. נור די מאַשין האָט איהר דער׳הרג׳עט. יאַ, די מאַשין האָט עס געטהאָן. די מאַשין האָט איהר גע׳הרג׳עט. און זי איז געווען די שנעלסטע ארבייטערין אין פאַבריק. איך האָב אָפט איבערגעטראַכט וועגען דעם, און איך וויין. אָט דערפאַר קען איך יעצט אין שאַפּ ניט ארבייטען. די מאַשין פאַרדולט מיר דעם קאָפּ. איך הער די מאַשין אימער־צו זאָגענדיג: איך האָב עס געטהאָן, איך האָב עס געטהאָן. און די מאַשין זאָגט עס דעם גאַנצען טאָג. און דאַן טראַכט איך וועגען מיין טאָכטער, און איך קען ניט ארבייטען.

די פייכטקייט האָט זיך ווידער געוויזען אין איהרע אַלטע אויגען און זי האָט געמוזט אויסווישען די אויגען איידער זי האָט געקענט אָנגעהן מיט איהר ארבייט.

איך האָב געהערט דעם בישאָפ אַרויפקומען די טרעפּ און איך

האָב געעפענט די טיר פאַר איהם. וואָס פאַר ספּעקטאַקעל! ער האָט געטראָגען אַ האַלבען זאַק קויהלען אויף זיין פּלייצע, און אויף די קויהלען זיינען געלעגען די שפּענדלעך. דער קויהלען־שטויב האָט פאַרדעקט זיין פּנים, און דער שווייס האָט גערונען פון זיין גרויסער אָנשטרענגונג. ער האָט אַראָפּגעוואָרפען זיין משא אין ווינקעל לעבען אויווען און האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט אַ האַנדטיכעל. איך האָב מיינע חושים קוים געקאָנט גלויבען. דער בישאָף, שוואַרץ, ווי אַ קוילען־טרעגער אָנגעטהאָן אין אַן אַרבייטער'ס ביליגע העמד (דאָס אויבערשטע קנעפּעל אָפּגעריסען) און אין אויבער־הויזען! דאָס איז נאָך געווען אונפּאַסענדער פון אַלעם — די אויבער־הויזען אויסגעריבען אונטען, און אַרומגעגאַרטעלט אַרום די לענדען מיט אַ לעדערנעם רימען פּונקט ווי די פּראָסטע אַרבייטער טראָגען.

כאָטש דעם בישאָף איז געווען וואַרים גענוג, זיינען אָבער דער אָרימער פרוי'ס געשוואָלענע הענד געווען געקרעמפּפט פון קעלט; און איידער מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט דער בישאָף איינגעהייצט דעם אויווען, ווייל איך האָב אָפּגעשיילט די קאַרטאָפעל און האָב זיי אַרויפגעשטעלט קאָכען. איך האָב מיט דער צייט אויסגעפונען, אַז עס זיינען געווען פיעל עהנליכע פעלע, און פיעל נאָך ערגערע, באַהאַלטען אין דיזע שוידערליכע טענעמענט־הייזער פון מיין נאַכבאַרשאַפט.

ווען מיר זיינען אַהיים געגאַנגען, האָבען מיר געפונען ערנסט'ן שטאַרק אונרוהיג איבער מיין אַבוועזענהייט. נאָך דער ערשטער איבערראַשונג, האָט דער בישאָף זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל, האָט אויסגעצויגען זיינע פיס, און האָט אַ זיפץ געטהאָן. קענטיג, די באַקוועמליכקייט איז איהם געווען העכסט אָנגענעהם. מיר זיינען געווען די ערשטע פון אַלע זיינע פריינד, וואָס ער האָט באַגעגענט זינט ער איז פאַרשוואונדען געוואָרען האָט ער אונז געזאָגט; און דורך די עטליכע וואָכען, וואָס זיינען פאָראיבער, האָט ער געמוזט שרעקליך ליידען פון איינזאַמקייט. ער האָט אונז דערצעהלט זעהר פיעל, נור דאָס מעהרסטע, וואָס ער האָט אונז געזאָגט,

איז געווען זיין פארגעניגען, וואס ער האט געהאט פון זיין אפהיטען דעם מייסטער׳ס באפעהל.

— ווייל בלויז יעצט — האט ער געזאגט — שפייז איך זיינע שעפעלעך, און איך האב אויסגעפונען א גרויסען אמת. די נשמה קען ניט דערגרייכט און אויסגעבעסערט ווערען סיידען דער מאגען ווערט פריהער איינגעשטילט. זיינע שעפעלעך מוזען פריהער קריי־גען ברויט און פוטער, און קארטאפעל און פלייש. נאכהער, און בלויז נאכהער, זיינען זייערע נשמות פאסענד אויפצונעהמען מעהר עדעלערע שפייז.

ער האט געגעסען דעם מאהלצייט, וואס איך זעלבסט האב געקאכט, מיט א שטארקען אפעטיט. ער האט קיינמאל ניט ארויס־געוויזען אזא אפעטיט ביי אונזער טיש אין די אלטע צייטען. מיר האבען אויך גערעדט וועגען דעם, און ער האט געזאגט, אז ער האט זיך קיינמאל אין זיין לעבען ניט געפיהלט אזוי געזונד.

— איך געה צו־פוס יעצטיגע צייטען — האט ער געזאגט, און א רויטקייט האט זיך באוויזען אויף זיינע באקען, ווען ער האט זיך דערמאנט אן דער צייט, ווען ער פלעגט ארומפאהרען אין זיין עקיפאזש, אזוי ווי דאס וואלט געווען א זינד, וואס איז ניט לייכט צו פארגעבען.

— מיין געזונד־צושטאנד איז פיעל בעסער — האט ער שנעל צוגעלעגט. — און איך פיהל זיך גליקליך — ווירקליך, זעהר גליק־ליך. אט יעצט פיהל איך זיך ווי א הייליגער.

און דאך האט מען געקענט זעהן אויף זיין פנים א שטענדיגען וועהטאג, דעם וועלט־וועהטאג, וואס ער האט גענומען אויף זיך. ער האט יעצט געזעהן דאס אמת׳ע לעבען, און עס איז געווען א גאנץ אנדער לעבען, ווי דער, וואס ער האט געקאנט פריהער פון זיינע געדרוקטע ביכער פון זיין ביבליאטעק.

— און איהר זייט פאראנטווארטליך פאר דעם יונגען מאן — האט ער זיך געווענדעט דירעקט צו ערנסט׳ן.

ערנסט האט אויסגעקוקט פארזארגט און אומגעלומפערט.

— איך — איך האָב אייך געוואָרענט — האָט ער געשטאָמעלט.

— ניין, איהר פאַרשטעהט מיך ניט — האָט דער בישאָפּ גע־ענטפערט. — איך מוסר אייך ניט, פאַרקעהרט, איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר. איך דאַרף אייך דאַנקען פאַר׳ן צייגען מיר מיין ריכטיגען וועג. איהר האָט מיך געפיהרט פון טעאַריען וועגען לעבען צום לעבען זעלבסט. איהר האָט אַרונטערגענומען דעם שלייער פון געזעלשאַפטליכע פאַלשקייטען. איהר זייט געווען ליכט אין מיין פינסטערניס, נור יעצט זעה איך אויך דאָס ליכט. און איך בין זעהר גליקליך, בלויז... ער האָט געשטאַמעלט, און איין זיינע אויגען האָט זיך באוויזען שרעק. — בלויז די פאַרפאָלגונג... איך טהו קיינעם קיין שלעכטס ניט, וואָרום זאָלען זיי מיך ניט לאָזען צו רוה? נור עס איז זאָגאר ניט דאָס. עס איז דער כאַראַק־טער פון זייער פאַרפאָלגונג. עס וואָלט מיך ניט גוערט, ווען זיי וואָלטען שניידען מיין פלייש אויף פאַסען, אָדער זיי וואָלטען מיך גאָר פאַרברענט אויפ׳ן שייטער־הויפען, אָדער מיך קרייציגען און לאָזען מיך הענגען מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ. נור עס איז דער משוגעים־אַנשטאַלט, וואָס שרעקט מיך אָפּ. באַדענקט זיך נור! איך — אין אַ משוגעים־אַנשטאַלט! עס איז שרעקליך. איך האָב געזעהן פיעל פאַלען אינ׳ם סאַניטאַריום. זיי זיינען געווען ווילד. מיין בלוט ווערט פאַרקיהלט, ווען איך דענק פון דעם. און צו זיין פאַרשפּאַרט מיין גאַנץ לעבען צווישען אויפגערעגטע סצענען פון משוגעת! ניין! ניין! דאָס ניט! דאָס ניט!

עס האָט געריסען דאָס הארץ פון רחמנות. זיינע הענד האָבען זיך געטרייסעלט, זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט און האָט זיך צוריקגעצויגען פון דעם בילד, וועלכע ער האָט געמאָהלען, נור אינ׳ם נעקסטען מאָמענט איז ער שוין געווען רוהיג.

— פאַרצייהט מיר — האָט ער איינפאַך געזאָגט — דאָס זיינען נור מיינע צושמעטערטע נערוועז. און אויב דעם מייס־טער׳ס אַרבייט וועט מיך טרייבען צו דעם, זאָל עס קומען. ווער בין איך עס, קליין מענשעלע, זיך צו באַקלאָגען אויף איהם?

איך האָב געפיהלט ווי אויסצושרייען, קוקענדיג אויף איהם: „גרויסער בישאָפּ! אָ, גרויסער העלד! גאָט'ס העלד!"

שפּעטער אין אבענד האָבען מיר אויסגעפונען מעהר פון זיינע אנגעלעגענהייטען.

— איך האָב פארקויפט מיין הויז, בעסער געזאָגט, מיינע הייזער — האָט ער געזאָגט — און מיין גאַנץ אייגענטום. איך האָב געוואוסט, אז איך מוז טאָן שטילערהייד, אויב ניט, וואָלטען זיי עס אַלעס צוגענומען פון מיר. דאָס וואָלט געווען שרעקליך. איך וואונדער זיך אין יעצטיגער צייט גאַנץ אָפט איבער דער גרויסער צאָהל קאַרטאָפעל, וואָס צוויי אָדער דריי הונדערט טויזענד דאָלאַר קענען קויפען, אָדער ברויט, פלייש און קויהלען. ער האָט זיך געווענדעט צו ערנסט'ן: — איהר זייט גערעכט, יונגער מאַן. די ארבייטער ווערען שרעקליך בארויבט פון זייער פארדיענסט. איך האָב קיינמאָל ניט געטהאָן א שטאָך ארבייט אין מיין לעבען, א חוץ אפּעלירען אויף אַן עסטעטישען אופן צו היפּאָקריטען — איך האָב געדענקט, אז איך האָב געפּרעדיגט — און דאָך פארמאָג איך א האלבען מיליאָן דאָלאַר. איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט, וואָס א האלבער מיליאָן דאָלאַר מיינט, ביז איך האָב באַגריפען וויפיעל קאַרטאָפעל און ברויט און פוטער און פלייש מען קען קויפען מיט דעם. און דאַן האָב איך באַגריפען עטוואָס מעהר. איך האָב באַגריפען, אז די אַלע קאַרטאָפעל און די ברויט און פוטער און פלייש באַלאַנגען ניט צו מיר, און אז איך האָב ניט געאַרבייט זיי צו מאַכען. דאַן איז עס מיר קלאָר געוואָרען, אימיצער אנדערש האָט געאַרבייט אויף דעם, האָט זיי געמאַכט, און מען האָט איהם בארויבט פון דעם אַלעמען. און ווען איך בין געקומען צווישען די אָרימע, האָב איך געפונען די יעניגע, וועלכע זיינען בארויבט געוואָרען און וועלכע זיינען געווען הונגעריג און אומגליקליך, ווייל מען האָט זיי בארויבט.

מיר האָבען איהם צוריק ארויפגעבראַכט אויפ'ן שמועס.

— דאָס געלד? איך האָב עס אריינגעלעגט אין פארשיעדענע באַנקען אונטער פארשיעדענע נעמען. מען קען עס קיינמאָל

ניט צונעהמען פון מיר, ווייל מען קען עס קיינמאָל ניט געפינען. און דאָס געלד איז אַזוי גוט. מען קען קויפען אַזוי פיעל עסענ־ווארג מיט דעם. איך האָב פריהער קיינמאָל ניט געוואוסט וואָס פאַר גוטס געלד קען טהאָן.

— הלואי וואָלט איך געקענט קריגען אַ ביסעל פון דעם געלד פאַר פּראָפּאַגאַנדא, — האָט ערנסט נאָכדענקענד געזאָגט. — עס וואָלט זעהר פיעל גוטס געטהאָן.

— דענקט איהר אַזוי ? — האָט דער בישאָפּ געפרעגט. — איך האָב ניט זעהר פיעל צוטרויען אין פּאָליטיק. דער אמת איז, איך האָב מורא, אַז איך פארשטעה ניט קיין פּאָליטיק.

ערנסט האָט באַהאַנדעלט אַזעלכע פאַלען זעהר דעליקאַטנע. ער האָט ניט ווידערהאָלט זיין פאָרשלאַג, כאָטש ער האָט ניט גע־וואוסט די טרויעריגע לאַגע פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי איבער דעם, וואָס זי האָט קיין געלד ניט געהאַט.

— איך שלאָף אין ביליגע קוואַרטיר־הייזער, — האָט דער בישאָפּ פאָרטגעזעצט. — איך האָב מורא, און איך האַלט זיך ניט אויף צופיעל אין איין פּלאַץ. נאָך אַ זאַך, איך דינג צוויי צי־מערען אין ארבייטער־הייזער אין פארשיעדענע קווארטאַלען פון שטאָדט. איך ווייס, אַז עס איז אַ גרויסע אויסברענגעריי, אָבער איך מוז עס טהאָן. איך קאָך דערפאַר אַליין, כאָטש פיעל מאָל עס איך אין ביליגע קאַפע־הייזער. איך האָב געמאַכט אַן ענטדע־קונג אַז טאַמאַלעס (1) זיינען זעהר גוט צום עסען ביינאַכט, ווען די לופט ווערט קיהל. די איינציגע זאַך איז, וואָס זיי זיינען אַ ביסעל צו טייער. נור איך האָב אויסגעפונען אַ פּלאַץ, וואו איך קען קויפען דריי פאַר צעהן סענט. זיי זיינען ניט אַזוי גוט, ווי די אַנדערע, נור זיי וואַרימען מיך אָן גאַנץ גוט.

— און אַזוי האָב איך צום סוף דאָך אויסגעפונען מיין אר־בייט אין דער וועלט, אַ דאַנק אייער מיה, יונגער־מאַן. עס איז דעם מייסטער'ס ארבייט. — ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיר און האָט געפינטעלט מיט די אויגען : — איהר האָט מיך גע־

כאַפּט, שפּייזענדיג זיינע שעפּעלעך, און איהר אַלע וועט, נאָמיר־ליך, עס האַלטען בסוד.

ער האָט גערעדט גאַנץ פריי וועגען דעם אַלעמען, נאָר דאָך האָט זיך געפיהלט, אַז ער שרעקט זיך זעהר. ער האָט אונז צו־געזאָגט נאָך אַ מאָל צו באַזוכען. נור אַ וואָך שפּעטער האָבען מיר געלעזען אין די צייטונגען וועגען דעם טרויעריגען פאַל פון בישאָפּ מאָרהויז, וועלכען מען האָט פאַרשפּאַרט אינ׳ם משוגעים־אַנשטאַלט און פאַר וועמען עס איז נאָך געווען אַ האָפנונג, ער זאָל געזונד ווערען. אומזיסט איז געווען אונזער מיה איהם צו זעהן, אָדער צו קריגען אַ נייע אונטערזוכונג פאַר איהם. מיר האָבען אויך גאָר ניט געקענט אויסגעפינען וועגען איהם, אויסער די ווידערהאָלטע באַשטעטיגונגען, אַז עס איז נאָך דאָ אַ שטיקעל האָפנונג, אַז ער וועט ווען־עס־איז צו זיך קומען.

— קריסטוס האָט געהייסען דעם רייכען יונגען־מאַן פאַר־קויפען אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, — האָט ערנסט אַ פאַרביטער־טער געזאָגט. — דער בישאָפּ האָט געפאָלגט קריסטוס׳עס געבאָט און איז דערפאַר איינגעשפּאַרט געוואָרען אין אַ משוגעים־הויז. די צייטען האָבען זיך געביטען זינט קריסטוס׳עס צייטען. היינ־טיגע צייטען, אויב אַ רייכער מענש גיט אַלץ, וואָס ער האָט, צו די אָרימע, ווערט ער פאַררעכענט אַלס משוגע. ניטאָ וואָס צו דיס־קוטירען. די געזעלשאַפט האָט די דעה.

דרייצעהנטער קאפיטעל

## דער אלגעמיינער סטרייק

ערנסט איז נאטירליך ערוועהלט געווארען אלס קאנגרעססמאן אינ'ם גרויסען סאציאליסטישען זיעג, וועלכער האט פאסירט אינ'ם הערבסט פון 1912. איין גרויסער פאקטאר אין דער פארגרעסע־רונג פון דער סאציאליסטישער צאהל שטימען איז געווען הוירסט'ס (1) אונטערגאנג. דאס איז זיי אנגעקומען גאנץ לייכט. עס האט הוירסט'ן געקאסט 18 מיליאן דאלאר א יאהר אנצוהאלטען זיינע צייטונגען, און די סומע פלעגט ער צוריקריגען פון דעם מיטעל־קלאס אין צאהלונגען פאר אנאנסען. די קוועלען פון זיין פינאנ־ציעלער מאכט איז געווען די מיטעל־קלאס דורכאויס. די טראסטס פלעגען ניט אנאנסירען. (2) אלץ, וואס זיי האבען באדארפט טהאן צו פארניכטען הוירסט'ען, איז געווען בלויז אוועקצונעהמען פון איהם די אדווערטייזמענטס.

דער גאנצער מיטעל־קלאס איז נאך ניט געווען אויסגעראטען. דער סקעלעט איז נאך געווען; נור דער מיטעל־קלאס האט קיין מאכט ניט געהאט. די קליינע פאבריקאנטען און קליינע סוחרים, וועלכע האבען נאך עקזיסטירט, זיינען געווען אין די הענט פון דער פלוטאקראטיע. זיי האבען ניט געהאט קיין עקאנאמישע אדער פאליטישע פרייהייט. ווען דער ארדער פון דער פלוטא־קראטיע איז געגעבען געווארען, האבען זיי אלע באלד צוריקגע־צויגען זייערע אנאנסען פון הוירסט'ס צייטונגען.

הוירסט האט אנגעפיהרט א בראווען קאמפף געגען זיי. ער האט ארויסגעגעבען זיינע צייטונגען ליידענדיג א פארלוסט פון א מיליאן און א האלב יעדען מאנאט. ער פלעגט נאך אלץ דרוקען

די אַדווערטייזמענטס, פאַר וועלכע ער האָט שוין מעהר ניט געקראָגען באַצאָהלט. ווידער א מאָל איז דער באַפעהל פון דער פּלוטאָקראַטיע פאָרטגעגאַנגען, און די קליינע סוחרים און פאַבריקאַנטען האָבען איהם פאַרוואָרפען מיט בריעף פון אַלע זייטען, אָנזאָגענדיג איהם, אַז ער מוז אויפהערען דרוקען זייערע אַדווערטייזמענטס. הוירסט האָט זיי אָבער נאָך אַלץ געדרוקט. זיי האָבען אַרויסגענומען אינדזשאָנקשאָנס (ריכטער׳ס פאַרבאָט. — איבערז.) געגען איהם. דאָך האָט ער זיי געדרוקט. האָט ער געקראָגען זעקס מאָנאַט געפענגנים פאַר ניט פאָלגען דעם אינדזשאָנקשאָן, און ער איז געטריבען געוואָרען צו באַנקראָט פון די פיעל קלאַגען פאַר שאַדענערזאַץ, וואָס זיי האָבען געבראַכט געגען איהם. ער האָט קיין שאַנס ניט געהאַט. די פּלוטאָקראַטיע האָט איהם פאַראורטיילט. די ריכטער זיינען געווען אונטער דער קאָנטראָל פון דער פּלוטאָקראַטיע אויסצופיהרען זייער אורטייל. און מיט הוירסט׳ן איז אויך צושמעטערט געוואָרען די דעמאָקראַטישע פאַרטיי, וועלכע ער האָט בלויז מיט א קורצער צייט צוריק פאַרכאַפּט אונטער זיין קאָנטראָל.

מיט׳ן אונטערגאַנג פון הוירסט׳ן און די דעמאָקראַטישע פאַרטיי, זיינען געבליבען בלויז צוויי וועגען פאַר זיינע אנהענגער. איין וועג האָט געפיהרט צו דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי; דער צווייטער — צו דער רעפּובליקאַנער פאַרטיי. ערשט דאַן האָבען די סאָציאַליסטען פּראָפיטירט פון הוירסט׳ס אויך־מיר־סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדא; ווייל די גרויסע מאַיאָריטעט פון זיינע נאָכפאָלגער האָט זיך אָנגעשלאָסען אין אונזערע רייהען.

די עקספּראָפּריאַציע פון די ערד־אַרבייטער, וואָס איז אָנגעגאַנגען צו דער צייט, וואָלט נאָך מעהר פאַרגרעסערט אונזער צאָהל שטימען, ווען ניט די קורצע קאַריערע פון דער גרענזש פאַרטיי. ערנסט און די סאָציאַליסטישע פיהרער האָבען אָנגעפיהרט א הייסען קאַמפּף אַריינצוקריגען די לאַנד־באַזיצער; נור די פאַרניכטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּרעס און דרוק־הייזער האָט געשטערט זעהר פיעל, און די מינדליכע פּראָפּאַגאַנדא איז נאָך ניט

געוועז פארפּאַלקאַמט און אזוי האָט עס פּאַסירט, וואָס פּאָליטי־שענס, ווי הערר קאַלווין, אליין אַן עקספּראָפּריאירטער לאַנד־באַ־זיצער, האָט אַריינגעכאַפּט די אַלע אַנדערע און זיי האָבען אוועק־געוואָרפען זייער פּאָליטישע מאַכט אויף גאָרניט.

— די אָרימע לאַנד־אַרבייטער, — האָט ערנסט ברוטאַל גע־לאַכט, — די טראַסטס שינדען זיי אָפּ פון ביידע זייטען.

און דאָס איז ווירקליך געוועזן די לאַגע. די זיבען גרויסע טראַסטס, אַרבייטענדיג צוזאַמען, האָבען צוזאַמענגעלייגט זייערע גרויסע איבערפלוסען און האָבען געמאַכט אַ לאַנד־טראַסט. די אייזענבאַהן, קאָנטראָלירענדיג פּראַכט־פּרייזען, און די באַנקירען און בערזען־ספּעקולאַנטען, קאָנטראָלירענדיג די פּרייזען פון די פּראָדוקטען, האָבען שוין לאַנג אויסגעזאַפּט פון זיי כמעט דעם לעצטען טראָפּען בלוט. די באַנקירען און אַלע אַנדערע טראַסטס האָבען געליהען די לאַנד־באַזיצער גרויסע סומען געלד. די פּאַר־מערס זיינען געוועזן געכאַפּט אין נעץ. אַלעס, וואָס ס׳איז זיי גע־בליבען צו טהאָן, איז אַרויסציהען דעם נעץ. און דאָס האָט דער טראַסט געטהאָן.

די שלעכטע צייטען פון 1912 האָבען אזוי אויך פאַראורזאַכט נידעריגע פּרייזען אין לאַנד־פּראָדוקטען. די פּרייזען זיינען אומיש־נע נאָך מעהר אַרונטערגעשליידערט געוואָרען כמעט צו באַנקראָט־פּרייזען, בעת די אייזענבאַהנען, מיט זייערע דריקענדיגע פּראַכט־פּרייזען, האָבען זיי, די לאַנד־באַזיצער, געדריקט צום איבעריגען. אזוי זיינען די לאַנד־באַזיצער געוועזן געצוואונגען צו ליידען מעהר און מעהר, בעת זיי האָבען ניט געקענט אָפּצאָהלען קיין אַלטע חובות. דאַן האָבען זיי זיך גענומען איינמאָהנען אויף זייערע וועקסלען. די לאַנד־באַזיצער האָבען פּשוט געמוזט איבערגעבען זייער לאַנד צום פאַרם־טראַסט. קיין אַנדער אויסוועג איז פאַר זיי ניט געבליבען. נאָכ׳ן איבערגעבען דאָס לאַנד, זיינען די פריי־הערדיגע גוט־באַזיצער געוואָרען אַרבייטער פאַר׳ן טראַסט, ווע־רענדיג פאַרוואַלטערס, אויפזעהער, פאָרלייט און פּשוט׳ע אַרביי־טער. זיי האָבען געאַרבייט פאַר אַ לוין. זיי זיינען געוואָרען

שקלאַפען. אין קורצען — שקלאַפען צוגעבונדען צו דער ערד מיט אַ לוין גענוג דאָס לעבען צו דערהאַלטען. זיי האָבען ניט גע־קענט פארלאָזען זייערע בעלי־בתים, ווייל זייערע בעלי־בתים האָ־בען באַלאַנגט צו דער פלוטאָקראַטיע. זיי האָבען ניט געקענט געהן אין די שטעדט אריין, ווייל אויך דאָרטען האָט די פלוטאָקראַטיע געהאַט די אויבערהאַנד. זיי האָבען בלויז געהאַט איין ברירה — צו פארלאָזען די ערד און זיך אַרומשלעפען אויף דער וועלט, אין קורצען — צו שמאַכטען פון הונגער. און דאָס אפילו האָבען זיי ניט געקענט טהאָן, ווייל נייע שטרענגע געזעצען זיינען איינגע־פיהרט געוואָרען געגען וואַנדערער.

נאַטירליך, האָבען זיך געפונען איינינגע לאַנד־באַזיצער און אפילו גאַנצע געמיינדעס, וואָס צוליעב אויסערגעוועהנליכע אומ־שטענדען איז זייער האָב און גוטס ניט עקספּראָפּריאירט גע־וואָרען. נור זיי זיינען בלויז געווען בלאָנזשענדיגע שפּעלען, און זיי זיינען סיי ווי סיי אַריינגעכאַפּט געוואָרען אינ'ם קומענדיגען יאָהר. (3).

דארום האָבען די סאָציאַליסטישע פיהרער, אַלע, אַ חוץ ערנסט'ן, באַשלאָסען, אין הערבסט פון 1912, אַז דער ענד פון קאַפּיטאַליזם איז געקומען. באַרעכענענדיג די שלעכטע צייטען און די גרויסע אַרמיעע פון אונבאַשעפטיגטע, וועלכע איז פאַראור־זאַכט געוואָרען; אויך די צושטערונג און פארניכטונג פון די לאַנד־באַזיצער און מיטעל־קלאַס; און אויך די שרעקליכע נידער־לאַגע, וואָס אַלע יוניאָנס זעהן אויסנאַהם האָבען געליטען — האָבען די סאָציאַליסטען געהאַט אַ רעכט צו גלויבען, אַז דער ענד פון קאַ־פּיטאַליזם איז געקומען און זיי אַליין האָבען פאַראורזאַכט די מלחמה מיט דער פלוטאָקראַטיע.

אַך, ווי שלעכט מיר האָבען אָפּגעשאַצט דעם שונא'ס מאַכט! איבעראַל האָבען די סאָציאַליסטען פּראָקלאַמירט זייער קומענדי־גען זיעג ביים שטימקאַסטען, בעת זיי האָבען אויך ערקלערט די ריכטיגע לאַגע. די פלוטאָקראַטיע האָט אָנגענומען די אויפפאָ־דערונג. עס איז געווען דער פלוטאָקראַטיע'ס שפּיצלעך, וואָס

האָבען אונז באַזיעגט, צושמעטערענדיג אונזערע רייהען. די פּלו־טאָקראַטיע, דורך איהרע שפּיאָנען, האָט אויפגעהויבען דעם געשריי, אז סאָציאַליזם איז אַטעאיסטיש און אַפּיקורס׳יש. די פּלו־טאָקראַטיע האָט ארויסגעטריבען די קירך און איבערהויפּט די קאַטוילישע פון אונזערע רייהען און אונז דאדורך בארויבט פון דער שטיצע פון אַ גרויסער צאָהל ארבייטער. און עס זיינען, נאַטירליך, געווען דער פּלוטאָקראַטיע׳ס שפּיאָנען, וועלכע האָבען אונטערגעהאָלפען דער גרענזש פּארטיי, און אפילו געהאָלפען איהר פארשפּרייטען זיך אין די שטעדט צווישען דעם גוסס׳דיגען מיטעל־קלאַס.

פונדעסטוועגען איז די סאָציאַליסטישע צאָהל שטימען געווען אונגעהויער גרויס. נור אָנשטאָט אַ געוואַלדיגען זיעג מיט הויכע בעאַמטע און מאַיאָריטעטען אין אַלע געזעצליכע קערפּערשאַפטען, האָבען מיר זיך געפונען אין דער מינאָריטעט. עס איז אמת, מיר האָבען ערוועהלט פופציג קאָנגרעסלייט; נור ווען זיי זיינען געקומען אין קאָנגרעס, אין פריהלינג פון 1913, האָבען זיי ארויסגעזעהן, אז זיי באַזיצען ניט קיין שום מאכט. דאָך זיינען זיי נאָך געווען גליקליכער פון די גרענזשערס, וועלכע האָבען געוואונען אין די וואהלען אַ דוצענד שטאַאט־רעגיערונגען, און אין פריהלינג האָט מען זיי ניט ערלויבט אריינצוטרעטען אין אמט. די פריהערדיגע בעאַמטע האָבען זיך ענטזאָגט ארויסצוטרעטען פון אמט, און די ריכטער זיינען געווען אין די הענט פון דער אָליגאַרכיע. נור איך פארכאַפּ צופיעל. איך האָב נאָך גענוג צו דערצעהלען פון די שטורמישע צייטען פונ׳ם ווינטער פון 1912.

די שלעכטע צייטען אינ׳ם לאַנד גופא האָבען זעהר פיעל פארקלענערט דעם היימישען געברויך. די ארבייטער, ארומגעהענדיג ליידיג, האָבען ניט געהאַט מיט וואָס צו קויפען. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס די פּלוטאָקראַטיע האָט געהאַט אַ גרעסערען איבערפלוס. די פּלוטאָקראַטיע איז געווען געצוואונגען לויז צו ווערען פון דעם איבערפלוס אין אויסלאַנד, און צוליעב די דאָזיגע גרויסע פּלענער האָט זי באַדאַרפט געלד. איבער די אָנשטרענגונגען צו

פארקויפען דעם איבערפלוס אויפ׳ן וועלט־מארק, האָט די פּלוטאָ־קראַטיע אָנגעפאנגען אַ שטרייט מיט דייטשלאנד. עקאָנאָמישע שטרייטיגקייטען האָבען זיך מעהרערע מאָל געענדיגט אין מלחמות, און דער דאָזיגער שטרייט איז ניט געוועזן קיין אויסנאהם. דער גרויסער דייטשער קאמפּפּס־לאָרד האָט זיך פּאָרבארייטעט, און די פאראייניגטע שטאאטען האָבען זיך אויך פּאָרבארייטעט צו דער מלחמה.

די שלאַכט־וואָלקענס, פינסטערע און דיקע, זיינען געהאנגען אין דער לופטען. די ביהנע איז געווען צוגערייט פאר אַ וועלט־קאטאסטראָפע, ווייל איבער דער גאנצער וועלט זיינען די צייטען געווען שלעכט, ארבייטער צרות, אויסשטארבענדיגע מיטעל־קלאַ־סען, ארמעען פון אונבאשעפטיגטע, עקאָנאָמישע שטרייטיגקייטען אין דעם וועלט־מארק, דאָס מורמלען און הוזשען פון דער סאָציאַ־ליסטישער רעוואָלוציע. (4)

די אליגארכיע האָט געוואָלט האלטען מלחמה מיט דייטש־לאנד, און זי האָט געהאט פיעל אורזאכען. אין די ראשענדע פּאָ־סירונגען, וואָס אזא מלחמה וועט פאראורזאכען, אינ׳ם טאשען פון די אינטערנאציאָנאלע קאָרטען און דאָס מאכען פון נייע קאָנטראקט־טען, האָט די אליגארכיע געקענט פיעל געווינען. און, נאָך מעהר, די מלחמה וואָלט פארברויכט פיעל נאציאָנאלע איבערפלוסען, וואָלט פארקלענערט די ארמעען פון די אומבאשעפטיגטע, וואָס האָבען געסטראשעט אלע לענדער, און וואָלט געגעבען דער אליגאר־כיע אַ שאנס אָפּצוציהען דעם אָטעם און צו פארפאָלקאָמענען אלע איהרע פּלענער. אזא מין מלחמה וואָלט געגעבען דער אליגארכיע די מעגליכקייט צו באזיצען דעם וועלט־מארק. אזא מלחמה וואָלט אויך באשאפען אַ גרויסע שטענדיגע ארמעע, וואָס מען וואָלט שוין מעהר ניט בעדארפט אויפלעזען, בעת אין די מענשליכע מוחות וואָלט די פראגע „אמעריקא געגען דייטשלאנד“ פארנומען דעם פּלאץ פון סאָציאַליזם געגען אליגארכיע.

און די מלחמה וואָלט דאָס ווירקליך אלעס אויפגעטהאָן פאר זיי, ווען די סאָציאַליסטען וואָלטען ניט געווען. אַ געהיימע פאר־

זאַמלונג פון די מערב'דיגע פיהרער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אונזערע פיער קליינע צימערען. ביי דער פאַרזאַמלונג איז פאַרהאַנדעלט געוואָרען וועגען דער שטעלונג פון די סאָציאַליסטען. דאָס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבען פאַרמידען מלחמה. (5) נור עס איז יאָ געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר האָבען עס געוואָלט טהאָן אין די פאַראייניגטע שטאַאטען. נאָך אונזער געהיימער פאַרזאַמלונג האָבען מיר זיך געשטעלט אין פאַר־בינדונג מיט דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, און באַלד זיינען אונזערע סיגנאַל־קייבעלס געלאָפען הין און צוריק דורכ'ן אַטלאַנ־טישען ים צווישען אונז און דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע.

די דייטשע סאָציאַליסטען זיינען געווען גרייט צו האַנדלען, ווי מיר האָבען פאָרגעשלאָגען. פון זיי זיינען געווען איבער פינף מיליאָן, פיעל פון זיי זיינען געווען אין דער אַרמעע, און אויסער דעם האָבען זיי געהאַט פריינדליכע באַציהונגען מיט די אַרבייטער־יוניאָנס. אין ביידע לענדער האָבען זיך די סאָציאַליסטען אָפען אויסגעשפּראָכען געגען דער מלחמה און האָבען געסטראַשעט מיט'ן גענעראַל־סטרייק. און צו דער זעלבער צייט האָבען זיי געמאַכט פאָרבאַרייטונגען פאַר'ן סטרייק. נאָך מעהר, די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין אַלע לענדער האָבען אַנאָנסירט דעם סאָציאַליסטי־שען פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַלען פריעדען, וואָס מוז אויפ־געהאַלטען ווערען אין יעדען פאַל, זאָגאַר ווען עס פאַראורזאַכט רעוואָלוציע אינ'ם אייגענעם לאַנד.

דער גענעראַל־סטרייק איז געווען דער איינציגער גרויסער זיעג, וואָס מיר, אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען, האָבען געוואונען. דעם 14טען דעצעמבער איז דער אַמעריקאַנער קאָנסול צוריקגע־רופען געוואָרען פון דער דייטשער הויפּט־שטאָדט. יענע נאַכט האָט אַ דייטשער פלאָט געמאַכט אַן איבערפאַל אויף האָנאָלולו, זינקענדיג דריי אַמעריקאַנער שיפען און באָמבאַרדירט די שטאָדט. אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען דייטשלאַנד און די פאַראייניגטע שטאַאטען ערקלערט די מלחמה, און אין איין שטונדע אַרום

האָבען די סאָציאַליסטען ערקלערט דעם גענעראַל־סטרייק אין ביי־דע לענדער.

צום ערשטען מאָל איז דער דייטשער מלחמה־לאָרד געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט די מענער פון זיין אימפּעריע, וואָס האָבען געמאַכט זיין אימפּעריע אַ מעגליכקייט. אָהן זיי האָט ער ניט געקענט פיהרען זיין אימפּעריע. די מאָדנעקייט פון דער לאַגע איז געווען אין דעם, וואָס זייער רעוואָלוציע איז געווען אַ פּאַסיווע. זיי האָבען ניט געקעמפּפט. זיי האָבען איינפאַך גאָר ניט געטהאָן. און טהוענדיג גאָר ניט, האָבען זיי ממש געבונדען זייער לאָרד׳ס הענט. ער וואָלט זיך ניט געוואונשען קיין בעסערע זאַך ווי אַ געלעגענהייט אָפּצולאָזען זיינע שלאַכט־הינט אויף זיין רעוואָלטי־רענדיגען פּראָלעטאַריאַט. נור ער האָט די געלעגענהייט ניט גע־קראָגען. ער האָט ניט געקענט אָנשיקען זיינע שלאַכט־הינט. ער האָט אויך ניט געקענט מאָביליזערען זיין אַרמעע צו שיקען אין דער מלחמה, און האָט אויך ניט געקענט באַשטראָפען זיינע ווי־דערשטעהענדע אונטערטאַנען. קיין איין ראָד האָט זיך ניט גע־דרעהט אין דער גאַנצער אימפּעריע. קיין איין באַהן איז ניט גע־לאָפען, ווייל די טעלעגראַפיסטען און די באַהן־ארבייטער האָבען אוועקגעלעגט די ארבייט גלייך מיט אַנדערע.

און דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין די פאַראייניגטע שטאַאטען. צום ענד האָבען די אָרגאַניזירטע ארבייטער זיך אָפּגעלערענט פון זייער ערפאַהרונג. ווערענדיג געשלאָגען אויף זייער אייגענעם גע־ביעט, האָבען זיי דאָס פאַרלאָזט און זיינען איבערגעגאַנגען צום פּאָליטישען געביעט פון די סאָציאַליסטען; ווייל דער גענעראַל־סטרייק איז געווען אַ פּאָליטישער סטרייק. אַ חוץ דעם, די אָרגאַ־ניזירטע ארבייטער זיינען געווען אַזוי דערשלאָגען, אַז קיין זאַך האָט זיי ניט אויסגעמאַכט. זיי זיינען צוגעשטאַנען צום סטרייק אויס פאַרצווייפלונג. מיליאָנען ארבייטער האָבען אוועקגעוואָרפען זייער געצייג. איבערהויפּט זיינען געווען טעטיג די מאַשיניסטען. זיי זיינען געווען צוקיילט און צובייזט. זייער אָרגאַניזאַציאָן איז כמעט פאַרניכטעט געוואָרען. און דאָך זיינען זיי אַרויס אין סטרייק

צוזאמען מיט זייערע בונדעס־גענאָסען אין דער מעטאַל־באַשעפ־טיגונג.

אפילו די פּראָסטע ארבייטער און אַלע אונאָרגאַניזירטע אר־בייטער האָבען אויפגעהערט צו ארבייטען. דער סטרייק האָט אַלץ אַזוי אָפּגעשטעלט, אַז קיינער האָט ניט געקענט ארבייטען. אַ חוץ דעם, האָבען זיך די פרויען ארויסגעצייגט אַלס די שטארקסטע אנהענגער פונ׳ם סטרייק. זיי האָבען ניט געוואָלט קיין מלחמה. זיי האָבען ניט געוואָלט, אַז זייערע מענער זאָלען געהן באַגעגענען דעם טוידט. דאָן איז דער גענעראַל־סטרייק גלייך געפעלען דעם עולם. ער האָט אויך געהאַט אַ קאָמישע זייט. די אידעע איז געווען אנשטעקענד. די קינדער אין די שולען האָבען געסטרייקט, און די לעהרער, וועלכע זיינען יאָ געקומען, האָבען געמוזט צוריק געהן אהיים, ווייל די צימערען זיינען געווען פּוסט. דער גענעראַל־סטרייק האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ נאַציאָנאַלען יום־טוב, און די אידעע פון דער סאָלידאריטעט פון ארבייטער, וועלכע איז פעסט־געשטעלט געוואָרען, האָט אַפּעלירט צו יעדענס פאַנטאַזיע. און נאָך אַלעמען איז דער גרויסער שפּיעל ניט געווען געפעהרליך פאַר קיינעם. ווען יעדער איינער איז געווען שולדיג, ווי אַזוי האָט מען אימיצען געקענט באַשטראָפען?

די פאַראייניגטע שטאַאטען זיינען געווען פּאַראַליזירט. קיי־נער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס האָט פּאַסירט. עס זיינען ניט געווען קיין צייטונגען, קיין בריעף, קיינע טעלעגראַמען. יעדע געמיינדע איז געווען אַזוי פאָלקאָמען איזאָלירט גלייך ווי צעהן טויזענד מייל וויסטעניש וואָלטען זיי געווען אָפּגעשיידט פון דער וועלט. די וועלט האָט בוכשטאבליך אויפגעהערט צו עקזיסטירען. אַ גאַנצע וואָך האָט דאָס אָנגעהאַלטען.

אין סאַן־פראַנציסקאָ האָבען מיר ניט געוואוסט, וואָס עס פּאַסירט פון יענער זייט טייך אין אָוקלאַנד אָדער בערקלי. עס האָט געהאַט אַ דריקענדען עפעקט אויף אַלעמענס חושים. עס האָט אויסגעוויזען ווי אַ וועלט־גרויסע זאַך ליגט טוידט. דער פּולס פונ׳ם לאַנד האָט אויפגעהערט צו שלאָגען. די נאַציע איז

אין אמת'ען געשטאָרבען. עס זיינען ניט געווען קיין וואַגענס אויפ'ן גאַס, ניט קיין פייפערייי פון די פאַבריקען, ניט קיין זשומען פון עלעקטריציטעט אין דער לופט. מען האָט ניט געזעהן קיין פאַרביילויפענדיגע גאַסען־באַהנען. עס זיינען ניט געווען קיין שרייענדיגע צייטונגס־פאַרקויפער — גאָרנישט, נור זעהר זעלטען פלעגען איינציגע פערזאָנען פאַרבייגעהן ווי גייסטער, אויסקוקענדיג דערשלאָגען און פאַרטרויערט.

און דורך יענער וואָך פון שטילקייט האָט די אָליגארכיע גע־קראָגען איהר חלק און האָט עטוואָס געלערענט. און זי האָט עס גיך גענומען אין אכט. דער גענעראַל־סטרייק איז געווען אַ וואָר־נונג. מעהר טאָר עס ניט פּאַסירען. די אָליגארכיע וועט שוין אויפפּאַסען אויף דעם.

און ביי דער ענד פון דער וואָך, ווי עס איז פריהער אראַנ־זשירט געוואָרען, האָבען זיך די טעלעגראַפּיסטען פון די פאַראײ־ניגטע שטאַאטען און דייטשלאַנד אומגעקעהרט צו זייערע שטעלען. דורך זיי האָבען די סאָציאַליסטישע פיהרער פון ביידע לענדער געשטעלט זייערע באַדינגונגען צו די הערשער. די מלחמה מוז צו־ריק גערופען ווערען, אָדער זיי וועלען פאָרטזעצען דעם גענעראַל־סטרייק. עס האָט ניט לאַנג גענומען צו מאַכען שלום. די מלחמה האָט ניט אויסגעבראָכען, און די איינוואוינער פון ביידע לענדער זיינען געגאַנגען צוריק צו דער ארבייט.

די דאָזיגע באַנייאונג פון פריעדען האָט עס געבראַכט צו דער פאַראייניגונג פון די פאַראייניגטע שטאַאטען און דייטשלאַנד. אין דער ווירקליכקייט איז דאָס געווען אַ פאַראייניגונג צווישען דעם קייזער און די אָליגארכיע מיט'ן צוועק צו באַקעמפּפען זייער אַל־געמיינעם שונא, דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט פון ביידע לענדער. און דעם בונד האָט די אָליגארכיע שפּעטער פאַררעטע־ריש געבראָכען ווען די דייטשע סאָציאַליסטען האָבען ארונטער־געוואָרפען דעם דייטשען קייזער פון זיין טראָן. דאָס איז אייגענטליך געווען, וואָס זיי האָבען אזוי שטארק געוואָלט — די פאַר־ניכטונג פון איהר גרויסען קאָנקורענט אינ'ם וועלט־מאַרק. דער

דייטשער קייזער אָפּגעראַמט פון וועג, וועט דייטשלאַנד ניט האָבען קיין איבערפלוס צו פארקויפען אין אויסלאַנד. האָבענדיג אַ סאָציאַליסטישען שטאַאט, וועט די דייטשע באַפעלקערונג געברויכען אַלעס, וואָס זי פּראָדוצירט. נאַטירליך, וועט זי דאַרפען אויסטוישען אַרטיקלען, וועלכע זי פּראָדוצירט פאַר אַזעלכע, וואָס ווערען פּראָדוצירט אין אויסלאַנד; אָבער דאָס איז עטוואָס אַנדערש פון אַן אונברויכבאַרען איבערפלוס.

— איך וועל וועטען, אַז די אָליגאַרכיע וועט נאָך געפינען עטוואָס רעכטצופערטיגען איהר האַנדלונג, — האָט ערנסט געזאָגט, ווען איהר פאַראַט צום דייטשען קייזער איז באַוואוסט געוואָרען. — ווי געוועהנליך וועט די אָליגאַרכיע גלויבען, אַז זי האָט רעכט.

און דאָס איז טאַקי געוועזען דער פאַל. דער אָליגאַרכיע'ס עפענטליכע פאַרטיידיגונג איז געוועזען, אַז זי האָט עס געטהאָן כדי צו באַשיצען די אינטערעסען פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. זי האָט אַרויסגעשמיסען איהר פאַרהאַסטען שונא פונ'ם וועלט־מאַרק און זי האָט עס געמאַכט מעגליך פאַר אונז צו פאַרקויפען אונזער איבערפלוס.

און די גרילצענדיגע אידיאָטסטוואָ דערפון איז, וואָס מיר זיינען אַזוי הילפלאָז, אַז אַזעלכע אידיאָטען פאַרוואַלטען אונזערע אייגנטרעטען, — איז געוועזען ערנסט'ס פּירוש. — זיי האָבען עס געמאַכט מעגליך מעהר צו פאַרקויפען אין אויסלאַנד, וועלכעס מיינט, אַז מיר וועלען זיין געצוואונגען צו געברויכען וועניגער אין אונזער אייגענעם לאַנד.

פערצעהנטער קאפיטעל

## דער אנהויב פונ'ם סוף

פריה ווי אין יאַנואר, 1913, האָט ערנסט געזעהן די ריכטונג פון די פּאַסירונגען, נור ער האָט ניט געקענט באאיינפלו־סען זיינע קאמעראַדען, די אַנדערע פיהרער, צו זעהן די ערשיינונג פונ'ם „אייזערנעם קנאַפּעל", וואָס ער האָט געזעהן מיט זיין גייס־טיגען אויג. זיי זיינען געווען צופיעל פּאַרטרויט אין זייערע טרוי־מערייען. אַ וועלט קריזיס איז אָנגעקומען. זאַכען האָבען פּאַ־סירט מיט ראַשיגער שנעלקייט. די אַמעריקאַנער אָליגאַרכיע האָט פּראַקטיש באַזעצט דעם וועלט־מארק און אונצעהליגע לענדער מיט אונברויכבארע און אונפּארקויפבארע איבערפלוסען זיינען ארויס־געשליידערט געוואָרען פונ'ם וועלט־מארק. פאַר אַזעלכע לענדער איז קיין זאַך ניט געבליבען צו טהאָן נור זיך צו רעאָרגאַניזירען. זיי האָבען ניט געקענט פּאָרטזעצען זייער מעטאָד פון פּראָדו־צירען איבערפלוסען. די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, וואָס אנבאַ־לאַנגט זיי, איז געשטירצט געוואָרען.

די רעאָרגאַניזירונג פון די דאָזיגע לענדער האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ רעוואָלוציע. עס איז געווען אַ פעריאָד פון צומישע־ניש און געוואַלדטאַטען. איבעראַל האָבען רעגיערונגען און אינ־סטיטוטען געקראַכט. איבעראַל, אַ חוץ אין צוויי אָדער דריי לענ־דער, האָבען די פריהערדיגע קאַפּיטאַליסטישע לאָרדען שרעקליך געקעמפּפט פאַר זייער אייגענטום. נור די רעגיערונגען זיינען צו־גענומען געוואָרען פון זיי, פון די קעמפּפענדע פּראָלעטאַריער. צום ענד איז קאַרל מאַרקס'עס קלאַסישער זאַץ פאַרווירקליכט גע־וואָרען: „דער גלאָקען־קלאַנג פון דער לויה פון פּריוואַט־קאַפּיטאַ־ליסטישען אייגענטום הערט זיך שוין. די עקספּראָפּריאַטאָרס ווע־

רען עקספראָפּריאירט". און אזוי שנעל ווי קאפּיטאליסטישע רעגירונגען זיינען געשטירצט געוואָרען, אזוי שנעל האָבען קאָאָפּעראטיווע געמיינדען פארנומען זייער פּלאַץ.

„ווארום שלעפּט זיך אייער לאנד פון די פאראייניגטע שטאאטען נאָך אזוי לאנגזאם?" „ווערט טעטיג, איהר אמעריקאנער רעוואָלוציאָנערען!" „וואָס איז געשעהן מיט אייך דאָרט אין אמעריקא?" — דאָס זיינען געווען די מיטטיילונגען, וואָס מיר האָבען געקראָגען פון אונזערע ערפאָלגרייכע קאמעראדען אין אנדערע לענדער. נור מיר האָבען ניט געקענט נאָכהאלטען מיט זיי. די אליגארכיע איז אונז געשטאַנען אין וועג. איהר גרויס האָט פארשטעלט אונזער וועג, פּונקט ווי א גרויסער שרעקליכער מאָנסטער.

— ווארט ביז מיר וועלען אריינטרעטען אין אמט אין פריהלינג, — האָבען מיר געענטפערט, — דאַן וועט איהר זעהן.

אָט אין דעם איז געווען אונזער סעקרעט. מיר האָבען געוואונען די גרענזשערם אויף אונזער זייט, און אין פריהלינג וועלען א דוצענד שטאאטען איבערגעהן אין זייערע הענט, ווייל זיי האָבען זיי געוואונען אין די לעצטע וואהלען. מיר וועלען באלד דאָרטען איינפיהרען קאָאָפּעראטיווע שטאאטען. נאָך דעם וועט שוין זיין לייכט צו קריגען די אנדערע.

— נו, וואָס וועט זיין, אז די גרענזשערס וועלען ניט אריינקריגען די שטאאטען אין זייער באזיץ? — האָט ערנסט געפרעגט. און זיינע קאמעראדען האָבען איהם אָנגערופען א פּעסימיסטישער שרייער.

נור דאָס אליין איז ניט געווען די הויפּט־געפאהר, וואָס ערנסט האָט אין זינען געהאט. ער האָט פאָראויסגעזעהן די אָפּפאלונג פון די גרויסע ארבייטער־יוניאָנס און דעם אויפשטאנד פון די קלאסען.

— גהענט האָט אויסגעלערענט די אליגארכיען וואָס צו טהאָן, — האָט ערנסט געזאָגט. — איך וועל וועטען, אז זיי האָבען געמאכט א לעהרבוך פון זיין וואָהלטעטיגען פעאָדאליזם. (1)

איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען דעם אָבענד, ווען נאָך א היציגער דיסקוסיע מיט א האלב דוצענד ארבייטער־פיהרער, האָט

זיך ערנסט געווענדט צו מיר און האָט שטילערהייט געזאָגט:
„דאָס באַשטימט עס. דער אייזערנער קנאָפּעל האָט געוואונען.
דער סוף קומט אָן.

דער דאָזיגער קליינער קאָנפערענץ אין אונזער היים איז געווען אונאָפיציעל; נור ערנסט, פּונקט ווי די איבעריגע קאַמעראַדען זיינע, האָט געאַרבייט צו קריגען פאַרזיכערונגען פון די אַרבייטער־פיהרער, אַז זיי וועלען אַרויסרופען זייערע אַרבייטער אין דעם נעקסטען גענעראַל־סטרייק. אָ'קאָננער, דער פּרעזידענט פון דער מאַשיניסטען־געזעלשאַפט, איז געווען מעהר אויסגעשפּראָכען פון די איבעריגע פינף פיהרער און האָט זיך ענטזאָגט פון פאַרזי־כערען ערנסט'ן.

— איהר האָט אַליין געזעהן, ווי פאַלקאָמען איהר זייט גע־שלאָגען געוואָרען מיט אייער אַלטער טאַקטיק פון סטרייק און באָיקאָט, — האָט ערנסט איהם צוגעשפּאַרט.

אָ'קאָננער און די אַנדערע האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ.

— און איהר האָט געזעהן, וואָס אַ גענעראַל־סטרייק קען אויפטהאָן, — האָט ערנסט פאָרטגעזעצט. — מיר האָבען אָפּגע־האַלטען די מלחמה מיט דייטשלאַנד. פריהער איז נאָך קיינמאָל די סאָלידאַריטעט און מאַכט פון די אַרבייטער אַזוי ניט דעמאָנ־סטרירט געוואָרען. די אַרבייטער קענען און וועלען רעגיערען איבער דער וועלט. אויב איהר וועט ווייטער אויך שטעהן מיט אונז, וועלען מיר מאַכען אַן ענד פונ'ם קאַפּיטאַליסטישען רעזשים. דאָס איז אייער איינציגע האָפנונג. און נאָך מעהר, איהר ווייסט עס. קיין אַנדער אויסוועג האָט איהר ניט. קיין אונטערשייד ניט וואָס איהר זאָלט טהאָן, לויט אייער אַלטער טאַקטיק זייט איהר געשלאָגען, פּשוט צוליעב דער איינער אורזאַך, וואָס די קאַ־פּיטאַליסטען קאָנטראָלירען די ריכטער. (2)

— איהר לויפט פאָראויס צו שנעל, — האָט אָ'קאָננער גע־ענטפערט. — איהר ווייסט ניט אַלע וועגען פון אויסגאַנג. עס איז נאָך דאָ אַן אַנדער אויכוועג. מיר ווייסען, וואָס מיר האָבען צו טהאָן. סטרייקס האָבען זיך אונז שוין דערעסען. זיי האָבען

אונז באזיגט אויף דעם אופן. נור איך דענק, אז מיר וועלען שוין קיינמאל מעהר ניט דארפען ארויסרופען די ארבייטער אין אונזער פאך פאר א סטרייק.

— וואס איז אייער אויסגאנג? — האט ערנסט געפרעגט.

א'קאננער האט געלאכט און געשאקעלט מיט'ן קאפ: — אזוי פיעל קען איך אייך ניט זאגען. — מיר זיינען ניט געשלאפען, און יעצט חלום'ען מיר ניט.

— איך האף, אז עס איז ניט עטוואס, מיט וואס איהר שעהמט זיך, אדער איהר האט גלאט מורא ארויסצוזאגען, — האט ערנסט איהם אויפגעפאדערט.

— איך דענק, אז מיר ווייסען אונזערע אנגעלעגענהייטען אם בעסטען, — איז געוועזן דער ענטפער.

— עס איז א דונקעלער געשעפט, זעהענדיג ווי איהר היט זיך מיט דעם, — האט ערנסט געזאגט, ווערענדיג אין כעס.

— מיר האבען באצאהלט פאר אונזערע ערפאהרונגען מיט בלוט און שוויים, און מיר פארדיענען אלעס, וואס עס קומט אונז יעצט אן, — איז געוועזן דער ענטפער. „ענייי עירך קודמים“.

— אויב איהר האט מורא מיר צו זאגען אייער אויסוועג, וועל איך עס אייך זאגען. — ערנסט'ס בלוט האט געקאכט אין איהם. — איהר געהט אריין אין כאפ־לאפ־שותפות. איהר האט זיך אנגעשלאסען אן דעם שונא, אט וואס איהר האט געטהאן. איהר האט פארקויפט די ארבייטער־זאך, אלע ארבייטער. איהר פארלאזט דאס שלאכטפעלד, ווי פייגלינגען.

— איך זאג גאר ניט, — האט א'קאננער געענטפערט, — אויסער דאס פאלגענדע, דאס איך בין פרעזידנעט פון דער מאשי־ניסטען־געזעלשאפט, און עס איז מיין אויפגאבע אויפצופאסען אויף די אינטערעסען פון די מענשען, וואס איך רעפרעזענטיר. דאס אלעס.

ווען די ארבייטער־פיהרער זיינען אוועקגעגאנגען, האט ערנסט, מיט דער רוהיגקייט פון א נידערלאגע, מיר אנגעצייגט די ריכטונג פון די קומענדע פאסירונגען.

— די סאָציאַליסטען פֿלעגען אויסזאָגען מיט פרייד — האָט ער געזאָגט — דאָס אָנקומען פונ׳ם טאָג ווען די אָרגאַניזירטע אַר־בייטער, געשלאָגענע אויפ׳ן אינדוסטירעלען פעלד, וועלען אַריבער־געהן אויפ׳ן פּאָליטישען פעלד. נו, האָט דער אייזערנער קנאַפּעל באַזיעגט די אַרביטער־יוניאָנס אויפ׳ן אינדוסטריעלען פעלד און האָט זיי געטריבען צום פּאָליטישען קאַמפּף; און אָנשטאָט מיר זאָלען זיך פרעהען, וועלען מיר האָבען איבער וואָס צו טרויערען. דער אייזערנער קנאַפּעל האָט געקראָגען אַ לעקציע. מיר האָבען איהם געוויזען אונזער מאכט אינ׳ם גענעראַל־סטרייק. יעצט האָ־בען זיי גענומען שריט צו פֿאַרמיידען אַנאַנדער גענעראַל־סטרייק.

— אָבער ווי אַזוי? — האָב איך געפרעגט.

— פּשוט דורך אַרויסהעלפען די גרויסע יוניאָנס. זיי וועלען ניט פאַרלאָזען די אַרבייטער אינ׳ם נעקסטען גענעראַל־סטרייק. דאַ־רום וועט עס ניט זיין קיין גענעראַל־סטרייק.

— אָבער דער אייזערנער קנאַפּעל קען ניט אָנהאַלטען אַזאַ קאָסטבאַר פּראָגראַם פאַר אימער, — האָב איך אויסגעזוצט.

— הע, ניט אַלע יוניאָנס זיינען געשטיצט געוואָרען. דאָס איז ניט נויטיג. אָט וואָס עס וועט פּאַסירען. די שכירות וועט געהעכערט ווערען און אַרבייטס־שטונדען פאַרקירצט ווערען אין די אייזענבאַהן־יוניאָנס, אין די אייזען־ און שטאָהל־יוניאָנס, און אין די אינזשעניערען און מאַשיניסטען יוניאָנס. אין די דאָזיגע יוניאָנס וועלען די גינסטיגע אומשטענדען אימער אָנגעהאַלטען ווערען. מיטגליעדערשאַפט אין די יוניאָנס וועלען געגליכען ווערען צו פּלע־צער אין גן־עדן.

— איך פאַרשטעה דיך נאָך אַלץ ניט, — האָב איך געזאָגט.

— און וואָס וועט ווערען פון די אַלע אַנדערע יוניאָנס? עס זיינען דאָ מעהרער יוניאָנס אויסער די עטליכע, וואָס דו האָסט דערמאָנט.

די אַנדערע יוניאָנס וועלען פאַרניכטעט ווערען — אַלע אַנ־דערע יוניאָנס, ווייל קענסט דען אַליין ניט זעהן, די אייזענבאַהן־אַרבייטער, מאַשיניסטען און אינזשיניערען, אייזען־ און שטאָהל־

אַרבייטער טהוען די גיצליכע אַרבייט אין אונזער מאַשין־ציוויליזאַציע, זייענדיג פאַרזיכערט מיט זייער טרייהייט, קען דער אייזערנער קנאַפּעל זיך אויסלאַכען פון די אַלע איבעריגע אַרבייטער. אייזען, שטאַהל, קויהלען, מאַשינעריע און די פאַרקעהר־מיטלען זיינען די הויפּט־זיילען פון דער אינדוסטריעלער געביידע.

— נו, און קויהלען? — האָב איך געפרעגט. — עס זיינען דאָך דאָ כמעט אַ מיליאָן קויהלען־גרעבער.

— זיי זיינען אייגענטליך פּראָסטע אַרבייטער. מיט זיי וועט מען זיך ניט רעכענען. זייערע שכירות וועלען אַרונטערפאַלען און זייערע שטונדען וועלען פאַרלענגערט ווערען. זיי וועלען זיין שקלאַפען, ווי מיר אַלע, און זיי וועלען באַהאַנדעלט ווערען ווי עזלען. זיי וועלען געצוואונגען ווערען צו אַרבייטען, פּונקט ווי די לאַנד־אַרבייטער ווערען יעצט געצוואונגען צו אַרבייטען פאַר די הערר'ען וואָס האָבען זיי באַרויבט פונ'ם לאַנד. און דאָס זעלבע וועט פּאַסירען מיט אַלע אַנדערע יוניאָנס אויסער'ן פאַרבאַנד. פּאַס נור אויף און זעה, ווי זיי וועלען זיך אָנהויבען טרייסלען און דאַן צופאַלען אויף שטיקער, און זייערע מיטגליעדער וועלען ווערען שקלאַפען, וואָס ווערען געטריבען צו זייער אַרבייט דורך זייערע לעדיגע מאָגענס און דאָס געזעץ פונ'ם לאַנד.

— ווייסטו, וואָס עס וועט ווערען פון פאַרליי'ן (3) און זיינע סטרייק־ברעכער? איך וועל דיר זאָגען. די באַשעפטיגונג פון סטרייק־ברעכעריי וועט שוין מעהר ניט זיין. אַנשטאָט סטרייקס וועלען זיין שקלאַפען־רעוואָלוציעס. פאַרלי און זיין באַנדע וועלען דערהויבען ווערען צום ראַנג פון שקלאַפען־טרייבער. אָך, זיי וועלען דאָס ניט אָנרופען מיט דעם נאָמען; עס וועט אָנגערופען ווערען: „צווינגען זיי אָפּצוהיטען דעם געזעץ פונ'ם לאַנד, וועלכער הייסט יעדען אַרבייטען. דאָס פאַרלענגערט פּשוט דעם קאַמפּף, דער פאַרראַט פון די גרויסע יוניאָנס. גאָט ווייסט יעצט וואו און ווען די רעוואָלוציע וועט טריאומפירען".

— אָבער נעגען אַזאַ מעכטיגער קאָמבינאַציע, ווי די אָליגאַרכיע און די גרויסע יוניאָנס, קענען מיר דען האָפען, אַז די רעוואָ־

לוציע וועט ווען עס איז טריאומפירען? — האָב איך געפרעגט. קען די קאָמבינאַציע ניט געדויערן אייביג?

ער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „איינע פון אונזערע הויפּט־לעהרען איז, אז יעדער סיסטעם, וואָס איז געגרינדעט אויף קלאַ־סען און סעקטען, ענטהאַלט אין זיך זעלבסט די מיקראָבען, פון וועלכע זיי אליין וועלען אָנפאנגען פוילען. אויב אַ סיסטעם איז געגרינדעט אויף פארשיעדענע קלאַסען, ווי אַזוי קענען זיי פאר־מיידען די קלאַסען־פאַרשיעדענהייט? דער אייזערנער קנאַפּעל וועט עס ניט קענען אויסמיידען, און צום סוף וועלען די קלאַסען זעלבסט פארניכטען דעם אייזערנעם קנאַפּעל. די אליגארכיען האָבען שוין ענטוויקעלט קליקעס צווישען זיך; נור וואַרט ביז די אויסגעוועהלטע יוניאָנס וועלען ענטוויקלען זייערע קליקעס. דער אייזערנער קנאַפּעל וועט באַנוצען זיין גאַנצע מאַכט עס צו פארמיידען, נור ער וועט ניט זיין ערפאָלגרייך.

„און די אויסדערוועהלטע יוניאָנס זיינען די בעסטע פון די אמעריקאַנער ארבייטער־מיטגליעדער. זיי זיינען שטאַרקע און פעהיגע מענער. זיי זיינען געוואָרען מיטגליעדער פון דיזע יוניאָנס דורך קאָנקורירען פאַר זייערע פּלעצער. יעדער פעהיגער ארבייטער אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען וועט האָבען די אַמביציע צו ווערען אַ מיטגליעד פון די יוניאָנס. די אליגאַרכיע וועט ערמוטיגען די אַמביציע און די קאָנקורענציע. אַזוי וועלען די שטאַרקסטע און די בעסטע, וואָס וואָלטען פיליייכט געווען רעוואָלוציאָנערען, גע־נומען ווערען אויף זייער זייט און זייער מאַכט וועט שטיצען די אליגאַרכיע.

— אין צווייטען פאַל, וועלען די ארבייטער־קלובען, די מיט־גליעדער פון די אויסדערוועהלטע יוניאָנס, פּרובירען מאַכען זייערע אָרגאַניזאַציעס פאַר פארשלאָסענע קערפּערשאַפטען. און זיי וועלען זיין ערפאָלגרייך. מיטגליעדערשאַפט אין די ארבייטער־קלי־קעס וועט איבערגעהן בירושה. די זיהן וועלען נאָכפאָלגען זיי־ערע עלטערען, און עס וועט ניט זיין קיין צופלוס פון נייער מאַכט פון יענעם אייביגען קוואַל פון מאַכט, דאָס פּשוט'ע פאָלק. דאָס

וועט מיינען, דאָס די אַרבייטער־קליקעס וועלען אָפּגעשוואַכט ווע־רען, אום צום סוף וועלען זיי אַלע זיין שוועכלינגען. צו דער זעלבער צייט וועלען זיי זיין זעהר מעכטיג אַלס אַן אינסטיטוציע. זיי וועלען זיין ווי די שומרים אין דעם רוימישען פּאַלאַץ, און עס וועלען זיך געפינען פּאַלאַץ־רעוואָלוציאָנערען, דורך וועלכע די אַר־בייטער־קליקעס וועלען פּאַרכאַפּען די רעגיערונגס־לייצעס אין זיי־ערע הענט. און עס וועלען זיין רעוואָלוציעס פון די אָליגאַרכיען, און פיעל מאָל וועלען איינע, דאַן די צווייטע באַזיצען די רעגיע־רונגס־מאַכט. און דורך דעם אַלעמען וועט די אונפאַרמיידליכע קלאַסען־שוואַכקייט אָנגעהן, ביז דאָס פאָלק וועט צום סוף קריגען אַלעס, וואָס באַלאַנגט צום פאָלק.

די דאָזיגע פּראָפעצייהונג פון אַ לאַנגזאַמער סאָציאַלער רע־וואָלוציע איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען, ווען ערנסט האָט זיך גע־פיהלט געשלאָגען פון דעם פאַרראַט פון די גרויסע יוניאָנס. איך האָט קיינמאָל מיט איהם ניט איינגעשטימט אין דעם און שטים יעצט, ווען איך שרייב די צייליען, נאָך מעהר ניט איין, ווי פריהער; ווייל אפילו יעצט, כאָטש ערנסט איז טוידט, זיינען מיר אויף דער סאַמע שוועל פון אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט אָפּווישען אַלע אָליגאַר־כיעס. דאָך האָב איך איבערגעגעבען ערנסט׳ס נביאות, ווייל ער האָט עס געזאָגט. כאָטש ער האָט געגלויבט אין די נביאות, דאָך האָט ער געאַרבייט ווי אַ ריעז געגען דעם, און ער, מעהר פון יעדען איינעם, האָט עס געמאַכט מעגליך די רעוואָלוציע, וועלכע וואַרט אויף׳ן סיגנאַל, כדי אויסצוברעכען. (4)

— אָבער אויב די אָליגאַרכיע וועט עקזיסטירען, — האָב איך איהם געפרעגט יענעם אבענד, — וואָס וועט ווערען פון די גרויסע איבערפלוסען, וואָס וועלען אויסקומען אויף זייער חלק יעדעס יאָהר?

— זיי וועלען זיי אויסברענגען אויף וועלכען עס איז אופן, — האָט ער געענטפערט. — איך פאַרלאָז זיך אויף די אָליגאַרכיען צו געפינען אַ וועג. פיינע וועגען וועלען געבויט ווערען. עס וועט זעהר פיעל אויפגעטהאָן ווערען אין דער וויסענשאַפט און

איבערהויפּט אין דער קונסט. נאָך דעם, ווען די אליגארכיען וועלען קריגען די אויבערהאַנד איבער׳ן פאָלק, דאַן וועלען זיי אין זינען האָבען אַנדערע זאַכען. זיי וועלען ווערען ליעבהאָבער פון קונסט. און אונטער זייער פיהרערשאַפט, און גוט באַצאָהלט פון זיי, וועלען די אַרטיסטען טהאָן זייער אַרבייט. דער רעזולטאַט וועט זיין, דאָס קונסט וועט זיין ערהויבען; ווייל די אַרטיסטען וועלען ניט דאַרפען, ווי זיי האָבען ביז יעצט געטהאָן, טאַנצען נאָכ׳ן פייפעל פון דער בורזשואַזיע. די קונסט וועט זיין גרויס, זאָג איך דארום, און וואונדער־שטעדט וועלען געבויט ווערען, וואָס וועלען מאַכען די פאַרצייטיגע שטעדט אויסקוקען ביליג און פון פוסטען גלאַנץ. און אין די דאָזיגע שטעדט וועלען די אליגאַרכיען וואוינען און דיענען דעם גאָט פון שעהנהייט. (5)

און אַזוי וועלען די איבערפלוסען אויסגענוצט ווערען בעת די אַרבייטער וועלען טהאָן די אַרבייט. דאָס בויען פון די גרויסע פּאַלאַצען און שטעדט וועט ערלויבען אַ הונגער־לוין פאַר מיליאָנען פּראָסטע אַרבייטער, ווייל דער אונגעהויער גרויסער איבערפלוס וועט זיי צווינגען צו מאַכען אויך גרויסע אויסגאַבען, און די אליגאַרכיען וועלען בויען פאַר טויזענד יאָהר — זאָגאַר פאַר צעהן טויזענד יאָהר. זיי וועלען בויען אַזעלכע זאַכען, וואָס די מענשען פון מצרים און בבל האָבען זיך אפילו ניט געקענט פאָרשטעלען; און ווען פון די אליגאַרכיען וועט קיין זכר ניט בלייבען, וועלען זייערע גרויסע וועגען און זייערע וואונדער־שטעדט בלייבען פאַר דער ברודערשאַפט פון אַרבייטער, וואָס וועלען טרעטען אויף די וועגען און וואוינען אין די שטעדט. (6)

די זאַכען וועלען די אליגאַרכיען טהאָן, ווייל זיי וועלען ניט קענען טהאָן עפּעס אַנדערש. די גרויסע קונסטווערק וועלען איינ־שלינגען די איבערפלוסען זייערע, און אויפ׳ן זעלבען אופן ווי די הערשענדע קלאַסען פון מצרים האָבען אויסגעגעבען זייערע איבער־פלוסען, וואָס זיי האָבען גערויבט פונ׳ם פאָלק מיט בויען טעמפּלען און פּיראַמידען. אונטער דער אליגאַרכישער הערשאַפט וועט אויפ־בליהען, ניט אַ פּריסטער־קלאַס, נור אַ קינסטער־קלאַס. און אַנ־

שטאָט די מיטעל־קלאַס סוחרים, די בורזשואַזיע, וועלען זיין די אַרבייטער־קליקעס. און אונטער זיי וועט זיין דער אָפּגרונד, וואו עס וועלען אויפגעבראַכט ווערען און שמאַכטען פון הונגער און פוילען, און אַזוי זיך וויעדער באַנייען דאָס פּראָסטע פאָלק, די גרויסע באַפעלקערונגס־מאַסע. און צום סוף, נור ווער ווייסט דעם טאָג, וועט דאָס פּראָסטע פאָלק זיך אויפהויבען פונ׳ם אָפּגרונד; די אַרבייטער־קליקעס און די אָליגאַרכיע וועט צופאַלען ווערען אויף שטיקלאַך און דאַן, ערשט דאַן, נאָך הונדערטע יאָהרען פון מאַטערניש, וועט דעם פּראָסטען מענשענס טאָג ערשט קומען. איך האָב געדענקט, אַז איך אַליין וועל נאָך דערלעבען צו זעהן יענעם טאָג; נור יעצט ווייס איך, אַז איך וועל שוין דעם טאָג קיינמאָל ניט זעהן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קליינער פּויזע, און דאַן האָט ער צוגעלעגט:

— די סאָציאַלע עוואָלוציע איז פאַרדריסליך לאַנגזאַם, ניין, אפשר, טייערע?

איך האָב אַרומגעוואָרפען מיינע אָרעמס אַרום איהם, און ער האָט אָנגעלעהנט זיין קאָפּ אויף מיין ברוסט.

— פאַרזינג מיך צום שלאָף, — האָט ער קאַפּריזנע געמורמעלט. — איך האָב גע׳חלום׳ט און איך וויל עס אַלעס פאַרגעסען.

פופצעהנטער קאַפּיטעל

# די לעצטע טעג

עס איז געווען כמעט ביי ענד פון יאַנואַר, 1913, ווען די גע־ביטענע האַלטונג פון דער אָליגאַרכיע צו די אויסדערוועהלטע יוניאָנס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען. די צייטונגען האָבען גע־דרוקט די נייעס וועגען אַן אונפאַרגלייכליכען שטייגען אין שכירות פון די אייזענבאַהן־באַשעפטיגטע, די אייזען־ און שטאָהל־אַרביי־טער, פון די אינזשעניערען און מאַשיניסטען. נור דעם גאַנצען אמת האָט מען ניט אַרויסגעזאָגט. די אָליגאַרכיען האָבען ניט גע־וואַגט צו זאָגען דעם גאַנצען אמת. אין דער ווירקליכקייט זיינען די שכירות געווען געהעכערט פיעל מעהר, און די פּריווילעגיען זייערע זיינען נאָך געווען פאַרהעלטניסמעסיג גרעסער. דאָס אַלעס איז געווען אַ סוד, נור אַ סוד קען ניט לאַנג דויערען. מיטגליעדער פון די אויסדערוועהלטע יוניאָנס האָבען דערצעהלט זייערע פרויען, און די פרויען האָבען געפּלוידערט, און די גאַנצע אַרבייטער־וועלט האָט זיך שנעל דערוואוסט פון דער פּאַסירונג.

עס איז בלויז געווען אַ לאָגישע ענטוויקלונג פון דעם, וואָס איז אין נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט געווען באַוואוסט אַלס כאַפּ־לאַפּ־חלוקה. אין דער אינדוסטריעלער שלאַכט פון יענע צייטען האָט מען פּרובירט פּראָפיט־צוטיילונג, דאָס הייסט, די קאַפּיטאַ־ליסטען האָבען געפּרובירט איינצושטילען די אַרבייטער דורכ'ן פאַראינטערעסירען זיי פינאַנציעל אין זייער אַרבייט. נור פּראָ־פיט־צוטיילונג אַלס אַ סיסטעם איז געווען אונמעגליך און לעכערליך. פּראָפיט־צוטיילונג האָט געקענט זיין ערפאָלגרייך בלויז אין איזאָ־לירטע פאַלען פון אַ סיסטעם פול מיט אינדוסטריעלע קריעגע־

רייען ; ווייל אויב אַלע אַרבייטער און קאַפּיטאַליסטען זאָלען זיך געווען צוטיילען מיט די פּראָפיטען, וואָלטען די אומשטענדען געווען די זעלביגע ווי די, וואָס זיינען געווען אין דער צייט וואָס זיי האָבען זיך נאָך ניט געטיילט מיט די פּראָפיטען.

און אַזוי איז פון דער אונפּראַקטישער אידעע פון פּראָפּיט־צוטיילונג אַרויסגעשפּרונגען די פּראַקטישע אידעע פון כאַפּ־לאַפּ־חלוקה. „גיט אונז אַ גרעסערען לוין און רעכענט עס צו צום פּובליקום", איז געווען דאָס שפּריכוואָרט פון די שטאַרקע יוניאָנס. און אין אייניגע פּלעצער פּלעגט די זעלבסטזיכטיגע האַלטונג זייערע זיין ערפאָלגרייך. און צורעכענענדיג דאָס צום פּובליקום, פּלעגט עס אַרויסגענומען ווערען פון דער גרויסער מאַסע אונאָרגאַניזירטע אַרבייטער. די אַרבייטער האָבען ווירקליך געצאָהלט די געהעכערטע שכירות פון זייערע מעכטיגע ברידער־אַרבייטער, מיטגליעדער פון יוניאָנס, וועלכע זיינען געווען פּשוט'ע אַרבייטער־טראַסטס. די אידעע איז, ווי איך זאָג, אויסגעפיהרט געוואָרען אויף אַ גרויסען פאָרמאַט, דורך דער קאָמבינאַציע פון די אָליגאַרכיען און די אויסדערוועהלטע יוניאָנס. (1)

אַזוי שנעל ווי דער סוד פון דעם פאַרראַט פון די אויסדערוועהלטע יוניאָנס איז באַוואוסט געוואָרען, האָבען די איבעריגע אַרבייטער אָנגעהויבען צו מורמלען בייז. דאַן האָבען זיך די אויסדערוועהלטע יוניאָנס צוריקגעצויגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע און האָבען אָפּגעבראָכען אַלע באַציהונגען. דאַן איז אָנגעקומען אַ צייט פון שטורם און געוואַלדטאַט. די מיטגליעדער פון די יוניאָנס זיינען ערקלערט געוואָרען אַלס פאַררעטער, און אין שענקען און אין אויסגעלאַסענע הייזער, אויף דער גאַס און ביי דער אַרבייט, און, אין פאַקט, איבעראַל זיינען זיי אָנגעגריפען געוואָרען פון זייערע קאַמעראַדען, ווען זיי האָבען אַזוי פאַררעטעריש פאַרלאָזען.

פיעל קעפּ זיינען צובראָכען געוואָרען, און פיעל זיינען דערהרג'עט געוואָרען. קיין מיטגליעד פון די אויסדערוועהלטע יוניאָנס איז ניט געווען זיכער מיט זיין לעבען. זיי פלעגען זיך צוזאַמענ־

קלייבען אין גרופּען צו געהן צו דער ארבייט אָדער אהיים פון דער ארבייט. זיי פלעגען אימער־צו געהן אויפ׳ן מיטען גאַס. אויף די טראָטואַרען האָט מען זיי געקענט צוברעכען די קעפּ מיט א ציגעל אָדער א ברוק־שטיין, וואָס איז ארונטערגעוואָרפען געוואָרען פון א פענסטער אָדער א דאַך. מען האָט זיי ערלויבט צו טראָגען וואַפען, און זיי בעאמטע האָבען זיי געשטיצט אויף אַלערליי אופנים. זייערע פארפאָלגער זיינען פאַראורטיילט געוואָרען צו לאַנגע געפענגנים־טערמינען, וואו זיי פלעגען זעהר שלעכט באהאַנדעלט ווערען; אָבער קיין מאן, וואָס איז ניט געווען א מיטגליעד פון די אויסדערוועהלטע יוניאָנס, איז ניט ערלויבט געווען צו טראָגען וואַפען מיט זיך. פאר׳ן איבערטרעטען דיזען געזעץ איז דער זינדיגער שווער באשטראָפט געוואָרען.

די פארביטערטע ארבייטער האָבען פונדעסטוועגען פארטגעזעצט זייער מעטאָד פון נעהמען ראַכע פון די פאַרשטעהער. קלאַסען אָפּגעזונדערטקייט זיינען געמאַכט געוואָרען כמעט פון זיך אַליין. די קינדער פון די פאררעטער זיינען פארפאָלגט געוואָרען פון די קינדער פון די פּאַוראַטעטע ארבייטער, ביז עס איז געווען אונמעגליך פאר זיי זיך צו שפּיעלען אויפ׳ן גאַס אָדער צו באזוכען די פּאַבליק־שולען. אויך די פרויען און די גאַנצע פאַמיליע פון די פאררעטער זיינען אריינגעלעגט געוואָרען אין חרם. און די לאָקאַלע שפּייז־הענדלער, וואָס האָבען געהאַנדעלט מיט זיי, זיינען באָיקאָטירט געוואָרען.

אלס רעזולטאַט, פארפאָלגט פון אלע זייטען, זיינען די פאררעטער און זייערע פאַמיליעס געוואָרען אָפּגעזונדערט. געפינענדיג עס אונזיכער צו וואוינען צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט, האָבען זיי זיך איבערגעצויגען אין נייע נאַכבארשאַפטען, וואָס זיינען געווען באוואוינט בלויז פון זייערע מענשען. די אַליגאַרכיען האָבען זיי אונטערשטיצט אין דעם. גוטע וואוינונגען, מאָדערנע און סאַניטאַרע, זיינען געבויט געוואָרען פאר זיי. די הייזער זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט גרויסע, גראַמע הויפען, און פיעל שפּיעל־פּלעצער און שפּאַציער־גערטנער זיינען געמאַכט

געוואָרען אין זייע׳רע געגענדען. זייערע קינדער האָבען באזוכט שולען, וואָס זיינען ספּעציעל געבויט געוואָרען פאר זיי, און אין די שולען האָבען זיי זיך אויך ספּעציאליזירט אין האנד־ארבייט און אין פּראקטישע וויסענשאפטען. אזוי האָט גלייך פון אָנפאנג ארויסגעשטאמט די קלאסענפארשיעדענהייט. די מיטגליעדער פון די אויסדערוועהלטע יוניאָנס זיינען געוואָרען די אריסטאָקראטען פון ארבייט. זיי זיינען געווען א באזונדערער טייל פון די איבע־ריגע ארבייטער. זיי האָבען געהאט בעסערע הייזער, בעסערע קליידער, בעסערע שפּייז, און אויך בעסערע באהאנדלונג. זיי האָבען אָפּגעלעקט א פעטען ביין.

אין דער זעלבער צייט זיינען די איבעריגע ארבייטער באַ־האנדעלט געוואָרען זעהר שלעכט. פיעל קליינע פּריווילעגיעס זיי־נען צוגענומען געוואָרען פון זיי, און זייערע שכירות און ארט לעבען זיינען געוואָרען וואָס אמאָל ערגער. זייערע פּאָבליק־שולען זיינען געוואָרען אָפּגעלאָזען, און ביסלעכווייז האָט מען זיי אויפגעהערט צווינגען צו שיקען זייערע קינדער אין די שולען. די גרויסע צאָהל קינדער פונ׳ם יונגען דור, וואָס האָבען ניט געקענט לעזען אָדער שרייבען, איז געווען געפעהרליך.

דער באַזיץ פונ׳ם וועלט־מארק, וואָס די פאראייניגטע שטאאטען האָבען געקראָגען, האָט אָנגעמאכט א חורבן איבער דער גאנצער וועלט. אינסטיטוטען און רעגירונגען איבער דער גאנצער וועלט זיינען צושמעטערט געוואָרען אָדער איבערגעאַנ־דערשט געוואָרען. דייטשלאנד, איטאליען, פראנקרייך, אויסטראַ־ליע און נייע זילאנד זיינען געווען שטארק פארנומען מאכענדיג קאָאָפּעראטיווע געמיינדען. די ענגלישע אימפּעריע איז זיך צו־פאלען אויף שטיקער. ענגלאנד האָט געהאט צרות איבער׳ן קאָפּ. די רעוואָלוציע אין אינדיען איז געווען אין פולען גאנג. דער גע־שריי איבער גאנץ אזיע איז געווען: „אזיע פאר די אזיאטען!“ און הינטער זיי אלע איז געשטאנען יאפּאן, אימער־צו רייצענדיג און שטיצענדיג די געלע און ברוינע ראסען געגען דער ווייסער ראסע. און בעת יאפּאן האָט גע׳חלומ׳ט פון אן אזיאטישער אימ־

פעריע און האָט געשטרעבט מיט אַלע כחות צו פאַרווירקליכען דעם חלום, האָט זי אונטערדריקט איהר אייגענע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. עס איז געווען אַ פּשוט׳ע מלחמה פון קלאַסען. קו־ליעם — געגען סאַמוראַיען, און די קוליע־סאָציאַליסטען זיינען הינגעריכטעט געוואָרען אין טויזענדער און צעהנער־טויזענדער. פערציג טויזענד זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרען אין דעם גאַסען־גע־שלעג אין טאָקיאָ און אין דעם אונגעראָטענעם איבערפאַל אויפ׳ן מיקאַדאָ׳ס פּאַלאַץ. קאָב איז געווען אַ יאַטקע. די אויסשלאַכ־טונג פון די בוימוואָל אַרבייטער דורך די האַרמאַטען איז געווען באַוואוסט אַלס די שרעקליכסטע הינריכטונג, וואָס מאָדערנע האַר־מאַטען האָבען ווען עס איז פאַראורזאַכט. די יאַפּאַנעזישע אָלי־גאַרכיע, וואָס איז אויפגעשטאַנען, איז געווען ווילדער פון זיי אַלע. יאַפּאַן האָט באַהערשט דעם גאַנצען מזרח, און האָט אָפּגענומען פאַר איהר חלק דעם גאַנצען מאַרק פונ׳ם אַזיאַטישען וועלט־טייל, אויסער אינדיע.

ענגלאַנד האָט געהאַט ערפאָלג אין אונטערדריקען איהר אייגענעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט און אָנצוהאַלטען אינדיע, כאָטש זי איז שיער געטריבען געוואָרען צו באַנקראָט. זי איז אויך געצוואונגען געוואָרען צו באַפרייען אַלע איהרע גרויסע קאָלאָניעס. אַזוי איז דאָס געקומען, וואָס די סאָציאַליסטען פון אויסטראַליען און ניו־זעעלאַנד זיינען געווען ערפאָלגרייך אין גרינדען קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען. און אויס דער זעלבער אורזאַך איז אויך קענעדע אָפּגעריסען געוואָרען פונ׳ם מוטער־לאַנד. נור קענעדע האָט אונטערדריקט איהר אייגענע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, ווערענדיג אונטערשטיצט פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל. צו דער זעלבער צייט האָט דער אייזערנער קנאַפּעל געהאָלפען מעקסיקאָ און קובע צו אונטערדריקען זייערע רעוואָלוציעס. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס דער אייזערנער קנאַפּעל איז געווען פעסט עטאַבלירט אין דער נייער וועלט. ער האָט צונויפגעגאָסען אין איין פּאָליטישען שטיק מעטאַל דעם גאַנצען נאָרד־אַמעריקאַנער וועלט־טייל פונ׳ם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל ביז׳ן נאָרדליכען ים.

און ענגלאנד, האבענדיג מקריב געווען אלע איהרע קאלאניעס, האט בלויז אנגעהאלטען אינדיען. נור דאס איז אויך געווען בלויז אויף א ווײלע. דער קאמפף מיט יאפאן און די איבעריגע טייל פון אזיע פאר'ן באזיץ פון אינדיען, איז בלויז אפגעלייגט געווארען אויף א שטיקעל צייט. ענגלאנד איז געווען באשערט צו פארלירען אינדיען, בעת הינטער דער פאסירונג האט געשטעקט דער קאמפף צווישען א פאראייניגטער אזיע און די איבריגע וועלט.

בשעת די גאנצע וועלט איז צוריסען געווארען פון שטרייטיג־קייטען, זיינען מיר אין די פאראייניגטע שטאאטען אויך ניט געווען שלום ושלוה. דער אפשטעהן פון די גרויסע יוניאנס האט אפגעהאלטען אונזער געפלאנטע פראלעטארישע רעוואלוציע. נור געוואלדטאט איז אנגעגאנגען איבעראל. א חוץ די ארבייטער־אונרוהען, און די אונצופריעדענהייט פון די ערד־ארבייטער און די רעשטלעך פון דער מיטעל־קלאס, האט נאך אויפגעפלאמט א רעליגיעזער פלאקער. א צווייגעל פון די זיבען טעג אדווענטארס איז פלוצים געווארען פאפולער און זיי האבען ערקלערט, אז די וועלט קומט צו אן ענד.

— פארדאמט די מוחות צומישעניש, טויזענד מאל פאר־דאמט! — האט ערנסט געשריען. — ווי אזוי קענען מיר האפען אויף סאלידאריטעט מיט די אלע צוויסטיגקייטען און שטרייטיג־קייטען?

און ווירקליך, די רעליגיעזע אויפלעבונג איז מאמענטאן גע־ווארען א וויכטיגע פאסירונג. דאס פאלק, פארביטערט און ענט־מוטיגט אין אלע זיינע מאטעריעלע ערווארטונגען, איז געווען גרייט אנצונעהמען א הימעל, וואו אינדוסטריעלע טיראנען האבען ניט געקענט אריינקומען, פונקט ווי א העלפאנט קען ניט דורכגעהן דעם לאך פון א נאדעל. ארומפאהרענדיגע פרעדיגער, מיט ווילדע אוי־גען און מאניערען, האבען פארפלייצט דאס לאנד; און ניט אכ־טענדיג דעם פארבאט פון די ציוויל־בעאמטע, און די פארהאפטונג פאר ניט פאלגען דעם באפעהל, זיינען די פלאמען פון דעם רע־

ליגיעזען פייער אויפגעבלאָזען געוואָרען אין פיעל רעליגיעזע פאַר־זאַמלונגען.

עס זיינען געווען די לעצטע טעג, — האָבען זיי ערקלערט. דער אָנפאַנג פון דעם סוף פון דער וועלט. די פיער ווינטען זיינען אָפּגעלאָזט געוואָרען אויף דער וועלט. גאָט האָט אָנגערייצט די פעלקער צו מלחמה. עס איז געווען אַ צייט פון נסים און איינ־בילדונגען, און זעהער און נביאים האָבען זיך געיאָוועט אין די טויזענטער. טויזענטער מענשען האָבען אויפגעהערט צו ארבייטען און זיינען אַוועק אויף די בערג, פאַרטיג צו ערוואַרטען גאָט'ס אָנקומען און דאָס אויפהויבען זיך אין די הימלען אריין פון די הונדערט און פיער און פערציג טויזענט. נור גאָט איז ניט גע־קומען און טויזענטער פון זיי זיינען אויסגעשטאָרבען פון הונגער. אין זייער פאַרצווייפלונג, האָבען זיי חרוב געמאַכט די פאַרמס, זוכענדיג וואָס צו עסען, און די אַנאַרכיע אין די דערפער האָט נאָך פאַרגרעסערט די צרות פון די עקספּראָפּריאירטע פאַרמערס.

ווייטער, די פאַרמס און שפּייכלערס זיינען געווען דאָס איי־גענטום פון דעם אייזערנעם קנאָפּעל. אַרמעען סאָלדאַטען זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען און די פאַנאַטיקער זיינען מיט די באַיאָנע־טען געטריבען געוואָרען צוריק צו זייער ארבייט אין די שטעט. דאָרטען האָבען זיי אָבער אַלע מאָל זיך געבונטעוועט. זייערע פיהרער זיינען היגנעריכטעט געוואָרען פאַר רייצען צום אויפ־שטאַנד אָדער זיי זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרען אין משוגעים־הייזער. די יעניגע, וואָס זיינען הינגעריכטעט געוואָרען, זיינען געגאַנגען צום טוידט מיט דער פרייד פון מאַרטירער. עס איז געווען אַ צייט פון משוגעת. די אונרוהען האָבען זיך פאַרשפּרייט. אין די זומפּען און וויסטעניישען און לײדיגע פּלעצער, פון פלאָרידאַ ביז אַלאַסקאַ, האָבען די קליינע גרופּען אינדיאַנער, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבען, געטאַנצט פאַנאַטיש־רעליגיעזע טענץ און האָבען ערוואַרטעט דאָס אָנקומען פון זייער אייגענעם משיח.

און דורך דעם גאַנצען מיש־מאַש האָט זיך אויפגעהויבען די פאָרם פון'ם שרעקליכסטען מאָנסטער פון אַלע צייטען, די אָליגאַר־

ביע. מיט אַן אייזערנער האַנד און אייזערנעם קנאַפּעל האָט זי גע־
הערשט איבער די מיליאָנען מענשען. פון צומישעניש האָט זי
געבראַכט אָרדנונג, פון דעם סאַמע תהו־ובהו האָט זי אויפגעבויט
איהר פונדאַמענט און אוועקגעשטעלט איהר געביידע.

— וואָרט בלויז ביז מיר וועלען אַריינטרעטען, — האָבען די
גרענזשערס געזאָגט. קאַלווין האָט געזאָגט צו אונז אין אונזער
פּעלל־גאַס־קוואַרטיר: „זעהט נור די שטאַאַט־רעגיערונגען, וואָס
מיר האָבען פאַרכאַפּט. מיט אייך, סאָציאַליסטען, אַלס אַ שטיצע,
וועלען מיר זיי מאַכען זינגען אַן אַנדער ליעדעל, ווען מיר וועלען
אַריינטרעטען אין אַמט".

— די מיליאָנען אונצופריעדענע און פאַראָרימטע זיינען אונ־
זערע, — האָבען די סאָציאַליסטען געזאָגט. — די גרענזשערס
זיינען אַריבער אין אונזערע רייהען, אויך די פאַרמערס, די מי־
טעל־קלאַס און די אַרבייטער. די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם וועט
צופאַלען ווערען אויף שטיקער. אין אַ מאָנאַט אַרום וועלען מיר
שיקען פופציג מענער אין קאָנגרעס. אין צוויי יאָהר אַרום וועט
יעדער אַמט זיין אונזערע, פונ'ם פּרעזידענט ביז דעם לאָקאַלען
הינט־שלעגער.

און ערנסט, ענטפערענדיג די אַלע אַרגומענטען, פלעגט שאָק־
לען מיט זיין קאָפּ און זאָגען:

— וויפיעל ביקסען האָט איהר? ווייסט איהר, וואו מען
קען קריגען גענוג בליי? ווען עס קומט צו פולווער, זיינען כע־
מישע שטאָפען בעסער פון מעכאַנישע שטאָפען. איהר מעגט מיר
גלויבען אויף'ן וואָרט.

זעבצעהנטער קאַפּיטעל

# דער סוף

ווען די צייט איז געקומען פאַר מיר מיט ערנסט׳ן צו פאָהרען קיין וואַשינגטאָן, איז מיין פאָטער ניט מיטגעפאָהרען מיט אונז. ער האָט זיך איינגעליעבט אין פּראָלעטאַריער לעבען. ער האָט באַטראַכט אונזער וויסטע נאַכבאַרשאַפט אַלס אַ גרויסע סאָציאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע, און ער האָט זיך, ווייזט אויס, אַריינגעלאָזט אין אונענדליכע פאָרשונגען. ער האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט די אַרבייטער, און איז געווען פאַררעכענט פאַר אַן אינטימען פריינד אין צעהנדליגער היימען. ער האָט אויך געאַרבייט אָפט, און די אַרבייט איז געווען ביי איהם אַ מין שפּילכעל און צו דער זעלבער צייט שטודירענדיגע אונטערזוכונג, ווייל ער האָט אמת הנאה געהאַט דערפון און ער פלעגט אַהיים קומען מיט פיעל פאַרצייכנונגען און פול מיט התפעלות פון זיינע ענטדעקונגען. ער איז געווען אַ פאָלקאָמענער וויסענשאַפטס־מאַן.

ער האָט אייגענטליך ניט באַדאַרפט אַרבייטען, ווייל ערנסט האָט פאַרדיענט גענוג פון זיינע איבערזעצונגען צום לעבען פאַר אונז אַלע. נור מיין פאָטער האָט דוקא נור געוואָלט אָנהאַלטען זיין ליעבלינג־פאַנטאַזיע, און ווי שנעל זיין פאַנטאַזיע האָט אָנגענומען אַן אַנדער פאָרם, קען מען זעהן פון די פאַרשיעדענע אַרבייטען, וואָס ער האָט געטהאָן. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען דעם אבענד, ווען ער האָט אַהיים געבראַכט זיין פּאַק סחורה פון שיך־בענדלעך און שלייקעס, און אַ צווייטעס מאָל, ווען איך בין אַריינגעגאַנגען עפּעס קויפען אין דעם דערבייאיגען שפּייז־געוועלב און ער האָט געאַרבייט דאָרטען. נאָך דעם האָט מיך שוין ניט גע־

וואונדערט, ווען ער האָט געאַרבייט אינ'ם שענק געגענאיבער אונ־זער וואוינונג. ער האָט געאַרבייט אַלס נאַכט־וועכטער, פאַרקויפט קאַרטאָפּעל פון אַ וואָגען, געאַרבייט אין אַ פאַבריק פון פּאַפּיער־פּושקעס, און איז געווען אַ וואַסער־טרעגער פאַר אַ גרופּע פון אייזענבאַהן־בויערס, און האָט זיך אַפילו אָנגעשלאָסען אָן דער געשיר־וואַשערס יוניאָן, פּונקט איידער זי איז צופאַלען געוואָרען אויף שטיקער.

איך דענק, אַז דעם בישאָפּ'ס אַרט קליידונג האָט מיין פאָטער ווי באַצויבערט, ווייל ער האָט פון דאַן אָן אימער געטראָגען אַ ביליג בוימוואָל העמד און איבערהויזען מיט אַ שמאָלען פּאַס אַרום די לענדען. דאָך איז איהם געבליבען איין געוואוינהייט פונ'ם פריהערדיגען אַרט לעבען: ער האָט זיך אימער איבערגעטהאָן פאַר'ן אָבענד־מאָהלצייט.

איך האָב זיך געקענט פיהלען גליקליך מיט ערנסט'ן וואוהין ער זאָל מיך ניט געווען פיהרען; און מיין פאָטער'ס צופריעדענהייט מיט אונזער נייער לאַגע האָט דערפילט מיין מאָס פון גליק.

— ווען איך בין געווען אַ אינגעל, — האָט מיין פאָטער געזאָגט, — בין איך געווען זעהר נייגעריג. איך האָב געוואָלט ויסען די אורזאַכען פון פאַרשיעדענע ערשיינונגען. דאָס איז געווען אַזוי, ווייל איך בין געווען אַ פיזיקער. די לעבענסקראַפט אין מיר יעצט אַפילו איז פּונקט אַזוי נייגעריג ווי אין מיין יוגענד. און עס איז די נייגעריגקייט, וואָס מאַכט איינעם פיהלען, אַז זיין לעבען האָט עפּעס אַ ווערט.

פיעל מאָל פלעגט ער וואַגען אַריבערגעהן אויף דער צפון־זייט פון מאַרקעט־גאַס אינ'ם טעאַטער־געגענד, וואו ער פלעגט פאַרקויפען צייטונגען און געהן אַ שליחות, און עפענען די טירען פון עקיפּאַזשען. דאָרטען האָט ער איין טאָג, פאַרמאַכענדיג אַן עקיפּאַזש, באַגעגענט הערר וויקסאָן. מיט גרויס שמחה האָט מיין פאָטער איבערגעגעבען אונז די פּאַסירונג.

— וויקסאָן האָט אויף מיר שאַרף אַ קוק געטהאָן, ווען איך האָב צוגעמאַכט די טיר, און געבורטשעט: „פאַרדאַמט זאָל עס

ווערען!" זיין פּנים איז רויט געוואָרען און ער איז אַזוי צו־מישט געוואָרען, אַז ער האָט פאַרגעסען מיר צו געבען עפּעס פאַר מיין טרחה. נור ער האָט געמוזט קומען צו זיך זעהר שנעל, ווייל דער עקיפּאַזש איז ניט אָפּגעפאָהרען קיין פופציג שפּאַן, און ער האָט זיך אומגעקעהרט. ער האָט ארויסגעשטעקט זיין קאָפּ.

— הערט נור, פּראָפּעסאָר, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז אַ ביסעל צופיעל. מיט וואָס קען איך אייך באַהילפיג זיין?

— איך האָב פאַרמאַכט דעם עקיפּאַזש פאַר אייך, — האָב איך געענטפערט. — לויט דעם געוועהנליכען מנהג, וואָלט איהר מיר געמעגט געבען אַ צעהן־סענט־שטיק.

— אַך, נאַרישקייטען! — האָט ער ארויסגעברומט. — איך מיין עפּעס ממשות'דיגס.

ער האָט ווירקליך אויסגעקוקט צו זיין ערנסט. ער האָט אויס־געקוקט, ווי אַ פאַרשטיינערטע חרטה, אָדער עטוואָס עהנליכעס; און דארום האָב איך געטראַכט פאַר אַ פּאָר מינוטען.

זיין פּנים האָט אויסגעקוקט פול מיט ערוואַרטונג, ווען איך האָב אָנגעפאַנגען מיין ענטפער, נור איהר וואָלט איהם געמעגט אָנקוקען ווען איך האָב געענדיגט.

— איהר וואָלט מיר געמעגט אָפּגעבען מיין היים, — האָב איך געזאָגט, — און מיינע ווערט־פּאַפּיערען פון די סיעררא־פּאַב־ריקען.

מיין פאָטער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָב איך נייגעריג געפרעגט.

— וואָס האָט ער געקענט זאָגען? ער האָט גאָר ניט גע־זאָגט. נור איך האָב געזאָגט: „איך האָף, אַז איהר זייט גליקליך". ער האָט אויף מיר מאָדנע געקוקט.

— זאָגט מיר, זייט איהר גליקליך? — האָב איך איהם גע־פרעגט.

ער האָט געהייסען דעם קוטשער אוועקפאָהרען, און זיך גע־האַלטען אין איין זידלען, אָפּפאָהרענדיג. און מיר ניט געגעבען דעם צעהן־סענט־שטיק, ווער רעדט מיין היים און פאַרמעגען. אַזוי

ווי דו זעהסט, מיין טייערע, איז דיין פאָטער׳ס גאַסען־שלעפּער־קאַריערע פול מיט ענטוישונגען.

מיין פאָטער האָט אויפגעהאַלטען אונזערע צימערען, ווען מיר זיינען אַוועקגעפאָהרען קיין וואַשינגטאָן. אויסער די סאַמע ענד, איז שוין די גאַנצע אָרדנונג אין גאַנצען פאַרשוואונדען, און דער עיקר סוף איז שוין אויך געווען נעהנטער, ווי איך האָב גע׳חלום׳ט. געגען אונזערע ערוואַרטונגען, זיינען קיינע שטערונגען ניט געמאַכט געוואָרען פאַר די סאָציאַליסטען צו פאַרנעהמען זייערע פּלעצער אין קאָנגרעס. אַלץ איז צוגעגאַנגען גלאַט, און איך פלעג זאָגען, אַז דאָס גלאַטקייט גופא איז אַ שלעכטער סימן.

מיר האָבען געפונען אונזערע סאָציאַליסטישע קאַמעראַדען פאַרטרויענדיגע, אָפּטימיסטיש ווענען זייער מאַכט און וועגען דעם, וואָס זיי וועלען אויפטהאָן. איינגע גרענזשערס, וואָס זיינען ערוועהלט געוואָרען, האָבען פאַרגרעסערט אונזער מאַכט, און אַן אויסגעאַרבייטע פּראָגראַם פון אונזער וויטערדיגער טעטיגקייט איז אָנגענומען געוואָרען פון די פאַראייניגטע קרעפטען. אין דעם אַלעם האָט זיך ערנסט ענערגיש און געטריי באַטייליגט, כאָטש גאַנץ אָפט האָט ער זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען פון צו זאָגען, גלאַט אין דער וועלט אַריין: „ווען עס קומט צו פּולווער, זיינען כעמישע שטאָפען בעסער פון מעכאַנישע שטאָפען, איהר מעגט מיר גלויבען.“

די ערשטע צרות זיינען געווען מיט די גרענזשערס אין די פאַרשיעדענע שטאַאַטען, וועלכע זיי האָבען געוואונען אין די לעצטע וואַהלען. עס זיינען געווען צוועלף אַזעלכע שטאַאַטען, נור די גרענזשערס, וואָס זיינען ערוועהלט געוואָרען, האָבען ניט געקראָגען זייערע עמטער. די פריהערדיגע בעאַמטע האָבען זיך ענטזאַגט אַרויסצוטרעטען פון אַמט. עס איז צוגעגאַנגען גאַנץ פּשוט. זיי האָבען ערקלערט, אַז די לעצטע וואַהלען זיינען צוגעגאַנגען אונגעזעצליך און האָבען פאַרפּלאָנטערט דעם גאַנצען עסק מיט געזעץ־קלאַגען. די גרענזשערס זיינען געווען הילפלאָז. די ריכטער זיינען געווען די לעצטע, צו וועמען זיי האָבען זיך געקענט ווענ־

דען, און די ריכטער זיינען געווען בלויז א ווערקצייג פון זייערע שונאים.

דאָס איז געווען אַ געפעהרליכער מאָמענט. אויב די באַטראָגענע וועלען זיך נעהמען צו גוואַלדטאַט, דאַן וועט אַלץ זיין פאַרלאָרען. אָ, ווי שווער מיר, סאָציאַליסטען, האָבען געאַרבייט זיי צוריקצוהאַלטען! עס זיינען פאַרגאַנגען טעג מיט נעכט, ווען ערנסט האָט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. די גרויסע פיהרער פון די גרענזשערס האָבען אַרויסגעזעהן די געפאַהר און זיי האָבען אַלע געהאַלטען מיט אונז; נור דאָס אַלעס האָט ניט געהאָלפען. די אָליגאַרכיע האָט געוואָלט גוואַלדטאַט, און זי האָט אַרויסגעשיקט איהרע אַגענטען־פּראָוואָקאַטאָרס אויפצובלאָזען דעם פלאַקער. עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז די אַגענטען־פּראָוואָקאַטאָרס האָבען פאַראורזאַכט דעם בויערען־אויפשטאַנד.

אין אַ טוץ שטאַאטען האָט זיך דער אויפשטאַנד צופלאַקערט. די עקספּראָפּריאירטע פאַרמערס האָבען פאַרכאַפּט די שטאַאטס־רעגיערונגען מיט גוואַלד. דאָס איז, נאַטירליך, געווען אונקאָנסטיטוציאָנעל, און די סאָלדאַטען פון די פאַראייניגטע שטאַאטען זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען געגען זיי. איבעראַל האָבען די אַגענטען־פּראָוואָקאַטאָרס אָנגערייצט די אויפגערעגטע מאַסען. די שלוחים פונ'ם אייזערנעם קנאַפּעל האָבען זיך פאַרשטעלט פאַר בעלי־מלאכות, פאַרמערס און פּראָסטע אַרבייטער. אין סאַקראַמענטא, די הויפּט־שטאָדט פון קאַליפאָרניע, האָבען די גרענזשערס ווי עס איז אויפגעהאַלטען אָרדנונג. טויזענטער געהיים־אַגענטען זיינען געשיקט געוואָרען אין דער דערמאָנטער שטאָדט. זיי זעלבסט האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאָזט איבער דער שטאָדט אין באַנדעס און האָבען אונטערגעצונדען און באַרויבט הייזער און פאַבריקען. זיי האָבען דעם עולם אַזוי אויפגערייצט, ביז אַנדערע מענשען האָבען זיך באַטייליגט אין דער רויבעריי. מען האָט אויסגעטיילט זעהר פיעל געטראַנק צו די נידעריגערע קלאַסען, כדי מ'זאָל זיי נאָך מעהר אויפרייצען. און דאַן, ווען אַלעס איז שוין געווען פאַרטיג, זיינען די פאַראייניגטע פעדעראַל־סאָלדאַטען, וועלכע זיינען אייגענטליך

געווען סאָלדאַטען פונ׳ם אייזערנעם קנאפּעל, ערשיענען אויף דער סצענע. עלף טויזענד מענער, פרויען און קינדער זיינען דערשאָסען געוואָרען אין די סאקראַמענטער גאַסען, אָדער ערמאָרדעט געוואָרען אין זייערע הייזער. די נאַציאָנאַלע רעגיערונג האָט איבערגענומען די שטאאט-רעגיערונג, און דאָס איז געווען דער ענד פון קאָלי-פאָרניא.

און אזוי ווי אין קאליפאָרניא, אזוי איז געווען איבעראַל. יעדער גרענזשער-שטאאט איז פּארוויסטעט און פּארטרונקען גע-וואָרען אין בלוט. צום ערשטען האָבען די געהיימע אַגענטען און די שווארצע מאות אויפגערייצט דעם עולם און פאַראורזאַכט די אונאָרדנונג, און דאַן זיינען די סאָלדאַטען ארויסגערופען געוואָרען. דער גאַנצער דאָרפישער געגענד האָט זיך געבונטעוועט. טאָג און נאַכט האָט דער רויך פון ברענענדיגע פארמס, שפּייכלער, דערפער און שטעדט אָנגעפילט די לופט. דאַן האָט מען גענומען באַנוצען דינאַמיט. אייזענבאהן-בריקען און טונעלען זיינען צושטערט גע-וואָרען און באהנען זיינען צושמעטערט געוואָרען. די אָרימע פּאַר-מערס זיינען געשאָסען און געהאַנגען געוואָרען אין מאַסען. זיי האָבען זיך אָבער אויך רעכט אָפּגערעכענט און פיעל פּלוטאָקראַטען און ארמעע-אָפיציערען זיינען ערמאָרדעט געוואָרען. בלוט און נקמה האָבען אָנגעפילט די מענשליכע ברוסט. די רעגולערע סאָל-דאַטען האָבען געקעמפּפט געגען די פּארמערס אזוי ברוטאַל, ווי זיי וואָלטען געווען אינדיאַנער. און די סאָלדאַטען האָבען געהאַט אורזאַכען זיך אזוי אויפצופיהרען. אַכט און צוואַנציג הונדערט פון זייערע חברה זיינען אומגעבראַכט געוואָרען אין א סעריע די-נאַמיט עקספּלאָזיאָנען אין אָרעגאָן, און אויפ׳ן זעלבען אופן זיינען עטליכע וואַגאָנען פול מיט סאָלדאַטען אין פּארשיעדענע צייטען און פּלעצער פּארניכטעט געוואָרען. און אזוי האָבען די סאָל-דאַטען געקעמפּפט פּאַר זייער לעבען פּונקט ווי די פּארמערס.

דער מיליץ-געזעץ פון 1903 איז איינגעפיהרט געוואָרען אין קראַפט, און די אַרבייטער פון איין שטאַאט זיינען געצוואונגען געוואָרען, אונטער דער געפאַהר פון טוידט-שטראָף, צו שיסען אויף

זייערע ארבייטער־חברים פון אנדערע שטאאטען. נאטירליך, פון אָנפאַנג איז די איינפיהרונג פונ'ם געזעץ ניט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַט. פיעל מיליץ־אָפיציערען זיינען ערמאָרדעט געוואָרען, און פיעל מיליץ־לייט זיינען פאר'משפט געוואָרען צום טוידט פון אַ קריעגס־געריכט. ערנסט'ס נבואה אין באַצוג צו הערר קאָוואַלט און הערר אדמונדסאָן איז ערפיהלט געוואָרען.ביידע זיינען געווען אונטערוואָרפען אונטער'ן מיליץ־געזעץ, און זיי זיינען פארצייכענט געוואָרען צו דיענען אין ד'ער עקספעדיציע, וואָס איז געשיקט געוואָרען פון קאַליפאָרניא צו באַשטראָפען די פארמערס פון מיזורי. הערר קאָוואַלט און הערר אדמונדסאָן האָבען זיך ענטזאגט צו דיענען. האָט מען מיט זיי געהאַנדעלט קורץ און שארף: זיי פאָר־געפיהרט פאר אַ קריעגס־געריכט, און מיליטערישע היגריכטונג איז געווען זייער סוף. מען האָט זיי געשאָסען, מיט זייערע רוקענס אומגעקעהרט צו דער שיסענדיגער ראָטע.

פיעל יונגע מענער זיינען אנטלאָפען אויף די בערג כדי זיך ארויסצודרעהען פון דיענען אין דער מיליץ. דאָרטען זיינען זיי פארצייכענט געוואָרען פאר אויסוואורפען און פארברעכער, און ביז עס איז אַ ביסעל שטילער געוואָרען האָט מען זיך מיט זיי אָפּ־גערעכענט. עס איז געווען שנעל און שוידערהאַפט. די רע־גיערונג האָט ארויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאציע צו אַלע געזעץ־ליע־בענדע בירגער ארונטערצוקומען פון די בערג אין אַ משך פון דריי מאָנאַטען. ווען דער לעצטער טאָג איז פאָראיבער, זיינען אַ האַל־בער מיליאָן סאָלדאטען ארויסגעשיקט געוואָרען איבעראַל אין די בערג־געגענדען. זיי האָבען ניט אונטערזוכט, און קיינע פּראָצע־סען זיינען ניט פאָרגעקומען. ווי נור מען האָט דערזעהן אַ מאַן, האָט מען איהם גלייך אויפ'ן אָרט דערשאָסען. די סאָלדאטען האָבען אַזוי געהאַנדעלט אויפ'ן גרונד, אַז יעדער איינציגער מאַן, וואָס איז ניט ארונטערגעגאַנגען פון די בערג, איז אַן אויסוואורף און אַ פארברעכער. פיעל באַנדעס אין שטאַרקע פּאָזיציעס האָבען בראַוו געקעמפפט, נור צום ענד איז יעדער איינער, וואָס איז אנט־לאָפען פון דער מיליץ־דיענסט, ערמאָרדעט געוואָרען.

אַ מעהר איינדרוקספולע שטראָף איז געווען די, וואָס די קענזעם־מיליץ האָט געקראָגען. דער גרויסער קענזעם־אויפשטאַנד האָט פּאַסירט אין סאַמע אָנפאַנג פון די מיליץ־טעטיגקייט געגען די גרענזשערס. זעקס טויזענד מיליץ־לייט האָבען זיך צובונטעוועט. עטליכע וואָכען נאָכאַנאַנד זיינען זיי געווען אונרוהיג און בייז. און דערפאַר האָט מען זיי געהאַלטען אין לאַגער. נור זייער אָפענער בונד איז אָהן צווייפעל אויפגערייצט געוואָרען פון אַגענטען־פּראָוואָקאַטאָרס.

אין דער נאַכט פונ'ם 22טען אַפּריל זיינען זיי אויפגעשטאַנען און ערמאָרדעט זייערע אָפיציערען, פון וועלכע בלויז אייניגע האָבען זיך גערעטעט. דאָס איז שוין געגאַנגען אַ ביסעלע ווייטער, ווי דער אייזערנער קנאַפּעל האָט געוואָלט, ווייל די פּראָוואָקאַטאָרס האָבען געטהאָן זייער אַרבייט אַ ביסעל צו גוט. נור יעדע זאַך איז געווען אַ תירוץ פאַר'ן אייזערנעם קנאַפּעל. ער האָט זיך פרייהער צוגעגרייט פאַר'ן אויפשטאַנד, און די הריגה פון אַזוי פיעל אָפיציערען האָט זיי געגעבען אַ גוטען אויסרייד פאַר דעם, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט. ווי מיט אַ כשוף, האָבען פערציג טויזענד סאָלדאַטען פון דער רעגולערער אַרמעע אַרומגערינגעלט די מיאַסאָלדאַטען... טשעשניקעס. עס איז געווען אַ פאַסטקע. די אָרימע מיליץ־לייט האָבען אויסגעפונען, אַז מען האָט זיך געפּאָרעט מיט זייערע קאַנאָנען, און אַז די פּאַטראָנען, וואָס זיי האָבען פאַרכאַפּט אין די פּולווער־מאַגאַזינען זיינען ניט געווען נוצבאַר פאַר זייערע ביקסען. זיי האָבען אַרויפגעצויגען די ווייסע פאָהן אַלס אַ צייכען פון אונטערגעבונג, נור דאָס איז איגנאָרירט געוואָרען. קיינער פון זיי איז ניט געבליבען אַ לעבעדיגער. אַלע זעקס טויזענד זיינען אומגעבראַכט געוואָרען. געוועהנליכע קוילען און שראַפּנעלען זיינען אַריינגעוואָרפען געוואָרען צווישען זיי פון דער ווייטענס, און ווען זיי, אויס פאַרצווייפלונג, האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען אויף די סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיי אַרומגערינגעלט, זיינען זיי אויסגעלייגט געוואָרען פון די ביקסען אָהן רחמנות. איך האָב גערעדט מיט איינעם, וואָס איז געווען דערביי, און ער האָט געזאָגט, אַז

דאָס נאָהענטסטע, וואָס איינער פון זיי איז ווען צוגעקומען צו א מאשין־ביקס, איז געווען א הונדערט און פופציג אייל. די ערד איז געווען באדעקט מיט ערמאָרדעטע, און צום סוף האָט די קאַ־וואַלעריע ארויפגעריטען און מיט די קאפיטעס פון די פערד, רע־וואָלווערען און שווערדען אריינגעקוועטשט די פארוואונדעטע אין דר׳ערד אריין.

גלייכצייטיג מיט דער פארניכטונג פון די גרענזשערס איז געקומען דער אויפשטאַנד פון די קויהלען־גרעבער. דאָס איז גע־ווען די גוסס׳דיגע אָנשטו׳ענגונג פון אָרגאַניזירטע ארבייט. דריי־פערטעל מיליאָן קויהלען־גרעבער זיינען ארויס אין סטרייק. נור זיי זיינען געווען צו ווייט פארשפרייט איבער׳ן גאַנצען לאַנד, כדי צו באַנוצען זיך מיט דער מאכט פון זייער גרויסער צאָהל. זיי זיינען אָפּגעזונדערט געוואָרען אין זייערע אייגענע געגענדען און אונטערטעניגט געוואָרען. דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע שקלאַפען־טרייבעריי. פאקאק (1) האָט זיך אויסגעצייכענט אַלס א שקלאַפען־טרייבער און האָט זיך פארדיענט די אייביגע שנאה פונ׳ם פראָלעטאַריאט. אונצעהליגע מאָל האָט מען פרובירט איהם צו נעהמען דאָס לעבען, נור ער האָט געהאט גרויס מזל, ווי עס ווייזט אויס. ער האָט עס איינגעפיהרט די רוסישע פאספאָרטען סיסטעם צווישען די מיינערס, און האָט זיי פארבאָטען זיך איבער־צוציהען פון איין טייל פונ׳ם לאַנד אינ׳ם צווייטען.

אין דער זעלבער צייט האָבען זיך די סאָציאַליסטען געהאַלטען פעסט. בעת די גראַנזשערס זיינען אומגעקומען אין פלאַמען און אין בלוט, און אָרגאַניזירטע ארבייטער זיינען צוריסען געוואָרען אויף שטיקער, האָבען זיך די סאָציאַליסטען געהאַלטען פריעדליך און האָבען פארפאָלקאָמט זייער געהיימע אָרגאַניזאַציע. אומזיסט האָבען זיך די גרענזשערס געבעטען ביי אונז. מיר האָבען ער־קלערט, און מיט רעכט, אז וועלכער עס איז אויפשטאַנד פון אונ־זער זייט איז א שטערונג צו דער גאַנצער רעוואָלוציע. דער איי־זערנער קנאַפעל, מורא האָבענדיג פון אָנפאַנג צו קעמפפען מיט׳ן גאַנצען פראָלעטאַריאט אויף איינמאָל, האָט אויסגעפונען, אז די

אַרבייט איז פיעל לייכטער ווי ער האָט זיך גערעכנט, און ער וואָלט זיך גאָר בעסער ניט געוואונשען ווי אַן אויפשטאַנד פון אונזעריגע. נור מיר האָט עס אויסגעמידען, ניט אַכטענדיג, וואָס מיר זיינען פאַרפלייצט געוואָרען פון אַגענטען־פּראָוואָקאַטאָרס. אין יענע צייטען זיינען די אַגענטען פון׳ם אייזערנעם קנאַפּעל געווען אומגעלומפּערט אין זייערע מעטאָדען. זיי האָבען באַדאַרפט פיעל זיך אויסלערנען און דערוויילּ, דורך דער צייט, האָבען אונזערע קעמפּפענדע גרופּען זיי אויסגעראָטען. עס איז געווען אַ ביטערע, בלוטיגע אַרבייט, נור מיר האָבען געקעמפּפט פאַר׳ן לעבען און פאַר דער רעוואָלוציע, און מיר האָבען געמוזט קעמפּפען געגען שונא מיט זיינע אייגענע וואַפען. דאָך זיינען מיר געווען עהרליך. קיין אַגענט פון׳ם אייזערנעם קנאַפּעל איז ניט הינגעריכטעט געוואָרען אָהן אַ פּראָצעס. מיר האָבען אפשר געמאַכט אַטעות אַ מאָל, אָבער אויב יאָ, איז דאָס געווען זעהר זעלטען. די באַוואוסטע, די מוטיגסטע, די קאַמפּפס־פעהיגסטע און מעהרסט־אויפאָפּפערענדע פון אונזערע קאַמעראַדען האָבען אריינגעטראָטען אין די קעמפּפענדע גרופּען. איינמאָל, נאָך דעם אַז צעהן יאָהר זיינען פאַראיבער, האָט ערנסט אויסגעמאַכט אַ סטאַטיסטיק פון ציפּערען, וואָס זיינען איהם צוגעשיקט געוואָרען פון די עלטסטע פון די קעמפּפענדע גרופּען, און זיינע באַשליסע זיינען געווען, אַז דאָס דורכשניטליכע לעבען פון אַ מאַן אָדער פרוי, ווערענדיג אַ מיטגליעד, איז געווען בלויז פינף יאָהר. די קאַמעראַדען פון די קעמפּפענדע גרופּען זיינען אַלע געווען העלדען, און וואָס איז געווען מעהר מאָדנע פון אַלעמען איז וואָס יעדער איינער פון זיי איז געווען געגען הרג׳ענען מענשען. זיי האָבען פאַרגוואַלדיגט זייער אייגענעם כאַראַקטער, דאָך האָבען זיי געליעבט פרייהייט און זיי האָבען ניט געוואוסט פון קיין אָפּפער, וואָס איז צו גרויס צו ברענגען צו דער זאַך. (2)

די אַרבייט, וואָס מיר האָבען זיך אונטערנומען צו טהאָן, איז געווען אַ דרייפאַכע. ערשטענס, דאָס אויסראַמען פון אונזער קרייז די געהיים־אַגענטען פון דער אָליגאַרכיע. צווייטענס, די

אָרגאַניזאַציע פון די קעמפּפענדע גרופּען, און אַרום זיי די אַלגע־מיינע געהיימע אָרגאַניזאַציע פון דער רעוואָלוציע. און דריטענס, דאָס אַריינטרעטען פון אונזערע אייגענע געהיים־אַגענטען אין דער דיענסט פון דער אָליגאַרכיע — אין די אַרבייטער־קליקעס און איבערהויפּט צווישען די טעלעגראַפיסטען און סעקרעטאַרען און בוכהאַלטערס, אין דער אַרמעע, צווישען די אַגענטען־פּראָוואָקאַטאָרס, און די שקלאַפען־טרייבער. עס איז געווען אַ לאַנגזאַמע אַרבייט, און אַ געפעהרליכע, און גאַנץ אָפט איז אונזער אַרבייט געווען אַרויסגעוואָרפען.

דער אייזערנער קנאַפּעל האָט טריאומפירט אין אָן אָפענער מלחמה, נור מיר זיינען געווען ערפאָלגרייך אין דעם נייעם זאָרט מלחמה, וואָס מיר האָבען אָנגעפיהרט. אַלעס איז געווען אומגע־זעהן, פיעל איז געווען אונגעריכט ; די פינסטערניש האָט גע־קעמפּפט געגען פינסטערניש, און דאָך דורך דעם אַלעמען איז געווען אָרדנונג, צוועק און קאָנטראָל. מיר האָבען דורכגעדרונגען די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון דעם אייזערנעם קנאַפּעל מיט אונזערע אַגענטען, בעת אונזער אייגענע אָרגאַניזאַציע איז געווען דורכגע־דרונגען פון די אַגענטען פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל. עס איז געווען אַ פינסטערע און טייפעלשע מלחמה, אָנגעפילט מיט אינטריגען און קאָנספּיראַציעס, פאַרשווערונגען און געגען־פאַרשווערונגען. און איבער דעם אַלעמען האָט געשוועבט דער טוידט, אַ שרעקליכער און גוואַלדיגער. מענער און פרויען זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען, אונזערע נאָהענטסטע און טייערסטע קאַמעראַדען ; מיר האָבען זיי קיינמאָל מעהר ניט געזעהן, און מיר האָבען געוואוסט, אַז זיי זיינען געשטאָרבען.

מען האָט קיינעם ניט געקענט גלויבען, און קיינעם ניט פאַר־טרויען. דער מאַן, וועלכער האָט אייך געהאָלפען אין אייער אינ־טריגע, האָט לכל הדעות, געקענט זיין אַן אַגענט פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל. מיר האָבען אונטערגעגראָבען די אָרגאַניזאַציע פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל מיט אונזערע געהיים־אַגענטען, און דער איי־זערנער קנאַפּעל האָט דאַגעגען געווירקט מיט זיינע אייגענע גע־

היים־אַגענטען אין זייער אייגענער אָרגאַניזאַציע. און דאָס זעלבע איז געווען מיט אונזער אָרגאַניזאַציע. און ניט אַכטענדיג דעם מיסטרויען, זיינען מיר געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזען זיך אין יעדער אונטערנעהמונג אונזערער אויף צוטרויען און גלויבען. אָפט זיינען מיר באַטראָגען געוואָרען, די מענשען זיי נאָך געווען שוועכ־לינגע. דער אייזערנער קנאַפּעל האָט געקענט געבען געלד, פרייע צייט, די פאַרגעניגענס, וואָס האָבען ערוואַרטעט אַ מענשען אין די וואונדער־שטעדט. מיר האָבען גאָרניט געקענט געבען יענעם אויסער די צופריעדענהייט פון זייענדיג טריי צו אַ נאָבעלען אי־דעאַל. וואָס אנבאַלאַנגט די איבעריגע, איז דער לוין פון די, וואָס זיינען געווען טריי זייער אידעאַל, געווען אונאויפהערענדיגע גע־פאַהר, מאַטערניש און טוידט.

מענשען זיינען געווען שוואַך, ווי איך זאָג, און צוליעב זייער שוואַכקייט זיינען מיר געווען געצוואונגען צו געבען בלויז די אַנ־דערע באַלוינונג, וואָס איז געווען אין אונזער קראַפט. עס איז געווען די באַלוינונג פון טוידט. מיר זיינען געווען געצוואונגען צו באַשטראָפען אונזערע פאַררעטער. פאַר יעדען איינעם, וואָס האָט אונז באַטראָגען, האָבען מיר ארויסגעשיקט פון איינעם ביז א טוץ ראַכע־נעהמערס זיך אָפּצורעכענען מיט איהם. מיר קענען פיליייכט אַ מאָל ניט אויספיהרען אונזער אורטייל געגען אונזערע פיינד, ווי, למשל, פּאַקאַק; נור איין זאַך, וואָס מיר האָבען ניט געקענט און געטאָרט דערלאָזען, איז געווען, ניט צו לאָזען פאַר־רעטער אונבאַשטראָפט. קאַמעראַדען זיינען געווען פאַררעטער בכוון און מיט אונזער ערלויבניש, כדי זיך אריינצוקריגען אין די וואונדער־שטעדט און דאָרטען אויספיהרען דעם אורטייל אויף די אמת׳ע פאַררעטער. אין דער אמת׳ען, מיר זיינען געווען אזוי שרעק־ליך און נקמה־זיכטיג, דאָס עס איז געווען פיעל געפעהרליכער אונז צו פאַרראַטען, ווי צו בלייבען געטריי.

די רעוואָלוציע האָט אָנגענומען אַ מין רעליגיעזען כאַראַקטער. מיר האָבען געדיענט ביים מזבח פון דער רעוואָלוציע, וועלכע איז געווען דער מזבח פון פרייהייט. עס האָט געברענט אין אונז דער

געטליכער פלאַם. מענער און פרויען האָבען אָפּגעגעבען זייערע לעבענס פאַר דער זאַך, און נייגעבוירענע קינדער זיינען באַצייכענט געוואָרען פאַר דער זאַך, אַזוי ווי אין אַמאָליגע צייטען, זיינען זיי באַצייכענט געוואָרען פאַר גאָט'ס־דיענסט. מיר זיינען געוועזן ליעבהאָבער פון דער מענשהייט.

זיבעצענטער קאַפּיטעל.

# די שאַרלאַך רויטע־ליווריע

נאָך דער פאַרניכטונג פון די גרענזשער־שטאַאטען, זיינען די גרענזשער־קאָנגרעסלייט אויך אַראָפּ פון דער סצענע. זיי זיינען פּראָצעסירט געוואָרען פאַר פאַרראַט, און זייערע פּלעצער זיינען פאַרנומען געוואָרען פון חברה, וואָס האָבען געדיענט דעם אייזערנעם קנאַפּעל. די סאָציאַליסטען האָבען געהאַט אַ קליינע מינאָריטעט, און זיי האָבען געוואוסט, אַז זייער סוף וועט אויך באַלד קומען. דער קאָנגרעס און סענאַט זיינען געווען פּוסטע תירוצים, קאָמעדיעס. פאָלקס־אינטערעסען זיינען דעבאַטירט און דורכגעפיהרט געוואָרען לויט דער אַלטער פאָרם, בעת אין דער אמת׳ן איז דאָס אַלעס געווען בלויז צו געבען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע הסכמה צו די באַפעהלען פון דער אָליגאַרכיע.

ערנסט איז געווען דער סאַמע הויפּט אין קאַמפּף, ווען די ענד איז געקומען. עס איז פאָרגעקומען אַ דעבאַטע וועגען אַ געזעץ־פּראָיעקט אויסצוהעלפען די אונבאַשעפטיגטע. די שלעכטע צייטען פונם פריהערדיגען יאָהר האָבען אריינגעשליידערט גרויסע מאַסען פּראָלעטאַריער אין די רייהען פון די הונגעריגע, און די אָנהאַלטענדע אונאָרדנונג האָט זיי געמאַכט זינקען נאָך טיעפער. מיליאָנען מענשען האָבען געשמאַכטעט פון הונגער, בשעת די אָליגאַרכיען און זייערע אנהענגער האָבען זיך געלאָזט וואוילגעהן פונ׳ם איבערפלוס. (1) מיר רופען די אונגליקליכע, די מענשען פונ׳ם אָפּגרונד (2) און כדי צו פאַרלייכטערען זייערע שמערצען האָבען די סאָציאַליסטען פאָרגעשלאָגען דעם געזעץ־פּראָיעקט פאַר די אונבאַשעפטיגטע. נור דאָס איז ניט געווען דער ווילען פונ׳ם

אייזערנעם קנאַפּעל. אויף זיין אייגענעם שטייגער האָט דער אייזערנער קנאַפּעל געוואָלט צווינגען די אַלע מיליאָנען מענשען צו אַרבייטען, נור דאָס איז געווען געגען אונזער ווילען, און דאַרום האָט דער אייזערנער קנאַפּעל אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז אונזער געזעץ־פּראָיעקט זאָל דורכפאַלען. ערנסט און זיינע קאַמעראַדען האָבען געוואוסט, אַז זייער אַרבייט איז אַרויסגעוואָרפען, נור זיי זיינען שוין מיעד געוואָרען וואַרטענדיג. זיי האָבען געוואָלט, אַז עפּעס זאָל פּאַסירען. זיי האָבען גאָרניט אויפגעטהאָן, און דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבען יעצט ערוואַרטעט, איז צו ענדיגען די געזעצליכע קאָמעדיע, אין וועלכער זיי זיינען געווען גאַנץ אונוויליגע אַקטיאָרען. זיי האָבען ניט געוואוסט, וואָס אַ סוף ס'וועט קומען, נור זיי האָבען זיך זיכער ניט געריכט אויף אַן ערגערען סוף, ווי דער, וואָס זיי האָבען געקראָגען.

איך בין געזעסען אויף דער גאַלערי יענעם טאָג. מיר האָבען אַלע געוואוסט, אַז עטוואָס שרעקליכס איז בעפאָרשטעהענד. עס האָט זיך געפיהלט אין דער לופט, און דאָס שרעקליכע איז געווען כמעט זעהבאַר צוליעב די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין די קאָרידאָרען און צוליעב די אָפיציערען, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעשפּאַרט אין די אַריינגאַנגען פון דעם זאַל. די אָליגאַרכיע איז געווען גרייט. ערנסט האָט גערעדט. ער האָט געמאָהלען די ליידען פון די אונבאַשעפטיגטע, פּונקט ווי אַ ווילד נאַרישע אידעע האָט איהם באַהערשט, אַז ער וועט אויף וועלכען עס איז אופן ריהרען זייערע פאַרשטיינערטע הערצער, נור די רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע מיטגליעדער האָבען פון איהם אָפּגעשפּאָט, און עס איז געווען אַ חוכא וטלולא איבער'ן גאַנצען זאַל. ערנסט האָט פּלוצים געביטען זיין טאָן.

— איך ווייס ניט, וואָס אַזוינס איך קען אייך זאָגען, וואָס זאָל אייך באַאיינפלוסען, — האָט ער געזאָגט. — איהר האָט ניט קיין רוקענס. איהר זייט בוייגיגע זאַכען. איהר רופט זיך רעפּובליקאַנער אָדער דעמאָקראַטען. עס איז ניטאָ קיין דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אין דעם קאָנגרעס זיינען ניטאָ קיין רעפּובליקאַנער

אָדער דעמאָקראַטען. איהר זייט טעלער־לעקער און חונפים. איהר זייט ברואים פון דער פּלוטאָקראַטיע. איהר רעדט מיט אַלטמאָדישע פּראַזען וועגען אייער ליעבע צו פרייהייט, בעת די גאַנצע צייט טראָגט איהר די שאַרלאַך־רויטע ליווריע פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל.

יעצט האָבען די געשרייען פון „אָרדנונג! אָרדנונג!" פאַרטויבט זיין שטימע, און ער איז געשטאַנען און געוואַרט ביז דער ליאַרם איז אַ ביסעל איינגעשטילט געוואָרען. ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט זיין האַנד, כדי אָנצוצייגען אויף זיי אַלע. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע אייגענע קאַמעראַדען, און האָט געזאָגט:

— הערט זיך נור צו צום ברום פון די אָנגעהאָדעוועטע חיות.

אַ ליאַרם האָט ווידער אויסגעבראָכען. דער פּאָרזיצענדער האָט געקלאַפּט מיט׳ן האַמער און האָט געקוקט אויפמערקזאַם אויף די אָפיציערען. עס זיינען געווען אויסגעשרייען פון „אַן אויפשטאַנד!" און אַ גרויסער, קייכעלדיגער מיטגליעד פון ניו יאָרק האָט אָנגעפאַנגען שרייען אויף ערנסט׳ן: „אַנאַרכיסט!" און ערנסט האָט ניט אויסגעקוקט זעהר אָנגענעהם. ער האָט געציטערט מיט׳ן גאַנצען קערפּער, און זיין פּנים האָט אויסגעקוקט ווי דאָס פּנים פון אַ קעמפּפענדער חיה, נור פונדעסטוועגען איז ער געווען קאַלט און איבערלעגט.

— געדענקט! — האָט ער געזאָגט, אין אַ שטימע, וואָס האָט איבערגעשריען זייער גאַנצען ליאַרם, — דאָס וועהרענד איהר צייגט ניט אַרויס קיין רחמנות יעצט צו דעם פּראָלעטאַריאַט, וועט דער זעלבער פּראָלעטאַריאַט ווען עס איז אייך י אַ אַרויסצייגען רחמנות.

די געשרייען: אַן אויפשטאַנד!" און „אַנאַרכיסט!" זיינען פאַרמעהרט געוואָרען.

— איך וייס, אַז איהר וועט ניט שטימען פאַר דעם געזעץ, — האָט ערנסט פאָרטגעזעצט. — איהר האָט געקראָגען דעם באַפעהל פון אייערע בעלי־בתים צו שטימען געגען דעם געזעץ. און דאָך רופט איהר מיך אַנאַרכיסט. איהר, וועלכע האָבען פאַרניכטעט

דעם פּאָלק'ס רעגיערונג און וועלכע פלאָטערט אייער שאַרלאַך־רויטע שאַנדע אין דער עפענטליכקייט, רופט מיך אַנאַרכיסט. איך גלויב ניט אין גיהנום, פייער און שוועבעל; נור אין אַזעלכע מאָמענטען בין איך גענייגט צו גלויבען. עס מוז זיכער ערגעץ־וואו זיין אַ גיהנום, ווייל קיין אַנדער פּלאַץ קען ניט זיין, וואו עס איז מעגליך פאַר אייך צו קריגען אַ שטראָף, וועלכע זאָל אייך גענוג באַצאָהלען פאַר אייערע פאַרברעכענס. אַזוי לאַנג, ווי איהר עקזיסטירט, איז פאַראַן אַ וויכטיגער געברויך פאַר אַ גיהנום אויף דער וועלט.

אַ באַוועגונג איז אַנגעגאַנגען אין די טירען. ערנסט, דער פּאָרזיצענדער און אַלע מיטגליעדער האָבען זיך אויסגעדרעהט צו זעהן, וואָס עס געהט פאָר.

— ווארום רופט איהר ניט אריין אייערע סאָלדאַטען, הערר פּאָרזיצענדער, און הייסט זיי ניט טהאָן זייער ארבייט? — האָט ערנסט געפרעגט. — זיי דאַרפען אויספיהרען זייערע פּלענער גיך.

— עס זיינען פאַראַן פּלענער געפּלאַנט פון אַנדערע, — איז געווען דער ענטפער. — אַט דערפאַר געפינען זיך דאָ די סאָלדאַטען.

— אונזערע פּלענער אודאי, — האָט ערנסט געשפּאָט. — מאָרדען אין געהיים אָדער עטוואָס ענליכעס.

נור ווען ער האָט ארויסגערעדט די ווערטער „מאָרדען אין געהיים" — האָט דער טומעל ווידער אויסגעבראָכען. ערנסט האָט ניט געקענט רעדען הויך גענוג כדי מען זאָל איהם הערען, נור ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען, ווארטענדיג עס זאָל שטיל ווערען. און דאַן האָט עס פּאַסירט. פון מיין פּלאַץ אין דער גאַלערי האָב איך גאָר ניט געזעהן אויסער דעם פלאַם פון דער עקספּלאָזשען. דער רויש דערפון האָט אָנגעפילט מיינע אויערען און איך האָב געזעהן, ווי ערנסט האָט זיך אָנגעפאַנגען וואַקלען און איז געפאַלען ארומגערינגעלט פון רויך, און די סאָלדאַטען זיינען געלאָפען צווישען די בענק. זיינע קאַמעראַדען זיינען גלייך אויפגעשפּרונגען,

אין ווילדען צאָרן, גרייט צו באַגעהן גוואַלדטאַט. נור ערנסט האָט זיך אויסגעגלייכט פאַר א מינוט און אַ מאַך געטהאָן מיט די הענט, כדי עס זאָל ווערען שטיל.

— עס איז אַן אינטריגע, — האָט זיין שטימע אויסגעקלונגען אין דער הויך, וואַרנענדיג זיינע קאַמעראַדען. — טהוט גאָר נישט, איהר וועט פאַרניכטעט ווערען.

דאַן איז ער לאַנגזאַם צוריקגעפאַלען. און די סאָלדאַטען האָבען איהם דערגרייכט. אין דעם נעקסטען מאָמענט האָבען די סאָלדאַטען אַרויסגעטריבען יעדען פון די גאַלערען און איך האָב מעהר גאָר ניט געזעהן.

כאָטש ער איז געווען מיין מאַן, האָט מען מיר ניט ערלויבט איהם צו זעהן. ווען איך האָב געזאָגט, ווער איך בין, האָט מען מיך גלייך אַרעסטירט. און צו דער זעלבער צייט זיינען אַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסלייט אין וואַשינגטאָן אַרעסטירט געוואָרען. אפילו דער אונגליקליכער סימפּסאָן, וועלכער איז געלעגען אין זיין האָטעל קראַנק אויף טיפוס, איז אויך אַרעסטירט געוואָרען.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען באַלד און איז געווען קורץ. די מענשען זיינען געווען פאַראורטיילט נאָך פון פריהער. די איינציגע זאַך, וואָס האָט אונז געוואונדערט, איז וואָס ערנסט איז ניט הינגעריכטעט געוואָרען. דאָס איז געווען אַ פאַרזעהן פון דער אָליגאַרכיע, וועלכער האָט זיי דערנאָך טייער געקאָסט. נור די אָליגאַרכיע האָט זיך געפיהלט צו זיכער יון פעסט אין יענע צייטען. די אָליגאַרכיע איז געווען פאַר׳שכור׳ט מיט ערפאָלג, און עס האָט זיך איהר ניט גע׳חלום׳ט, אַז אַזאַ הייפעלע העלדען האָבען די מאַכט זי אויפצוטרייסלען. מאָרגען, ווען דער גרויסער אויפשטאַנד וועט אויסברעכען און די גאַנצע וועלט וועט אָפּהילכען מיט׳ן מאַרש פון די מיליאָנען, וועט די אָליגאַרכיע ערשט באַגרייפען, און צו שפּעט, ווי מעכטיג יענע גרופּע העלדען איז געווען. (3)

איך זעלבסט, זייענדיג אַ רעוואָלוציאָנערין, איינע פון׳ם אי־

נערסטען צירקעל, וואָס האָט געוואוסט די האָפנונגען און שרעקען און געהיימע פּלענער פון די רעוואָלוציאָנערען, בין בכח צו ענטפערען, מעהר פון פיעל אַנדערע, אויף דער קלאָגע, אַז זיי זיינען עס געווען שולדיג אינ׳ם וואַרפען פון דער באָמבע. און איך קען זאָגען באשטימט, אָהן אַ שום צווייפעל, אַז די סאָציאַליסטען אינ׳ם קאָנגרעס און אויסער׳ן קאָנגרעס, האָבען ניט גענומען קיין אַנטייל אין דער אַנגעלעגענהייט. ווער עס האָט געוואָרפען די באָמבע, ווייסען מיר ניט, נור איין זאַך ווייסען מיר אויף זיכער, אַז מיר האָבען זי ניט געוואָרפען.

עס איז, אין געגענטייל, פאַראַן גענוג באווייזע, אַז דער אייזערנער קנאַפּעל איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם. נאַטירליך, מיר קענען עס ניט איבערצייגען. אונזער שלום איז געגרינדעט בלויז אויף אַן השערה. נור אָט זיינען די פאַקטען, וואָס מיר ווייסען. דער פּאָרזיצענדער איז אָנגעזאָגט געוואָרען, דורך געהיימע רעגירונגס־אַגענטען, אַז די סאָציאַליסטישע קאָנגרעס־לייט וועלען זיך נעהמען צו טעראָריסטישע טאַקטיק, און אַז זיי האָבען באַשלאָסען אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלען אָנפאַנגען. דיזער טאָג איז געווען דער טאָג, אין וועלכען די באָמבע האָט געפּלאַצט. דאַרום איז די הויפּט־שטאָדט געווען אָנגעפּיקעוועט מיט סאָלדאַטען. אַזוי ווי מיר האָבען גאָר ניט געוואוסט וועגען דער באָמבע, און אַזוי ווי אַ באָמבע האָט יאָ עקספּלאָדירט, און אַזוי ווי די רעגירונג האָט זיך פאָרבעווייטעט פאַר דעם עקספּלאָזשען, דאַן איז עס ניט מעהר ווי רעכט צו באשליסען, אַז דער אייזערנער קנאַפּעל האָט עס יאָ געוואוסט. נאָך מעהר, מיר באַשולדיגען דעם אייזערנעם קנאַפּעל מיט דעם פאַרברעכען, און אַז דער אייזערנער קנאַפּעל האָט געפּלאַנעוועט און אויסגעפיהרט דעם פאַרברעכען מיט׳ן איינציגען צוועק אַרויפצולייגען די שולד אויף אונזערע פּלייצעס און דורך דעם אונז פאַרניכטען.

פונ׳ם פּאָרזיצענדער האָט זיך די נייעס פאַרשפּרייט צו אַלע נידריגע נפשות אין קאָנגרעס, וואָס האָבען געטראָגען די רויטע ליווריע. זיי האָבען געוואוסט, בעת ערנסט האָט גערעדט, אַז אַ

געוואלד־טאט וועט באלד באגאנגען ווערען פון די סאָציאַליסטען. ביים פראָצעס, און אליין גלויבענדיג, האָבען אייניגע עדות געזאָגט, אז זיי האָבען געזעהן ערנסט'ן זיך צוגרייטענדיג צו ווארפען די באָמבע, און אז זי האָט געפּלאַצט פאר דער צייט. נאַטירליך, האָ־בען זיי אזוינס ניט געזעהן. אין זייער צוהיצטער פאנטאזיע און שרעק האָט זיך זיי אויסגעוויזען, אז זיי האָבען געזעהן. דאָס איז אלעס.

ווי ערנסט האָט געזאָגט ביים פּראָצעס: לייגט זיך עס אויפ'ן שכל, אויב איך זאָל געווען ווארפען א באָמבע, אז איך זאָל ווארפען אזא שוואכינקען ראַקעט, ווי דער, וועלכער איז געוואָר־פען געוואָרען? די באָמבע האָט ניט געהאַט גענוג פּולווער. זי האָט ארויסגעלאָזט גענוג רויך, אָבער זי האָט קיינעם ניט געשאדט, אויסער מיר. זי האָט עקספּלאָדירט ביי מיינע פיס, און דאָך האָט זי מיך ניט גע'הרג'עט. גלויבט מיר, ווען איך וועל זיך נעהמען ווארפען באָמבעס, וועל איך טאָן שאָדען מיט זיי. עס וועט זיין מעהר פון רויך אין מיינע שפּרינגענדע שטיקער פון דער באָמבע.

אלס ענטפער צו דעם, האָט דער פּראָקוראָר ארגומענטירט, אז די שוואכקייט פון דער באָמבע איז געווען א פארזעהן פון די סאָציאַליסטען, פּונקט ווי די עקספּלאָזשען פאר דער צייט, וואָס איז פאראורזאכט געוואָרען פון ערנסט'ס פארלירען זיך און אראָבלאָזענדיג זי. און צו באפעסטיגען זיין ארגומענט זיינען געווען די אייניגע קאָנגרעס־לייט, וואָס האָבען עדות געזאָגט, אז זיי האָבען געזעהן ערנסט'ן ארונטערלאָזען די באָמבע.

וואָס אנבאלאנגט אונז, האָט קיינער פון אונז ניט געוואוסט, אז א באָמבע איז געוואָרפען געוואָרען. ערנסט האָט מיר געזאָגט, אז עטוואָס וועניגער פון א סעקונדע איידער זי האָט עקספּלאָדירט, האָט ער געהערט און געזעהן די באָמבע פּלאַצען פאר זיינע פיס. ער האָט אזוי עדות געזאָגט ביים פּראָצעס, נור קיינער האָט איהם ניט געגלויבט. אויסער דעם, די גאנצע זאך איז, ווי א ווערטעל

זאָגט, געווען „פארקאָכט פון פריהער". דער אייזערנער קנאָפּעל האָט באַשלאָסען אונז צו פארניכטען, און קיינער האָט איהם ניט געקענט צוריקהאַלטען.

עס איז דאָ אַ ווערטעל, אַז דער אמת שווימט ארויף. איך האָב אָנגעהויבען צו צווייפלען אין דעם ווערטעל. נײַנצעהן יאָהר זיי־נען פאָראיבער. און כאָטש מיר האָבען די גאַנצע צייט נאָכגע־שפּירט, האָבען מיר קיינמאָל ניט געקענט אויסגעפינען דעם מאַן, וואָס האָט געוואָרפען די באָמבע. ער איז, אָהן צווייפעל, געווען אַ שליח פונ'ם אייזערנעם קנאָפּעל, נור ער האָט זיך גוט אויס־באַהאַלטען. מיר האָבען קיינמאָל ניט געפונען דעם מינדעסטען שפּור פון איהם. און יעצט, אַזאַ לאַנגע צייט נאָכדעם, בלייבט איבער די דאָזיגע אַנגעלעגענהייט אַלס אַ היסטאָרישער סוד (4).

אכטצענטער קאַפּיטעל.

# אין די שאָטענס פון סאַנאַמאַ

ווענען מיך זעלבסט אין דעם פּעריאָד האָב איך ניט פיעל צו דערצעהלען. זעקס מאָנאַטען בין איך געווען פארשפּארט אין גע־פענגענים, כאָטש איך בין אין קיין שום פארברעכען ניט פאר־קלאָגט געוואָרען. איך בין געווען אַ פארדעכטיגטע — אַ שרעקענס־וואָרט, ווענעם באַדייטונג אַלע רעוואָלוציאָנערען האָבען אויסגע־פונען אין אַ קורצער צייט. נור אונזערע אייגענע ניי־געבוירענע געהיים־פּאָליציי האָט אָנגעהויבען צו ארבייטען. צום סוף פון'ם צווייטען מאָנאַט פון מיין זיצען אין געפענגענים, האָט זיך איינער פון די געפענגנים־וועכטער ארויסגעגעבען צו מיר אַלס רעוואָלוצ־יאָנער, וועלכער שטעהט אין פארבינדונג מיט דער אָרגאַניזאַציע. עטליכע וואָכען שפּעטער האָט זיך דער ניי־אויסדערוועהלטער דאָקטאָר, דזשאָסעף פּארקהוירסט, ארויסגעצייגט אַלס אַ מיטגליעד פון די קעמפּפענדיגע גרופּען.

אזוי האָט זיך אונזער אָרגאַניזאַציע פארשפּרייט און צוצוי־גען ווי אַ שפּינוועבס דורך דער אָליגארכישער אָרגאַניזאַציע. און דורך דעם בין איך געשטאַנען אין באַריהרונג מיט דער אויסערלי־כער וועלט, און נאָך מעהר, יעדער איינער פון אונזערע געפאַנגע־נע פיהרער איז געקומען אין באַריהרונג מיט קאַמעראַדען, וועלכע האָבען פּאַראַדירט אין דער ליוורע פון'ם אייזערנעם קנאַפּעל. כאָטש ערנסט איז געווען פארשפּארט אין געפענגנים דריי טויזענד מייל אוועק, אויף'ן פּאַסיפישען ברעג, האָבען מיר זיך דאָך דורך געשריבען, און אונזערע בריעף זיינען געגאַנגען אונגעשטערט הין און צוריק.

די פּיהרער, אין געפענגנים און אויסער דעם געפענגניס, האָבען דיסקוטירט און אָנגעפיהרט זייערע פּלענער פונ׳ם קאמפף. עס וואָלט געווען מעגליך אין איניגע מאָנאטען צו באפרייען אייניגע פון זיי. נור אזוי ווי ד׳ער זיצען אין געפענגניס האט ניט געשטערט אונזער טעטיגקייט, איז באשלאָסען געוואָרען זיך ניט צו איילען. צוויי און פופציג קאָנגרעס־לייט זיינען געווען פארשפּארט און אַמוועניגסטען נאָך דריי הונדערט פון אונזערע פיהרער. עס איז געפּלאַנט געוואָרען, אז זיי זאָלען פריי געלאָזען ווערען צו דער זעלבער צייט. אויב בלויז א טייל פון זיי זאָל אַנטלויפען, דאַן וועט דער פארדאכט פון דער אָליגארכיע פאראורזאכען א שטרענגערע וואך און וועט פארמיידען די רעטונג פון די אנדערע. צווייטענס, האָבען מיר גערעכנט, אז א גלייכצייטיגע באפרייאונג דורך אונזערע הענד איבער׳ן גאנצען לאנד וואָלט געהאט אַן אונגעהויערען גרויסען פסיכאָלאָגישען איינפלוס אויפ׳ן פּראָלעטאריאט. עס וואָלט ארויסגעוויזען אונזער מאכט און וואָלט געגעבען צוטרויען.

און דארום האָבען מיר ארראנזשירט, אז ווען איך בין באפרייט געוואָרען צום סוף פון זעקסטען מאָנאט, אז איך זאָל צוגרייטען א גוט באהעלטעניש פאר ערנסט׳ען. פארשוואונדען צו ווערען איז ניט געווען אזוי לייכט, ווייל אזוי שנעל ווי איך בין באפרייט געוואָרען, בין איך נאָכגעפאָלגט געוואָרען אויף יעדען טריט פון די שפּיאָנען פונ׳ם אייזערנעם קנאפּעל. מיר האָבען געפונען פאר נויטיג, אז זיי זאָלען פארלירען דעם מינדסטען שפּור, וואָס זיי האָבען געהאט פון מיר, און אז איך זאָל זיך אריבערכאפּען קיין קאליפאָרניע. עס איז ווירקליך צום לאכען, ווי אזוי מיר האָבען אונזער צוועק דערגרייכט.

שוין צו יענער צייט האָט זיך די רוסישע פּאספּאָרטען־סיסטעם שוין כמעט ענטוויקעלט. איך האָב ניט געוואגט דורכצורייזען דאָס לאנד אויף מיין אייגענעם נאָמען. עס איז געווען נויטיג, אז איך זאָל אין גאנצען פארשוואונדען ווערען, אויב איך זאָל נאָך

ווען עס איז קענען זעהן ערנסט'ן, ווייל דורך זייערע שפּיאָנען, וואָס האָבען מיך נאָכגעשפּירט נאָך ערנסט'ס אַנטלויפען, וואָלטען זיי איהם ווידער געקענט כאַפּען. אויך האָב איך זיך ניט געקענט פאַרקליידען אַלס אַ פּראָלעטאַריער און רייזען. עס איז נור גע־בליבען איין וועג: צו פאַרמאַסקירען זיך אַלס מיטגליעד פון דער אָליגאַרכיע. בעת די הויפּט־אָליגאַרכיען זיינען בלויז געווען גע־צעהלטע, זיינען אָבער געווען זעהר פיעל פון די קלענערע, למשל, אַ וויקסאָן — מענער, וועלכע האָבען פאַרמאָגט עטליכע מיליאָנען, און וועלכע זיינען געווען אנהענגער פון דער אָליגאַרכיע. די פרויען און די טעכטער פון די קלענערע אָליגאַרכיען האָבען זיך געצעהלט אין די טויזענדער, און עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז איך זאָל זיך פאַרקליידען אַלס איינע פון די. עטליכע יאָהר שפּעטער וואָלט דאָס געווען אונמעגליך, ווייל די פּאַספּאָרטען־סיסטעם איז אַזוי פאַרפּאָלקאָמט געוואָרען, אַז קיין מאַן, פרוי, אָדער קינד איבער'ן גאַנצען לאַנד איז ניט געווען ניט פאַרשריבען און מען האָט אימער געוואוסט פון יעדען ריהר, וואָס זיי האָבען געטהאָן.

ווען אַלעס איז געווען פאַרטיג, זיינען די שפּיאָנען פאַרפיהרט געוואָרען אויף פאַלשע שפּורען. אַ שטונדע שפּעטער איז שוין עווים עווערהאַרד מעהר ניט געווען. צו יענער צייט האָט איינע מיט'ן נאָמען פעלים וואן ווערדיגהאַן, באַגלייט פון צוויי קאַמער־דיענערינס און אַ שויס־הינטעל (1), וועלכער איז באַדיענט געוואָרען פון אַ ספּעציעלען דיענער, באַשטיגען אַ פּולמאַן (2) וואַגאָן, און אין אַ פּאָר מינוטען אַרום איז דער שנעל־צוג געלאָפען זיין וועג נאָך סאַן־פראַנציסקאָ.

די דריי מיידלאַך, וואָס האָבען מיך באַגלייט, זיינען געווען רעוואָלוציאָנערקעס. צוויי זיינען געווען מיטגליעדער פון די קעמ־פּפענדע גרופּען, און די דריטע, גרייס האַלברוק, האָט אריינגע־טראָטען אין אַ גרופּע דעם נעקסטען יאָהר, און אין זעקס מאָנאַטען שפּעטער האָט זי דער אייזערנער קנאַפּעל דער'הרג'עט. זי האָט באַדיענט דעם הונד. די אַנדערע צוויי זיינען בעטרהאַ סטאַל,

וועלכע איז פארשוואונדען געוואָרען צוועלף יאָהר שפּעטער, און אננא ראלסטאָן, וואָס לעבט נאָך יעצט און שפּיעלט וואָס א מאָל א גרעסערע ראָלע אין דער רעוואָלוציע. (3)

מיר זיינען אריבערגעפאָהרען די פאראייניגטע שטאאטען ביז קאַליפאָרניא אָהן א שום סיבה. ווען דער באהן האָט זיך אָפּגע־שטעלט ביי דער זעכצעהנטער־גאַס־סטאנציע אין אָוקלענד, האָבען מיר ארונטערגעשטיגען און פון דאָרט זיינען פעלים וואן ווערדוגהאן, מיט איהרע צוויי קאמערד'יענערינס, איהר שוים־הינטעל און דעם שוים־הינטעל־דיענערין, פארשוואונדען אויף אייביג. די יונגע פרויען געפיהרט פון פארטרויענסווערטע קאמעראדען, זיינען אוועק־געגאנגען זייער וועג. אנדערע קאמעראדען האָבען אויך מיך אוועק־געפיהרט. אין א האלבער שטונדע ארום נאָך מיין פארלאָזען דעם באהן, בין איך געווען אויף א קליינעם פישער־שיפעל אויפ'ן ים לעבען סאן־פראנציסקאָ. דער ווינט האָט שטארק געבלאָזען, און מיר האָבען געבלאָנדזשעט כמעט די גאנצע נאכט. נור איך האָב דערזעהן די ליכט פון אלקאטראז, וואו ערנסט איז געווען פאר־שפּארט, און איך האָב זיך געטרויסט מיט'ן געדאנק, וואָס איך בין נאָהענט צו איהם. ביי זונען־אויפגאנג, מיט דער הילף פון די פישער־לייט, וואָס האָבען אונז געשיפט, זיינען מיר צוגעקומען צו די מארין־אינזלען. דאָ זיינען מיר געלעגען באהאלטען א גאנ־צען טאָג, און אויפ'ן צווייטען אבענד, ווערענדיג געטראָגען פון דער עבבע און א פרישען ווינט, האָבען מיר איבערגעקרייצט די סאן־פאבלא אין צוויי שטונדען און מיר זיינען געפאָהרען ארויף־צו אויפ'ן פּעטעלומא־טייך.

דאָ זיינען געווען צוגערייט פערד און אַן אנדער קאמעראד, און אָהן א שום אָפּהאלט האָבען מיר אָפּגעריטען ביים שיין פון די שטערען. צו צפון זייט האָב איך געזעהן די שפּיצען פון די סאנאמא־בערג, צו וועלכע מיר זיינען געפאָהרען. מיר האָבען אויס־געלאָזט דאָס אלטע שטעדטעל סאנאמא און מיר זיינען געפאָהרען אויף א וועג, וואָס איז געלאָפען צווישען די בערג. דער וואָגען־

וועג איז געוואָרען בלויז א וואלד־וועג, און דאן איז שוין געווען בלויז א שמאָלע סטעזשקע, וועלכע איז ענדליך צונישט געוואָרען און אין גאנצען אויפגעהערט צווישען די בערגיגע פאשע־פלעצער. מיר זיינען געפאָהרען גלייך איבער דעם סאנאמא־בארג. עס איז דאָרטען קיינער ניט געווען, וואָס זאָל אונז זעהן דורכפאָהרען.

ווען עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, זיינען מיר געווען ביים מעריב־ברעג, און ביי דער שיין פונ׳ם גרויסען ליכט האָבען מיר ארונטערגעשטיגען דעם בארג דורך קליינע געוויקס און טיפע טאָלען אָנגעפילט מיט בוימער און מיט ווארימקייט פונ׳ם פאר־גאנגענעם זומער. דאָס איז געווען א לאנד, מיט וועלכען איך בין געווען גוט באקאנט, און איך בין געוואָרען דער וועגווייזער. דאָס באהעלטעניס פלאץ איז געווען מיינס. איך האָב עס אויסגעקליבען. מיר האָבען דורכגערייזט נאָך א לאָנקע. דאן זיינען מיר געפאָהרען איבער א קליינעם בארג באדעקט מיט דעמבאָווע בוימער און מיר האָבען ארונטערגעשטיגען אויף א קליינער לאָנקע. מיר זיינען ווידער געפאָהרען בארג־ארויף, דאָס מאָל פאָהרענדיג אונטער רויטע בוימלעך. די ערשטע זונען־שטראהלען האָבען געווארימט אונזערע פלייצעס, ווען מיר האָבען געשטיגען דעם בארג. דאָס פליהען פון וואכטלען האָט זיך געהערט אינ׳ם געדיכטען וואלד. א גרויסער האָז איז דורכגעלאָפען לעבען אונז, שפרינגענדיג שנעל און שטיל, פונקט ווי א הירש. און דאן איז א הירש מיט פיעל שפיציגע הערנער, די זונענשיין באלויכטענדיג זיין האלז און אקס־לען מיט א רויט־גאָלדענעם ליכט, פארבייגעלאָפען אויפ׳ן שפיץ בארג און איז פארשוואונדען.

מיר האָבען נאָכגעפאָלגט זיין וועג פאר עטליכע מינוט און דאן האָבען מיר זיך ארונטערגעלאָזט אויף א זיגזאגען וועג, וועל־כען דער הירש האָט ניט נאָכגעפאָלגט, און וואָס האָט געפיהרט צו א גרופע רויטע בוימער, וואָס זיינען געשטאנען ארום א טייר־כעלע וואסער, וואָס איז געווען קאלעמוטנע פון די מינעראלען, וואָס זיינען אראָפגעוואשען געוואָרען פון די בערג. איך האָב גע־

וואוסט יעדען שפּאַן פון דעם וועג. איין מאָל האָט אַ פריינד מיינער, אַ שרייבער, פאַרמאָגט די פאַרם. נור אויך ער איז געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנער, ער איז אָבער געווען פיעל אונגליקליכער פון מיר, ווייל ער איז שוין טוידט, און קיינער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי און וואו ער איז באַגראָבען געוואָרען. בלויז ער אליין, ווען ער האָט געלעבט, האָט געוואוסט דעם סוד פון דעם באַהעלטעניש-פּלאַץ, וואוהין איך בין געפאָהרען. ער האָט געקויפט דעם פאַרם פאַר זיין שעהנקייט, און האָט באַצאָהלט אַ גרויסען פרייז דאַפיר, עטוואָס, וואָס האָט די דערבייאיגע פאַרמערס פיעל געערגערט. ער פלעגט שטאַרק הנאה האָבען, ווען ער האָט דערצעהלט ווי זיי פלעגען שאָקלען מיט די קעפּ, באַדרויערענדיג דעם פרייז, פּרובירענדיג צו באַרעכענען, און דאַן פלעגען זיי זאָגען: „אָבער איהר קענט ניט פאַרדיענען קיין זעקס פּראָצענט אויף דעם".

נור ער איז שוין געווען טוידט יעצט און זיינע קינדער האָבען ניט גע'ירש'ענט דעם פאַרם. עס איז יעצט געווען דאָס אייגענטום פון הערר וויקסאָן, צו וועמען עס האָט געהערט דער גאַנצער מזרח-צפון'דיגער באַרג-אַראָפּ פון סאַנאָמאַ-באַרג, וועלכער האָט זיך געצויגען פון די ספּרעקלעס-גיטער ביז צו בעננעט-טאָל. פון דעם אַלעמען האָט ער געמאַכט אַ פּראַכטפולען הירש-גאָרטען, וואו די הירשען זיינען אַרומגעלאָפען איבער טויזענדער אַקערס לאַנד. די מענשען, צו וועמען די ערד האָט באַלאַנגט פריהער, זיינען פאַרטריבען געוואָרען. אַ שטאַאַט-אַנשטאַלט פאַר אידיאָטען און אַנדערע קראַנקע איז אויך צושטערט געוואָרען, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר הירשען.

אַ חוץ דעם איז וויקסאָן'ס יאַגד-הויז געשטאַנען בלויז אַ פערטעל מייל פון מיין באַהעלטעניש-פּלאַץ. דאָס איז געווען אַ הילף אַנשטאָט אַ געפאַהר. מיר זיינען באַשיצט געוואָרען אונטער די סאַמע פליגעל פון איינעם פון די קלענערע אָליגאַרכיען. צוליעב דעם פּלאַץ האָבען מיר ניט געקענט מורא האָבען פאַר קיין שום פאַרדאַכט. וויקסאָן'ס הירש-גאָרטען איז דער לעצטער פּלאַץ אין

דער וועלט, וואו ס'וואָלט איינגעפאַלען די שפּיאָנען פונ'ם אייזער־נעם קנאַפּעל מיך צו זוכען, אָדער ערנסט'ן, ווען אויך ער איז אה־ין געקומען.

מיר האָבען צוגעבונדען אונזערע פערד צווישען די בוימער אַרום טייכעל. פון אַ לאָך אין דער ערד, וואָס איז געווען פאַר־דעקט מיט אַ פאַרפוילטען בוים, האָט מיין באַגלייטער אַרויסגע־בראַכט פאַרשיעדענע זאַכען — אַ פופציג־פונטיגען זאַק מעהל, פאַרשיעדענע זאָרטען שפּייזען אין בלעכענע פּושקעס, קיך־געשיר, וואָלענע בעט־דעקען, אַ טערפּעלין קענוועס (מאַטעריאַל, דורך וועל־כען דער רעגען געהט ניט דורך. איבערז.), ביכער און שרייב־מאַ־טעריאַל, אַ גרויסע צאָהל בריעף, אַ פינף גאַלאָן קעראָסין, אַ גאַז־אויוועז, און, דאָס וויכטיגסטע, אַ שטאַרקען שטריק. אַזוי גרויס איז געווען דער זאַפּאַס, אַז מיר האָבען באַדאַרפט געהן הין און צוריק עטליכע מאָל עם אַריינצוטראָגען אין אונזער שוץ־פּלאַץ.

נור דאָס פּלאַץ איז געווען גאַנץ נאָהענט. נעהמענדיג דעם שטריק און ציינענדיג איהם דעם וועג, בין איך געגאַנגען דורך אַן אָפענעם שטיק פּלאַץ פונ'ם וואַלד, אין וועלכען עס זיינען בלויז געווען קליינע בוימלעך און וואָס האָט זיך געצויגען צווישען צוויי באַוואַלדיגטע בערגלעך. דאָס אָפענע פּלאַץ האָט זיך פּלוצים גע־ענדיגט ביי אַ זעהר משופּע'דיגען ברעג פון אַ וואַסער־שטראָם. עס איז געווען אַ גאַנץ קליינער שטראָם, וועלכער האָט זיך אָנגע־פאַנגען פון עטליכע וואַסער־קוועלען, און איז ניט אויסעטריקענט געוואָרען אפילו אין הייסען זומער. פון יעדער זייט זיינען געווען באַוואַלדיגטע בערג. קיין שטיינערנע ערד איז דאָ ניט געווען. און די בערג זיינען געווען צוזאַמענגעשטעלט פון רויטער וואול־קאַנישער ערד, די באַריהמטע וויין־ערד פון סאָנאָמאַ. דער וואַ־סער־שטראָם האָט זיך אויסגעשניטען זיין וועג דורך די בערג.

מען האָט זיך באַדאַרפט נישט־קשה'דיג דראַפּען אַרונטערצו־קומען, זיינען מיר אָפּגעגאַנגען געננוי הונדערט פוס. און דאַן זיינען מיר צוגעקומען צום גרויסען לאָך. פון דרויסען איז קיין

שום צייכען ניט געווען פון דער עקזיסטענץ פון דעם לאָך. און אייגענטליך איז דאָס ניט געווען קיין פּראָסטער לאָך. מען האָט באַדאַרפט קריכען דורך געדיכטע קוסטאַרניקעס און צווייגען, און דאַן האָט מען זיך געפונען ביים סאַמע אָנפאַנג אַרויסקוקענדיג דורך אַ גרינעם שירם. די לאָך איז געווען צוויי הונדערט פוס לאַנג און אַזוי ברייט, און ביי אַ העלפט דערפון טיעף. די לאָך איז פּיליכט אויסגעגראָבען געוואָרען פון דעם וואַשען פון די וואַסערען דורך די פאַרלאָפענע יאָהר־הונדערט. די הוילע ערד האָט מען ניט געקענט אַרויסזעהן. די גאַנצע לאָך איז געווען באַ־קליידט מיט אַ גרינעם געוויקס, וואָס איז באַשטאַנען פון קליינע בליהמעלעך און גרויסע יעלאָווע בוימער. די גרויסע בוימער האָ־בען אויך אַרויסגעוואַקסען פון די ווענט פונ׳ם לאָך. מאַנכע זיינען געווען געבויגען אין שאַרפע ווינקלען, כאָטש די מעהרסטע פון זיי האָבען אַרויסגעשטאַרטשט גלייך ווי די ווייכע און כמעט ווייכע ווענט.

עס איז געווען אַ ריכטיג באַהעלטעניש־פּלאַץ. קיינער איז אַהינצו ניט געקומען, אפילו ניט די קינדער פון גלען עללען. ווען דער לאָך זאָל זיך געווען געפינען אין אַ טיעפען טאָל אַ מייל לאַנג, אָדער עטליכע מייל לאַנג, וואָלט זי געווען גוט באַוואוסט. נור דאָס איז ניט געווען קיין טאָל. פונ׳ם אָנפאַנג ביז צו דער ענד שטראָם איז אין גאַנצען געווען ניט מעהר פון פינף הונדערט מייל. דריי הונדערט מייל העכער פונ׳ם לאָך האָט זיך דער שטראָם אָנ־געפאַנגען פון אַ וואַסער־קוואַל ביים ברעג פון אַ פלאַכער לאָנקע. אַ הונדערט מייל נידעריגער פונ׳ם לאָך איז דער שטראָם געלאָפען אויפ׳ן פרייען לאַנד, אַריינפליסענדיג אינ׳ם הויפּט־שטראָם און פון דאָרט פליסענדיג איבער׳ן גראָז־באַדעקטען לאַנד.

מיין באַגלייטער האָט אַרומגעדרעהט דעם שטריק אַרום אַ בוים, און איך האָב זיך אָנגעהאַלטען פעסט אָן דעם צווייטען עק, און ער האָט מיך לאַנגזאַם אַרונטערגעלאָזט. עס האָט ניט גע־נומען לאַנג און איך בין געווען אונטען. און אין בלויז אַ קורצער

וויילע האָט ער צוגעבראַכט די אַלע אַרטיקלען פונ׳ם פריהערדיגען לאָך און האָט זיי אַרונטערגעלאָזען צו מיר. ער האָט אַרויפגעצויגען דעם שטריק און איהם באַהאַלטען, און איידער ער איז אָפּגעפאָהרען, האָט ער זיך לעבהאַפט אָפּגעזעגענט.

איידער איך זעץ פאָר ווייטער מיין ערצעהלונג, וויל איך זאָגען אַ פּאָר ווערטער פאַר דעם קאַמעראַד, דזשאהן קאַרלסאָן, אַ עניוות־דיגע פּערזאָן אין דער רעוואָלוציע, איינער פון די אונצעהליגע געטרייע סאָלדאַטען. ער האָט געאַרבייט אין וויקסאָן׳ס שטאַלען נעבען דעם יאַגד־הויז, און דאָס זיינען מיר געפאָהרען איבער דעם סאַנאַמא־באַרג אויף וויקסאָן׳ס פערד. כמעט איבער צוואַנציג יאָהר איז יעצט זינט ער איז דער שומר פון יענעם שוץ־פּלאַץ. קיין געדאַנק פון אונטרייהייט איז איהם ווען עס איז געקומען אויף זיין געדאַנק, וועגען דעם בין איך זיכער. צו באַטריגען ווען מען האָט זיך איהם אנפאַרטרויט, איז פאַר איהם געווען אוממעגליך. ער איז געווען קאַלטבלוטיג און אַזוי נאַריש, אַז מיר האָבען זיך געוואונדערט, וואָס די רעוואָלוציע האָט געהאַט וועלכען עס איז אינטערעס פאַר איהם. און דאָך האָט די ליעבע פאַר פרייהייט געטליהעט אין זיין נשמה. אין אייניגע אופנים איז עס געווען אַ גאַנץ גוטע זאַך, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין איינבילדונגס־קראַפט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָרען. ער האָט אימער צו געפאָלגט און אויסגעפיהרט באַפעהלען. איינמאָל האָב איך איהם געפרעגט, ווי אַזוי ער איז געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנער.

— ווען איך בין געווען אַ יונגערמאַן, בין איך געווען אַ סאָלדאַט, — איז געווען זיין ענטפער. עס איז געווען אין דייטשלאַנד. דאָרט מוזען אַלע יונגע־לייט דיענען אין דער אַרמעע, נו, בין איך אויך געווען אין דער אַרמעע. איך האָב זיך דאָרט באַקענט מיט אַ סאָלדאַט, אויך אַ יונגער־מאַן. זיין פאָטער איז געווען, וואָס איהר רופט אָן, אַן אַגיטאַטאָר, און ער איז געווען פאַרשפּאַרט אין געפענגניש פאַר מאַיעסטעט־באַליידיגונג — וואָס מען דאַרף אָנרופען: זאָגען דעם אמת וועגען דעם קייזער. און דער

יונגער־מאַן, דער זוהן, האָט גערעדט מיט מיר זעהר פיעל וועגען מענשען און ארבייט, און ווי די קאַפּיטאַליסטען בארויבען דאָס פאָלק. ער האָט מיך געמאַכט זעהן זאַכען אין אַ נייעם ליכט, און איך בין געוואָרען אַ סאָציאַליסט. זיינע רייד זיינען געווען גוט און אמת, און איך האָב עס קיינמאָל ניט פארגעסען. ווען איך בין געקומען אין די פאראייניגטע שטאַאטען, האָב איך אויפגעזוכט די סאָציאַליסטען. איך בין געוואָרען אַ מיטגליעד פון ס. ל. פּ. דאַן, שפּעטער, ווען די שפּאַלטונג איז געקומען, האָב איך זיך אָנגעשלאָסען אָן אַ לאָקאַל פון דער ס. פּ. איך האָב דאַן געאַר־בייט אין אַ שטאָל אין סאַן־פראַנציסקאָ. דאָס איז געווען נאָך פאַר דער ערד־ציטערניש. איך האָב געצאָהלט מיינע דיוס צוויי און צוואַנציג יאָהר. איך בין נאָך אַלץ אַ מיטגליעד און צאָהל נאָך אַלץ מיינע דיוס; כאָטש יעצט מוז איך עס טהאָן אין נע־היים. איך וועל אימער צאָלען מיינע דיוס, און ווען די קאָ־אָפּעראַטיווע געזעלשאַפט וועט עטאַבלירט ווערען, וועל איך זיין גליקליך.

איבערבלייבענדיג אַליין, האָב איך גענומען קאָכען מיין פריה־שטיק אויפ׳ן גאַז־אויווען און צוגרייטען מיין היים. אָפּטמאָל, גאַנץ פריה, אָדער אין אבענד, ווען עס איז פינסטער געוואָרען, פלעגט קאַרלסאָן זיך ארונטער׳גנב׳ענען אינ׳ם שוץ־פּלאַץ און פלעגט אר־בייטען אַ פּאָר שטונדען. פון אָנפאַנג איז מיין היים באַשטאַנען פון טאַרפּאַלין לייווענט. שפּעטער האָבען מיר אויפגעשטעלט אַ פּאַלאַטקע, און נאָך שפּעטער, ווען מיר האָבען געפונען דעם פּלאַץ דורכאויס זיכער, האָבען מיר אויפגעבויט אַ קליין הויז. דאָס הויז איז געווען גענצליך פארשטעלט און באַהאַלטען פון וועלכען עס איז אויג, וואָס האָט געקענט דורך אַ צופאַל ארונטערקוקען פונ׳ם ברעג פון לאָך. דאָס דונקעל־פארביגע גרינע געוויקס פון דעם שוץ־פּלאַץ האָט געמאַכט אַ נאַטירליכען שוץ. די הויז איז אויך געבויט געוואָרען ביי דער גלייכער וואַנט; און אין דער וואַנט גופא, געשטיצט אויף פעסטע און שטאַרקע באַלקענס, האָבען מיר

אויסגעאַרבייט צוויי צימערען, וועלכע זיינען געוועזן גוט געלופּ־טערט און געטריקענט. אַך, גלויבט מיר, מיר האָבען געהאַט פיעל באַקוועמליכקייטען. ווען ביערענבאַרד, דער דייטשער טעראָריסט, האָט זיך באַהאַלטען מיט אונז אַ שטיקעל צייט שפּעטער, האָט ער געמאַכט אַ מאַשין, וואָס האָט איינגעזאַפּט דעם רויך, און דורך דעם האָבען מיר געקענט זיצען ביי אַ פרעהליכען האָלץ־פייער דורך די ווינטערדיגע נעכט.

און איך מוז אָט יעצט זאָגען אַ וואָרט פאַר יענעם איידעלען גייסט, דעם מעראָריסט, וועלכער איז מיספאַרשטאַנען געוואָרען מעהר פון וועלכען עס איז אַנדערען רעוואָלוציאָנער. גענאָסע ביע־רענבאַרד האָט ניט פאַרראַטען די רעוואָלוציע. ער איז אויך ניט הינגעריכטעט געוואָרען פון אונזערע קאַמעראַדען, ווי עס ווערט געהאַלטען פון יעדען. די לעבערליכע געשיכטע איז פאַרשפּרייט געוואָרען פון דער אָליגאַרכישער באַנדע. קאַמעראַד ביערענבאַרד איז געוועזן אַ צוטראָגענער, ער האָט אָפּט פאַרגעסען זאַכען. ער איז געשאָסען געוואָרען פון איינעם פון אונזערע וועכטער ביי דעם שוץ־פּלאַץ קארמעל, ווייל ביערענבאַרד האָט פאַרגעסען דעם גע־היימען סיגנאַל. עס איז געוועזן אַ טרויעריגער טעות. און אַז ער האָט פאַרראַטען זיין קעמפּפענדע גרופּע, איז אַן אַבסאָלוטער ליגען. קיין אמת'ערער, מעהר איבערגעבענער מאַן פון איהם, האָט ניט געאַרבייט פאַר דער רעוואָלוציע. (4)

עס איז שוין נייצעהן יאָהר זינט דאָס באַהעלטעניש־פּלאַץ, וואָס איך האָב אויסגעקליבען, איז צו יעדער צייט פאַרנומען, און דורך דער גאַנצער צייט, מיט איין אויסנאַהם, איז עס ניט ענט־דעקט געוואָרען פון אַ זייטיגען מענשען. און דאָך איז דאָס בלויז געוועזן אַ פערטעל מייל פון וויקסאָן'ס יאַגד־הויז, און אַ מייל פינף פונ'ם דאָרף גלען־עללען. איך האָב אימער געהערט די באַהנען אָנקומען און אוועקגעהן יעדען מאָרגען און אבענד, און איך פלעג אָנשטעלען מיין זייגער נאָכ'ן פייפען פון די ציגעל־פאַבריקען (5).

נײַנצעהנטער קאַפּיטעל

# די אומוואַנדלונג

„דו מוזט זיך אויס'ס־גיי איבערמאַכען", האָט מיר ערנסט געשריבען. „דו מוזט אויפהערען זיין. דו מוזט ווערען אַן אַנדער פרוי — און ניט בלויז אין די קליידער, וואָס דו טראָגסט, נור אויך אין דיין הויט אונטער די קליידער וואָס דו טראָגסט. דו מוזט זיך אויף אַזוי פיעל איבערמאַכען, אַז אפילו איך זאָל דיך ניט דערקענען — דיין שטימע, דיינע באַוועגונגען, דיינע מאַניערען, דיין האַלטונג, דיין גאַנג, מיט איין וואָרט אַלעס."

דעם באַפעהל האָב איך געפאָלגט. יעדען טאָג האָב איך פּראַקטיצירט שטונדענווייז באַגראָבענדיג די אַלטע עווים עווערהאַרד אונטער דער הויט פון אַנאַנדער פרוי, וועמען איך מעג אָנרופען מיין אַנדערען איך. בלויז מיט לאַנג פּראַקטיצירען האָבען אַזעלכע רעזולטאַטען געקענט דערגרייכט ווערען. אין די איינצעלהייט אַליין, נעמליך, די שטימע־באַטאָנונג, האָב איך פּראַקטיצירט כמעט שטענדיג ביז די שטימע פון מיין נייעם איך איז געוואָרען פעסטשטעהענדיג, אויטאָמאַטיש. די אויטאָמאַטישע אָננעהמונג פון אַ ראָלע איז פאַררעכענט געוואָרען אַלס אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט. מען האָט זיך געמוזט אַזוי פאַרבייטען, אַז מען זאָל זיך זעלבסט קענען אָפּנאַרען. עס איז געווען אַזוי שווער, ווי אויסצולערנען אַ נייע שפּראַך, למשל פראַנצויזיש. צום אָנפאַנג איז די פראַנצויזישע אויסשפּראַך אונטער דער קאָנטראָל פון'ם ווילען, און איז מיט'ן פולען באַוואוסטזיין פון'ם ריידעוודיגען. דער סטודענט, וואָס לערענט די שפּראַך, דענקט אין ענגליש און פיהרט עס איבער

אויף פראַנצויזיש, אָדער לעזט אין פראַנצויזיש און פיהרט עס איבער אויף ענגליש אייער ער קען עס פאַרשטעהן. דאַן שפּעטער, ווערענדיג גוט איינגעשטודירט, אויטאָמאַטיש, לעזט דער סטודענט און שרייבט, און דענקט אין פראַנצויזיש, ניט באַנוצענדיג זיך מיט'ן ענגלישען גאָר אין גאַנצען.

און אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען מיט אונזער פאַרמאַסקירונג. מיר האָבען געמוזט אַזוי לאַנג פּראַקטיצירען, ביז אונזערע ראָלען, וואָס מיר האָבען געשפּיעלט, זיינען געווען די ווירקליכקייט; ביז צו ווערען וואָס מיר זיינען געווען אין אָריגינאַל, האָט פאַרלאַנגט אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג פונ'ם ווילען. נאַטירליך, פון אָנפאַנג האָבען מיר זעהר פיעל עקספּערימענטירט און פיעלעס איז געווען נוצלאָז. מיר האָבען באַשאַפען אַ נייע קונסט, און מיר האָבען באַדאַרפט ענטדעקען זעהר פיעל זאַכען. נור די אַרבייט איז אָנגעגאַנגען איבער'ן גאַנצען לאַנד; קינסטלער אין זייער פאַך האָבען זיך ענטוויקעלט, און אַ גרויסע צאָהל קונצען און פאַרשיעדענע פּלענער זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען. די זאַמלונג איז געוואָרען אַ סאָרט לעהר־בוך און איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט אַלס אַ טייל פון שטודיום, אין דער רעוואָלוציאָנערער שול. (1)

אין דער צייט איז מיין פאָטער פאַרשוואונדען געוואָרען. זיינע בריעף, וועלכע איך פלעג קריגען רעגוליאַרנע, האָבען אויפגעהערט קומען. ער האָט זיך מעהר ניט געוויזען אין אונזער פּעל־גאַס־וואוינונג. אונזערע קאַמעראַדען האָבען איהם איבעראַל געזוכט. דורך אונזער געהיים־פּאָליציי האָבען מיר דורכגעזוכט יעדע געפענגניס אין לאַנד, נור ער איז פאַרלאָרען געגאַנגען, אַזוי ווי די ערד וואָלט איהם איינגעשלונגען, און ביז היינטיגען טאָג האָבען מיר ניט געפונען קיין שפּור פון איהם. (2)

איך האָב פאַרבראַכט זעקס איינזאַמע מאָנאַטען אין דעם שויץ־פּלאַץ, נור זיי זיינען ניט געווען פוסט פאַר מיר. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך ענטוויקעלט, און עס איז געווען אַ סך אַרבייט צו טהאָן. ערנסט און די אַנדערע פיהרער, אין זייערע געפענג־

נישען, האָבען געפּלאַנעוועט וואָס צו טהאָן; און מיר אין דרויסען האָבען דאָס באַדאַרפט אויספיהרען. מיר האָבען באַדאַרפט אָרגאַניזירען די מויל־צו־מויל־פּראָפּאַגאַנדא; אונזער שפּיאָנען־סיסטעם־אָרגאַניזאַציע, מיט איהרע אַלע צווייגען; די עטאַבלירונג פון אונזערע געהיימע דרוקערייען, און דאָס בויען פון אונזערע אונטעראירדישע באַהנען, וועלכע האָבען פאַראייניגט אונזערע מיליאָנען שוץ־פּלעצער, און אויך מעגליך געמאַכט נייע שוץ־פּלעצער, וואָס האָבען אויסגעפעהלט אין פיעל טיילען פון לאַנד.

דארום זאָג איך עס, אַז די גאַנצע ארבייט איז קיינמאָל ניט אָפּגעטהאָן געוואָרען. אין דער ענד פונ׳ם זעקסטען מאָנאַט האָט זיך מיין איינזאַמקייט געענדיגט, ווען צוויי גענאָסינען זיינען אָנגעקומען. זיי זיינען געווען יונגע מיידלעך, בראַווע גייסטער און ליידענשאַפטליכע ליעבהאָבער פון פרייהייט: לאַרא פּעטערסאָן, וועלכע איז פאַרשוואונדען געוואָרען אין 1922, און קייטי ביערס, וועלכע האָט שפּעטער געהייראַט פאַר דו־באָיס (3) און וועלכע געפינט זיך נאָך יעצט אין אונזער קרייז מיט אויגען אויפגעהויבען צו דער מאָרגענדיגער זון, וועלכע וועט אריינברענגען די נייע צייט.

די צוויי מיידלאך זיינען אָנגעקומען שטאַרק צורודערט, אנטלויפענדיג פון געפאַהר און פּלוצלינגען טוידט. אין דער מאַנשאַפט פונ׳ם פישער־שיפעל, וואָס האָט זיי אריבערגעפיהרט איבער סאַן־פּועבלאָ, האָט זיך געפונען אַ שפּיאָן. אַ נפש פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל, וואָס האָט אריינגעדרונגען טיעף אין די סודות פון אונזער אָרגאַניזאַציע. ער איז אָהן צווייפעל געווען אויף מיין שפּור, ווייל מיר האָבען שוין געהאַט געהערט לאַנג פאַר דעם, אַז מיין פאַרשוואונדען האָט זעהר פיעל געערגערט די געהיים־פּאָליציי פון דער אָליגאַרכיע. גליקליכערווייז, ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען, האָט ער ניט ארויסגעגעבען זיינע ענטדעקונגען צו קיינעם. ער האָט, ווייזט אויס, אָפּגעלעגט זיין רעפּאָרט אויף דער צייט, ווען ער וועט ענטדעקען מיין באַהעלטעניש אָרט און מיר

ברענגען צוריק צו דער אָליגאַרכיע. זיין אינפאָרמאַציע איז גע־שטאָרבען מיט איהם. מיט אַן אויסרייד האָט ער פאַרלאָזט דאָס שיפעל גלייך נאָכדעם ווי די מיידלאַך זיינען ארונטערגעשטיגען אין פעטאַלומאַ גריק און זיינען אַוועקגעריטען אויף די פערד.

אָפּפאָהרענדיג אַ שטיקעל וועג באַרג־ארויף־צו אויפ׳ן סאָנאָ־מאַ־באַרג, האָט דזשאהן קאַרלסאָן געלאָזט די מיידלאַך אַליין פאָה־רען, און איבערגעבענדיג זיי זיין פערד, איז ער אַליין געגאַנ־גען צוריק צופוס. עפּעס איז ער געוואָרען פאַרדעכטיג. ער האָט געכאַפּט דעם שפּיאָן, און וואָס ווייטער האָט פּאַסירט, האָט קאַרל־סאָן אונז נאָכהער דערצעהלט ווי פאָלגט:

„איך האָב איהם צורעכט געמאַכט", איז געווען קאַרלסאָן׳ס פּשוט׳ער אופן פון דערצעהלען די געשיכטע. „איך האָב איהם צורעכט געמאַכט", האָט ער איבערגע׳חזר׳ט, און אַ דונקעלע שיין האָט זיך באַוויזען אין זיינע אויגען, און זיינע מאַזאָלישע הענט האָבען זיך געעפּענט און פאַרמאַכט, בעת ער האָט גערעדט. „ער האָט ניט געמאַכט קיין גוואַלד. איך האָב איהם באַהאַלטען, און היינט ביינאַכט וועל איך צוריקגעהן און איהם טיעף באַגראָבען".

דורך יענעם פּעריאָד פלעג איך זיך אָפט וואונדערען איבער מיין אייגענעם איבערבייט. אָפט פלעגט זיך מיט אויסצייגען אומ־מעגליך, מיין שטיל פריעדליך לעבען אין דער אוניווערזיטעט־שטאָדט, און דאָס, וואָס איך בין געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנערין, און בין געוואוינט געוואָרען צו זעהן גוואַלדטאַטען און בלוטיגע סצענעס. אָדער איינס אָדער דאָס צווייטע האָט ניט געקענט זיין אמת. איינס איז געווען די ווירקליכקייט, און דאָס צווייטע אַ חלום, אָבער וועלכע פון די צוויי? איז דאָס יעצטיגע לעבען פון אַ רעוואָלוציאָנערין, וואָס האָט ערגעץ־וואו אויף וועלכען עס איז אופן גע׳חלום׳ט, דאָס אין אַ פריהערדיגען עקזיסטענץ האָב איך געוואוינט אין בערקלי און האָב קיינמאָל ניט געוואוסט אין לעבען קיין אנדער טעטיגקייט, ווי טיי־פּאַרטיען און טאַנצען, דעבאַטי־רענדיגע געזעלשאַפטען און לעקציעס? נור נאָך אַלעמען דענק

איך, אַז דאָס איז געווען די ערפאַהרונג פון אַלע אונזעריגע, וואָס האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אונטער׳ן רויטען פאָהן פון דער ברי־דערשאַפט פון מענשען.

איך האָב אָפט זיך דערמאָנט אָן פערזאָנען פון יענעם אַנדערען לעבען, און — אַ מאָדנע זאַך — זיי פלעגען ערשיינען און ווידער פארשווינדען אין מיין נייעם לעבען. אָט נעהמט, למשל, בישאָפּ מאָרהויז. אומזיסט האָבען מיר איהם ארומגעזוכט נאָך דעם ווי אונזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך ענטוויקעלט. ער איז אײַבערגעפיהרט געוואָרען פון איין סאַניטאַריום אין צווייטען. פונ׳ם שטאַאט־האָספּיטאַל פאַר משוגעים אין נאַפּאַ, האָבען מיר איהם נאָכגעשפּירט אינ׳ם צווייטען סאַניטאַריום אין סטאַקטאַון, און פון דאָרטען אין אַן אַנדערען, אין סאַנטאַ־קלאַראַ טייל, וואָס ווערדט אָנגערופען אַגניוס, און דאָרטען האָט דער סליאַד אונזערער אָפּגעבראָכען. מיר האָבען ניט געקענט געפינען קיין רעקאָרד פון זיין טוידט. ער האָט מסתמא געמוזט אַנטלויפען. איך האָב ווייניג וואָס גע׳חלומ׳ט פונ׳ם שרעקליכען צו שטאַנד, אין וועלכען עס איז מיר באַשערט געווען איהם צו זעהן נאָך אַ מאָל — דער דורכפליהענדער בליק, וואָס איך האָב אויף איהם געוואָרפען אין דער שרעקליכער הריגה פון דער שיקאַגאָ־קאָמונע.

דזשעקסאָן, וועלכער האָט פארלאָרען זיין אָרעם אין די סיעררא־פאַבריקען און וועלכער איז געווען די אורזאַך פון מיין באַקעהרונג צום סאָציאַליזם, איז מיר מעהר אויף די אויגען קיינמאָל ניט געקומען; נור מיר האָבען אַלע געוואוסט, וואָס ער האָט געטהאָן פאַר זיין טוידט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעשלאָסען אָן די רעוואָלוציאָנערען. זייענדיג פארביטערט פון זיין שיקזאַל, און טראַכטענדיג איבער דער אונגערעכטיגקייט, וואָס מען האָט איהם אויסגעטיילט, איז ער געוואָרען אַן אַנאַרכיסט — ניט קיין פילאָזאָפישער אַנאַרכיסט — נור אַ פּשוט׳ע בעסטיע, משוגע פון שנאה און נקמה־דורשטיג. און ער האָט זיך גוט נוקם געווען. אויסמיידענדיג די שומרים, האָט ער אין מיטען נאַכט, בעת אַלע

זיינען געשלאָפען, צושטערט פערטאנוויט'ס פאַלאַץ מיט דינאַמיט. קיין איין מענש האָט זיך ניט גערעטעט, אפילו ניט די שומרים. און ווען ער איז געווען אין געפענגניש ערווארטענדיג דעם פּראָצעס, האָט ער זיך דערשטיקט אונטער זיין בעט־דעק.

דר. האמערפיעלד און דר. באַללינגפאָרד האָבען דערגרייכט גאַנץ אנדערע שטופען פון דזשעקסאָנ'ען. זיי זיינען געטריי צו זייערע הערען, און זיי זיינען באַלוינט געוואָרען מיט פּאַלאצען, אין וועלכע זיי לעבען בשלום.ביידע זיינען פּארטיידיגער פון דער אָליגאַרכיע. ביידע זיינען געוואָרען זעהר פעט. „דר. האמערפיעלד", האָט ערנסט איינמאָל אונז געזאָגט, „האָט שוין פּאַסּפּייעט צו פאַרענדערען זיין מעטאַפיזיק אזוי, אז ער האָט שוין גאָט'ס הסכמה פאַר'ן אייזערנעם קנאפעל".

פּעטער דאננעלי, דער סקעב־פאָרמאַן אין די סיעררא־פאַבריקען, וועמען איך האָב באַגעגענט בשעת איך האָב אונטערזוכט דזשעקסאָן'ס פאַל, האָט אונז אַלעמען איבערראשט. אין 1918 האָב איך בייגעוואוינט אַ פארזאמלונג פון די „פּריסקאַ רויטע". פון אַלע אונזערע קעמפפענדע גרופּען איז די געווען די געפעהרליכסטע, בייז, אָהן רחמנות. עס איז ווירקליך ניט געווען אַ טייל פון אונזער אָרגאַניזאַציע. די מיטגליעדער זיינען געווען פּאנאַטיקער, משוגעים. מיר האָבען ניט געוואַגט צו ערמוטיגען אַזאַ מין גייסט. און דאָך, כאָטש זיי האָבען ניט באַלאַנגט צו אונז, האָבען מיר זיך פאַרהאַלטען פריינדליך מיט זיי. עס איז געווען אַ זעהר וויכטיגער געגענשטאַנד, צוליעב וועלכען איך בין אַהין געגאַנגען יענעם אָבענד. איך, די איינציגע צווישען צוואנציג מענער, בין געווען די איינציגע ניט־פאַרמאַסקירטע פּערזאָן. נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעטהאָן מיין ארבייט, האָט מיך איינער פון זיי אַוועקגעפיהרט. אין אַ פינסטערען דורכגאַנג, האָט דער וועגווייזער מיינער אָנגעצונדען אַ שוועבעלע, און האַלטענדיג עס נאָהענט צו זיין געזיכט, האָט ער אַרונטערגערוקט זיין מאַסקע. פאַר אַ מאָמענט האָט איך געקוקט אויף די ליידענשאַפטליכע געזיכטס־

ציגע פון פּעטער דאַננעלי. דאַן האָט דאָס שוועבעלע אויסגע־ברענט.

— איך האָב בלויז געוואָלט, איהר זאָלט וויסען, אַז דאָס בין איך, — האָט ער געזאָגט אין דער פינסטער. — געדענקט איהר דאַללאַס, דעם אויפזועהער?

איך האָב צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַלס אַ באַשטעטיגונג פון מיין עראינערונג אָן דעם ביטרען אויפזועהער פון די סיערראַ־פּאַב־ריקען.

— נון, איך האָב איהם געפּאַקט צום ערשטען, — האָט דאַנ־נעלי שטאָלץ געזאָגט. — טאַקי גלייך נאָך דעם האָב איך זיך אָנ־געשלאָסען אָן די רויטע.

—אָבער ווי אַזוי קומט איהר אהער? — האָב איך געפרעגט.

— נו, און אייער פרוי און קינדער?

— טוידט, — האָט ער געענטפערט. — אָט ווארום. ניין, — האָט ער שנעל געזאָגט, — עס איז ניט אויס נקמה פאַר זיי. זיי זיינען געשטאָרבען מיט אַ לייכטען טוידט אין זייערע בעטען — קראַנק געווען גאַנץ אָפּט. זיי האָבער מיר מיינע הענט געבונדען, ווען זיי האָבען געלעבט. און יעצט, ווען זיי זיינען ניטאָ מעהר, נעהם איך עס נקמה פאַר מיין צושמעטערטער מענשליכקייט. אַ מאָל בין איך געווען פּעטער דאַננעלי דער סקעב־פאָרמאַן, אָבער היינט אבענד בין איך נומער 27 פון די פּריסקאַ רויטע. קומט, איך וועל אייך אַרויספיהרען פון דאַנען.

איך האָב שפּעטער נאָך אַ מאָל געהערט וועגען איהם. פון זיין שטאַנדפּונקט האָט ער מיר געזאָגט דעם אמת, ווען ער האָט דערצעהלט, אַז זיי זיינען אַלע געשטאָרבען. נור איינער האָט גע־לעבט, טימאָטהי, און זיין פאָטער האָט איהם פּאַררעכענט אַלס גע־שטאָרבען, ווייל ער האָט אַריינגעטרעטען אין דיענסט פון דעם אייזערנעם קנאַפּעל'ס מערסענאַרים. (4) יעדער מיטגליעד פון די פּריסקאַ רויטע האָט זיך אונטערגענומען צו הרג'ענען צוועלף מענ־שען יעדען יאָהר. די שטראָף, אין פאַל ער טהוט עס ניט, איז געווען

דער טוידט. א מיטגליעד, וועלכער האט ניט דערגרייכט די צאהל, פלעגט זיך נעהמען דאס לעבען. די אומברענגונג פון מענשליכע לעבענס איז ניט געווען אהן אן ארדנונג. די גרופע משוגעים האט זיך אפט פארזאמעלט און האט געאורטיילט זינדיגע מיטגליעדער און דיענער פון דער אליגארכיע. די הינריכטונגען פלעגען דער־נאך צוטיילט ווערען דורך א גורל.

אייגענטליך, איז מיין אנגעלעגענהייט יענעם אבענד געווען אזא פראצעס. איינער פון אונזערע קאמעראדען, וועלכער האט יאהרען־לאנג געדיענט אלס א בוכהאלטער אין דעם לאקאלען קא־בינעט פון דער געהיים־פאליציי פון דעם אייזערנעם קנאפעל, האט זיך פארזינדיגט ביי די פריסקא רויטע און איז פראצעסירט געווארען. נאטירליך, איז ער ניט געווען דערביי, און זיינע ריכ־טער האבען ניט געוואוסט, אז ער איז איינער פון אונזערע קא־מעראדען. מיין שליחות איז געווען עדות צו זאגען וועגען זיין כאראקטער און אנגעבען זיין ריכטיגען נאמען. מען קען זיך פיי־לייכט וואונדערען. ווי אזוי מיר האבען זיך גאר דערוואוסט פון דער גאנצער אנגעלעגענהייט. נור עס איז געווען גאנץ פשוט. איינער פון אונזערע געהיים־אגענטען איז געווען א מיטגליעד פון די פריסקא רויטע. מיר האבען געפונען פאר נויטיג צו היטען א פריינד פונקט ווי א שונא, און די דאזיגע באנדע משוגעים איז געווען וויכטיג גענוג, אז מיר זאלען אויפפאסען אויף זיי.

נור זיך אומצוקעהרען צו פעטער דאננעלי און זיין זוהן. דאנ־נעלי האט זיך אויפגעפיהרט ריכטיג, ביז ער האט, אויפ'ן צווייטען יאהר, געפונען אין זיין בינטעל נעמען, וואס ער האט באדארפט אומברענגען, דעם נאמען פון טימאטהי דאננעלי. דאן האט זיך זיין פאמיליען־ליעבע, וועלכע איז אין איהם געווען שטארקער ענט־וויקעלט, ווי אין אנדערע, זיך ארויסגעוויזען. צו מציל זיין זוהן, האט ער אנגעפאנגען צו פארראטען זיינע חברים. טיילווייז האָ־בען זיינע פלענער געפעהלט, נור א טויל פון די פריסקא רויטע זיינען היגגעריכטעט געווארען, און די גרופע איז שיער ניט פאר־

ניכטעט געוואָרען. די איבערגעבליבענע האָבען אָפּגעצאָהלט דאָנ־נעלי דעם פאַררעטער מיט'ן טוידט.

טימאָטהי דאַננעלי האָט אויך לאַנג ניט געלעבט. די פריסקאָ רויטע האָבען זיך פארשוואָרען צו הרג'ענען איהם. די אָליגארכיע האָט אָנגעווענדעט אַלערליי מיטלען איהם צו ראַטעווען. ער איז איבערגעשיקט געוואָרען פון איין טייל פונ'ם לאַנד אין צווייטען. דריי פון די רויטע האָבען פארלאָרען זייערע לעבענס איהם צו טוידטען. די גרופּע איז באַשטאַנען בלויז פון מענער. צום סוף האָבען זיי זיך פארלאָזט אויף אַ פרוי, איינע פון אונזערע גע־נאָסינען, די זעלביגע אננא ראָולסטאַן. אונזער אינערליכער ציר־קעל האָט איהר פארבאָטען עס צו טהאָן. נאָר זי האָט געהאַט אַ פעסטען ווילען און געהאַסט דיסציפּלין. נאָך מעהר, זי איז געווען אַ געניאַלע און לעבענסווירדיגע פרוי, און מיר האָבען איהר סיי ווי סיי קיינמאָל ניט געקענט דיסציפּלינירען. זי איז געווען אַ באַזונדערע סאָרט פרוי און זיך ניט אונטערוואָרפען צו די געוועהנ־ליכע מאַסשטאַבען פון די רעוואָלוציאָנערען.

ניט אַכטענדיג, וואָס מיר האָבען איהר ענטזאַגט די ערלויב־בעניש אויסצופיהרען דעם טאַט, האָט זי פאַרטגעזעצט עס צו טהאָן. אננא ראָולסטאַן איז געווען אַ באַצויבערענדיגע פרוי. אַלעס, וואָס זי האָט באַדאַרפט טהאָן, איז ווינקען צו אַ מאַן, און עס איז געווען געננוג. זי האָט געבראָכען די הערצער פון צעהנד־ליגע פון אונזערע קאַמעראַדען, און צעהנדליגע אַנדערע האָט זי געפאַנגען און דורך זייערע ליעבע־געפיהלען — געמאַכט פאַר רע־וואָלוציאָנערען. דאָך האָט זי זיך ענטזאַגט חתונה צו האָבען. זי האָט זעהר ליעב געהאַט קינדער, נאָר זי האָט געגלויבט אַז איהר'ס אַ קינד וועט איהר אָוועקרויבען פון דעם קאַמפּף, דעם קאַמפּף פאַר דער רעוואָלוציע, פאַר וועלכען זי האָט שוין לאַנג צוריק אָפּגע־געבען איהר גאַנץ לעבען.

פאַר אננא'ן איז געווען גאַנץ לייכט צו געווינען טימאָטהי דאַננעלי'ס ליעבע. איהר געוויסען האָט איהר ניט געפּלאָגט, ווייל

פונקט צו יענער צייט האט פאסירט דער גרויסער געשווילער פאגראם, אין וועלכען די מערסענארים, אונטער דער קאמאנד פון דאננעליי׳ן האבען גע׳הרג׳עט אכט הונדערט וועבערס פון יענער שטאדט, נאר זי האט דאננעליי׳ן ניט גע׳הרג׳עט. זי האט איהם איבערגעגעבען, אלס א געפאנגענעם, צו די „פריסקא׳רויטע“. דאס האט פאסירט ערשט לעצטען יאהר, און יעצט האט מען איהר גע־געבען א נייעם נאמען. די רעוואלוציאנערען פון איבעראל רופען איהר די „רויטע בתולה“. (5)

קאלאנעל אינגראם און קאלאנעל וואן־גילבערט זיינען צוויי באקאנטע פערזאנען, וועלכע איך האב שפעטער באגעגנט. קא־לאנעל אינגראם האט דערגרייכט א הויכע שטופע אונטער דער אליגארכיע און איז געוועזען דער אמעריקאנער קאנסיל אין דייטש־לאנד. ער איז שרעקליך פארהאסט געווארען פונ׳ם פראלעטא־ריאט פון ביידע לענדער. איך האב איהם באגעגנט אין בערלין, וואו איך בין אויפגענומען געווארען אלס א פארטרויענדיגע אינ־טערנאציאנאלע שפיאנין פון דעם אייזערנעם קנאפעל און האט מיר פיעל מיטגעהאלפען. אגב אורחא, מעג איך דערמאנען, דאס אין מיין צווייענדיגע ראלע, וואס איך האב געשפיעלט, האב איך אויסגעפיהרט וויכטיגע זאכען פאר דער רעוואלוציע.

קאלאנעל וואן־גילבערט איז באריהמט געווארען אלס דער „ווארטשענדיגער“ וואן־גילבערט. זיין וויכטיגסטע אנטייל אינ׳ם אייזערנעם קנאפעל׳ס ארבייט איז געוועזען זיין מאכען די נייע געזעצען נאך דער שיקאגא׳ר קאמונע. נאר נאך פאר דעם, אלס ריכטער, האט ער זיך פארדיענט טוידט־שטראף פאר זיין טייפעלשער שלעכטקייט. איך בין געוועזען איינע פון די, וואס האבען איהם פראצעסירט. אננא ראולסטאן האט אויסגעפיהרט דעם אורטייל.

נאך איין פיגור פונ׳ם אלטען לעבען וואכט אויף אין מיין זכרון — דזשעקסאן׳ס אדוואקאט. איהם, דזשאזעף הוירד, האב איך זיכער ניט ערווארט צו זעהן. עס איז געוועזען א מאדנע בא־

געגעניש. שפּעט ביי־נאַכט, צוויי יאָהר נאָך דער שיקאַגאָ׳ר קאָמונע, בין איך און ערנסט צוזאַמען פאַרפאָהרען אין דעם בענטאָן שוץ־פּלאַץ. דער פּלאַץ איז געווען אין מישיגען פון יענער זייט אַזערע פון שיקאַגאָ. מיר זיינען אָנגעקומען פּונקט ביים ענד פּראָצעס פון אַ שפּיאָן. טוידט־שטראַף איז געווען דער אורטייל, און מען האָט איהם געהאַלטען ביי אוועקפיהרען. דאָס איז געווען די סצענע, ווען איך בין אַריינגעקומען. איכ׳ם נעקסטען מאָנאַט האָט זיך דער אומגליקליכער מענש אַרויסגעריסען פון די, וואָס האָבען איהם געהאַלטען, און זיך אַנידער געוואָרפען פאַר מיינע פיס. און מיט זיינע אָרעמס אַרום מיינע קניה, ווי צוויי אייזערנע צוואַנגען, האָט ער מיך געבעטען פאַר רחמנות. פון אַלע שרעקליכע זאַכען, וואָס איך האָב ביינעוואוינט, האָט מיך נאָך קיין זאַך ניט צורודערט, ווי די ווילדע באַשעפעניש בעטענדיג זיך פאַר׳ן לעבען. ער איז געווען משוגע פאַרליעבט אין לעבען. עס איז געווען הארצרייסענדיג. ער האָט זיך ענטזאַגט מיך אָפּלאָזען, כאָטש אַ דוצענד קאַמעראַדען האָבען געפּרובירט איהם אָפּצורייסען פון מיר. און ווען ער איז ענדליך אוועקגעשלעפּט געוואָרען, שרייענדיג, בין איך געפאַלען צו דער ערד אין חלשות. עס איז פיעל לייכטער צו זעהן בראַווע מענשען שטאַרבען, איידער צו הערען אַ פּייגלינג זיך בעטענדיג פאַר זיין לעבען. (6)

## צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

# דער פאַרלוירענער אָליגאַרך

נאָך עראינערענדיג זיך אָן מיין אַלט לעבען, האָב איך פאַר־כאַפּט מיט איבערגיבען פּאַסירונגען פונ׳ם נייעם לעבען, וועמענס פּלאַץ קומט ערשט שפּעטער אין דער ערצעהלונג. די גרויסע באַ־פרייאונג פון אונזערע קאַמעראַדען האָט ערשט שטאַטגעפונען שפּעט אין יאָהר 1915. אָט ווי פאַרפּלאָנטערט עס איז געווען, דאָך איז דאָס דורכגעגאַנגען אָהן אַ שום אָפּהאַלט, און אַלס אַ זעהר לויבענסווערטע טאַט, וואָס האָט אונז פיעל אויפגעמונטערט און געגעבען חשק צו אַרבייטען ווייטער. פון קובא ביז קאַליפאָר־ניא, פון צעהנדליגער געפענגעענישען, מיליטערישע געפענגעענישען, טורעמס און פעסטונגען, האָבען מיר אין איין נאַכט ארויסגע־לאָזט איין און פופציג פון אונזערע צוויי און פופציג קאָנגרעסלייט, און אַ חוץ דעם אויך דריי הונדערט אַנדערע פיהרער. עס איז ניט געווען קיין איין דורכפאַל. ניט נאָר זיינען זיי אַנטלאָפען, נאָר יעדער האָט דערגרייכט זיין שוץ־פּלאַץ, ווי עס איז געפּלאַנט געוואָרען. דער איינציגער קאַמעראַד־קאָנגרעסמאַן, וואָס מיר האָ־בען ניט ארויסגעקראָגען, איז געווען אַרטהור סימפּסאָן, און ער איז שוין געשטאָרבען לאַנג צוריק פון די שרעקליכע יסורים, וואָס זיי האָבען איהם אָנגעטהאָן.

די אַכטצעהן מאָנאַטען, וואָס האָבען נאָכגעפאָלגט, זיינען פיי־לייכט געווען די גליקליכסטע אין מיין לעבען מיט ערנסט׳ן. דורך יענער צייט זיינען מיר קיינמאָל ניט געווען צושיידט. שפּעטער, ווען מיר זיינען צוריק געגאַנגען צו דער אויסערליכער וועלט, זיינען מיר געווען זעהר פיעל אָפּגעזונדערט. איך ערוואַרט יעצט

ניט מעהר אזוי ליידענשאפטליך דעם אויסברוך פון דער מארגענ־דיגער רעוואלוציע, ווי איך האב יענע נאכט ערווארט ערנסט'ס אנקומען. איך האב איהם שוין אזוי לאנג ניט געזעהן, און דער געדאנק, אז פון וועלכען עס איז אפהאלט אדער פארזעהן אין אונזערע פלענער, וועט איהם פיקייכט צוריק האלטען אין זיין געפענגעניש, האט מיך שיער משוגע געמאכט. די שטונדען האָ־בען זיך געצויגען לאנגזאם, ווי גאנצע דורות. איך בין געווען איינע אליין. ביערדענבארד און דריי יונגע־לייט, וואס האבען דאן געווארט אינ'ם שוץ־פלאץ, זיינען ארומגעגאנגען איבער די בערג, שווער באוואפענט און גרייט פאר אלעם. די שוץ־פלעצער איבער'ן גאנצען לאנד האבען געמוזט פוסטעווען אין יענער נאכט.

פונקט ווען דער הימעל איז בלייך געווארען מיט'ן ערשטען בראך פון טאג, האב איך געהערט דעם סיגנאל פון אויבען און האב געגעבען דעם ענטפער. אין דער פינסטערניש האב איך שיער ארומגעארעמט ביערענבארד'ן, וועלכער איז צוערשט ארונ־טערגעקומען; נאר אינ'ם נעקסטען מאמענט בין איך געווען אין ערנסט'ס ארעמס. אין יענעם מאמענט, אזוי גרויס איז געווען מיין איבערבייט, האב איך ענטדעקט, אז עס איז מיר אנגעקומען מיט פיעל אנשטרענגונג, צו זיין די אלטע עווים עווער־הארד, מיט די אלטע מאניערען און שמייכלען, פראזען און באַ־טאנונגען. איך האב ווירקליך בארארפט זיך שטארק אנשטרענגען אנצוהאלטען מיין אלטע אינדיווידואליטעט; איך האב זיך ניט געקענט ערלויבען צו פארגעסען זיך פאר א מינוט, אזוי אויטאָ־מאטיש איז מיין נייע פערזענליכקייט, וואס איך האב באשאפען, געווען.

ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין אונזער כאלופקע, האב איך ערשט דערזעהן ערנסט'ס פנים. א חוץ די געפענגעניש־בלייב־קייט, האט ער זיך ניט געביטען — אמווענינגסטען, ניט זעהר פיעל. ער איז געווען דער זעלבער ליעבהאבער, מאן און העלד. און דאך האבען זיך געוויזען באשטימטע לאנגע ליניען אויף זיין

פנים. נאר עס האט ניט אויסגעמאכט, ווייל עס האט צוגעגעבן א נאבעלע עדעלקייט צו זיין פנים, וואס האט אימער געשפריצט מיט לעבען. ער איז פיליכט געווען א ביסעל טרויעריגער ווי א מאל, נאר דער גלאנציגער געלעכטער איז נאך אלץ געווען אין זיינע אויגען. ער האט געוואויגען צוואנציג פונט וועניגער, נאר ער איז געווען פריש און געזונד. ער האט אנגעהאלטען זיינע גימנאסטישע איבונגען די גאנצע צייט, וואס ער איז געווען פארשפארט, און זיינע מוסקולען זיינען געווען ווי אייזען. דעם אמת זאגענדיג, איז ער געווען אין א בעסערען צושטאנד, ארויסקומענדיג פון פריזאן, ווי ווען ער איז אריינגעגאנגען. שטונדען זיינען פאראיבער איידער זיין קאפ האט באריהרט דאס קישען און איך האב איהם בארוהיגט, ער זאל קענען איינשלאפען. נאר איך האב ניט געקענט איינשלאפען. איך בין געווען צו גליקליך, און איך בין ניט געווען מיעד פון אנטלויפען פון געפענגעניש און נאכהער פאהרען רייטענדיג.

בעת ערנסט איז געשלאפען, האב איך זיך איבערגעקליידט, פארקעמט מיינע האר אנדערש, און בין ווידער געווארען אן אנדערער, אויטאמאטישער איך. דאן, ווען ביעדענבארד און די אנדערע גענאסען זיינען אויפגעשטאנען, האב איך מיט זיי אפגעמאכט א שטיקעל קאנספיראציע. אלעס איז געווען פארטיג און מיר זיינען געווען אינ׳ם הויל־צימער, וואס מיר האבען גענוצט אלס קיך און עס־צימער, ווען ערנסט האט געעפענט די טיר און איז אריינגעקומען. אין יענעם מאמענט האט מיך ביעדענבארד גערופען ביים נאמען מערי, און איך האב זיך אויסגעדרעהט און איהם געענטפערט. דאן האב איך געקוקט אויף ערנסט׳ן מיט א גרויסער קוריאזיטעט, פונקט ווי א יונגע גענאסין וואלט ארויסגעוויזען ביים ערשטען מאל זעהן אזא באריהמטען העלד פון דער רעוואלוציע. נאר ערנסט׳ס בליק איז געפאלען אויף מיר און ער האט אונגעדולדיג געקוקט ארום דעם צימער. אינ׳ם נעקסטען מאמענט האט מען מיך פארגעשטעלט פאר איהם אלס מערי האלמס.

צו פאַרפאַלקאָמענען די נאַרעריי, האָבען מיר אַוועקגעשטעלט אַן עקסטרא טעלער, און ווען מיר האָבען זיך אַלע געזעצט ביים טיש, איז איין שטוהל געבליבען לעדיג. איך האָב געפיהלט ווי אויסצושרייען פון פרייד, ווען איך האָב באַמערקט ערנסט׳ן ווערען אונרוהיג און מעהר אונגעדולדיג. ענדליך האָט ער אויך שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען.

— וואו איז מיין פרוי? — האָט ער טעמפּ געפרעגט.

— זי שלאָפט נאָך, — האָב איך געענטפערט.

דאָס איז געווען די אינטערעסאַנטסטע מינוט. מיין שטימע איז געווען אַ גאַנץ פרעמדע און ער האָט ניט געפונען קיין באַקאַנטעס אין איהר. מיר האָבען געגומען עסען, איך האָב גערעדט זעהר פיעל און ענטוזיאַסטיש, פּונקט ווי איינע, וועלכע פאַרגעטערט אַ העלד, דאַרף רעדען, און עס איז געווען גאַנץ קלאָר, אַז ער האָט אויסגעקוקט ביי מיר ווי אַ העלד. איך האָב דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון ענטוזיאַזם און פאַרגעטערונג, און, נאָך איידער ער האָט געקענט טרעפען, וואָס איך האָב ברעה צו טהאָן, האָב איך איהם געהאַלזט און געקושט אין די ליפּען. ער האָט מיך צוריק געהאַלטען פון זיך מיט זיינע אָרעמס און האָט זיך ארומגעקוקט געערגערט און ווי אין אַ פאַרלעגענהייט. די פּאָר מענער האָבען אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער, און מיר האָבען איהם אַלעס ערקלערט. פון אָנפאַנג איז ער געווען סקעפּטיש. ער האָט אויסגעפאָרשט מיין געזיכט און האָט זיך שוין כמעט איבערצייגט, נאָך דאַן האָט ער אַ טרייסעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און האָט אונז ניט געוואָלט גלויבען. ניט ביז וואַנען איך בין געוואָרען די אַלטע עווים עווערהאַרד און האָב איהם אריינגעשושקעט אין אויער סודות, וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט אויסער איהם און עווים עווערהאַרד, האָט ער מיך אָנגענומען אַלס זיין ריכטיגע פרוי.

שפּעטער בייטאָג־צו האָט ער מיך אריינגענומען אין זיינע אָרעמס, ארויסצייגענדיג זיך אין אַ גרויסער פאַרלעגענהייט און באַשולדיגענדיג זיך אין פּאָליגאַמי (פיעל־ווייבעריי).

— דו ביזט מיין עווים, האט ער געזאגט, — און דו ביזט אויך אימיצער אנדערש. דו ביזט צוויי פרויען, און דערפאר ביזטו מיין הארעם. יערענפאלס זיינען מיר זיבער יעצט. אויב די פאראייניגטע שטאאטען וועלען ניט זיין גוט גענוג פאר אונז, האב איך שוין ארויסגעצייגט, אז איך קען זיין א גוטער און ניצ־ליכער בירגער אין טערקיי. (1)

מיין לעבען פון דאן אן איז געווען א זעהר גליקליכער די גאנצע צייט, וואס מיר זיינען געווען אינ'ם שוץ־פלאץ. עס איז אמת, מיר האבען שווער געארבייט און זעהר לאנגע שטונדען; נאר מיר האבען צוזאמען געארבייט. מיר זיינען געווען צוזאמען אכטצעהן לאנגע מאנאטען, און מיר האבען זיך קיינמאל ניט גע־פיהלט עלענד, ווייל עס זיינען אימער אנגעקומען און אוועקגע־גאנגען פיהרער און גענאסען — מאדנע שטימען פון דער אינטרי־גישער און רעוואלוציאנערער אונטערוועלט, דערצעהלענדיג נאך זעהר מאדנע געשיכטען פון שטרייטיגקייטען און מלחמות פון אונזערע קאמפפס־רייהען. און עס איז אויך געווען פיעל שפאסיגס און פרעהליכס. מיר זיינען ניט געווען בלויז טרויעריגע, דער־שלאגענע קאנספיראטארס. מיר האבען שווער געארבייט און שרעקליך געליטען. מיר האבען צורעכט געמאכט די שפאלטען אין אונזערע רייהען, און באטש ארבייטענדיג שווער און שפיעלענדיג זיך מיט'ן טוידט יעדע סעקונדע, האבען מיר דאך געפונען צייט צו לאכען און צו ליעבען. עס האבען זיך געפונען צווישען אונז ארטיסטען, וויסענשאפטס־לייט, סטודענטען, מוזיקער און פאע־טען; און אין די לעבער אונטער דער ערד איז די קולטור גע־שטאנען העבער ווי אין די פאלאצען פון די וואונדער־שטעדט. דער אמת איז, דאס פיעל פון אונזערע גענאסען האבען געאר־בייט ביים פארשעהנערען די פאלאצען אין די וואונדער־שטעדט. (2)

מיר זיינען אפילו ניט געווען פארשפארט אינ'ם שוץ־פלאץ די גאנצע צייט. מיר פלעגען גאנץ אפט ארומפאהרען ביינאכט איבער די בערג, און מיר פלעגען פאהרען אויף וויקסאן'ס פערד.

אויב ער זאל נאר געווען וויסען וויפיעל רעוואלוציאנערען זיינע פערד האבען איבערגעפיהרט! מיר פלעגען זאגאר געהן צו פיק־ניקס, וואס מיר האבען געהאלטען אויף איינזאמע פלעצער, פון וועלכע מיר האבען געוואוסט, און וואו מיר פלעגען בלייבען א גאנצען טאג, געהענדיג אהין איידער עס איז טאג געווארען, און זיך אומקעהרענדיג, ווען עס איז פינסטער געווען. מיר פלעגען אויך פארברויכען וויקסאן'ס סמעטענע און פוטער. (3) און ערנסט האט זיך זאגאר ערלויבט צו שיסען זיינע וואכטלען און קראליקעס, און פיעל מאל אויך א יונגען הירש.

און עס איז ווירקליך געווען א זיכערער שוץ־פלאץ. איך האב געזאגט, אז עס איז בלויז איין מאל ענטדעקט געווארען, און דאס ברענגט מיך ארויף אויפ'ן ענין פון דער פארשווינדונג פונ'ם יונגען וויקסאנ'ען, און, אגב אורחא, וועל איך שוין אויך ערקלערען דעם סוד פון זיין פארשווינדונג. יעצט, אז ער איז שוין טוידט, מעג איך שוין רעדען וועגען דעם. עס איז געווען איין ווינקעל אין לאך, וואו די זון האט געשיינט עטליכע שטונדען און וואס איז דאך געווען פארשטעלט פון אויבען. אהערצו האבען מיר געבראכט פיעל זאמד פונ'ם גרונד פון שטראם, וועלכעס איז אויסגעטריקענט געווארען, און עס איז געווען א פיין פלאץ זיך צו וואַרימען אין דער זון; און דא בין איך איין נאכמיטאג געזעסען, האלב איינדרימלענדיג, איבער א בוך פון מענדעלהאל. (4) איך האב זיך געפיהלט אזוי באקוועם און זיכער, דאס אפילו זיינע פלאמענדע ליעדער האבען מיך ניט אויפגערודערט.

איך האב זיך אויפגעכאפט, ווען א שטיק ערד איז געפאלען לעבען מיינע פיס. דאן האב איך געהערט פון אויבען, ווי איינער דראפעט זיך. אינ'ם נעקסטען מאמענט האט א יונגער־מאן אראפ־געגליטשט זיך פון דער פאלענדער וואנט און איז געבליבען ליגען פאר מיינע פיס. עס איז געווען פיליפ וויקסאן, כאטש צו יענער צייט האב איך עס ניט געוואוסט. ער האט אויף מיר געקוקט גאנץ קאלטבלוטיג און האט צוגעפייפט פון איבערראשונג.

— נו, — האָט ער געזאָגט אינ׳ם נעקסטען מאָמענט, האַל־טענדיג זיין היטעל אין די הענט, — איך בעט פאַרצייהונג. איך האָב ניט ערוואַרטעט צו געפינען דאָ אימיצען.

— איך בין אָבער ניט געווען אַזוי קאַלט און איבערלעגט. איך בין נאָך געווען אַן אָנפאַנגער וואָס אנבאַלאַנגט וויסען, ווי זיך צו באַנעהמען אונטער פאַרצווייפלענדיגע אומשטענדען. שפּעטער, ווען איך בין געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער שפּיאָן, וואָלט איך זיכער ניט געווען אַזוי אומגעלומפּערט. נור דאָס מאָל בין איך גלייך אויפגעשטאַנען און האָב אויסגעשריען דעם געפאַהר־סיגנאַל.

— ווארום האָט איהר דאָס געטהאָן? — האָט ער געפרעגט, קוקענדיג אויף מיר זעהר פאַרשענד.

עס איז געווען אויגענשיינליך, אַז ער האָט ניט פאַרדעכטיגט אונזער אנוועזענהייט אין דעם פּלאַץ. איך האָב געפיהלט פיעל ערלייכטערט, ווען איך האָב דאָס אנערקענט.

— ווארום, דענקט איהר, האָב איך דאָס געטהאָן? — האָב איך איהם געפרעגט. איך בין ווירקליך געווען אומגעלומפּערט אין יענע צייטען.

— איך וויים ניט, — האָט ער געענטפערט, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ, — סיידען איהר האָט דאָ פריינד ערגעץ. ווי עס איז, איהר זייט מיר שולדיג אַן ערקלערונג. מיר געפעלט ניט זעהר דער עסק. איהר געפינט זיך דאָ נעגען געזעץ. דאָס איז מיין פאָטער׳ס לאַנד, און —

נור אין דעם מאָמענט האָט ביערדענבאַרד, וואָס איז אימער־צו געווען העפליך און עדעל, געזאָגט פון הינטער איהם, זעהר שטיל: — „הויבט אויף אייערע הענט, מיין יונגער הערר.“

דער יונגער וויקסאָן האָט פריהער אויפגעהויבען זיינע הענט, דאַן האָט ער זיך אומגעדרעהט מיט זיין פּנים צו בידענבאַרד׳ן, וועלכער האָט געהאַלטען אַ דריי־און־דרייסיג אויטאָמאַטישען ביקס געציעלט געגען איהם. וויקסאָן איז ניט געווען קיין איבערגע־שראָקענער חברה־מאַן.

— אָה, אָה, — האָט ער געזאָגט, — אַ נעסט פון רעוואָ־לוציאָנערען — און ווי עס ווייזט אויס, נאָך גאַנץ פרעכע חברה אויך. נו, איהר וועט דאָ לאַנג ניט וואוינען, פאַרזיכער איך אייך.

— פיליייכט וועט איהר דאָ וואוינען לאַנג גענוג צוריק צו נעהמען די באַשטעטיגונג אייערע, — האָט ביערענבאַרד שטיל גע־ענטפערט. — און דערווייל מוז איך אייך בעטען אריינצוגעהן מיט מיר אינוועניג.

— אינוועניג ? ? — דער יונגערמאַן איז זיכער ערשטוינט געוואָרען. — האָט איהר דאָ אַן אונטער־אירדיש וואוינונג ? איך האָב געהערט פון אַזעלכע זאַכען.

— קומט און איהר וועט זעהן, — האָט ביערענבאַרד גע־זאָגט מיט זיין פראַכטפולען אַקצענט.

— אָבער עס איז דאָך אומגעזעצליך ! — האָט ער פראָטעס־טירט.

— יאָ, לויט אייער געזעץ, — האָט דער טעראָריסט געענט־פערט באַדייטונגספול, — נור לויט אונזער געזעץ, גלויבט מיר, איז עס העכסט געזעצליך. איהר מוזט זיך צוגעוואוינען צום פאַקט, דאָס איהר זייט אין אַן אַנדער וועלט פון יענער וועלט פון אונטערדריקונג און ברוטאַליטעט, אין וועלכער איהר האָט געלעבט.

— וועגען דער באַשטעטיגונג אייערע איז נאָך דאָ וואָס צו דעבאַטירען, — האָט וויקסאָן אַרויסגעמורמעלט.

— אויב אַזוי, פאַרבלייבט־זשע מיט אונז און דיסקוטירט עס.

דער יונגער־מאַן האָט געלאַכט און האָט נאָכגעפאָלגט זיין פאַנגער אין הויז אריין. מען האָט איהם אריינגעפיהרט אין דעם אינוועניגסטען הויל־צימער, און איינער פון די יונגע קאַמעראַדען איז געבליבען איהם צו היטען, בעת מיר האָבען דיסקוטירט די אַנגעלעגענהייט אין קיך.

ביערענבאַרד, מיט טרערען אין די אויגען, האָט געהאַלטען, אַז ער מוז שטאַרבען, און האָט זיךווירקליך געפיהלט לייכטער, ווען מיר אַלע האָבען געשטימט געגען זיין פאָרשלאָג. מיר האָבען

אָבער אפילו ניט געקענט טראַכטען פון לאָזען דעם יונגען אַליגאַרך צוריק אהיים געהן.

— איך וועל אייך זאָגען, וואָס מיר וועלען טהאָן, — האָט ערנסט געזאָגט. —מיר וועלען איהם דאָ האַלטען און מיר וועלען איהם אויסבילדען.

— אויב אזוי, וויל איך די פּריווילעגיע פון בילדען איהם אין יוריספּרודענץ, — האָט ביעדענבאַרד אויסגעשריען.

און אזוי האָבען מיר לאַכענדיג באַשלאָסען, וואָס צו טהאָן. מיר וועלען האַלטען פיליפּ וויקסאָן א געפאַנגענעם און איהם אויס־בילדען אין אונזער מאָראַל און סאָציאָלאָגיע. נור דערוויייל איז געווען זעהר פיעל ארבייט פאַר אונז. אַלע שפּורען פונ׳ם יונגען אַליגאַרך מוזען אָפּגעווישט ווערען. עס זיינען געווען סימנים, וואָס ער האָט געמאַכט, אראָפּשטייגענדיג אויף דער פאַלענדער וואַנט. די ארבייט איז אויסגעפאַלען אויף ביעדענבאַרד׳ן, און, הענגענדיג אויף א שטריק פון אויבען, האָט ער געאַרבייט א גאַנ־צען טאָג ביז קיין סימן איז ניט געבליבען. צוריק־צו־וועגס פונ׳ם לאַך דורכ׳ן גאַנצען טייל זיינען אויך אַלע סמנים פארשוואונדען געוואָרען. דאַן פאַר־נאַכט צו, איז געקומען דזשאהן קאַרלסאָן, וועלכער האָט פאַרלאַנגט וויקסאָן׳ס שיך.

דער יונגער־מאַן האָט ניט געוואָלט גיבען די שיך, און האָט אפילו געוואָלט פאַרפיהרען א געשלעג, ביז ער האָט דערפיהלט דעם שמיעד׳ס קראַפט אין ערנסט׳ס הענט. קאַרלסאָן האָט אונז דער־נאָך געוויזען עטליכע בלאָטערען און פיעל אָפּגעקראָבענע הויט פון די קליינע שיך זיינע, נור ער האָט געטהאָן בראַווע ארבייט מיט זיי. צוריק פונ׳ם מויל פון לאַך, וואו עס האָט זיך געענדיגט דעם יונגען־מאַן׳ס פאַרדעקטער סליאַד, האָט קאַרלסאָן אָנגעטהאָן יענע שיך און איז אוועקגעגאַנגען מיט זיי לינקס. ער איז אָפּגעגאַנגען מיילען ווייט, ארום בערגלעך, איבער בערג און דורך טאָלען, און ענדליך האָט ער פאַרדעקט דעם סליאַד אינ׳ם טייך. דאָ האָט ער

אראָפּגענומען די שיף, און נאָך אַלץ באַהאַלטענדיג דעם סליאַד פאר אַ שטרעקע, האָט ער ענדליך אָנגעטהאָן זיינע שיף.

יענע נאַכט זיינען די הינט געווען וואַך, און מיר אינ׳ם שוץ־פּלאַץ זיינען ניט געשלאָפען. אויפ׳ן צווייטען טאָג זיינען די ביי־לענדיגע יאַגד־הינט אַרונטערגעלאָפען אין טאָל, זיך אָוועקגעלאָזט לינקס אויפ׳ן סליאַד, וואָס קאַרלסאָן האָט אויסגעטראָטען פאר זיי, און דאָן האָבען זיי זיך געהערט פון ווייטענס אין די ווייטערע טיילען העכער אויפ׳ן באַרג. און די גאַנצע צייט האָבען אונזערע מענער אין שוץ־פּלאַץ געוואַרט, די וואפען אין זייערע הענט — אויטאָמאַטישע רעוואָלווערען און ביקסען, שוין ניט רעדענדיג פון אַ האַלב דוצענד באָמבעס, וואָס ביערדענבאַרד האָט געמאַכט. די רעטענדיגע פּאַרטיי, וואָס האָט איהם געזוכט, וואָלט געווען העכסט איבערראַשט, ווען זיי קומען אַרונטער אין אונזער באַהעלטעניש־פּלאַץ.

איך האָב איבערגעגעבען די פאַרשווינדונג פון וויקסאָן, דעם אַמאָליגען אָליגאַרך און שפּעטערדיגען גענאָסע, פּונקט ווי זי האָט פּאַסירט. מיר האָבען איהם ענדליך באַקעהרט. זיין מוח איז נאָך געווען פריש און בויגזאַם, און בטבע איז ער געווען זעהר מאָראַליש. עטליכע מאָנאַטען שפּעטער האָבען מיר איהם געפיהרט אויף איינעם פון זיין פאָטער׳ס פערד איבער דעם סאַנאָמאַ־באַרג קיין פּעטאַלומאַ־גריק און דאָרטען איהם אויפגעזעצט אויף אַ קליין פיש־שער־שיפעל. ביסלעכווייז האָבען מיר איהם דורכגעשמוגעלט דורך אונזער אונטער־אירדישער באַהן צו דעם קאַרמעל־שוץ־פּלאַץ.

דאָרטען איז ער פאַרבּליבען אַכט מאָנאַטען, צו וועלכער צייט ער האָט אונז ניט געוואָלט פאַרלאָזען צוליעב צוויי אורזאַכען. איין אורזאַך איז געווען, וואָס ער האָט זיך פאַרליעבט אין אננא ראָולסטאָן, און די אַנדער אורזאַך איז געווען, וואָס ער איז גע־וואָרען אַן אונזעריגער. ניט ביז ער האָט זיך איבערצייגט, ווי האָפנונגסלאָז זיין ליעבע פאַר אננאַ׳ן איז, האָבען מיר גע׳פּועל׳ט ביי איהם, ער זאָל געהן צוריק צו זיין פאָטער. כלומר׳שט אַן אָלי־

גארך ביז זיין טוידט, איז ערווירקליך געווען איינער פון אונזערע
וויכטיגע אגענטען. זעהר אָפט איז דער אייזערנער קנאפעל ער־
שטוינט געוואָרען פונ'ם דורכפאל פון זייערע אונטערנעהמונגען
געגען אונז. אויב ער זאָל נור געווען וויסען וויפיעל פון זיינע
אייגענע מיטגליעדער זיינען געווען אונזערע אגענטען, וואָלט ער
יאָ פארשטאנען די דורכפאלען זיינע. דער יונגער וויקסאָן איז
געבליבען טריי זיין גאנץ לעבען. דער אמת איז, אז זיין פריהצייי־
טיגער טוידט איז איהם געקומען פון זיין טרייהייט צו ערפילען
זיינע פליכטען. אינ'ם גרויסען שטורם פון 1927, ווען ער האָט
בייגעוואוינט א פארזאמלונג פון אונזערע פיהרער, האָט ער געקראָ־
גען לונגען־ענטצינדונג, פון וואָס ער איז געשטאָרבען. (5)

### איין און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

## די ברומענדיגע אָפּגרונד־חיה

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס מיר האָבען פאַרבראַכט אינ'ם שוץ־פּלאַץ, זיינען מיר געשטאַנען אין אַ זעהר נאָהענטער פאַרבינדונג מיט דער אויסערער וועלט, און מיר האָבען זיך געגוי דערוויסט וועגען דער מאַכט פון דער אָליגאַרכיע, מיט וועלכער מיר האָבען מלחמה געהאַלטען. פון דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד זיינען אַרויסגעשפּרונגען נייע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבען געקראָגען אַ באַשטימטען אויסזעהן און האָבען אויסגעוויזען זיך צו באַפעסטיגען און זייער עקזיסטענץ איז געווען ווי פאַרזיכערט. די אָליגאַרכיען האָבען געהאַט ערפאָלג אין זייער אויפבויען פון אַ נייער רעגיערונגס־מאַשין, אַ פּאַרפּלאָנטערטע, אַ גרויסע, נור וואָס האָט געאַרבייט גלאַט — כאָטש מיר האָבען זיך באַנוצט מיט אַלערליי מיטלען זיי צו שטערען און קאַליע צו מאַכען די מאַשינערי.

דאָס איז געווען אַן איבעררעאַשונג פאַר פיעל רעוואָלוציאָנערען. זיי האָבען זיך עס ניט אויסגעמאָהלען, אַלס אַ מעגליכקייט. פונדעסטוועגען איז די אַרבייט איבער'ן גאַנצען לאַנג אָנגעגאַנגען. די מענער האָבען געאַרבייט אויף די פעלדער און אין די מינען — צוגעגעבען, אַז זיי זיינען געווען ניט מעהר ווי שקלאַפען. וואָס אַנבאַלאַנגט די וויכטיגסטע אינדוסטריען, זיינען זיי געווען אין אַ גלענצענדען צושטאַנד. די מיטגליעדער פון די גרויסע אַרבייטער־קליקעס זיינען געווען צופריעדען און האָבען געאַרבייט אונגעשטערט. צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען האָבען זיי פאַרזוכט אינדוסטריעלען שלום. זיי האָבען זיך מעהר ניט באַדאַרפט זאָרגען

ווענגען לײדיג ארומגעהן, סטרייקס און זיין אויסגעשלאָסען פון דער ארבייט, און די יוניאָן־לייבעלס. זיי האָבען געוואוינט אין באַקוועמע הייזער און אין זייערע אייגענע פיינע שטעדט — פיין אין פארגלייך מיט די גהעטאָס און שמוציגע קווארטאַלען, אין וועלכע זיי האָבען פריהער געוואוינט. זיי האָבען געהאַט בעסערע שפּייז צום עסען, וועניגער ארבייטס־שטונדען, מעהר ימים־טובים, און א גרעסערע צאָהל פארגעניגענס און פארשיעדענע אינטערעסען. און פאר זייערע אומגליקליכע ברידער און שוועסטער, די אונאויסדערוועהלטע ארבייטער, די געטריבענע אָפּגרונד־שקלאַפען, האָבען זיי זיך וועניג וואָס געערגערט. אָן עפּאָך פון עגאָאיזם האָט זיך אָנגערוקט אויף דער מענשהייט. די ארבייטער־קליקעס זיינען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט אונזערע אגענטען — מענשען, וועמענס אויגען האָבען געזעהן פיעל ווייטער פון זייערע מאַטעריעלע אינטערעסען, די שטראַהלענדיגע פיגור פון פרייהייט און ברודערשאַפט.

אָן אַנדער גרויסע אינסטיטוציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען און האָט געארבייט גלאַט, איז געווען די מערסענאַרים. די קערפּערשאַפט, באשטעהענדיג פון סאָלדאַטען, איז ענטוויקעלט געוואָרען פון דער אמאָליגער רעגולער ארמעע און האָט יעצט געצעהלט א מיליאָן מיטגליעדער, שוין ניט רעדענדיג פון די קאָלאָניאַלע סאָלדאַטען. די מערסענאַרים זיינען געווען כמעט א באַזונדערע ראַסע. זיי האָבען געוואוינט אין זייערע אייגענע שטעדט, וועלכע זיינען געווען כמעט זעלבסט־רעגיערענדיג, און זיי האָבען געקראָגען פיעל ספּעציעלע פּריווילעגיען. זיי האָבען פארברויכט א גרויסען טייל פונ'ם איבערפלוס. זיי האָבען פארלאָרען זייער גאַנצע סימפּאַטיע פאר די איבעריגע מענשען און זיינען מיט זיי ניט געקומען אין באריהרונג, און זיי האָבען אפילו ענטוויקעלט זייערע אייגענע קלאַס־מאָראַל און געוויסען. און דאָך האָבען מיר געהאַט טויזענטער אגענטען אונזערע צווישען זיי. (1)

די אָליגארכיען זעלבסט זיינען דורכגעגאַנגען דורך א וואונדערבאַרער און, מען מוז מודה זיין, אונערוואַרטעטער שטופּע פון

ענטוויקלונג. אַלס אַ קלאַס האָבען זיי זיך דיסציפּלינירט. יעדער מיטגליעד האָט געהאַט זיין ארבייט צו טהאָן אין דער וועלט און ער איז געווען געצוואונגען עס צו טהאָן. עס זיינען מעהר ניט געווען קיין רייכע פוסט־און־פּאַסטניקעס. זייער מאַכט איז אויסגענוצט געוואָרען צו געבען אַ פּאַראייניגטע מאַכט צו דער אָליגאַרכיע. זיי האָבען געדיענט אַלס פיהרער פון דער ארמעע, ליוטענאַנטען און קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע. זיי האָבען געמאַכט קאַריערעס אין די פּראַקטישע וויסענשאַפטען און פיעל פון זייערע זיינען געוואָרען גרויסע אינזשיניערען. זיי האָבען פאַרפּלייצט די טויזענטער רעגיערונגס־אַפּטיילונגען. זיי האָבען געדיענט דער רעגיערונג אין די פאַרשיעדענע קאָלאָניעס, וואָס האָבען יעצט באַלאַנגט צום לאַנד, און צעהנדליגע טויזענטער פון זיי האָבען געדיענט אין די פאַרשיעדענע געהיימע אָרגאַניזאַציעס. איך קען זאָגען, אַז זיי האָבען זיך אָפּגעגעבען צו בילדונג, דער קירך, וויסענשאַפט, און ליטעראַטור; און ארבייטענדיג אויף די געביעטען, האָבען זיי געטהאָן די וויכטיגע ארבייט פון געבען די ריכטונג צום נאַציאָנאַלען געדאַנקען־פּראָצעס צו פאַראייביגען די אָליגאַרכישע סיסטעם.

מען האָט זיי געלערענט, און נאַכהער האָבען זיי געלערענט אַנדערע, אַז וואָס זיי האָבען געטהאָן, איז רעכט. זיי האָבען איינגעזאַפּט די אידעע פון אריסטאָקראַטיזם אַזוי שנעל, ווי זיי האָבען, אַלס קינדער, אָנגעפאַנגען קריגען אַ באַגריף פון דער אויסערליכער וועלט. די אריסטאָקראַטישע אידעע איז אַזוי שטאַרק איינגעפלאַנצט געוואָרען אין זיי, ביז זי איז געוואָרען אַ טייל פון זייער בלוט און פלייש. זיי האָבען זיך זעלבסט בעטראַכט אַלס ערציהער און הערשער פון ווילדע חיות. אונטער זיי האָט זיך אימער געהערט דער אונטער־אירדישער ברומען פון דער רעוואָלוציע. אַ פריהצייטיגער טויט האָט אימער־צו געלויערט אויף זיי. באָמבע, מעסער און קויל זיינען באַטראַכט געוואָרען אַלס די צייהן פון דער ברומענדיגער חיה פונ׳ם אָפּגרונד, וואָס זיי מוזען

באהערשען כדי די מענשהייט זאל קענען עקזיסטירען. זיי זיינען געווען די רעטערס פון דער געזעלשאפט, און זיי האבען זיך באַטראכט אלס העלדען און אויפאָפּפּערענדיגע ארבייטער פאר׳ן וואוילזיין פון דער געזעלשאפט.

זיי, אלס א קלאס, האבען געגלויבט, אז בלויז זיי האלטען אויף די ציוויליזאציע. זיי האבען געגלויבט, אז אויב זיי וועלען ווען עס איז שוואך ווערען, וועט די גרויסע חיה ווארפען אין אבגרונד זיי און אלעס, וואס איז גוט, שעהן, וואונדערבאר און לעבהאפט. אהן זיי וואלט אנארכיע געקראגען די אויבערהאנד און די מענשהייט וואלט צוריקגעזונקען אין דער פארצייטיגער פינסטערניש, פון וועלכער זי האט זיך מיט אזא מאטערניש ארויסגעדראפעט. דאס שוידערליכע בילד פון אנארכיע איז אימער צו געהאלטען געוואָרען פאר זייערע קינדער׳ס אויגען, ביז זיי, אנגעשראקענע פון דעם בילד, האבען עס אויך געהאלטען פאר זייערע קינדער. דאס איז געווען די חיה, וועלכע מען דארף טרעטען מיט די פיס, און די העכסטע פליכט פונ׳ם אריסטאקראט איז געווען צו טרעטען אויף איהר. אין קורצען, זיי, בלויז זיי, מיט זייער אונערמידליכער ארבייט און אויפאָפּפּערונג, זיינען געשטאנען צווישען דער שוואכער מענשהייט און דער פרעסענדער חיה; און זיי האבען עס געגלויבט, באשטימט געגלויבט אין דעם.

איך קען ניט אנדייטען צופיעל די וויכטיגקייט פון דיזען מאָראלען אנזיכט פון דער אליגארכישער קלאס. אין דעם איז געלעגען די מאכט פונ׳ם אייזערנעם קנאפעל, און צופיעל פון אונזערע גענאָסען האבען דאס אָדער לאנגזאם אנערקענט אָדער גאָר אינגאנצען עס ניט אנערקענט. פיעל פון זיי האבען געדענקט, דאס די מאכט פונ׳ם אייזערנעם קנאפעל ליעגט אין דער סיסטעם פון באלוינונג און באשטראפונג. דאס איז א טעות. גן־עדן און גיהנם קענען פיליכט זיין די הויפט־פאקטאָרען אינ׳ם רעליגיעזען פאנאַטיזם; נור פאר דער גרויסער מאסע רעליגיעזע זיינען דער גיהנום און גן־עדן פון קליינער וויכטיגקייט און זיי האבען א העכערען באַ־

גריף פון גוטס און שלעכטס. די ליעבע צו גערעכטיגקייט, א וואונש צו טהאָן וואָס רעכט איז, אונצופריעדענהייט מיט אונרעכט — אין קורצען, ריכטיג אויפפיהרען זיך, איז דער הויפט־פאַקטאָר פון רעליגיע, און אזוי אויך מיט דער אָליגארכיע. געפענגעגנישען, פאַר־שיקונגען און ערנידערונגען, כבוד, פאַלאַצען און וואנדער־שטעדט זיינען בלויז צופעליגע זאכען. די גרויסע טרייבענדיגע קראַפט פון די אָליגארכיען איז דער גלויבען, דאָס זיי האָבען רעכט. מיר דארפען זיך ניט רעכענען מיט די אויסנאהמען, אויך ניט מיט דער אונטערדריקונג און אונרעכט, אין וועלכען דער אייזערנער קנאַפעל איז באַשאַפען געוואָרען. מיר גיבען צו אַלעס. דער פאַקט איז, אז די גאַנצע מאַכט פון די אָליגארכען היינט צו טאָג ליגט אין זייער צופריעדענשטעלענדיגען באגריף פון זייער אייגענעם יושר.

מען מוז צוגעבען, אז די מאַכט פון דער רעוואָלוציע דורך די גאַנצע צוואַנציג יאָהר איז אויך געוועזן צו פארדאַנקען דעם געפיהל פון גערעכטיגקייט. אנדערש קען מען ניט ערקלערען אונזער אויפ־אָפּפעריגקייט און מארטירערטום. ניט פאַר אַן אנדער אורזאַך האָט רודאָלף מענדעלהאַל אויסגעבערענט זיין נשמה פאַר דער רע־וואָלוציע און האָט געזונגען זיין ווילדען שוואַן־ליעד אין יענער לעצטער נאַכט פון זיין לעבען. ניט אוים וועלכער עס איז אנדער אורזאַך איז הולבערט געשטאָרבען מיט די שוידערליכסטע שמער־צען, ענטזאגענדיג זיך ביז צו דער לעצטער מינוט צו פארראַטען זיינע חברים. ניט אוים וועלכער אנדער אורזאַך האָט זיך אננא ראָולסאָן אָפּגעזאָגט פון גליקליכער מוטערשאַפט. ניט אוים אַן אנדער אורזאַך איז דזשאהן קאַרלאָסאָן געוועזן דער געטרייער און אונבאַלוינטער שומר פון גלען עללען שוץ־פלאַץ. עס מאַכט ניט אוים, יונג צי אַלט, מאַן אָדער פרוי, הויך אָדער נידריג, גאון אָדער פּראָסטער, זוכט וואו איהר ווילט צווישען די גענאָסען פון דער רעוואָלוציע און די איינציגע טרייבקראַפט איז געוועזן א הייסער וואונש צו טהאָן וואָס איז רעכט.

**נור איך בין אוועק אין א זייט, און וועל זיך אומקעהרען**

צו דער ערצעהלונג. ערנסט און איך האבען זעהר גוט פארשטאנען, איידער מיר האבען פארלאזט דעם שוץ־פלאץ, ווי שטארק דער אייזערנער קנאפעל האט זיך ענטוויקעלט. די ארבייטער־קליקעס, די מערסענארים, און די גרויסע מחנות געהיים־אגענטען און פארשיעדענע פאליציי־מענשען האבען אלע געשווארען טרייהייט צום אייזערנעם קנאפעל. אין אלגעמיין זיינען זיי געווען בעסער אפ, ווי פריהער, אויסער וואס זיי האבען פארלארען זייער פרייהייט. דאגעגען, אבער, האט די גרויסע מאסע, די מענשען פונ׳ם אפגרונד, געזונקען טיעפער אין דער ברוטאלער געפיללאזיגקייט און טעמפע צופריעדענהייט מיט זייערע מיזעראבלע אומשטענדען. ווי נור שטארקע פראלעטאריער האבען ארויסגעוויזען זייער מאכט איבער דער מאסע, האט זיי די אליגארכיע דערוויטערט פון דער מאסע און זיי אריינגענומען אדער אין די ארבייטער־קליקעס, אדער צווישען די מערסענארים. אזוי פלעגט אונצופריעדענהייט געשטילט ווערען און די מאסען פלעגען בארויבט ווערען פון זייערע באגאבטע פיהרער.

די אומשטענדען פון די אפגרונד־מענשען זיינען געווען שוידערליך. געוועהנליכע בילדונג, וואס אנבאלאנגט זייערע קינדער, האט אויפגעהערט צו עקזיסטירען. זיי האבען געוואוינט ווי חיות אין שמוציגע ארבייטער־גהעטאס, קוועלענדיג זיך אין ארימקייט און נויט. אלע זייערע אמאליגע פרייהייטען זיינען צוגענומען געווארען. זיי זיינען געווען ארבייטער־שקלאפען. די רעכט פון אויסקלייבען זייער ארבייט איז אויך צוגענומען געווארען פון זיי. אזוי איז אויך צוגענומען געווארען זייער רעכט איבערצוציהען זיך פון איין פלאץ צום צווייטען, אויך דאס רעכט צו זיין באוואפענט. זיי זיינען ניט געווען קיין לאנד־שקלאפען, ווי די פארמערס, נור זיי זיינען געווען מאשין־שקלאפען און ארבייטער־שקלאפען. ווען עס האט זיך געמאכט אן אויסערגעוועהנליכער געברויך פאר ארבייטער, ווי, למשל, ביים בויען פון נייע גרויסע וועגען און לופט־ליניען, קאנאלען, טונעלען, אונטעראירדישע באהנען און פעסטונ־

גען, זיינען זיי אויפגעזאַמעלט געוואָרען ווי פאַר'ן מיליטער אין די גהעטאָס, און צעהנדליגער טויזענטער שקלאַפען זיינען, העגדום־פעגדום, אוועקגעשיקט געוואָרען צום ארבייטס־פּלאַץ. גרויסע מחנות פון זייעריגע ארבייטען יעצט אין ארדים, זיי וואוינען אין שרעקליכע קאַזארמעס, וואו פאַמיליען־לעבען קען ניט עקזיסטירען, און פון אנשטענדיגקייט קען ניט דערמאָנט ווערען. עס איז אמת, אז אין דער ארבייטער־גהעטאָ ברומט די אַפּגרונד־חיה, פאַר וועלכער די אָליגארכען האָבען אזוי שטארק מורא — נור עס איז א חיה, וואָס זיי אליין האָבען באַשאַפען.

און פונקט יעצט איז ארויסגעקומען א באַפעהל צו זאַמלען שקלאַפען צו בויען אסגארד, די געפּלאַנטע וואונדער־שטאָדט, וועלכע וועט איבערשטייגען ארדים, ווען זי וועט זיין פאַרטיג. (2) מיר, רעוואָלוציאָנערען, וועלען פאָרטזעצען די ארבייט, נור זי וועט ניט געטהאָן ווערען פון אונטערדריקטע דערשלאָגענע שקלאַפען. די ווענט און די טורעמס פון יענער פראַכטפולער שטאָדט וועלען געבויט ווערען מיט געזאַנג און אין איהר שעהנקייט און וואונדערליכקייט וועט זיין אייגגעפלאַנצט ניט קיין זיפצען און קרעכצען, נור מוזיק און געלעכטער.

ערנסט איז געווען זעהר אונגעדולדיג און האָט געוואָלט ארויס אויף דער פרייער וועלט, ווייל אונזער שלים־מזל'דיגע ערשטע רעוואָלוציע, וואָס איז דורכגעפאַלען אין דער שיקאַגאָ'ר קאָמונע, האָט געהאַלטען ביים אויסברעכען, דאָך האָט ער זיך באַהערשט, און דורך דער צייט פון זיינע שרעקליכע יסורים, ווען העדלי, וועלכער איז ספּעציעל געבראַכט געוואָרען פון אילינאָאיז, האָט געמאַכט אַן אַנדער מענש פון איהם, (3) האָט ער געמאַכט פּלענער אין זיין מוח פאַר דער אָרגאַניזירונג פונ'ם געבילדעטען פּראָלעטאַריאַט, און פאַר דער אָנהאַלטונג אַמוועניגסטען פונ'ם ביסעל בילדונג, וואָס איז געבליבען צווישען די מענשען פונ'ם אַפּגרונד. די אַלע פּלענער זיינען, נאַטירליך, געווען אין פאַל די ערשטע רעוואָלוציע וועט זיין א דורכפאַל.

מיר האָבען פארלאָזט דעם שוץ־פּלאַץ אין יאנואר, 1917. אלעם איז געווען אראנזשירט. מיר האָבען גלייך אָנגענומען שטע־לען אלם אגענטען־פּראָוואָקאטארס פאר דעם אייזערנעם קנאפעל. איך האב פיגורירט אלס ערנסט׳ס שוועסטער. אָליגארכען קאמע־ראדען, וואָס זיינען געשטאנען הויך אין דער געזעלשאפט, האָבען געמאכט פּלאַץ פאר אונז, און פארשאפט אלע נויטיגע דאָקומענ־טען, און אָנגעגעבען א רעפּאָרט פון א גוטער אויפפיהרונג אין דער פארגאנגענהייט. מיט אינוועניגסטער הילף, איז דאָס ניט אָנגעקומען זעהר שווער, ווייל אין דער שאָטענדיגער וועלט פון געהיים־ארבייט איז יעדע פערזענליכקייט געווען פארדונקעלט. די אגענטען פלעגען קומען און געהן, ווי די גייסטער, פאָלגענדיג באפהלען, אויספילענדיג זייערע פליכטען, נאָכפאָלגענדיג שפּורען, אויסמאכענדיג זייערע באריכטען גאנץ אָפט צו העכערע בעאמטע, וואָס זיי האָבען פריהער קיינמאָל ניט געזעהן, אָדער זיי פלעגען ארבייטען האנד אין האנד מיט אגענטען, וועלכע זיי האָבען פריהער קיינמאָל ניט געזעהן און וועלען קיינמאָל מעהר ניט זעהן.

### צוויי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

## די שיקאַגאָ'ר קאָמונע

ניט נור האָבען מיר געקענט ארומרייזען, זייענדיג אַגענטען־פּראָוואָקאַטאָרס, נור אונזער ארבייט האָט עס געמאַכט מעגליך פאַר אונז צו קומען אין באַריהרונג מיט'ן פּראָלעטאַריאַט און מיט אונזערע קאַמעראַדען, די רעוואָלוציאָנערען. אַזוי האָבען מיר זיך געפונען אין ביידע לאַגערען צו דער זעלבער צייט, כלומר'שט אַרבייטענדיג פאַר'ן אייזערנעם קנאַפּעל און אין געהיים אַרביי־טענדיג מיט אַלע אונזערע קרעפטען פאַר דער רעוואָלוציע. פיעל פון אונזערע גענאָסען זיינען געווען באַשעפטיגט אין דער געהיים־פּאָליציי פון דער אָליגאַרכיע, און כאָטש די אָרגאַניזאַציע איז פיעל מאָל איבערגעענדערט געוואָרען און פיעל מענשען זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען, דאָך האָבען זיי קיינמאָל ניט געקענט אין גאַנצען אונז אויסראָטען.

ערנסט האָט געפּלאַנט דעם ערשטען אויפשטאַנד, און דער באַשטימטער טאָג איז געווען פריה אינ'ם פריהלינג פון יאָהר 1918. אינ'ם הערבסט פון 1917 זיינען מיר נאָך ניט געווען פאַרטיג; פיעלעס איז נאָך געבליבען צו טהאָן, און ווען די רע־וואָלוציע האָט אויסגעבראָכען פאַר דער צייט, איז זי, נאַטירליך, דורכגעפאַלען. די פּלענער זיינען, נויטווענדיגערווייז, געווען פאַר־פּלאָנטערט, און יעדע זאַך, געטהאָן פאַר דער צייט, וואָלט זיכער אַלעס קאַליע געמאַכט. דער אייזערנער קנאַפּעל האָט דאָס אויך אנערקענט און האָט אויסגעאַרבייט זיינע פּלענער לויט די אויס־זיכטען.

מיר האָבען געפּלאַנט צו געבען דעם ערשטען קלאַפּ דער נערוועןְ־סיסטעם פון דער אָליגאַרכיע. די פּלוטאָקראַטען האָבען געדענקט דעם גענעראַל־סטרייק און האָבען זיך געהיט פון אַ מעגליכקייט פון דעם אויפשטאַנד פון טעלעגראַפּיסטען דורך דעם בויען פון דראָטלאָזע סטאַנציעס, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דער קאָנטראָל פון מערסענאַרים. מיר, פון אונזער זייט, האָבען געפּלאַנט דאַגעגען דעם אויך. לויט אַן אָפּגעמאַכטען סיגנאַל האָבען אונזערע קאַמעראַדען, איבער'ן גאַנצען לאַנד, פון יעדער שטאָדט און שטעדטעל, דערפער און קאַזאַרמעס, באַדאַרפט ארויסגעהן און אויפרייסען די דראָטלאָזע סטאַנציעס מיט דינאַמיט. אַזוי וואָלט דער אייזערנער קנאַפּעל מיט'ן ערשטען קלאַפּ געוואָרפען געוואָרען צו דער ערד.

צו דער זעלבער צייט האָבען אַנדערע קאַמעראַדען געזאָלט אויפרייסען די בריקען, טונעלען און פאַרניכטען די גאַנצע אייזענבאַהן־סיסטעם. נאָך אַנדערע האָבען געדאַרפט פאַרכאַפּען, ווען דער סיגנאַל איז געגעבען געוואָרען, די אָפיציערען פון די מערסענאַרים און די פּאָליציי, און אויך די אויסערגעוועהנליך פעהיגע אָליגאַרכען, אָדער די יעניגע, וואָס האָבען געהאַט הויכע שטעלען. אַזוי וואָלטען די פיהרער פונ'ם שונא צוגענומען געוואָרען פון די לאָקאַלע מלחמות, וואָס וואָלטען, אָהן צווייפעל, געפאָכטען געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד.

פיעל זאַכען האָבען געדאַרפט פּאַסירען גלייכצייטיג, ווען דער סיגנאַל איז געגעבען געוואָרען. די קענעדער און מעקסיקאַנער פּאַטריאָטען, וועלכע זיינען געווען פיעל מעכטיגער, ווי דער אייזערנער קנאַפּעל האָט געדענקט, האָבען באַדאַרפט טהאָן דאָס זעלבע. דאַן זיינען געווען קאַמעראַדען (די פרויען, ווייל די מענער וואָלטען געווען פאַרנומען ערגעץ אַנדערש), וואָס האָבען באַדאַרפט אויסקלעפּען די פּראָקלאַמאַציעס, געדרוקט אויף אונזערע געהיימע דרוק־מאַשינען. די יעניגע פון אונזערע קאַמעראַדען, וועלכע האָבען געהאַט הויכע שטעלען, ארבייטענדיג פאַר'ן

אייזערנעם קנאַפּעל, האָבען געדאַרפט באַלד צומישען און איינ־פיהרען אַנאַרכיע אין אַלע זייערע אָפּטיילונגען. צווישען די מער־סענאַרים זיינען געווען מיזענטער פון אונזערע קאַמעראַדען. זייער אַרבייט איז געווען צו פאַרניכטען די פּולווער־מאַגאַזינען און קאַ־ליע צו מאַכען די דעליקאַטנע מעכאַניזם פון דער שלאַכט־מאַ־שינעריע. די זעלבע פּראָגראַם פון צושטערונג האָט באַדאַרפט אויסגעפיהרט ווערען אין די שטעדט פון די מערסענאַרים און אַרבייטער־קליקעס.

אין קורצען, א פּלוצלינגער, קאָלאָסאַלער און באַטויבענדיגער קלאַפּ האָט געזאָלט דערלאַנגט ווערען. איידער די פּאַראַליזירטע אָליגאַרכיע וואָלט געקענט קומען צו זיך, וואָלט איהר סוף שוין געווען געקומען. עס וואָלט, נאַטירליך, געווען אַ ביטערע צייט און פיעל לעבענס וואָלטען פאַרלאָרען געגאַנגען, נור קיין רעוואָ־לוציאָנער וואָלט זיך ניט אָפּגעשטעלט צוליעב דעם. מיר האָבען זיך זאָגאַר פאַרלאָזט זעהר פיעל אויף די אונאָרגאַניזירטע מאַסען פון׳ם אָפּגרונד. זיי האָבען געזאָלט באַפרייט ווערען און אָנגע־שיקט ווערען אויף די פּאַלאַצען און שטעדט פון די לאָרדען. זאָרגט ניט וועגען דער צושטערונג פון פאַרמעגענס און מענשליכע לע־בענס. זאָל די אָפּגרונד־חיה ברומען און זאָלען די פּאָליציי און מערסענאַרים הרג׳ענען. די אָפּגרונד־חיה וואָלט סיי ווי געברומט און די פּאָליציי און מערסענאַרים וואָלטען סיי ווי גע׳הרג׳עט. עס וואָלט בלויז געמיינט, דאָס פאַרשיעדענע געפעהרליכע עלע־מענטען פאַר אונז, האָבען זיך איינס דאָס אַנדערע פאַרניכטעט, דערוויייל וואָלטען מיר געטהאָן אונזער אַרבייט, מעהרסטענס אונ־געשטערט, און מיר וואָלטען געקראָגען די קאָנטראָל איבער דער געזעלשאַפט.

אזוי איז געווען אונזער פּלאַן, וועלכער האָט געדאַרפט אויס־געפיהרט ווערען אין געהיים, און, ווען דער טאָג האָט זיך דער־נעהנטערט, האָבען מיר באַדאַרפט מיטטיילען מעהר און מעהר קאַמעראַדען. די פאַרשפּרייטונג פון דער קאָנספּיראַציע איז געווען

אונזער געפעהרליכער פונקט; נור מיר האבען קיינמאל דעם פונקט ניט דערגרייכט. דער אייזערנער קנאפעל האט דורך זיין שפיאנגען־סיסטעם דערשמעקט דאס אנקומען פונ'ם אויפשטאנד און האט זיך פארבארייטעט אונז צו געבען א בלוטיגען לעסאן. שיקאגא איז געווען די איבערגעגעבענע שטאדט, וועלכע איז אויס־געקליבען געווארען אלס דאס פלאץ, וואו מען וועט לערנען בלק מיט אונז, און זיי האבען אונז אנגעלערענט.

שיקאגא (1) איז געווען מעהר פארבארייטעט פון אלע — שיקאגא, וועלכע איז נאך אין די אלטע צייטען געווען די בלוטיגע שטאדט, און וועלכע האט געהאלטען ביים פארדיענען דעם נאמען אויפס'ניי. אין שיקאגא איז דער רעוואלוציאנערער גייסט געווען שטארק. צופיעל ביטערע סטרייקס זיינען געבראכען געווארען נאך אין די קאפיטאליסטישע צייטען, כדי די ארבייטער זאלען עס אזוי גיך פארגעסען. אפילו די אויסדערוועהלטע ארבייטער, די זאגענאנטע קליקעס, זיינען געווען רעוואלוציאנעריש געזאנען. צופיעל קעפ זיינען צובראכען געווארען אין די פריהערדיגע סטרייקס. ניט אכטענדיג אויף זייערע פארענדערטע און בעסערע אומשטענדען, איז זייער שנאה פאר דעם הערשענדען קלאס ניט אויסגעלאשען געווארען. דער גייסט האט אויך באהערשט די מערסענארים, פון וועלכע דריי רעגימענטען האבען געזאלט איבערגעהן צו אונז אויף איין מאל.

שיקאגא איז אימער־צו געווען דער שטורם־צענטר פון די מלחמות צווישען קאפיטאל און ארבייט. א שטאדט פון גאסען־קאמפף און שטענדיגע גוואלדטאטען, א שטאדט מיט א קלאסענבאוואוסטע קאפיטאליסטישע ארגאניזאציע און א קלאסענבאוואוסטע ארבייטער־ארגאניזאציע, וואו, אין די אלטע צייטען, זיינען אפילו די שוה־לעהרער געווען ארגאניזירט אין יוניאנס און פאראייניגט מיט די ליים־טרעגער און מויערער־יונאנס אין דער אמעריקאנער ארבייטער־פעדעראציע. און שיקאגא איז אויך געווען דער שטורם־צענטר פון דער אונצייטיגער ערשטער רעוואלוציע.

דער שטורם האָט אויסגעבראָכן אין איילעניש איבער דער ביטראַסט פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל. עס איז אָפּגעטהאָן געוואָרען קונציג. די גאַנצע באַפעלקערונג, אפילו די ארבייטער־קליקעס, זיינען שווידערליך באהאַנדעלט געוואָרען. הבטחות און קאָנטראַקטען זיינען געבראָכען געוואָרען, און די מינדסטע זינדיגער זיינען געמאַטערט געוואָרען, כדי זיי אויפצוטרייסלען פון זייער גלייכגילטיגקייט. דער אייזערנער קנאַפּעל האָט זיך פאָרבארייטעט צו מאַכען די אָפּגרונד־חיה ברומען. און צו דער זעלבער צייט, ווען דאָס איז אָנגעגאַנגען, זיינע אַלע פאָרזיכטיגע מיטלען אין שיקאַגאָ אָראָפּגענומען געוואָרען אונגלויבליך נאַכלעסיג. די דיסציפּלין צווישען די איבערגעבליבענע מערסענארים איז געוואָרען זעהר לייכט, בעת פיעל רעגימענטען זיינען צוריקגעצויגען געוואָרען און זיינען אוועקגעשיקט געוואָרען אין פארשיעדענע טיילען פונ׳ם לאַנד.

עס האָט ניט גענומען לאַנג אויסצופיהרען די פּראָגראַם — בלויז עטליכע וואָכען. מיר, רעוואָלוציאָנערען, האָבען עפּעס יאָ געקראָגען אָנצוהערענישען, נור מיר האָבען ניט געהאַט קיין ממשות׳דיגעס, כדי צו קענען האָבען אַ ריכטיגע פארשטענדניש וועגען וואָס עס געהט אָן. ווירקליך, מיר האָבען געדענקט, אַז עס איז אַ פּרייוויליגער רעוואָלוציאָנערער גייסט, וועלכען מיר וועלען דאַרפען פאָרזיכטיג צוריקהאַלטען, און עס איז אונז קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אַז עס איז געווען אַ קינסטליכער אויפבלאָזען — און אַזוי געהיים איז דאָס געטהאָן געוואָרען, פון דעם סאַמען געהיימען קרייז פון דעם אייזערנעם קנאַפּעל, דאָס מיר האָבען ניט געוואוסט דאָס מינדסטע וועגען דעם. די גאַנצען פּלאַן איז געווען אַ גלענצענדיגע שטיקעל ארבייט, און פעהיג אויסגעפיהרט.

איך בין געווען אין ניו יאָרק, ווען איך האָב געקראָגען דעם באַפעהל צו פאָהרען באַלד קיין שיקאַגאָ. דער מאַן, וואָס האָט מיר געגעבען דעם באַפעהל, איז געווען איינער פון די אָליגארכיען,

איך האָב דאָס דערקענט אָן זיין אַרט רעדען, כאָטש איך האָב ניט געוואוסט זיין נאָמען און האָב זיין פּנים נ'ט געזעהן. זיינע אינ־סטרוקציאָנען זיינען געווען צו קלאָר, אז איך זאָל האָבען אַ טעות. איך האָב גלייך געלייענט צווישען די שורות, אז אונזערע פּלענער זיינען ענטדעקט געוואָרען, און אז זיי האָבען די אַלע פּלענער אונטערגעגראָבען. די עקספּלאָזשען איז געווען כמעט פאַרטיג און אַלעס, וואָס עס האָט געפעהלט, איז געווען אונטערצוצינדען דעם פּולווער, און פיעל אַגענטען פונ'ם אייזערנעם קנאָפּעל, און איך צווישען זיי, וואָס זיינען שוין געווען אויפ'ן פּלאַץ, אָדער זיינען יעצט געשיקט געוואָרען, האָבען עס באַדאַרפט אונטערצינדען און פאַראורזאַכען די עקספּלאָזשען. איך מוז זיך אַליין קאָמפּלימענ־טירען פאַר מיין מעגליכקייט אַרויסצואווייזען אַ רוהיגע מינע, ווען דער אָליגאַרך האָט גערעדט צו מיר, נור מיין האַרץ האָט געקלאַפּט זעהר שטאַרק. איך וואָלט געקענט אויסשרייען און זיך אַרויפ־וואַרפען אויף זיין האַלז און איהם צורייסען מיט מיינע בלויזע הענט דורך דער צייט.

אזוי שנעל ווי איך האָב איהם פאַרלאָזט, האָב איך אויס־גערעכענט די צייט. איך האָב בלויז געהאַט איינינע מאָמענטען, אויב איך וואָלט געווען גליקליך גענוג צו קומען אין באַריהרונג מיט אַ לאָקאַלען רעוואָלוציאָנערען פיהרער, איידער איך האָב באַ־דאַרפט באַשטייגען די באַהן. זיך היטענדיג, טאָמער שפּירט מען מיר נאָך, בין איך אַוועקגעלאָפען אין דעם „עמוירדזשענסי האָס־פּיטאַל". מיר האָט אָפּגעגליקט, און איך האָב גלייך געקראָגען די ערלויבניש צו זעהן קאַמעראַד גאַלווין, דעם הויפּט־כירורג. איך האָב אָנגעפאַנגען אַרויסשטאַמלען מיין אינפאָרמאַציע, נור ער האָט מיר איבערגעשלאָגען די רייד.

— איך ווייס שוין, — האָט ער געזאָגט שטיל, כאָטש זיינע איירישע אויגען האָבען געשפּריצט מיט פייער. — איך האָב גע־וואוסט, צוליעב וואָס דו ביזט געקומען. איך האָב געקראָגען די נאַכריכט 15 מינוטען פריהער, און איך האָב שוין געלאָזט

וויסען אנדערע. אַלעס, וואָס מיר קענען טהאָן דאָ, וועלען מיר טהאָן כדי איינצושטילען די קאַמעראַדען. שיקאַגאָ מוז אויפגע־אָפּפערט ווערען, נור עס וועט זיין בלויז שיקאַגאָ.

— האָט איהר געפּרובירט לאָזען אימיצען וויסען אין שי־קאַגאָ? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. — קיינע טעלעגראַפישע פארבינדונגען מיט שיקאַגאָ. די שטאָדט איז ווי אָפּגעשניטען. א גיהנום וועט דאָרטען אויסברעכען.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר א מינוט, און איך האָב גע־זעהן זיינע ווייסע פויסטען צוזאַמענדריקענדיג זיך. דאַן האָט ער ארויסגעפּלאַצט:

— מיין גאָט! הלואי וואָלט איך געקענט זיין דאָרטען!

— עס איז נאָך דאָ א האָפנונג עס צו פארמיידען, — האָב איך געזאָגט, — אויב עס וועט זיך ניט מאַכען קיין סבה מיט דעם צוג, אויף וועלכען איך פאָהר און איך וועל קומען אהינצו אין צייט. אָדער פיליכט אנדערע קאַמעראַדען, וואָס זיינען אין דעם געהיים־דיענסט, קענען קומען אהין אין צייט.

— איהר, וועלכע זייט דאָס מאָל ניט געוועזען וואַכענדיג געוואָג, — האָט ער געזאָגט.

איך האָב צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ ווי א דערשלאָגענע.

— עס איז אָפּגעטהאָן געוואָרען אין געהיים, — האָב איך געענטפערט. — בלויז די גאָר הויכע בעאַמטע האָבען געוואוסט עטוואָס וועגען דעם היינטיגען טאָג. מיר האָבען נאָך ניט ארייג־געדרונגען אזוי וויט, טאָ האָבען מיר, נאַטירליך, געטאַפּט ווי אין דער פינסטערניש. ערנסט זאָל כאָטש געוועזען זיין דאָ! פיליכט איז ער יעצט אין שיקאַגאָ, און דאַן וועט אַלעס זיין רעכט.

דר. גאַלווין האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. — „די לעצטע נייעס, וואָס איך האָב געקראָגען פון איהם, איז, אז ער איז גע־שיקט געוואָרען קיין באָסטאָן אָדער ניו־הייווען. די געהיים־

דיענסט פאר'ן שונא מוז איהם שטערען זעהר פיעל אין זיין ארבייט, נור עס איז בעסער ווי צו ליגען אין א באהעלטעניש־פלאץ."

איך האב אנגעהויבען צו געהן און גאלווין האט געדריקט מיין האנד.

— שטארקט אייער הארץ, — זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער. נו, און וואס איז אזוינס, אז די ערשטע רעוואלוציע וועט דורכפאלען? עס וועט זיין א צווייטע, און דאן וועלען מיר זיין באשיידענער און האבען מעהר ערפאהרונג. זייט געזונד און גליקליך. איך וויים ניט, צי איך וועל אייך נאך זעהן א מאל. א גיהנום וועט דארטען אויסברעכען, נור איך וואלט געגעבען צעהן יאהר פון מיין לעבען פאר דעם שאנס צו זיין דארטען.

דער צוואנציגסטער יאהרהונדערט־צוג (2) האט פארלאזט ניו־יארק 6 אוהר אין אבענד, און האט געזאלט אנקומען קיין שי־קאגא 7 אוהר אין דער פריה. נור ער האט פארלארען פיעל צייט דורך דער נאכט. מיר זיינען נאכגעפאהרען אנאנדער באהן. צווישען די רייזענדע אין מיין וואגאן איז געווען גענאסע הארט־מאן, וועלכער האט געדיענט אין דער געהיים־פאליציי פונקט ווי איך. ער האט עס מיר געזאגט ווענען דעם צוג, וואס איז גע־פאהרען פאר אונז. דער צוג האט אויסגעקוקט פונקט ווי אונ־זערער, כאטש ער האט ניט ענטהאלטען קיין פאסאזשירען. דאס איז אומישנע געטהאן געווארען, כדי מען זאל פארמיידען אן אומגליק אין פאל אימיצער וויל אויפרייסען דעם באהן מיט די־נאמיט. עס זיינען אייגענטליך ניט געווען צופיעל מענשען אויף דעם צוג — פילייכט א דוצענד אין אונזער וואגאן.

— עס מוזען זיך געפינען אייניגע פון די גדולים אויף דעם צוג, — האט הארטמאן באשלאסען. — איך האב באמערקט א פריוואט־וואגאן פון הינטען.

עס איז שוין געווען נאכט, ווען מיר האבען צוערשט געביטען

די לאָקאָמאָטיוועו, און איך האָב אראָפּגעשטיגען און ארומגעשפּאַ־צירט איבער׳ן פּלאַטפאָרם צו קריגען א ביסעל פרישע לופט און צו זעהן אזוי פיעל ווי מעגליך. דורך די פענסטער פון דעם פּריוואַטען וואַגאָן האָב איך דערזעהן דריי מענשען, וועלכע איך האָב געקענט. הארטמאַן האָט געהאַט רעכט. איינער פון זיי איז געווען גענעראל אַלטענדאָרף, און די אַנדערע צוויי זיינען געווען מייסאָן און וואַנדערבילד, די סאַמע געהירען פון דעם אינערען צירקעל פון דער אָליגאַרכיע׳ס געהיים־דיענסט.

די לבנה האָט געלויכטען, נור איך בין געווען אומרוהיג און האָב ניט געקענט איינשלאָפען. פינף אוהר אין דער פריה האָב איך זיך אָנגעטהאָן און פארלאָזט מיין בעט.

איך האָב געפרעגט דער דיענסט־מיידעל אין גאַרדאָראָב־צי־מער וויפיעל דער צוג האָט זיך פארשפּעטיגט, און זי האָט מיר געזאָגט, אז צוויי שטונדען. זי איז געווען א מולאַט־פרוי (א קינד, וואָס ווערט געבוירען ביי א ווייסען און א ניגער), און איך האָב באַמערקט א טיעפע, טרויעריגע מינע אויף איהר געזיכט, און ארום איהרע אויגען איז געווען רויט, און איהרע אויגען זעלבסט האָבען ארויסגעוויזען שרעק.

— וואָס איז געשעהן? — האָב איך געפרעגט.

— גאָר נישט, פריילין, איך בין ניט גוט געשלאָפען, — איז געווען איהר ענטפער.

איך האָב איהר גוט באַטראַכט, און איהר געפּרובירט מיט איינעם פון אונזערע סיגנאַלען. זי האָט געענטפערט, און איך בין געווען זיכער, אז זי איז א רעוואָלוציאָנערין.

— עטוואָס שרעקליכס געהט טרעפען שיקאַגאָ, — האָט זי געזאָגט. — אָט דער פאַלשער צוג, וואָס לויפט פאַר אונז, און די סאָלדאַטען־באַהנען — אָט צוליעב זיי זיינען מיר שפּעט.

— סאָלדאַטען־באַהנען? — האָב איך איבערגעפרעגט.

זי האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ: — יאָ, די גאַנצע ליניע איז אָנגעפּאַקט מיט זיי. מיר האָבען איבערגעיאָגט הונדערטער

באהנען אָנגעפילט מיט סאָלדאטען, און זיי פאָהרען אויך אויף די פליה־מאשינען — דאָס מיינט עטוואָס ערנסטעס.

איך האָב אַ ליעבהאָבער אין שיקאגאָ, — האָט זי געזאָגט, אַלס אַ פארענטפערונג. — ער איז איינער פון אונזערע און ער דיענט אין די מערסענאַרים. איך האָב זעהר מורא פאר זיין סוף.

אָרימע מיידעל, נעבעך! איהר ליעבהאָבער איז געווען אין איינעם פון די דריי אונטרייע רעגימענטען.

הארטמאן און איך האָבען צוזאמען געפריהשטיקט אין דעם עס־וואגאָן, און איך האָב זיך באַדאַרפט צווינגען עפּעס צו עסען. דער הימעל איז פארוואָלקענט געוואָרען, און דער צוג איז גע־לאָפען ווי אַ שטורם דורך דעם גרויען נעבעל פונ׳ם אָנקומענדיגען טאָג. אפילו די ניגערס, וואָס האָבען אונז באדיענט, האָבען גע־וואוסט, אַז עפּעס שוידערליכעס געהט פאָרקומען. די דריקענדיגע שטימונג האָט געווירקט אויף זיי; זייער נאַטירליכע לייכטזיניג־קייט איז פארשוואונדען; זיי זיינען געווען צוטראָגען, און זיי האָבען זיך טרויעריג געשושקעט אין אַ ווינקעל פון וואגאָן. הארט־מאן האָט פארלאָרען די גאַנצע האָפנונג זיינע.

— וואָס קענען מיר טהאָן? — האָט ער איבערגעפרעגט צום צוואַנציגסטען מאָל, ציהענדיג מיט די אַקסלען.

ער האָט אָנגעצייגט דורכ׳ן פענסטער: — זעהט, אַלעס איז פארטיג, איהר קענט זיך פארלאָזען אויף זיי, אַז זיי האַלטען די סאָלדאטען אַזוי אָנגעגרייט אויף יעדען וועג, וואָס פיהרט אין שטאָדט אריין פאר דרייסיג אָדער פערציג מייל.

ער האָט עס אָנגעוויזען די סאָלדאטען־באהנען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף די זייטען ליניען. די סאָלדאטען האָבען געקאָכט זייערע פריהשטיקס איבער פייער, וואָס זיי האָבען געמאַכט נעבען די רעלסען, און זיי האָבען געקוקט ערשטוינט אויף אונזער באהן, וואָס איז פארביינעלאָפען מיט אַזאַ שנעלקייט.

עס איז געווען שטיל אין שיקאגאָ, ווען מיר זיינען אריינגע־

קומען. מיר האָבען געזעהען, אז עס האָט נאָך גאָר נישט פּאַסירט. אין די פאָרשטעדט זיינען די מאָרגען־צייטונגען ארויסגעבראַכט געוואָרען אויפ׳ן צוג. עס איז גאָר ניט געווען אין זיי, און דאָך איז געווען גענוג מאַטעריאַל פאַר דעם, וועלכער איז געווען געוואוינט צו לייענען צווישען די שורות, וואָס מען האָט געמיינט דער גע־וועהנליכער לעזער זאָל ארויסנעהמען פון דעם. די פיינע ארבייט פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל האָט ארויסגעשיינט פון יעדען זאַץ. עס איז פאַרשטעלט אָנגעדייטעט געוואָרען וועגען די שוואַכקייט פון דער אָליגאַרכישער אַרמעע. נאַטירליך, עטוואָס באַשטימטעס איז ניט געזאָגט געוואָרען. עס איז אַזוי אָנגעשריבען געוואָרען, אַז דער לעזער האָט זיך באַדאַרפט אָנשטויסען. עס איז געטהאָן גע־וואָרען קונציג אַלס אַן אויסגעטראַכטע זאַך.

די לאָקאַלע נייעס האָט גאָר אויסגעפעהלט. דאָס אַליין איז געווען אַ גלענצענדער איינפאַל. עס האָט איינגעהילט שיקאַגאָ אין אַ געהיימניס, און עס האָט געגעבען דעם דורכשניטליכען שיקאַגאָ׳ר לעזער דעם איינדרוק, אַז די אָליגאַרכיע האָט ניט געוואַגט צו געבען די לאָקאַלע נייעס. אָנצוהערענישען, פאַלשע, נאַטירליך, וועגען אויפשטאַנדען איבער׳ן גאַנצען לאַנד, זיינען אָנגעגעבען געוואָרען. עס איז אויך דערמאָנט געוואָרען, אַז די אַלע וועלען באַשטראָפט ווערען. עס זיינען אויך געווען באַריכטען וועגען דראָטלאָזע סטאַנ־ציעס, וואָס זיינען אויפגעריסען געוואָרען, און אַז גרויסע באַלוינונ־גען וועלען געגעבען ווערען צו די, וואָס וועלען העלפען כאַפּען די שולדיגע פערזאָנען. דער אמת איז, אַז קיינע סטאַנציעס זיינען ניט אויפגעריסען געוואָרען. פיעל עהנליכע גוואַלדטאַטען אַזעלכע, וועלכע האָבען געפּאַסט צום רעוואָלוציאָנערען פּלאַן, זיינען דער־מאָנט געוואָרען. דער איינדרוק, וואָס האָט געזאָלט געמאַכט ווערען אויף די שיקאַגאָ׳ר קאַמעראַדען, איז געווען, דאָס די גענעראַל־רעוואָלוציע האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען, כאָטש די איינצעלהייטען זיינען ניט געווען קלאָר. עס איז געווען אונמעגליך פאַר אַזעלכען וואָס האָט עטוואָס געוואוסט, ניט צו קריגען אַן אהנונג, אַז דאָס

לאַנד איז געווען גרייט פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס האָט שוין אַנ־געהויבען אויסצוברעכען.

עס איז אויך באַריכטעט געוואָרען, אַז דער אויפשטאַנד פון די מערסענאַרים אין קאַליפאָרניא איז געוואָרען אַזוי ערנסט, דאָס זעקס רעגימענטען זיינען אויפגעלעזט געוואָרען, און דאָס זייערע מיטגליעדער און זייערע פרויען און קינדער זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון זייערע שטעדט צוריק אין די אַרבייטער־געהעטאָס. און די קאַליפאָרניער מערסענאַרים זיינען אין דער אמת'ען געווען די געטרייעסטע פון אַלע! נור ווי אַזוי האָט שיקאַגאָ, זייענדיג אָפּגעזונדערט פון דער איבעריגער וועלט, געקענט וויסען? דאָ איז געווען אַ טעלעגראַמע, וואָס האָט באַשריבען מיט אַלע אייג־צעלהייטען דעם אויפשטאַנד פון דער ניו־יאָרקער באַפעלקערונג, און אין וועלכען די אַרבייטער־קליקעס האָבען אויך אַנטייל גענומען, ענדיגענדיג מיט דער באַשטעטיגונג (מיינענדיג דערמיט צו געבען דעם איינדרוק, אַז עס איז אַ ליגען, אַז די סאָלדאַטען האָבען שוין געקראָגען די אויבערהאַנד).

און פּונקט ווי די אָליגאַרכיען האָבען געטהאָן מיט די מאָרגען־צייטונגען, אַזוי האָבען זיי אויך געטהאָן אין אַ טויזענד אַנדערע וועגען. דאָס האָבען מיר שוין אויסגעפונען נאָכהער, ווי למשל, די געהיימע מיטטיילונגען, וואָס די אָליגאַרכען האָבען געשיקט, וועלכע זיינען בכיון געשיקט געוואָרען, כדי די רעוואָלוציאָנערען זאָלען זיי איבערנעהמען, און אַזעלכע נייעסען זיינען געשיקט גע־וואָרען כמעט אַ גאַנצע נאַכט.

— איך דענק, אַז דער אייזערנער קנאַפּעל וועט זיך שוין ניט נויטיגען אין מיין אַרבייט, — האָט האַרטמאַן באַמערקט, אוועק־לעגענדיג די צייטונג, וואָס ער האָט געלעזען, ווען דער צוג איז אַריינגעפאָהרען אין צענטראַלען וואָקזאַל. — זיי האָבען אומזיסט אונז געמאַכט פאַרלירען צייט. זייערע פּלענער האָבען זיי אָפּגע־גאָלטען בעסער, ווי זיי האָבען ערוואַרטעט. דער גיהנום קען אויס־ברעכען כמעט יעדע מינוט.

ער האָט זיך אומגעדרעהט און האָט געקוקט אויפ׳ן צוג, ווען מיר האָבען ארונטערגעשטיגען.

— איך האָב געדענקט אזוי, — האָט ער געמורמעלט. — זיי האָבען אָפּגעשטעפּעט דעם פּריוואט־וואַגאָן, ווען מען האָט ארויפגעבראכט די צייטונגען.

הארטמאַן איז געווען שטארק דערשלאָגען. איך האָב געפּרובירט איהם אויפצומונטערען, נור ער האָט דאָס איגנאָרירט און האָט פּלוצים אָנגעהויבען רעדען זעהר שנעל און זעהר שטיל, ווייל מיר זיינען ארויסגעגאַנגען פונ׳ם וואָקזאַל. פון אָנפאַנג האָב איך איהם כמעט ניט פארשטאַנען.

— „איך בין געווען זיכער, — האָט ער געזאָגט, — און איך האָב עס קיינעם ניט געזאָגט. איך האָב שוין געארבייט אויף דעם איינינגע וואָכען, און איך בין נאָך אַלץ ניט זיכער. גיט אַכטונג אויף קנאולטאָנ׳ען. איך פארדעכטיג איהם. עס ווייסט די סודות פון אריבער צוואנציג שוץ־פלעצער אונזערע. ער האלט אין זיין האנד דאָס לעבען פון הונדערטער פון אונזערע קאַמעראַדען, און איך דענק, אז ער איז א פאררעטער. עס איז מעהר א געפיהל־זאַך מיט מיר. נור מיר שיינט, אז איך האָב באַמערקט אין איהם, אז ער האָט זיך געביטען די לעצטע צייט. איך האָב מורא, אז ער האָט אונז פארקויפט צום שונא, אָדער אז ער וועט אונז פארקויפען. איך בין כמעט זיכער וועגען דעם. איך וואָלט עס ניט ארויסגעגעבען צו קיינעם, נור עפּעס האָב איך מורא, אז איך וועל ניט ארויס א לעבעדיגער פון שיקאַגאָ. פּאַסט אויף אויף איהם. שפּרייט אויס א נעץ פאר איהם. געפינט אויס. איך ווייס מעהר גאָר ניט. עס איז בלויז א חשד, און ביז יעצט האָב איך ניט געקענט אויסגעפינען דעם מינדסטען שפּור.“ מיר האָבען נור וואָס געהאָט ארויסגעטראָטען אויפ׳ן טראָטואַר. „געדענקט, — האָט הארטמאַן ערנסט געענדיגט, — פּאַסט גוט אויף אויף קנאולטאָנ׳ען.“

און הארטמאַן איז געווען גערעכט. איידער א מאָנאַט איז פאַראיבער, האָט קנאולטאָן באַצאָהלט מיט זיין לעבען פאר זיין

פארראט. די קאמעראדען פון מילוואקי האבען איהם פאראור־טיילט און איהם הינגעריכטעט.

עס איז געווען שטיל אין די גאסען — צו שטיל. שיקאגא איז געווען טוידט. מען האט ניט געהערט דעם הוזשען פון רע־דער. עס זיינען אפילו ניט געווען קיין דראזשקעס אויפ'ן גאס. די לעקטרישע קארס און די איבעראירדישע אייזענבאהנען זיינען ניט געלאפען. בלויז זעלטען זיינען דורכגעלאפען איינציגע איינ־זאמע פוס־געהער אויף די טראטוארען, און זיי האבען זיך ניט אפגעשטעלט פאר א מינוט. זיי זיינען געגאנגען זייער וועג שנעל און באשטימט. עס האט זיך עפעס יא געוויזען, ווי זיי וואלטען זיך געפיהלט זיכער, גלייך זיי האבען ערווארטעט, אז א הויז זאל פאלען אויף זיי, אדער אז דער טראטואר וועט נעהמען זינקען, אדער אז זיי זעלבסט זאלען פלוצים ניט ארויפפליהען אין דער לופטען. עטליכע קליינע ווייסע־חברה'ניקעס זיינען, פונדעסט־וועגען, ארומגעלאפען הין און צוריק. און מען האט געקענט זעהן, אז זיי האבען נייגעריג ערווארטעט וואונדערבארע און איבעררא־שענדיגע פאסירונגען.

פון ערגעץ־וואו ווייט אין דרום־זייט האט זיך געהערט א טעמפער אפקלאנג פון אן עקספלאזשען. דאס אלעס. דאן איז ווידער געווען שטיל, כאטש די קליינע חברה האבען זיך איינגע־הערט און געוואלט לויפען, ווען זיי האבען דערהערט דעם קלאפ. די טירען פון אלע הייזער זיינען געווען פארמאכט, און די לאדענס פון די קלייטען זיינען געווען פארשלאסען, נור פיעל פאליסלייט און וועכטער זיינען אומגעגאנגען, און יעדע ווייל איז פארבייגע־לאפען אן אויטאמאביל געפאקט מיט מערסענארים.

הארטמאן און איך האבען באשלאסען, אז עס איז ניט נויטיג צו ווייזען זיך צו די לאקאלע הויכע בעאמטע פון דער געהיים־פא־ליציי. מיר האבען געוואוסט, אז מען וועט אונז פארגעבען אונזער נאכלעסיגקייט צוליעב די שווידערליכע פאלגענדע פאסירונגען, וואס מען האט ערווארטעט. מיר זיינען דארום גלייך אוועקגעגאנגען צו

דער גרויסער ארבייטער־געהעטאָ אין דרום טייל פון שטאָדט, האָ־פענדיג צו קומען אין באריהרונג מיט אייניגע לאָקאלע קאמעראדען. אָבער עס איז געווען צו שפּעט. מיר האָבען עס געוואוסט. נור מיר האָבען ניט געקענט שטעהן מיט פארלייגטע הענט אין יענע שטילע גאסען. וואו איז ערנסט? האָב איך זיך געוואונדערט. וואָס האָט פּאסירט אין די שטעדט פון די ארבייטער־קליקעס און מערסענאַרים? וואָס געהט אָן אין די פעסטונגען?

פונקט ווי אימיצער האָט מיר געוואָלט ענטפערען, האָט זיך דערהערט אַ שטארקער קנאַלען און קראַכען, אַ ביסעל פארטויבט פון דער ווייטקייט, און דער קראַכען האָט זיך ווידערהאָלט איי־ניגע מאָל.

— דאָס איז די פעסטונג, — האָט הארטמאַן געזאָגט. — גאָט זאָל זיך דערבארימען איבער די דריי רעגימענטען!

דורכקרייצענדיג אַ גאַס, האָבען מיר באמערקט אין דעם גע־גענד פון די סטאקיארדס (פיה־שטאַלען) אַ זייל רוך. ביי דער נעקסטער גאַס האָבען מיר באמערקט פיעל אַזעלכע זיילען רויך אין דער מעריב־זייט פון שטאָדט. איבער דער טייל שטאָדט פון די מערסענארים האָבען מיר געזעהן אַ גרויסע שלאַכט־לופט־שיף, וואָס האָט געפּלאצט, בעת מיר האָבען געקוקט אויף איהר, און איז ארונ־טערגעפאַלען אין פלאַמענדע שטיקער אויף דער ערד. מיר האָבען קיין שפּור ניט געפונען פון יענער טראַגעדיע אין דער לופטען. מיר האָבען ניט געקענט אויסגעפינען, צי יענער באַלון איז געווען געטריבען פון אונזערע גענאָסען אָדער שונאים. אַ פארטויבטער רעש האָט זיך געהערט, פונקט ווי אַ גרויסער דאַמפּף־קעסעל, ווען די וואסער זידט אין איהם, און הארטמאַן האָט געזאָגט, אַז דאָס קומט פון הארמאַטען און אויטאָמאַטישע ביקסען.

און מיר האָבען ווייטער פארטגעזעצט אין דער שטילקייט, וואָס האָט אונז ארומגערינגעלט. וואו מיר זיינען געווען, האָט גאָר ניט פּאסירט. די פּאָליציי און אויטאָמבאָיל־פּאטרולען זיינען אָפּט פארביי־געלאָפען, און איינמאָל עטליכע פייער־אינדזשינס, אומקעה־

רענדיג זיך װארשײנליך פון א פײער. אײן בעאמטער אין אן אויטאמאביל האט עפעס געפרעגט א פײערמאן און מיר האבען איהם געהערט צוריק שרײען: „ניטא קײן װאסער! זײ האבען אויפגעבלאזען די װאסער־רערען מיט דינאמיט“.

— מיר האבען צושמעטערט די װאסער־לײטונג, — האט הארטמאן אויסגעשריען פון באגײסטערונג. — אויב מיר קענען דאס אויפטהאן אין א פאר־דער־צײטיגען, אפגעזונדערטען, איבער־געשלאגענעם איבערפאל, װאס װעלען מיר קענען טהאן אין א קאנצענטרירטען, צײטיגען אנפאל איבער׳ן גאנצען לאנד.

דער אויטאמאביל, אין װעלכען דער פרעגענדיגער בעאמטער איז געזעסען, איז אװעקגעפאהרען. פלוצים האט זיך געהערט א שרעקליכער קראך. די מאשין, מיט דער גאנצער מענשליכער משא, איז אויפגעהויבען געװארען אין דער לופטען, ארומגערינגעלט מיט רויך, און איז צוריק אראפגעפאלען א חורבה, און די מענשען טוידט!

הארטמאן איז געװען מלא שמחה. „גלענצענד! גלענצענד!“ האט ער װידערהאלט אפשר הונדערט מאל שטילערהײט. „דער פראלעטאריאט קריגט זײן גאב הײנט, נור ער דערלאנגט אבער צוריק אויך“.

די פאליצײ איז געלאפען צום פלאץ, װאו דער אומגליק האט געטראפען. אויך אנאנדער פאטרול־מאשין האט זיך אפגעשטעלט. װאס אנבאלאנגט מיר, בין איך געװען צומישט. דאס פלוצלינג־קײט איז געװען שטוינענד. װי אזוי האט עס פאסירט? איך האב ניט געװאוסט, כאטש איך האב די גאנצע צײט געקוקט אויפ׳ן אויטאמאביל. איך בין געװען אזוי צומישט פאר א װײל, אז איך האב כמעט ניט באגריפען, דאס די פאליצײ פארהאלט אונז. איך האב פלוצלינג דערזעהן, אז א פאליצײ־מאן ציעלט זיך אויף הארט־מאנ׳ען. נור הארטמאן איז געשטאנען קאלטבלוטיג און האט גע־געבען דאס ריכטיגע צײכען־װארט. איך האב געזעהן דעם אויס־געשטרעקטען רעװאלװער ארונטערלאזען זיך, און האב געהערט

ווי דער פּאָליציי־מאַן האָט בייז געוואָרטשעט. ער איז געווען שרעק־ליך אויפגעבראַכט און האָט געשאָלטען די גאַנצע געהיים־פּאָליציי. זי איז אימער־צו בלויז געווען יענעם אין וועג, האָט ער באַשטע־טיגט, בשעת האַרטמאַן האָט איהם שטאָלץ אָפּגעענטפערט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געהיים־פּאָליציי־מענשען, און האָט איהם נאָך אויפ־געוויזען די אומגעלומפּערטקייט פון דער פּאָליציי.

אין'ם נעקסטען מאָמענט האָט איך געוואוסט, ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט. עס זיינען יעצט געשטאַנען פיעל מענשען אַרום דעם חורבן, און צוויי מענער האָבען אויפגעהויבען דעם פאַרוואונ־דעטען בעאַמטען, איהם איבערצוטראָגען אויף אַן אַנדער מאַשין. פּלוצלינג איז זיי אָלעמען באַפאַלען אַ שרעק, און זיי זיינען זיך צולאָפען אין אַלע זייטען, און איבערלאָזענדיג דעם פאַרוואונדע־טען אָפיציער, איז קיין איינער פון זיי ניט געבליבען. דער פּאָ־ליציי־מאַן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געזידעלט האַרטמאַנ'ען, איז אויך געלאָפען, און האַרטמאַן און איך זיינען געלאָפען. מיר האָבען ניט געוואוסט וואַרום, נור מיר זיינען אַלע געווען באַהערשט פון יענעם בלינדען שרעק פאַר דעם אונגליקס־פּלאַץ.

עס האָט ווירקליך מעהר גאָר ניט פּאַסירט, נור יעדע זאַך איז באַלד אויפגעקלערט געוואָרען. די צולויפענדיגע מענער זיינען צוריקגעקומען פאַרשעהמטע, נור די גאַנצע צייט האָבען זיי געהאַל־טען די אויגען אַרויף צו די געביידעס מיט די פיעל פענסטער, וועלכע זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטען גאַס און האָבען אויס־געקוקט ווי די ווענט פון אַ שמאָלען, טיעפען טאָל. פון איינעם פון די אונצעהליגע פענסטער איז די באָמבע געוואָרפען געוואָרען, נור פון וועלכען פענסטער? קיין צווייטע באָמבע איז ניט גע־וואָרפען געוואָרען, נור מען האָט מורא געהאַט פאַר אַ צווייטער.

נאָך דעם האָבען מיר געקוקט פול מיט שרעק אויף די פענ־סטער. יעדער פענסטער האָט מעגליך ענטהאַלטען דעם טוידט פאַר אונז. יעדע געביידע איז, מעגליך, געווען אַ באַהאַלטונגס־פּלאַץ פאַר באָמבען־וואַרפער. דאָס איז געווען אַ שלאַכט אין אַ

מאָדערנעם וואַלד, די גרויסע שטאָדט. יעדע גאַס איז געווען אַ טיעפער טאָל, יעדע הויז — אַ באַרג. מיר האָבען זיך ניט פיעל געביטען פון'ם פּאַרצייטיגען מענשען, ניט אַכטענדיג די גרויס-אויטאָמאָבילען, וואָס זיינען אָפּט פאַרבייגעפאָהרען.

זיך אַוועק קעהרענדיג אין אַ זייטיגער גאַס, האָבען מיר דער-זעהן אַ פרוי. זי איז געלעגען אויפ'ן טראָטואַר, אין אַ טייך בלוט. האַרטמאַן האָט זיך אַנגעבויגען איבער איהר און איהר עקזאַמי-נירט. איך האָב זיך געפיהלט קראַנק. מיר איז באַשערט געווען צו זעהן פיעל טוידטע יענעם טאָג, נור די גאַנצע הריגה האָט ניט געהאַט אַזאַ שרעקליכען עפעקט אויף מיר, ווי דער ערשטער קער-פּער, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טראָטואַר. „געשאָסען אין ברוסט", איז געווען האַרטמאַנ'ס באַריכט. אין איהר האַנד האָט ער געפונען צוזאַמענגעדריקט אַ בינטעל געדרוקטע פּאַפּיערען. אפילו ווען זי האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָט זי זיך, ווייסט אויס, ניט געוואָלט שיידען מיט דעם, וואָס האָט פאַראורזאַכט איהר טוידט; ווייל ווען האַרטמאַן האָט ענדליך אַרויסגענומען דאָס בינטעל פון איהר צוזאַמענגעדריקטען פויסט, האָבען מיר געפונען, אַז עס האָט ענטהאַלטען רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס.

— אַ קאַמעראַדין, — האָב איך געזאָגט.

נור האַרטמאַן האָט בלויז געשאָלטען דעם אייזערנעם קנאַפּעל, און מיר זיינען געגאַנגען ווייטער. אָפּט זיינען מיר אָפּגעשטעלט געוואָרען פון די פּאָליציי-פּאַטרולען, נור צוליעב די צייכען-ווער-טער האָבען מיר געקראָגען די ערלויבניש צו געהן וואוהין מיר האָבען געוואָלט. מעהר קיין באָמבעס זיינען ניט געפאַלען פון די פענסטער, די לעצטע פוס-געהער זיינען פאַרשוואונדען פון די גאַ-סען, און די אַרומיגע שטילקייט איז געוואָרען נאָך טיעפער; כאָטש דער גרויסער קעסעל האָט געזאָטען ערגעץ ווייט, און עס האָבען זיך געהערט עקספּלאָזשענס פון דער ווייטענס גאַנץ אָפּט, און די רויך-זיילען זיינען געשטיגען וואָס אַ מאָל העכער צו די הימלען.

דריי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

# די אָפּגרונד-מענשען

פּלוצים האָט זיך אַלעס געביטען. עפּעס האָט זיך געפּיהלט אַ קאָכעניש און רעש. אויטאָמאָבילען זיינען געלאָפען איינער נאָכ'ן צווייטען, אפשר צוועלף, און פון יעדען איינעם פון זיי האָט מען אונז געוואָרענט. איינער פון די מאַשינען האָט זיך פּלוצים לוי־פענדיג שנעל אויסגעקירעוועט אין אַ זייט, און אינ'ם נעקסטען מאָמענט איז די טייל גאַס, אויף וועלכער די מאַשין איז נור וואָס דורכגעפאָהרען, אויפגעריסען געוואָרען פון אַ געפּלאַצטער באָמבע. מיר האָבען געזעהן, ווי די פּאָליציי האָט זיך געלאָזט לויפען אויף אַ זייטיגער גאַס, און מיר האָבען געוואוסט, אַז עטוואָס שרעקליכס געהט פאָרקומען. מיר האָבען שוין געקענט הערען דאָס ברומען און די געשרייען.

—אונזערע בראַווע קאַמעראַדען קומען יעצט, — האָט האַרט־מאַן געזאָגט.

מיר האָבען געקענט זעהן די ערשטע רייה זייערע אָנפילענ־דיג די גאַס פון איין עק צום צווייטען, פונקט ווי דער לעצטער שלאַכט־אויטאָמאָביל איז פאַרבייגעלאָפען. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט בלויז פאַר אַ מאָמענט פונקט נעבען אונז. א סאָל־דאַט איז אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָמאָביל, טראָגענדיג עפּעס אין זיין האַנד זעהר פאָרזיכטיג. ער האָט דאָס אַוועקגעלעגט מיט דער זעלביגער פאָרזיכטיגקייט אין דער קאַנאַווע. דאַן איז ער צוריק אריינגעשפּרונגען אין אויטאָמאָביל, וועלכער איז שנעל אַוועק געפאָהרען, אַוועק דרעהענדיג זיך אין אַ זייטיגער גאַס.

האַרטמאַן איז צוגעלאָפן צו דער קאַנאָווע און האָט זיך אָנגע־בויגן איבער דעם געגנשטאַנד.

— האַלט זיך פון דער ווייטנס, — האָט ער מיך געוואָרנט.

איך האָב איהם געזעהן אַרבייטענדיג שנעל מיט זיינע הענט. ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט צו מיר, האָט דער שוויים גערונען פון איהם.

— איך האָב עס אָפּגעזונדערט, — האָט ער געזאָגט, — און אין דער סאַמע ריכטיגער מינוט. דער סאָלדאַט איז געווען אומ־געלומפּערט. ער האָט געוואָלט, אז זי זאָל פּלאַצען, ווען אונזערע קאַמעראַדען געהען פאַרביי, נור ער האָט ניט ערלויבט גענוג צייט פאַר דעם. זי וואָלט געווען עקספּלאָדירט פאַר דער צייט. יעצט וועט זי שוין גאָר ניט עקספּלאָדירען.

יעדע זאַך האָט יעצט פּאַסירט שנעל. פון יענער זייט גאַס, א האַלבען קוואַרטאַל נידריגער, האָב איך געקענט זעהן קעפּ אַרויס־שטעקענדיג פון די פענסטער אין די העכערע שטאָקען פון א גע־ביידע. איך האָב זיי נור וואָס געהאַט אָנגעצייגט צו האַרטמאַנ׳ען, ווען א זייל פון פלאַם און רויך האָט איינגעהילט די געביידע, אין וועלכער די קעפּ האָבען זיך געזעהן. און די לופט האָט אַזש גע־ציטערט פונ׳ם שטאַרקייט פון דער עקספּלאָזשען. אין אייניגע פּלעצער זיינען די שטיינער פון דער געביידע אַרויסגעריסען גע־וואָרען, און די שטאָלענע באַלקענס האָבען זיך אַרויסגעזעהן. אינ׳ם נעקסטען מאָמענט האָט דאָס זעלביגע פּאַסירט מיט דער געביידע אויפ׳ן צווייטען זייט גאַס. צווישען די עקספּלאָזשענס האָבען מיר געקענט הערען דאָס גערויש פון אויטאָמאַטישע רעוואָלווערען און ביקסען. די מלחמה אין דער לופטען האָט אָנגעהאַלטען עטליכע מינוט און דאַן האָט זי אויפגעהערט. מיר האָבען געוואוסט, אז אונזערע קאַמעראַדען זיינען געווען אין איין געביידע און די מער־סענאַרים אין דער אַנדערער געביידע, און אז די שלאַכט איבער דער גאַס איז אָנגעגאַנגען צווישען זיי. נור מיר האָבען ניט געקענט

וויסען, אין וועלכער געביידע די קאַמעראַדען זיינען געוועו און אין וועלכער די מערסענאַריס האָבען זיך געפונען.

צו דער צייט זיינען די מאַרשירענדיגע געוועו לעבען אונז. ווען די ערשטע רייהען האָבען פאַרביימאַרשירט די שלאַכטענדיגע געביידעס, האָבען ביידע ווידער אָנגעפאַנגען צו פייערען — פון איין געביידע זיינען באָמבעס געוואָרפען געוואָרען אויפ׳ן גאַס, ווע־רענדיג אַטאַקירט פון געגענאיבער, און אַטאַקירענדיג צוריק אין דער זעלבער צייט. אַזוי האָבען מיר אויסגעפונען וועלכע געביידע עס האָט ענטהאַלטען אונזערע קאַמעראַדען, און זיי האָבען געטהאָן גלענצענדיגע אַרבייט, רעטענדיג די מענשען אויפ׳ן גאַס פונ׳ם שונא׳ס באָמבעס.

האַרטמאַן האָט אָנגעגריפען מיין אָרעם און האָט מיך אַריינ־געשלעפּט אין אַ ברייטען אַריינגאַנג פון אַ הויז.

— זיי זיינען ניט אונזערע קאַמעראַדען, — האָט ער מיר אַריינגעשריען אין אויער.

די איינוועניגסטע טירען פונ׳ם אַריינגאַנג זיינען געוועו פאַר־ריגעלט און פאַרשלאָסען. מיר האָבען ניט געקענט אַנטלויפען. אינ׳ם נעקסטען מאָמענט איז די פאָדערשטע רייה פאַרבייגעגאַנגען. עס איז ניט געוועו אַ רייה מאַרשירענדיגע, בלויז אַ מאַסע, אַ שרעקליכער טייך, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַס. דאָס זיינען געוועו די אָפּגרונד־מענשען, משוגע פון געטראַנק און פאַרביטערט פון זייערע ליידען, וועלכע האָבען ענדליך ערוואַכט, זיינען זיי גע־ווען זשעדנע פאַר׳ן בלוט פון זייערע אונטערדריקער. איך האָב געזעהן די אָפּגרונד־מענשען פריהער, איך בין געגאַנגען דורך זיי־ערע געהעטאָס, און איך האָב געדענקט, אַז איך האָב זיי גענוי גע־קענט. נור יעצט האָב איך אויסגעפונען, אַז דאָס זעה איך זיי צום ערשטען מאָל. די שטומפּיגע גלייכגילטיגקייט איז פאַרשוואונ־דען. יעצט איז די מאַסע געוועו אַן אַרבייטענדיגע קראַפט. די מאַסע האָט זיך געשטופּט, אַ בייזע, אַ ברומענדיגע, שצירענדיג מיט די צייהן, אַ מענשען־עסענדיגע, אָנגע׳שכור׳ט פון בראַנפען,

וואָס זיי האָבן אַרויסגעקראָגן, באַרויבענדיג שענקען, פאַר׳שכור׳ט פון שנאה, באַזויפן מיט בלוטדורשטיגקייט. מענער, פרויען און קינדער, אָנגעקליידעט אין טראַנטעס, זייערע פּנים׳ער פינסטערע, און אַלעס, וואָס איז געטליך אין אַ מענשענ׳ס געזיכטסציגע, פאַר־שוואונדען פון זייערע פּנים׳ער, און אַלעס, וואָס איז בעסטיאַליש, איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיי, אַפען און טיגערס, בלוטלאָזע סמאַטאַטשניקעס און גרויסע, האָריגע לאַסטען־טרעגער, פאַרמאַ־טערטע פּנים׳ער, פון וועלכע דער וואַמפּיר, די געזעלשאַפט האָט אַרויסגעזויגט דעם לעצטען טראָפּען בלוט און לעבען, געשוואָלענע פיגורען, פאַרגרעבטע און פאַרדאָרבענע, פאַרוועלקטע מכשפות, מיאוס׳קייטען, און טויגעניכטסען, טראָגענדיג בערד ווי פּאַטריאַר־כען, פאַרביטערטע יונגע און פאַר׳חושך׳טע אַלטע, פּנים׳ער פון פאַרברעכער, צודרעהטע, צו׳הרג׳עטע, אומגעלומפּערטע מאָנסטערס, וואָס זיינען רואינירט געוואָרען פון שמוציגע קראַנקהייטען און אַלע שוידערליכקייטען פון כראָנישער אונגאַרהאַפּטיגקייט — דאָס שמוץ און די שוים פון לעבען, אַ ברויזענדע, קוויטשענדע, גריל־צענדע, צווזשעטע, משוגע׳נע מחנה איז דאָס געווען.

און וואָרום ניט? די מענשען פונ׳ם אָפּגרונד האָבען ניט גע־האַט וואָס צו פאַרלירען. און געווינען? גאָר ניט, אַ חוץ איין לעצטען שרעקליכען נקמה־ביסען. און בעת איך האָב געקוקט אויף זיי, איז מיר אַרויפגעקומען אַ געדאַנק, אַז אין דעם לויפענדיגען שטראָם פון לאַווע (הייסערמעטאַל פון וואולקאַנען. איבערז.) זיי־נען געווען מענער, קאַמעראַדען און העלדען, וועמעס עובדא ס׳איז געווען אויפצואוועקען די אָפּגרונד־חיה און צו באַלעסטיגען דעם שונא מיט דער אַרבייט פון איינשטילען די דאָזיגע חיה.

און יעצט האָט מיט מיר פּאַסירט עטוואָס זאָנדערבאַרעס. איך בין עפּעס מגולגל געוואָרען. דער שרעק פאַר׳ן טוידט, מיין אייגענעם און אַנדערענס, איז פאַרשוואונדען. קיין זאַך האָט מיר ניט אויסגעמאַכט. די רעוואָלוציע איז פאַרלוירען געגאַנגען דאָס מאָל, אָבער די זאַך גופא וועט בלייבען און וועט דאָ זיין מאָרגען,

די זעלביגע, נאָך מעהר ענערגיש און ברענענד. און נאָכדעם, דורך די אַלע אומשטענדען, אין וועלכע די שוידערליכע פּאַסירונגען זיינען אָנגעגאַנגען, האָב איך זיך געקענט רוהיג פאַראינטערעסירען. דער טוידט האָט גאָר ניט געמיינט פאַר מיר, און אויך לעבען האָט גאָר ניט געמיינט. איך בין געווען אַ צושויער, פאַראינטערעסירט אין די פּאַסירונגען פון'ם טאָג און פיעל מאָל, זייענדיג מיטגעשלעפּט, בין איך אויך געווען אַן אנטייל־נעהמער. דאָס איז געווען אַזוי, ווייל מיין פאַרשטאַנד האָט געשטיגען צו אַ הויכער, קיהלער ווייטקייט און איך האָב באַגריפען דעם ווערט פון זאַכען אַנדערש ווי פריהער. ווען איך זאָל ניט געווען זיין אין דעם צושטאַנד, ווייס איך זיכער, אַז איך וואָלט געווען געשטאָרבען.

אַ האַלבער מייל פון דער מאַסע איז פאַרבייגעגאַנגען, ווען מיר זיינען אַנטדעקט געוואָרען. אַ פרוי אין שמאַטעס, מיט איינגעפאַלענע באַקען און שמאָלע, שוואַרצע אויגען, ווי עגבערס, האָט דערזעהן מיך און האַרטמאַנ'ען. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ גרילצענדיגען קוויטש און האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף אונז. אַ טייל פון דער מאַסע האָט זיך אָפּגעריסען פון די איבעריגע און האָט איהר נאָכגעפאָלגט. איך זעה איהר אפילו יעצט, ווען איך שרייב די ציילען, פאַר מיינע אויגען, אַ שפּרונג טהוענדיג פאַר דער מאַסע, איהרע גרויע האָר צושויבערט, דאָס בלוט טריפענדיג פון איהר שטערען פון אַ וואונד אין איהר קאָפּ־הויט, אין איהר רעכטע האַנד האָט זי געהאַלטען אַ האַמער, און איהר לינקע האַנד, אַן אויסגעדאַרטע, אַ געקנייטשטע, אַ געלע לאַפּע, האָט קאָנוואולסיוו צוזאַמענגעדריקט דעם פויסט. האַרטמאַן האָט אַ שפּרונג געטהאָן מיך צו פאַרשטעלען. דאָס איז ניט געווען קיין צייט צו געבען ערקלערונגען. מיר זיינען געווען פיין געקליידט און דאָס איז געווען גענוג. ער האָט אויסגעשטורעקט זיין קולאַק, אַ קלאַפּ טהוענדיג דער פרוי צווישען איהרע פלאַמענדיגע אויגען. דער שטויס פון'ם שטאַרקען קלאַפּ האָט איהר צוריקגעוואָרפען, נור זי האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן דער מאַסע, וואָס איז געקומען הינטער איהר, און

איז ווידער געפאלען צוריק, א צומישטע און הילפלאזע, און דער האמער, וואס זי האט געהאלטען אויסגעשטרעקט, איז געפאלען אויף הארטמאנ׳ס אקסעל.

אינ׳ם נעקסטען מאמענט האב איך ניט געוואוסט, וואס עס געהט אן ארום מיר. איך בין צוגעקוועטשט געווארען פון דער מאסע. דאס ענגע שטיקעל פלאץ איז געווען אנגעפילט מיט גע־שרייען, קוויטשערייען און קללות. קלעפ זיינען געפאלען אויף מיר פון אלע זייטען. הענט האבען געריסען שטיקער פון מיין פלייש און קליידער. איך האב געפיהלט, אז איך ווער צוריסען אויף שטיקער. איך ווער דערקוועטשט, דערשטיקט. א מעכטיגע האנד האט מיך פלוצים אנגעכאפט פאר׳ן אקסעל אין מיטען פון דער גאנצער שטופעריי און האט מיך אוועקגעשלעפט. פון וועה־טאג און שטארקע צודריקונג האב איך גע׳חלש׳ט. הארטמאן איז ניט ארויס לעבעדיג פונ׳ם אריינגאנג. ער האט מיך פארשטעלט און ער האט דערפאר אריינגעכאפט די ערגסטע קלעפ פון די אנ־גרייפער. דאס האט מיך געראטעוועט, ווייל די שטופעריי און ענגשאפט איז באלד געווען אזוי גרויס, אז מעהר ווי ארומרייסען זיך מיט די הענט האט קיינער ניט געקענט טהאן.

ווען איך בין געקומען צו זיך, בין איך געווען אין מיטען פון א שנעלבאוועגענדער מאסע. איך בין אויפגעכאפט געווארען פון א ווילדען שטראם, וואס האט מיך געטראגען אין דער וועלט אריין. איך האב געפיהלט א פריש ווינטעל אויף מיינע באקען און מיינע לונגען האבען פריי אויפגעאטעמט. שוואך און פאר־מאטערט, האב איך קוים געפיהלט א שטארקען ארעם ארום מיין קערפער אונטער די ארעמס, און וואס האט מיך אויפגעהאלטען און מיך געשלעפט. מיינע אייגענע פיס זיינען געווען שוואך און האבען מיר ווייניג וואס געהאלפען. פאר מיר האב איך געזעהן די באוועגענדיגע פלייצע פון א מאנ׳ס ראק. דער ראק איז געווען צושניטען פון אויבען ביז אראפ דורך דער מיטעלסטער נאט, און דער שפאלט האט זיך געעפענט און פארמאכט מיט יעדער באַ־

וועגונג, וואָס דער מאַן האָט געמאַכט. די ערשיינונג האָט מיך אינטערעסירט פאַר אַ ווייל, און מיין פאַרשטאַנד האָט זיך אַ ביסעל אויסעלייטערט. דאַן האָב איך גענומען פיהלען אַ וועהטאָג אין מיינע באַקען און נאָז, און איך האָב געקענט פיהלען בלוט טרי־פענדיג פון מיין פנים. מיין הוט האָב איך פאַרלוירען. מיינע האָר זיינען געווען צופאַלען און צושויבערט, און פון דעם וועהטאָג אין מיין קאָפּ־הויט האָב איך זיך דערמאָנט, דאָס ווען איך בין געווען אינ׳ם ענגשאַפט אין אַרייגאַנג, האָט עפּעס אַ האַנד מיך געריסען פאַר די האָר. מיין ברוסט און אָרעמס זיינען געווען פאַרוואונדעט און האָבען מיר שטאַרק וועה געטהאָן.

מיין מוח האָט זיך מיר אַ ביסעל מעהר אויסגעלייטערט, און איך האָב זיך אומגעדרעהט ווייל איך בין געלעגען און האָב אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן מאַן, וואָס האָט מיך אונטערגעהאַלטען. ער איז דאָס געווען דער מאַן, וואָס האָט מיך אַרויסגעשלעפּט און האָט מיך געראַטעוועט. ער האָט באַמערקט, ווי איך האָב זיך אויס־געדרעהט.

— אַלעס איז רעכט, — האָט ער אויסגעשריען אין אַ הייזעריגער שטימע. — איך האָב אייך גלייך דערקענט.

איך האָב איהם ניט דערקענט, נור איידער איך האָב געקענט אַ וואָרט אַרויסרעדען, האָב איך אָנגעטראָטען אויף עפּעס, וואָס האָט געלעבט, און וואָס האָט זיך געדרעהט אונטער מיין פוס. איך בין הינגעריסען געוואָרען מיט דער מאַסע, אַזוי דאָס איך האָב ניט געקענט זיך איינבויגען און זעהן, וואָס דאָס איז. און דאָך האָב איך געוואוסט, אַז עס איז געווען אַ פרוי, וואָס איז געפאַלען און איז יעצט געטראָטען געוואָרען פון טויזענטער פיס.

— אַלעס איז רעכט, — האָט ער איבערגע׳חזר׳ט, — איך בין געדטהוויטה.

ער האָט געהאַט אַ באָרד, איז געווען אויסגעדאַרט און שמור־ציג, נור איך האָב זיך דערמאָנט אָן איהם אַלס דער שטאַרקער, מוטיגער יונגער־מאַן, וואָס האָט פאַרבראַכט עטליכע מאָנאַטען

אין דעם גלען־עלען שויך־פלאץ. ער האט מיר געגעבען עטליכע סיגנאלען פון דער געהיים־פאליציי פון אייזערנעם קנאפעל, אנ־צייגענדיג, אז ער איז אויך באשעפטיגט אין מיין ארבייט.

— איך וועל אייך ארויספיהרען פון דאנען, אזוי שנעל, ווי מעגליך, — האט ער מיר פארזיכערט. — נור פאסט אויף, ווי איהר געהט. איהר זאלט אויפפאסען ניט צו פאלען.

אלעם האט פאסירט פלוצים אין יענעם טאג, און מיט א פלוצלינגקייט, וואס האט מיך שיער קראנק געמאכט, האט זיך די מאסע פלוצים אפגעשטעלט. איך האב זיך אנגעשטויסען אן א גרויסער פרוי, וואס איז געגאנגען פאר מיר. (דער מאן מיט'ן צושפאלטענעם ראק איז פארשוואונדען), בעת די יעניגע, וואס זיינען געגאנגען הינטער מיר, האבען זיך אנגעשטויסען אן מיר. א טייפעלשער מיש־מאש האט נאכגעפאלגט — געשרייען, קולות און מוידטליכע גוואלדען האבען זיך אויסגעמישט מיט'ן גערודער און קלאפעריי פון הארמאטען און דעם מאנאטאנעם קלאפען פון ביקסען. פון אנפאנג האב איך גאר ניט געקענט זעהן. מענשען זיינען געפאלען ארום מיר, ווי די פליעגען. די פרוי, וואס איז געווען פאר מיר, האט זיך איינגעבויגען אין צווייען און איז געזונקען צו דער ערד, האלטענדיג איהרע הענט צוגעדריקט צו איהר בויך. א מאן, וואס איז געפאלען לעבען מיינע פיס, האט גע'גוסס'ט.

איך האב פלוצים באגריפען, אז מיר זיינען געווען די מאסע ערשטע אין דער רייה. א האלבער מייל פון דער מאסע איז פארשוואונדען — וואוהין אדער ווי אזוי, האב איך קיינמאל ניט אויסגעפונען. ביז היינטיגען טאג ווייס איך ניט, וואס עס איז געווארען מיט יענעם האלבען מייל מענשען — צי עס איז אויס־געמעקט געווארען פון דער שרעקליכער מלחמה, ציז עס איז גלאט צושפרייט געווארען און פארניכטעט געווארען ביסלעכווייז, אדער די מענשען זיינען זיך גאר צולאפען. נור אט זיינען מיר שוין געווען אין סאמע פראנט אנשטאט אין דער מיט, און מיר זיינען

אויסגעווישט געוואָרען פון צווישען די לעבעדיגע דורך א שטראָם גרילצענדיגען בליי.

אזוי שנעל, ווי דער טוידט פון פיעל האָט אונז א ביסעל גראמער געמאכט, האָט גארטהוויטה, נאָך אלץ האלטענדיג מיין אָרעם, אריינגעפיהרט א מאסע פון די, וואָס זיינען איבערגעבליבען לעבעדיג, אין א גרויסען אריינגאנג פון א גרויסער אָפיס־געביידע. דאָ, זייענדיג פון פאָרענט פון די אלע מענשען, זיינען מיר צוגע־דריקט געוואָרען פון א שווער־אָטמענדיגע מאסע באשעפענישען. פאר א קורץ שטיקעל צייט זיינען מיר געבליבען אין דער פאָזיציע און די לאגע האָט זיך ניט געביטען.

— איך האָב עס זעהר פיין אָפגעארבייט, — האָט גארטהע־וויטה זיך באקלאָגט פאר מיר. — איך האָב אייך אריינגעפיהרט גלייך אין א נעץ אריין. דאָרטען האָבען מיר אמווייניגסטען געהאט א שאנס פון א קאָרטען־שפיעלער, נור דאָ האָבען מיר גאָר קיין שאנס ניט. עס איז שוין יעצט נאָך אלעמען. לאנג לעבט די רעוואָלוציע!

דאן, וואָס עס האָט ערוואַרטעט, האָט זיך אָנגעפאנגען. די מערסענארים האָבען גע'הרג'עט אָהן רחמנות. פון אָנפאנג איז די שטופעריי הינטער אונז געווען נאָך ערגער, נור ווען די הריגה האָט זיך אָנגעפאנגען, איז די דרוק־קראפט א ביסעל לייכטער גע־וואָרען. די טוידטע און די יעניגע, וואָס האָבען געהאלטען ביים שטארבען, זיינען אנידערגעפאלען און געמאכט א ביסעל גראמער. גארטהווייטה האָט צוגעלעגט זיין מויל צו מיין אויער און האָט אריינגעשריען, נור איבער דעם שרעקליכען ליארם, האָב איך ניט געקענט הערען, וואָס ער זאָגט מיר. ער אָבער האָט ניט געוואַרט. ער האָט מיך ארומגעכאפט און מיך אומגעוואָרפען צו דער ערד. דאן האָט ער צוגעשלעפט א טוידטע פרוי און זי אוועקגעלעגט איבער מיר און דאן, זיך שטופענדיג און שארענדיג, איז ער אויך ארונטערגעקראָכען אונטער דער פרוי און האָט זיך אוועקגעלעגט טיילווייז לעבען מיר און טיילווייז אויף מיר. א בארג פון טוידטע

און שטארבענדיגע האט זיך גענומען אַנזאַמלען איבער אונז, און איבער דעם בארג האָבען ארומגעפּויזעט די קרעכצענדיגע פאר־וואונדעטע מענשען, וואָס זיינען איבערגעבליבען לעבעדיג. נור אויך די האָבען באלד אויפגעהערט, און א שטילקייט, צייטענווייז איבערגעשלאָגען פון קרעכצען און פארדומפּפטע קולות איז אַלעס באפאַלען.

איך וואָלט געווען צוקוועטשט געוואָרען, ווען ניט גארטה־ווייטה. איך האָב סיי ווי סיי ניט געקענט פארשטעהן, ווי אזוי איך האָב געקענט פארטראָגען אזא שווערע געוויכט. און דאָך, אויסער מיינע שמערצען, האָט מיך צום מעהרסטען באהערשט א געפיהל פון קוריאָזיטעט. ווי אזוי וועט זיך דאָס אַלעס ענדיגען? וואָס וועט זיין דער טעם פון טוידט? אזוי בין איך עם געטויפט געוואָרען אין דער רוישיגער שיקאַגאָ׳ר יאַטקע. בעפאָר דעם, איז טוידט בלויז געווען א טעאָריע אין מיינע אויגען; נור זייט דאַן האָט מיר דער טוידט אויסגעקוקט ווי א פשוט׳ער פאקט, א זאַך, וואָס מען קומט איבער זעהר לייכט.

נור די מערסענאַרים האָבען זיך ניט צופריעדענגעשטעלט מיט דעם, וואָס זיי האָבען געטהאָן ביז יעצט. זיי זיינען באפאַלען דעם אריינגאַנג, הרג׳ענדיג די פארבאהעלטענע, וועלכע האָבען זיך געמאכט פאר טוידט. איך געדענק איין מאַן, וועלכען זיי האָבען ארויסגעשלעפּט פו׳ן אונטער א הויפען טוידטע, וועלכער האָט זיך געבעטען ביי זיי, ביז א רעוואָלווער־שאָס האָט איהם איינגע־שטילט. דאַן איז געווען א פרוי, וועלכע איז אַנגעפאַלען אויף זיי, אראָפּשפּרינגענדיג פון א הויפען טוידטע, א שילטענדיגע און שיסענדיג. זי האָט אויסגעשאָסען זעקס מאָל איידער זיי האָבען איהר דערשאָסען, כאָטש מיר האָבען ניט געוואוסט וויפיעל שאָדען זי האָט געטהאָן דעם שונא. מיר האָבען געקענט בלויז הערען די אַלע טראַגעדיעס. יעדע ווייל האָבען אזעלכע אונרוהען פּאַ־סירט, און יעדער שטורם אזעלכער האָט זיך געענדיגט מיט א רעוואָלווער־שאָס. און צווישען די צייט פלעגען מיר הערען די

סאָלדאַטען רעדען און זידלען, בעת זיי האָבען ארומגעזוכט צווי־שען די קערפערס, און זייערע אָפיציערען האָבען זיי די גאַנצע צייט צוגעאיילט.

ענדליך האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען אויף אונזער קופּע, און מיר האָבען געקענט פיהלען, ווי די דרוק־קראַפט ווערט אַלץ ווייניגער, ווען זיי האָבען אוועקגעשלעפּט די טויטע און פאַרוואונדעטע. גאַרטהווייטה האָט אָנגעהויבען אויסצושרייען די סיגנאַלען אין דער הויך. פון אָנפאַנג האָט מען איהם ניט געהערט. דאַן האָט ער אָנגעהויבען נאָך העכער צו שרייען.

— האַלט זיך איין! — האָבען מיר געהערט ווי אַ סאָלדאַט האָט געזאָגט. און אין׳ם נעקסטען מאָמענט די שאַרפע שטימע פון אַן אָפיציער: — לאַנגזאַם! פּאַס אויף, ווי דו טהוסט דאָרטען דיין אַרבייט.

אַך, דער ערשטער אָטעם פרישע לופט, וואָס מיר האָבען געקראָגען, ווען מען האָט אונז ארויסגעשלעפּט! גאַרטהווייטה האָט צום ערשטען גערעדט, נור איך האָב געמוזט דורכמאַכען אַ שטיקעל עקזאַמען, כדי איבערצוצייגען איהם, אַז איך האָב גע־דיענט דעם אייזערנעם קנאַפּעל.

— אמת, סגענטען־פּראָוואָקאַטאָרס, — איז געווען דעם אָפי־ציער׳ס באַשלוס. ער איז נאָך געווען אַ גאַנץ יונגער מענש, וואַרשיינליך אַ קאַדעט, אַ מיטגליעד פון אַ גרויסער אָליגאַרכי־שער פאַמיליע.

— דאָס איז אַ פאַרדאַמטע אַרבייט, — האָט גאַרטהווייטה געבורטשעט. — איך גהע, דענק איך, רעזיגנירען און אריינטרע־טען אין דער אַרמעע. איהר חברה האָט אַ לייכטע שטעלע.

— איהר האָט עס כשר פאַרדיענט, — איז געווען דעם יונגען אָפיציער׳ס ענטפער. — איך האָב אַ שטיקעל ידיעה אין די הויכע פענסטער, און איך וועל זעהן עפּעס צו טהאָן פאַר אייך. איך וועל זיי זאָגען, ווי אַזוי איך האָב אייך געפונען.

ער האָט פאַרשריבען גאַרטהווייטה'ס נאָמען און נומער, דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו מיר:

— און איהר?

— אה, איך געה באַלד חתונה האָבען, — האָב איך געענט־פערט, — און דאַן וועל איך עס גאָר אין גאַנצען פּטר'ן.

און אַזוי האָבען מיר גערעדט, בעת די הריגה פון די פאַר־וואונדעטע איז אָנגעגאַנגען. יעצט, ווען איך בליק צוריק אויף דעם אַלעמען, צייגט עס מיר אויס ווי אַ חלום; נור אין יענער צייט האָט דאָס אויסגעקוקט ווי די נאַטירליכסטע זאַך אין דער וועלט. גאַרטהווייטה און דער יונגער אָפיציער האָבען פאַרפיהרט אַ חיציגע דעבאַטע איבער'ן אונטערשיעד צווישען דער זאַגענאַנ־טער שלאַכט און דעם יעצטיגען גאַסען־קאַמפּף און הימעל־קראַצער־געביידען קאַמפּף, וואָס זיינען אָנגעהאַנגען איבער דער גאַנצער שטאָדט. איך האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, פאַרריכטענדיג מיינע האָר צו דער זעלבער צייט און צוזאַמענטשעפּענדיג מיינע צוריסענע קליידער. און דורך דער גאַנצער צייט איז די הריגה פון די פאַוואונדעטע אָנגעגאַנגען. פיעל מאָל האָבען די שיסענ־דיגע ביקסען פאַרטויבט די שטימען פונ'ם אָפיציער און גאַרטה־ווייטה, און זיי האָבען געמוזט, אין אַזאַ פאַל, איבערזאָגען צוויי מאָל איין זאַך.

איך האָב איבערגעלעבט דריי טעג פון דער שיקאַגאָ'ר קאָ־מונע, און מען קען זיך פאָרשטעלען ווי גרויזאַם, ווי שוידערליך די הריגה איז געווען, ווען איך זאָג, אַז דורך דער גאַנצער צייט האָב איך כמעט קיין אַנדער זאַך ניט געזעהן אויסער דאָס הרג'ע־נען פון די אָפּגרונד־מענשען און די מלחמות אין דער לופטען צווישען די הויכע געביידען. איך האָב ווירקליך ניט געזעהן פיעל פון די העלדענטאַטען, וואָס די קאַמעראַדען האָבען אויפגעטהאָן. איך האָב געקענט הערען זייערע באָמבען עקספּלאָדירען, און דעם רויך פון די פייערען, וואָס זיי האָבען פאַראורזאַכט, און דאָס איז געווען אַלעס. נור איין העלדענטאַט, וואָס איז אָפּגעטהאָן געוואָרען

פון אונזערע גענאָסען אין דער לופטען, האָב איך יאָ געזעהן, נעמ־ליך, די אָנגריפען, וואָס זיי האָבען געמאַכט אויף דער פעסטונג. דאָס האָט פּאַסירט אויפ׳ן צווייטען טאָג. די טרייע און אונ־טרייע רעגימענטען זיינען ביז איינעם אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען אין דער פעסטונג. די אַנדערע פעסטונגען זיינען געווען איבער־געפּאַקט מיט מערסענאַרים. דער ווינד האָט געבלאָזען אין אַ גוטער ריכטונג, און אונזערע לופט־באַלונען זיינען אַרויפגעפלוי־גען אין דער לופטען פון אַן אָפּיס־געביידע אין שטאָדט.

ביעדענבאַרד, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָזט גלען־עללען, האָט ענטדעקט אַ זעהר מעכטיגען עקספּלאָדירענדען מאַטעריאַל, „עקספּעדיט” האָט ער עס גערופען. דאָס איז געווען די וואַפע, מיט וועלכער די באַלונען האָבען זיך באַנוצט. דאָס זיינען בלויז געווען הייסע לופט־באַלונען, אומגעלומפּערט און שנעל געמאַכט, נור זיי האָבען געטהאָן זייער ארבייט גלענצענד. איך האָב עס אַלעס געזעהן פון׳ם דאַך פון אַ וואָלקען־קראַצער־געביידע. דער ערשטער באַלון האָט אויסגעפעהלט די פעסטונג גאָר אין גאַנצען און איז פאַרשוואונדען געוואָרען, אַוועקפליהענדיג איבער׳ן לאַנד; נור מיר האָבען ערשט שפּעטער אויסגעפונען, וואָס עס איז גע־וואָרען מיט׳ן ערשטען באַלון. בווירטאָן און אָ׳סאַליוואַן זיינען געווען אין יענעם באַלון. ווען זיי זיינען אַרונטערגעשטיגען צו דער ערד צו, זיינען זיי געפלויגען פונקט איבער אַ צוג פול מיט סאָל־דאַטען, וואָס איז געלאָפען מיט דער העכסטער שנעלקייט קיין שיקאַגאָ. זיי האָבען אַרונטערגעוואָרפען זייערע גאַנצען זאַפּאַס עקספּעדיט אויפ׳ן לאָקאָמאָטיוו. דער חורבן פון דעם צוג האָט פאַרשפּאַרט די ליניע אויף עטליכע טעג. און דאָס בעסטע פון דער גאַנצער געשיכטע איז געווען, וואָס אַראָפּוואַרפענדיג די משא פון׳ם עקספּעדיט, איז דער באַלון אַרויף צוריק אין דער לופטען און איז אַרונטערגעפאַלען אויף דער ערד זעקס מייל פון דאָרטען, און ביידע העלדען זיינען אַרויס אונבאַשעדיגט.

דער צווייטער באַלון איז געווען אַ דורכפאַל. ער איז גע־

פּליגען זעהר געמיין. ער האָט געשוועבט צו נידריג און ער איז געשאָסען געוואָרען אין פיעל פּלעצער איידער ער איז גאָר צו־געקומען צו דער פעסטונג. הערפּאָרד און גיננעס זיינען געווען אין דעם באַלון, און זיי זיינען צושאָסען געוואָרען אויף פּיצלעך, פּונקט ווי דער פעלז, אויף וועלכען זיי זיינען ארונטערגעפאַלען. ביעדענבארד איז געווען אין פארצווייפלונג — מיר האָבען גע־הערט וועגען דעם אַלעם ערשט נאָכדעם — און ער אַליין איז אַריינגעגאַנגען אינ׳ם דריטען באַלון. אויך ער איז געפלויגען נידריג צו דער ערד, נור ער האָט געהאַט מעהר מזל, ווייל זיי האָבען ניט שטאַרק צושעדיגט זיין באַלון. איך זעה נאָך יעצט פאַר מיינע אויגען, פּונקט ווי איך האָב דאַן געזעהן, פון דער הויכער געביידע — דעם אָנגעבלאָזענעם בייטעל, און דאָס קליינע פּינטעלע, דער מענש, אָנהאַלטענדיג זיך אונטען. איך האָב די פעסטונג ניט געקענט זעהן, נור די יעניגע, וואָס זיינען געשטאַ־נען אויפ׳ן דאַך, האָבען געזאָגט, אז ער איז געווען פּונקט איבער דער פעסטונג. איך האָב אויך ניט געזעהן דעם עקספּעדיט פאַלען, ווען ער האָט עס אָפּגעשניטען. נור איך האָב יאָ געזעהן דעם באַלון פּלוצים זיך אויפהויבען אין דער לופטען. אַ שטיקעל צייט נאָכדעם האָט ער ערשט עקספּלאָדירט און נאָכדעם האָב איך ערשט געהערט דעם שרעקליכען דונער און קראַך. ביעדענבארד, דער עדלער, וויכהערציגער מענש, האָט פאַרניכטעט אַ גאַנצע פעס־טונג. צוויי אַנדערע באַלונס זיינען נאָכגעפלויגען זיינעם. איינער איז צוריסען געוואָרען אויף שטיקער אין דער לופטען, ווייל דער עקספּעדיט האָט עקספּלאָדירט, און דאָס טרייסלען האָט צוריסען דעם צווייטען באַלון, וועלכער איז אַריינגעפאַלען גלייך אין דער פעסטונג, וואָס איז איבערגעבליבען. עס האָט גאָר בעסער ניט געקענט געפּלאַנט ווערען, כאָטש די צוויי קאַמעראַדען, וואָס זיינען געווען אינ׳ם באַלון, האָבען אויפגעאָפּפערט זייערע לעבענס.

נור לאָמיך דערצעהלען מעהר פון די אָפּגרונד־מענשען, מיט וועלכע איך האָב געהאַט מיין גאַנצע ערפאַהרונג. זיי האָבען גע־

בושעוועט, געמאָרדעט און פארניכטעט אייגענטום איבער דער גאַנצער שטאָדט און זיי זיינען אויך פארניכטעט געוואָרען; אָבער ניט איין מאָל אפילו האָבען זיי געגרייכט דעם מעריב־טייל פון שטאָדט, וואו די אָליגארכען האָבען זיך גוט באשיצט. קיין אונ־טערשיעד ניט, וואָס פאר א חורבן אין אלע איבעריגע טיילען פון שטאָדט עס איז אָנגעגאנגען, זיי, זייערע פרויען און קינדער זיינען געוועזען אונבאשעדיגט. מען האָט מיר געזאָגט, אז זייערע קינדער האָבען זיך געשפּיעלט אין די שפּאַציער־גערטנער און אז זייער ליעבלינגס־שפּיעל אין יענע שרעקליכע טעג איז געוועזען זיך נאָכ־צוקרימען זייערע עלטערען, ווי זיי טרעטען איבער'ן פּראָלע־טאריאט.

נור די מערסענאַרים האָבען עס ניט געפונען אלס זעהר לייכט צו ווערען זיך געגען די אָפּגרונד־מענשען און אין דער זעלבער צייט קעמפּפען מיט די געניאָסען. שיקאַגאָ האָט אויפ־געהאלטען איהר טראַדיציע, און כאָטש א גאַנצער דור רעוואָלו־ציאָנערען זיינען פארטיליגט געוואָרען, האָבען זיי אָבער מיטגע־נומען מיט זיך אין קבר א גאַנצען דור פון זייערע שונאים. נאַ־טירליך, האָט דער אייזערנער קנאַפּעל ניט ארויסגעגעבען די ריכ־טיגע צאָהל, נור אמווענינגסטען זיינען הונדערט און דרייסיג טוי־זענד מערסענאַרים גע'הרג'עט געוואָרען. נור די קאַמעראַדען האָ־בען ניט געהאַט קיין שאַנס. אנשטאַט וואָס דאָס גאַנצע לאַנד זאָל געוועזען רעוואָלטירען מיט זיי צוזאַמען. זיינען זיי געשטאַנען אליין אין קאַמפּף, און די גאַנצע מאַכט פון דער אָליגאַרכיע האָט געקענט געשיקט ווערען געגען זיי, ווען נויטיג. עס זיינען אזוי אויך אריינגעשיקט געוואָרען הונדערטער טויזענטער מערסענאַרים קיין שיקאַגאָ דורך דער צייט.

און עס זיינען דאָך געוועזען אזוי פיעל אָפּגרונד־מענשען! ווערענדיג מיעד צו הרג'ענען, האָבען די סאָלדאַטען אָנגעפאַנגען זיי צוזאַמענצוטרייבען, מיט'ן געדאַנק זיי צו פאַרטרייבען, ווי בהמות אין מישיגען אָזערע. גאַרטהוויִיטה און איך האָבען זיך

געטראָפען מיט'ן יונגען אָפיציער פונקט ביים אָנפאנג פון דער נייער באוועגונג. די טרייבעניש איז געווען א דורכפאל צוליעב דער גלענצענדער ארבייט פון די גענאָסען. אנשטאט די אונגעהויער גרויסע מחנה, וואָס די מערסענאַריס האָבען געהאט צונויפגעטריבען. האָבען זיי אריינגעטריבען ניט מעהר ווי פערציג טויזענד אומגליקליכע אין דער אָזערע. יעדעס מאָל, וואָס זיי האָבען ארומגערינגעלט א גרויסע מאסע און מען האָט זיי געטריבען פון די גאסען צום וואסער, פלעגען די קאמעראדען מאכען א שפאלטונג, און די מאסע פלעגט זיך צולויפען דורך די נייע וועגען, וואָס זיי האָבען אויפגעעפענט.

איך און גארטהווייטה האָבען געזעהן א ביישפיעל פון דער טרייבעניש נאָכדעם ווי מיר האָבען באגעגענט דעם יונגען אָפיציער. די מאסע, פון וועלכער מיר זיינען געווען א טייל און וועלכע מען האָט געמאכט זיך אומצוקעהרען צוריק, האָט ניט געקענט געהן קיין צפון־זייט, ווייל סאָלדאטען האָבען פארשטעלט דעם וועג. דאָס זעלבע איז געווען דער פאל אין מזרח־זייט. די סאָלדאטען, וועלכע האָבען אונז געראטעוועט, האָבען פארשפארט דעם וועג קיין מערב־זייט. דער איינציגער אויסוועג איז געווען קיין דרום, און אהין זיינען זיי געגאנגען גלייך צו דער אָזערע, ווערענדיג געטריבען פון צפון, מזרח און מערב פון הארמאטען און אויטאָמאטישע ביקסען. צי די מאסע האָט געוואוסט, אז מען טרייבט זיי צום וואסער, אָדער דער מאָנסטער האָט זיך גלייך אזוי פארקירעוועט אין א זייט, ווייס איך ניט; נור יעדענפאלס, די מאסע האָט זיך פארקירעוועט אין א זייטען־גאס, געהענדיג אין מערב־זייט, האָט זיך ווידער פארקירעוועט ביים צווייטען גאס און איז ווידער געגאנגען קיין צפון־זייט צו דער גרויסער געהעטאָ.

גארטהווייטה און איך האָבען צו יענער צייט געפּרובירט צו געהן אין מערב־זייט, כדי ארויסצוקומען פונ'ם געגענד פון גאסען־קאמפף, און מיר זיינען ווידער כמעט פארכאפט געוואָרען פון דער מאסע. ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דער גאס, האָבען מיר

געזעהן די שרייענדיגע מאסען קומען גלייך אויף אונז. גארטה־ווייטה האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים אָרעם און מיר האָבען אָנגע־פאנגען לויפען, נור באַלד האָט ער מיך אַריינגעשלעפּט אין א זייט, ווייל מיר זיינען שיער איבערגעפאָהרען געוואָרען פון עט־ליכע מלחמה־אויטאָמאָבילען, וואָס זיינען געלאָפען צו דעם פּלאַץ. הינטער זיי זיינען געקומען סאָלדאטען מיט אויטאָמאטישע ביק־סען. דורך דער צייט, וואָס זיי האָבען זיך אוועקגעשטעלט אויף זייער פּאָזיציע, איז שוין די מאסע געווען נעבען זיי, און עס האָט אויסגעקוקט ווי די מאסע וועט זיי באַזיעגען איידער די סאָלדאטען וועלען קענען עפּעס טהאָן.

איינ־יגע אָפּגעזונדערטע סאָלדאטען האָבען עפּעס יאָ געשאָ־סען, נור די ווייט־פארשפּרייטע שיסערייען האָבען ניט געקענט צוריקהאלטען די גרויסע מאסע, וועלכע איז געקומען אלץ נעהנ־טער מיט שטורם און צאָרן. עס האָט אויסגעוויזען, אז די האר־מאטען וועלען קיינמאָל ניט אָנפאנגען צו שיסען. די אויטאָמאָ־בילען, אויף וועלכע די הארמאטען זיינען געשטאנען, האָבען פאר־שטעלט די גאס, און די סאָלדאטען האָבען געמוזט נעהמען זייערע פּאָזיציאָנען צווישען די מענשען און אויף די טראָטוארען. אלץ מעהר סאָלדאטען זיינען צוגעקומען, און צוליעב דער ענגשאפט האָבען מיר זיך ניט געקענט אָפּטראָגען פון דאָרטען. גארטה־ווייטה האָט מיך צוגעהאלטען ביי מיין אָרעם און מיר האָבען זיך צוגעדריקט צו דער פאָדערשטער וואנד פון א געביידע.

די מאסע איז געווען בלויז אַן ערך פינף און צוואנציג פוס, ווען די הארמאטען האָבען אויפגעעפענט זייערע מיילער ; נור קיין זאך געהענדיג אנטקעגען דעם זייל פון פלאם און טוידט, האָט ניט געקענט בלייבען לעבען. די מאסע האָט געהאלטען אין איין קומען, אָבער זי האָט ניט געקענט מאכען קיין פאָרטשריט. זי איז אָנגעפאלען אין א קופּע, א בארג, אַן אונגעהויער גרויסע כוואַ־ליע פון טוידטע און פארוואונדעטע. די יעניגע, וואָס זיינען געגאנגען הינטען, האָבען זיך געשטופּט, און די רייה מארשירענ־

דיגע פון איין קאַנאַווע ביז דער צווייטער האָט זיך אָנגעשטויסען אויף זיך אַליין. קאַליעטשעטע באַשעפענישען, מענער און פרויען, זיינען אויסגעשפּיגען געוואָרען פון דער מאַסע און אַריבערגעפאַלען, דרעהענדיג און קייקלענדיג זיך פון פאָרענט פון דעם באַרג, ביז זיי זיינען געלעגען נעבען די רעדער פון די אויטאָמאָבילען אָדער ביי די פיס פון די סאָלדאַטען. די סאָלדאַטען האָבען זיי דערשטאָכען מיט זייערע שפּיזען, און איך האָב געזעהן איין אומגליקליכען, וועלכער האָט זיך אָנגענומען כח, איז אויפגעשפּרונגען און האָט זיך איינגעפּרעסען מיט זיינע צייהן אינ׳ם סאָלדאַט׳ס האַלז. זיי ביידע, דער סאָלדאַט און דער שקלאַף, האָבען אַרונטערגעזונקען אינ׳ם שמוץ.

די שיסעריי האָט אויפגעהערט. די אַרבייט איז געווען אָפּגעטהאָן. די מאַסע איז פאַרהאַלטען געוואָרען פון זיך דורכצוברעכען אַ נייעם וועג. די אָפיציערען האָבען געגעבען באַפעהלען צו די סאָלדאַטען, אָפּצורייניגען די רעדער פון די שלאַכט־אויטאָמאָבילען. זיי האָבען ניט געקענט פאָהרען ווייטער איבער דעם באַרג הרוגים, און זיי האָבען געהאַט בדעה צו מאַכען די מאַסע געהן צוריק אויף דער זייטען־גאַס. די סאָלדאַטען האָבען אַוועקגעשלעפּט די קערפּערס פון די רעדער, ווען דאָס האָט פּאַסירט. שפּעטער ערשט האָבען מיר אויסגעפונען ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט. אַ קוואַרטאַל ווייטער האָבען אַ הונדערט פון אונזערע גענאָסען זיך אויפגעהאַלטען אין אַ געביידע. זיי זיינען געקראָכען פון דאַך צו דאַך, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום פּלאַץ, פון וואַנען זיי האָבען אַרונטערגעקוקט אויף די ענג געפּאַקטע סאָלדאַטען. דאַן איז דאָס געווען אַ הריגה פון צווייטען צד.

אָהן אַ שום וואַרנונג, זיינען אַראָפּגעפאַלען אונצעהליגע באָמבען פונ׳ם דאַך פון דער געביידע. די אויטאָמאָבילען זיינען צופלויגען געוואָרען אויף שטיקלעך, אויך פיעל סאָלדאַטען. אַ האַלבען קוואַרטאַל נידריגער, האָט אויסגעשאָטען מיט פייער פון אַן אַנדער געביידע. פונקט ווי די סאָלדאַטען האָבען געפּלאַסטערט

די גאסען מיט טוידטע שקלאפען, אזוי האבען יעצט זייערע קער־פערס אויסגעפלאסטערט די גאסען. גארטהווייטה און איך האבען געהאט גרויס מזל. פונקט ווי מיר האבען געטהאן פריהער, אזוי האבען מיר אויך יעצט געזוכט שוץ אין אן ארייננאנג. נור דאס מאל האט זיך שוין גארטהווייטה געהיט. אזוי שנעל ווי דאס קראכען און דונערען פון די באמבעס האט אויפגעהערט, האט ער אנגעפאנגען ארויסצוקוקען.

— די מאסע קומט ווידער צוריק, — האט ער געשריען. — מיר מוזען ארויסלויפען פון דאנען!

מיר זיינען געלאפען, האלטענדיג זיך ביי די הענט, אויפ'ן בלוטיגען טראטואר, גליטשענדיג זיך, און זיך געאיילט צוצוקומען צו דער זייטען־גאס. דא האבען מיר געקענט זעהן אייניגע סאל־דאטען, וואס זיינען נאך געלאפען. זיי האט גאר ניט געטראפען יעצט. דער וועג איז ווארשיינליך געווען אפען. מיר האבען זיך אפגעשטעלט אויף א מאמענט און זיך אומגעקוקט צוריק. די מאסע איז געקומען לאנגזאם. זי איז געווען פארנומען, באוואפענדיג זיך מיט די ביקסען פון די גע'הרג'עטע און שיסענדיג די פארוואונדעטע. מיר האבען געזעהן דעם סוף פונ'ם יונגען אפי־ציער, וואס אט אונז געראטעוועט. ער האט זיך א צוואוועהטאג־טער אנגעשפארט אויף זיין עלענבויגען און האט גענומען שיסען פון זיין אויטאמאטישען רעוואלווער.

— „אט יעצט געהט פארלארען מיין שאנס צו קריגען א הע־בערען אמט, — האט גארטהווייטה געלאכט, ווען א פרוי איז צוגעלאפען צום פארוואונדעטען, האלטענדיג א קצב'ס מעסער אין איהר האנד. — קומט, עס איז ניט דער ריכטיגער וועג. נור מיר וועלען זיך שוין ווי עס איז אויסדרעהען".

און מיר זיינען אוועקגעלאפען צו מזרח־זייט דורך די שטילע גאסען, זייענדיג צוגעגרייט ביי יעדער דורכשניידענדער גאס זיך אנצוטרעפען מיט אן אומגליק. צו צפון־זייט האט מיר געזעהן א גרויס פייער, וואס האט דעם הימעל רויט געמאכט, און מיר

האָבען גלייך געוואוסט, אז די גרויסע גהעטאָ ברענט. ענדליך בין איך געפּאַקען אויפ׳ן טראָטואר. איך בין געוועזן מיעד און האָב ווייטער שוין ניט געקענט געהן. איך בין געוועזן פאַרוואונ־דעט, צואווּעהטאָגט און האָב געפיהלט שמערצען אין יעדען אבר; דאָך האָב איך ניט געקענט זיך צוריקהאַלטען פון שמייכלען פון גארטהווייטה׳ן, וועלכער האָט זיך געמאַכט אַ סיגאַרעט און האָט געזאָגט:

— איך ווייס, אז איך פאַרנאַכלעסיג אַ ביסעל מיין רעטונגס־אַרבייט, נור איך קען דאָ אַליין קיין טאָלק ניט דערגעהן. עס איז אין גאַנצען אַ מיש־מאַש. יעדעס מאָל, ווען מיר האַלטען שוין עפּעס אויף אַ וועג, פאַסירט עטוואָס און מיר מוזען זיך אומ־קעהרען צוריק. מיר זיינען בלויז אייניגע קוואַרטאַלען פון דער געביידע, ביי וועלכער איך האָב אייך גערעטעט. פריינד און שונאים זיינען צוזאַמענגעמישט. עס איז אַ תהו־ובהו. מיר קע־נען ניט וויסען, ווער עס איז דאָ אין דער געביידע. אויב איהר פּרובירט אויסצוגעפינען, האָט איהר נאָך אַ שאַנס צו קריגען אַ באָמבע אין קאָפּ. ווילט איהר זיך געהן אייער וועג פריערליך, און איהר פאַלט אריין צווישען דער מאַסע און די האַרמאַטען הרג׳ענען אייך, אָדער איהר פאַלט אריין צווישען די מערסענאַרים און אייערע גענאָסען ערגעץ פון אַ דאַך הרג׳ענען אייך. און אַ חוץ דעם אַלעמען, קומט די מאַסע אַליין און הרג׳עט אייך אויך.

ער האָט טרויעריג אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, האָט פאַר־רויכערט זיין סיגאַרעט, און האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען מיר.

— און איך בין אזוי הונגעריג, — האָט ער געזאָגט. — איך וואָלט געקענט עסען שטיינער.

אינ׳ם נעקסטען מאָמענט איז ער אויפגעשטאַנען, איז אַרויס־געלאָפען אין מיטען גאַס און האָט אַרויסגעריסען אַ ברוקיר־שטיין. ער איז צוריקגעקומען און האָט צובראָכען אַ פענסטער פון אַ געוועלב.

— עס איז אַן אונטערשטער עטאַזש און ניט זעהר גוט, —

האָט ער ערקלערט, בעת ער האָט מיר געהאָלפען דורכקריכען דורכ'ן לאָך, וואָס ער האָט געמאַכט אינ'ם פענסטער. — נור עס איז דאָס בעסטע, וואָס איך קען טהאָן. איהר שלאָפט זיך איבער אַ ביסעל און איך וועל אַ ביסעל אַרומקוקען דעם געגענד. איך וועל ענדיגען מיין רעטונגס־אונטערנעהמונג; איך וויל האָבען צייט און גענוג צייט — און עפּעס צו עסען.

עס איז געווען אַ רימער'ס געוועלב, און גאַרטהווייטה האָט מיר געמאַכט אַ געלעגער פון פערד־דעקען אינ'ם פּריוואַטען אָפיס אין אונטערשטען טייל פון צימער. אַלס אַ צוגאַב צו מיינע לייי־דען, האָב איך נאָך געקראָגען אַ שרעקליכען קאָפּ־וועהטאָג, און איך בין געווען העכסט צופריעדען, וואָס איך האָב געקענט צו־מאַכען די אויגען און פּרובירען איינשלאָפען.

— „איך וועל צוריקקומען" — זיינען געווען זיינע לעצטע ווער־טער: „איך האָב ניט קיין האָפנונג צו קריגען אַן אויטאָמאָביל, נור איך וועל זיכער ברענגען עפּעס צו עסען".

און איך האָב גאַרטהווייטה'ן ניט געזעהן דריי יאָהר צייט. אַנשטאָט צוריק צו קומען, האָט מען איהם אָפּגעפיהרט אין אַ האָספּיטאַל מיט איין קויל דורך זיינע לונגען און אַ צווייטע אין זיין האַלז.

## פיער און צוואנציגסטער קאפיטעל

# א שרעקליכער חלום

אין דער פריהעריגער נאכט, אויפ'ן צוג, האב איך אפילו מיינע אויגען ניט צוגעמאכט, און דערצו נאך זייענדיג אזוי פארמאטערט, בין איך גלייך אנשלאפען געווארען. ווען איך האב זיך אויפגעכאפט, איז שוין געווען נאכט. גארטהווייטה האט זיך ניט אומגעקעהרט. איך האב פארלוירען מיין זייגעריל און איך האב קיין אהנונג ניט געהאט, ווי שפעט עס איז געווען. אזוי ליגענדיג מיט די אויגען צוגעמאכט, האב איך נאך אלץ געהערט דעם ליארם פון שיסעריי און עקספלאזשענס. דער גיהנום האט נאך אלץ געברענט. איך בין דורכגעקראכען צו דעם פאדערשטען טייל פון דער געביידע. די שיין, וואס האט אפגעשלאגען פון דעם רויטען הימעל פון די פיעל פייערען, האט באלויכטען די גאס, אזוי ווי עס וואלט געווען טאג. מען וואלט געקענט לייכט לעזען די דריבנעפסטע שריפט. עטליכע קווארטאלען נידריגער האט זיך געהערט דאס קנאקען פון קליינע האנד־באמבעס און דאס זשומען און טראסקען פון די הארמאטען, און פון דער ווייטקייט האט זיך דערטראגען דער רעש פון אייניגע גרויסע עקספלאזשענס. איך בין צוריקגעקראכען צו מיין געלעגער און בין איינגעשלאפען.

ווען איך האב זיך דאס צווייטע מאל אויפגעכאפט, האט א געלע ליכט אריינגעשיינט אין צימער. עס איז געווען דער זונענאויפגאנג פונ'ם צווייטען טאג. איך בין צוגעקראכען צום פאדערשטען טייל פון קלייט. א רויכיגער דעק, באלויכטען אין אייניגע פלעצער, האט פארדעקט דעם גאנצען הימעל. אויפ'ן צווייטען זייט גאס האט זיך געשלעפט אן אומגליקליכער שקלאף. ער

האָט געהאַלטען איין האַנד שטייף צוגעדריקט צו זיין זייט, און ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ בלוטיגען סליאַד. זיינע אויגען האָבען אַרומגעקוקט איבעראַל, און זיי האָבען אויסגעדריקט שרעק און פאַרצווייפלונג. איינמאָל האָט ער געקוקט גלייך אויף מיר, און אויף זיין געזיכט איז געווען פאַרשפרייט דער שטומער פּאַטאָס פון אַ פאַרוואונדעטער און געיאָגטער חיה. ער האָט מיך געזעהן, נור עס איז גאָר קיין געמיינשאַפטליכס ניט געווען צווישען אונז, אויך ניט קיין סימפּאַטיע, אַמוועניגסטען ער האָט, ווייזט אויס, אַזוי געפיהלט, ווייל ער האָט זיך ווי איבערגעשראָקען און ער האָט זיך ווייטער געשלעפּט. ער האָט קיין הילף ניט געקענט ערוואַרטען. ער איז געווען אַ שקלאַף אין דער גרויסער שקלאַפּען־יאַגד, וואָס די לאָרדען פון דער געזעלשאַפט האָבען געמאַכט. אַלעס, אויף וואָס ער האָט געקענט האָפען, און אַלעס, וואָס ער האָט געזוכט, איז געווען עפּעס אַ לאָך, אין וועלכער ער זאָל קענען פאַרקריכען און זיך באַהאַלטען, פּונקט ווי אַ חיה. דאָס קלינגען פון אַ פאַרבייפאָהרענדען אַמבולאַנס האָט איהם ווי אויפגעוואַכט. אַמבולאַנסען זיינען פאַר אַזעלכע, ווי ער. מיט אַ שמערצליכען אויסגעשריי האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען אין אַ טיר פון אַ געביידע, נור אַ מינוט שפּעטער איז ער צוריק געווען אין דרויסען און פאַרצווייפעלט אַוועקגעגאַנגען הינקענדיג.

איך בין צוריקגעגאַנגען צו די פערד־דעקען און האָב געוואַרט נאָך אַ שטונדע פאַר גאַרטהווייטה'ן. מיין קאָפּוועהטאָג איז נאָך ניט איבערגעגאַנגען. פאַרקעהרט, עס איז נאָך ערגער געוואָרען. בלויז מיט דער העכסטער אָנשטרענגונג האָב איך געקענט עפענען מיינע אויגען און קוקען אויף עפּעס. און מיט'ן עפענען די אויגען און קוקען אויף עפּעס, האָב איך געליטען שרעקליכע שמערצען. אין מיין מוח האָט מיר שרעקליך געקלאַפּט. שוואַך, ווי איך בין געווען, האָב איך זיך צוגעשלעפּט צום צובראָכענעם פענסטער, בין דורכגעקראָכען און בין געגאַנגען אויפ'ן גאַס, פּרובירענדיג אויסצומיידען די טוידטע קערפּערס. און פון דאַן אָן האָב איך

געלעבט מיין שרעקליכען חלום. מיין עראינערונג וועגען אלעס, וואס האט פאסירט אין די נעקסטע שטונדען, איז ווי די עראי־נערונג, וואס א מענש האט פון א שרעקליך־דריקענדען חלום. פיעל פאסירונגען זייגען איינגעקריצט אין מיין מוח, נור צווישען די אונפארגעסליכע בילדער זיינען דא פעריאדען פון אונבאוואוסט־הייט. וואס עס האט פאסירט אין די פעריאדען וויים איך ניט און וועל ניט וויסען.

איך געדענק, אז איך האב זיך אנגעשטויסען ביים עק גאס אן איימיצענס פיס. דאס איז געווען דער ארימער, אומגליקליכער מענש, וואס האט זיך געשלעפט פארביי מיין באהעלטעניש. ווי דייטליך איך געדענק זיינע צוקאליעטשעטע הענט, ווי זיי זיינען געלעגען אויפ'ן גאס — הענט, וואס האבען אויסגעקוקט מעהר ווי קלויען, איידער הענט, צודרעהט און צוקארטשעט פון דער ארבייט, וואס ער האט געטהאן אלע זיינע יאהרען, און די מאזאליעס אויף זיינע הענט זייגען געווען א האלבע צאל דיק. און ווען איך האב זיך אויפגעהויבען און זיך געלאזט געהן, האב איך אריינגעקוקט אין דעם געזיכט פון דער זאך, און האב געזעהן, אז עס לעבט נאך, ווייל די אויגען, זעהר דונקעל באלויכטען, האבען געקוקט אויף מיר און האבען מיך געזעהן.

נאך דעם איז געווען א פוסטקייט. איך האב גאר ניט גע־וואוסט, איך האב גאר ניט געזעהן, איך האב זיך בלויז געשלעפט, זוכענדיג א רעטונגס־פלאץ. דאן האב איך געזעהן אין מיין חלומ'־דיגען צושטאנד א שטילע גאס פול מיט טוידטע. איך בין אריינ־געקומען אין דער גאס פלוצלינג, פונקט ווי א וואנדערער אין פעלד קומט פלוצלינג אן צו א פליסענדען שטראם. דער איינ־ציגער חלוק איז, וואס דער שטראם, אויף וועלכען איך האב גע־קוקט, האט ניט געפלאסען. דער שטראם איז געווען פארגלי־ווערט פונ'ם טוידט. פון איין זייט גאס צו דער צווייטער, און אויך פארדעקענדיג די טראטוארען, איז ער געלעגען, גלייך אויס־געשפרייט, און נור אין איינינע פלעצער איז געווען א בערגעל

פון טוידטע, וואָס האָט געשטיגען איבער דער אויבערפלעך. אָרי־
מע, אומגליקליכע אָפּגרונד־מענשען — געיאָגטע שקלאַפען — זיי
זיינען געלעגען פונקט ווי קאַליפאָרניע׳ס קראָליקעס נאָך אַ יאַגד.
(1) איך האָב געקוקט ערגעץ אַרויף און אַראָפּ פון דער גאַס.
קיין זאַך האָט זיך ניט באַוועגט. קיין שטים האָט זיך ניט געהערט.
די שטילע געביידען האָבען אַרונטערגעקוקט פון זייערע פיעל
פענסטער אויף דער סצענע. און אײינמאָל, און בלויז איינמאָל,
האָב איך געזעהן אַן אָרעם, וואָס האָט זיך באַוועגט אין דעם
טוידטען שטראָם. איך קען שווערען, אַז איך האָב איהם געזעהן
זיך באַוועגען, מיט אַ מאָדנער, שמערצליכער, גסיסה׳דיגער באַ־
וועגונג, און נאָך איהם האָט זיך אויפגעהויבען אַ קאָפּ, אַ שוי־
דערליך פאַרבלוטיגטער, וואָס האָט גערעדט עפּעס אונפאַרשטענד־
ליכם צו מיר און איז צוריק אַנידערגעפאַלען, און דאַן זיך שוין
מעהר ניט געריהרט.

איך געדענק אַן אַנדער גאַס, מיט שטילע געביידען פון ביידע
זייטען, און מיין שרעק, וועלכער האָט מיך געבראַכט צום באַ־
וואוסטזיין, ווען איך האָב ווידער דערזעהן די מענשען פון׳ם אָפּ־
גרונד, נור דאָס מאָל אין אַ שטראָם, וואָס האָט געפלאָסען און
איז געקומען נעהנטער צו מיר. און דאַן האָב איך געזעהן, אַז עס
איז ניטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבען. דער שטראָם האָט געפלאָ־
סען גאַנץ לאַנגזאַם, און עס האָבען זיך געהערט פון איהם קרעכצען
און יאָמערען, קולות, פלאַפּלערייען פון אַלטע, היסטערישע גע־
שרייען און משוגעת; ווייל דאָס זיינען געווען די גאָר יונגע און
די אַלטע, די שוואַכע און די קראַנקע, די הילפלאָזע און די האָפּ־
נונגסלאָזע, מיט איין וואָרט, דאָס אָפּפאַל פון דער געטאָ. די
גרויסע שרפה פון דער גאַנצער געטאָ אין צפון־זייט האָט זיי
געטריבען אינ׳ם גיהנום פון גאַסען־שלאַכט, און וואוהין זיי זיינען
געגאַנגען, און וואָס עס איז געוואָרען מיט זיי האָב איך ניט גע־
וואוסט און האָב עס אויך קיינמאָל ניט אויסגעפונען. (2)

איך געדענק עטוואָס פון צוברעכען אַ פענסטער און באַ־

האַלטען זיך אין אַ פאַבריק פון אַ מאַסע, וועלכע סאָלדאַטען האָבען געיאָגט. אויך איינמאָל, ווען אַ באָמבע האָט געפּלאַצט נעבען מיר, ערגעץ אין אַ שטילער גאַס, וואו, וויפיעל איך האָב מיך אַרומגעקוקט, האָב איך קיין לעבעדיגען מענשען ניט גע־קענט זעהן. נור מיין נעקסטע דייטליכע עראינערונג פאַנגט זיך אָן מיט'ן שאָס פון אַ ביקס און אַ פּלוצלינגדיגען באַוואוסטזיין, אַז אַ סאָלדאַט, זיצענדיג אין אַן אויטאָמאָביל, שיסט אויף מיר. די קויל האָט מיך ניט געטראָפען, און אינ'ם נעקסטען מאָמענט האָב איך אויסגעשריען די סיגנאַלס. מיין עראינערונג פון פאָה־רען אינ'ם אויטאָמאָביל איז זעהר פאַרדונקעלט, כאָטש אַ פּאַסי־רונג, וועלכע איך האָב בייגעוואוינט, בעת איך בין געפאָהרען, שטעהט מיר אפילו יעצט פאַר די אויגען. דער קנאַל פונ'ם ביקס פון דעם סאָלדאַט, וואָס איז געזעסען נעבען מיר, האָט מיך גע־מאכט עפענען מיינע אויגען, און איך האָב געזעהן דזאָרדזש מיל־פאָרד אַרונטערפאַלענדיג צום טראָטואַר. אפילו דאַן האָט דער סאָלדאַט אויסגעשאָסען נאָך אַ מאָל, און מילפאָרד האָט זיך איינ־געבויגען אין צווייען. דאַן האָט זיך זיין קערפּער אויסגעגלייכט און איז געפאַלען אויסגעשטרעקט. דער סאָלדאַט האָט אויסגע־דריקט זיין צופריעדענהייט, און דער אויטאָמאָביל איז אַוועק־געפאָהרען.

די נעקסטע זאַך, וואָס איך האָב געוואוסט, איז, אַז איך בין אויפגעוועקט געוואָרען פון אַ טיעפען שלאָף, פון אַ מאַן, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען נעבען מיין בעט. זיין פּנים איז געוועזען אויס־געצעהרט, און דער שווייס האָט זיך געקייקעלט פון זיין נאָז און שטערען. איין האנד האָט ער שטייף געהאַלטען צו זיין ברוסט, און דאָס בלוט האָט געקאַפּעט פון איהם אויף דעם דיל. ער האָט געטראָגען אַ יוניפאָרם פון די מערסענאַרים. פון דרויסען האָב איך געקענט הערען, ווי דורך דיקע ווענט, אַ פאַרשטיקט קול פון פּלאַצענדיגע באָמבעס. איך בין געווען אין אַ געביידע, וואָס האָט געפיהרט אַ קאַמפּף מיט אַן אַנדער געביידע.

א דאָקטאָר איז אריינגעקומען צו באהאנדלען די פארוואונדעטע סאָלדאטען, און דאַן האָב איך אויסגעפונען, אז עס איז געווען צוויי א זייגער נאָכמיטאָג. מיין קאָפּוועהטאָג איז נאָך ניט פארלייכטערט געוואָרען, און דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי מיין בעט מיר צו געבען א שטארקען מעדיצין, וואָס וועט א ביסעל מיר ערלייכטערען. איך בין ווידער אנשלאָפען געוואָרען, און די נעקסטע זאַך, וואָס איך האָב געוואוסט, איז, אז איך בין געווען אויף דער געביידע. דער קאַמפּף ארום אונז האָט אויפגעהערט, און איך האָב צוגעקוקט ווי די באַלונען אטאקירען די פעסטונגען. איימיצער האָט געהאַט זיין אָרעם ארום מיר און איך האָב זיך אָנגעשפארט אָן איהם. עפּעס איז מיר פּלוצלינג איינגעפאַלען, אז דאָס איז געווען ערנסט, און איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס זיינע האָר און ברעמען זיינען געווען צוגעסמאַליעט.

עס איז געווען בלויז א צופאַל, וואָס מיר האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען אין דער שרעקליכער שטאָדט. ער האָט קיין אהנונג ניט געהאַט, דאָס איך בין אוועקגעפאָהרען פון ניו יאָרק, און דורכגעהענדיג דאָס צימער, אין וועלכען איך בין געשלאָפען, האָט ער זיך פון אָנפאַנג ניט געוואָלט גלויבען, אז איך בין דאָס געלעגען דאָרטען. מעהר האָב איך שוין כמעט גאָר ניט געזעהן פון דער שיקאַגאָ'ר קאָמונע. נאָכ'ן זעהן די באַלונען אטאקירען די פעסטונגען, האָט מיך ערנסט אראָפּגעפיהרט אינוועניג אין דער געביידע, וואו איך בין געשלאָפען דעם גאַנצען נאָכמיטאָג און אויך די גאַנצע נאַכט. דעם דריטען טאָג האָבען מיר פארבראַכט אין דער געביידע, און אויפ'ן פיערטען טאָג האָט ערנסט געקראָגען ערלויבניש און אַן אויטאָמאָביל פון די בעאַמטע און מיר זיינען אוועקגעפאָהרען פון שיקאַגאָ.

מיין קאָפּוועהטאָג איז פארשוואונדען, נור מיין קערפּער און נשמה זיינען געווען מיעד. איך בין געלעגען אָנגעשפּארט אויף ערנסט'ן אין אויטאָמאָביל, און מיט געפיללאָזע בליקען האָב איך

געקוקט אויף די סאָלדאַטען, וואָס האָבען געהאַט די אויפגאַבע אַרויסצופיהרען אונזער אויטאָמאָביל פון שטאָדט. דער קאַמפּף איז נאָך אָנגעגאַנגען, אָבער בלויז אין אָפּגעזונדערטע געגענדען. אין אייניגע פּלעצער זיינען נאָך גאַנצע געגענדען געווען אין באַזיץ פון די קאַמעראַדען, נור אַזעלכע געגענדען זיינען געווען אַרומ־גערינגעלט און געהיט פון אַ גרויסער צאָהל סאָלדאַטען. די קאַמע־ראַדען זיינען אין הונדערטער אַזעלכע נעצען געהאַלטען געוואָרען ביז מען האָט זיי אונטערטעניגט, און אונטערטעניגקייט האָט גע־מיינט טוידט, ווייל קיין רחמנות האָט מען ניט געוויזען קיינעם, און זיי האָבען העלדיש געקעמפּפט ביז צום סוף. (3)

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו אַזעלכע נאַכבאַרשאַפטען, האָ־בען אונז די וועכטער אָנגעצייגט אַן אַנדער וועג. איינמאָל איז דער איינציגער וועג צווישען צוויי שטאַרקע פּאָזיציעס פון די געגנאָסען געווען דורך אַן אָפּגעברענטען געגענד, וואָס איז געווען צווישען זיי. פון ביידע זייטען האָבען מיר געקענט הערען דעם ליאַרם פון מלחמה, בעת דער אויטאָמאָביל האָט זיך קוים דורכגע־שפּאַרט דורך די רויכערדיגע רואינען און די וויעגענדע ווענט. גאַנץ אָפט זיינען די גאַסען געווען פאַרשפּאַרט פון בערג חרובות, וועלכע האָבען אונז געצוואונגען צו פאָהרען אויף אַנאַנדער וועג. מיר זיינען געווען אין אַ לאַבירינט פון חורבן, און מיר האָבען זיך געשלעפּט זעהר לאַנגזאַם.

די פיה־הויף, די גהעטאָ־פאַבריקען און אַלעם זיינען געווען רויכערדיגע רואינען. וויט אַוועק רעכטס האָט אַ רויכערדיגער נעבעל פאַרשטעלט דעם הימעל — די שטאָדט פּולמאַן, האָט אונז דער סאָלדאַט, וואָס האָט געטריבען דעם אויטאָמאָביל גע־זאָגט, אָדער בעסער געזאָגט, וואָס איז אַ מאָל געווען די שטאָדט פּולמאַן, ווייל זי איז יעצט אין גאַנצען פאַרניכטעט געוואָרען. ער איז געפאָהרען מיט זיין אויטאָמאָביל דעם דריטען טאָג, פיהרענ־דיג באַפעהלען אַהין. דער ערגסטער קאַמפּף איז אויסגעפאָכטען געוואָרען דאָרטען, האָט ער געזאָגט. פיעל גאַסען האָט מען ניט

געקענט דורכפאָהרען איבער די בערג טוידטע, וואָס זיינען דאָרטען געלעגען.

אויסקירעווענדיג זיך פון א שאָקלענדיגער וואַנד אינ'ם סטאָק־יארד געגענד, האָט דער אויטאָמאָביל געמוזט זיך אָפּשטעלען, צו־ליעב א באַרג טוידטע. עס האָט אויסגעקוקט, ווי ים־כוואַליע. מיר האָבען פאַרשטאַנען, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט. ווען די מאַסע איז אַרויסגעקומען פון דער זייטען־גאַס, האָבען זיי די האַרמאַטען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער הויפּט־גאַס, דערשאָסען גלייך אויפ'ן אָרט. נור די סאָלדאַטען האָט גלייך אויפ'ן אָרט, ווייזט אויס, געטראָפען אַן אומגליק. א באָמבע האָט געמוזט פּלאַצען צווישען זיי, ווייל די מאַסע, וועלכע איז אויף א ווייַלע אָפּגע־שטעלט געוואָרען פון דער כוואַליע, וועלכע די טוידטע און שטאַר־בענדע האָבען געמאַכט, איז, ווייזט אויס, אַריבערגעקראָכען פון אויבען, און דער קאַמפף האָט זיך פאָרטגעזעצט. די סאָלדאַטען און די שקלאַפען זיינען געלעגען צוזאַמען, צוריסענע, צוקוועטשטע, אויסגעמישט מיט די חורבות פון די אויטאָמאָבילען און האַר־מאַטען.

ערנסט איז אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָמאָביל. ער האָט באַמערקט א פּאָר באַקאַנטע אַקסלען און א בוימוואָלענע העמד, און א לאַנג זילבערנע האָר. איך האָב ניט געקוקט אויף איהם אין ערשט, ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט און מיר זיינען גע־פאָהרען שנעל, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז געווען בישאָפּ מאָרהויז.

באַלד זיינען מיר געווען אויפ'ן גרינעם פעלד, און איך האָב געוואָרפען א לעצטען בליק אויפ'ן רויכיגען הימעל. פון ווייטענס האָט זיך נאָך געהערט דער דומפּפער קלאַפּ פון עקספּלאָזשענס. דאַן האָב איך אומגעדרעהט מיין פּנים אויף ערנסט'ס ברוסט און האָב שטיל געוויינט אויף דער פאַרלוירענער אַרבייטער־זאַך. ערנסט'ס אָרעם, וואָס האָט מיך אַרומגענומען, האָט מיר אויסגע־דריקט פיעל ליעבע.

— דאָס מאָל האָבען מיר פאַרלוירען, טייערע מיינע, — האָט ער געזאָגט, — אָבער ניט אויף אימער. מיר האָבען געקראָגען ער־פאַהרונג. מאָרגען וועט די ארבייטער־זאַך ווידער אויפשטעהן, שטארק, קלוג און דיסציפּלינירט.

דער אויטאָמאָביל איז צוגעפאָהרען צו אַן אייזענבאהן־סטאַנ־ציע. דאָ האָבען מיר געקענט נעהמען אַ צוג צו פאָהרען קיין ניו־יאָרק. בעת מיר האָבען געוואַרט אויף דער פּלאַטפאָרם, זיינען דריי צוגען פאַרבייגעלאָפען קיין שיקאַגאָ. זיי זיינען געווען גע־פּאַקט מיט אָפּגעריבענע, פּראָסטע ארבייטער, מענשען פונ׳ם אָפּ־גרונד.

— אַ שקלאַפען־זאַמלעריי צוריק אויפצובויען שיקאַגאָ, — האָט ערנסט געזאָגט. — פאַרשטעהסט דאָך, די שיקאַגאָ׳ר שקלאַ־פען זיינען אַלע אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען.

פינף און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

# די טעראָריסטען

ערשט נאָכדעם ווי איך און ערנסט זיינען צוריקגעקומען קיין ניו יאָרק און ערשט וואָכען שפּעטער, האָבען מיר געקענט ריכטיג אָפּשעצען דעם אומגליק, וואָס איז אונז באַפאַלען. די לאַגע איז געווען אַ ביטערע און אַ בלוטיגע. אין פיעל פּלעצער איבער'ן גאַנצען לאַנד האָבען פּאַסירט שקלאַפען־אויפשטאַנדען און הריגות. די צאָהל פון די מאַרטירער האָט זיך זעהר פיעל פאַרגרעסערט. אונצעהליגע הינריכטונגען האָבען שטאַטגעפונען איבעראַל. די בערג און פּוסטע געגענדען זיינען געווען איבערפילט מיט אויס־וואורפען (לויט געזעץ) און אַנטרונענע, וועלכע זיינען געיאָגט גע־וואָרען אָהן רחמנות. אונזערע שוץ־פּלעצער זיינען געווען גע־פּאַקט מיט קאַמעראַדען, פאַר וועמען גרויסע באַלוינונגען זיינען צוגעזאָגט געוואָרען, אויב איימיצער וועט זיי אַרויסגעבען. דורך אינפאָרמאַציעס, וואָס מען האָט געקראָגען דורך די שפּיאָנען, זיינען צעהנדליגע פון אונזערע שוץ־פּלעצער איבערגעפאַלען געוואָרען פונ'ם אייזערנעם קנאַפּעל'ס סאָלדאַטען.

פיעל געגנאָסען האָבען זיך פאַרלוירען, און זיי האָבען באַ־צאָהלט זייערע שונאים מיט טעראָריסטישע טאַקטיק. דער צוריק־שטויס, וואָס זיי האָבען געקראָגען, האָט זיי געמאַכט פאַרצווייפעלט און האָפנונגסלאָז. פיעל טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען מיט אונז קיין שום שייכות ניט געהאַט, זיינען אויפגע־שפּרונגען און האָבען אונז פאַראורזאַכט זעהר פיעל צרות. (1) די

פאַרפיהרטע מענשען האָבען אויפגעאָפּפערט זייערע לעבענס אומ־זיסט, גאַנץ אָפט האָבען זיי געשטערט אונזערע פּלענער און צו־ריקגעהאַלטען אונזער אָרגאַניזאַציע.

און דורך דעם אַלעמען האָט זיך דער אייזערנער קנאַפּעל גע־טהאָן זיין ארבייט. איבערלעגענדיג זיך און קאַלטבלוטיג, אויפ־טרייסלענדיג די גאַנצע געזעלשאַפטליכע געביידע, זוכענדיג די גע־נאָסען, אויסרייניגענדיג די מערסענאַריס, די ארבייטער־קליקעס און אַלע זיינע געהיימע אָראַניזאַציעס, באַשטראַפענדיג יעדען אָהן רחמנות און אָהן בייזקייט, פאַרטראָגענדיג שטילערהייט אַלע שטראָ־פען, מיט וועלכע מען האָט איהם צוריקגעצאָהלט, און פאַרריכטענ־דיג זיינע קעמפּפענדיגע רייהען אַזוי שנעל ווי זיי זיינען דורכגע־בראָכען געוואָרען. און געהענדיג האַנד אין האַנד מיט דעם, זיינען ערנסט און אַנדערע פיהרער געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דער ארבייט פון אויפס־ניי אָרגאַניזירען די אַרמעען פון דער רעוואָלוציע. מיר קענען האָבען אַ באַגריף פון דער גרויסקייט פון דער ארבייט, ווען מיר נעהמען אין

(דאָס איז די ענד פון ערוועהאַרד'ס מאַנוסקריפּט. ער ווערט אי־בערגעהאַקט אין מיטען פון אַ זאַץ. זי האָט, ווייזט אויס, געקראָגען אַ ווארנונג, אַז די מערסענאַריס קומען, ווייל זי האָט געהאַט צייט צו באַהאַלטען דעם מאַנוסקריפּט אויף אַ זיכערען פּלאַץ, איידער זי איז אַנטלאָפען אָדער געכאַפּט געוואָרען. עס איז צום באַדויערען, וואָס זי האָט ניט געלעבט לאַנג גענוג צו ענדיגען איהר ערצעהלונג, ווייל דאַן וואָלט אָהן צווייפעל אויפגעדעקט געוואָרען די געהיימניס, וואָס האָט איינגעוויקעלט ערנסט עווערהאַרד'ס היגריכטונג אַריבער זיעבען הונ־דערט יאָהר צוריק.)

# באַמערקונגען

## ערשטער קאפיטעל

(1) די צווייטע רעוואָלוציע איז געווען מייסטענס דאָס ווערק פון ערנסט עווערהאַרד, כאָטש ער איז, נאַטירליך, געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג מיט די אייראָפּאישע פיהרער. דער אַרעסט און די הינריכטונג פון עווערהאַרד האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אין דעם פריהלינג פון יאָהר 1932. דאָך האָט ער אַלעס, אַלעס אַזוי סיסטעמאַטיש צוגעגרייט פאַר דער רעוואָלוציע, אַז זיינע קאַמעראַדען מיטפאַרשווערער האָבען געקענט אָהן וועלכע־עס־איז שוועריגקייטען אויספיהרען אַלע זיינע פלענער. ערשט נאָך עווערהאַרד'ס הינריכטונג האָט זיך זיין פרוי באַזעצט אין „וויקרעביק־לאדזש", אַ קליינע הויז אין די סאנאמא־בערג פון קאַליפאָרניא.

(2) זי מיינט אָהן צווייפעל די שיקאַגאָ קאָמונע.

(3) מיט'ן גאַנצען רעספּעקט צו עווים עווערהאַרד, מוזען מיר ערקלערען. אַז ערנסט עווערהאַרד איז בלויז געווען איינער פון פיעל פעהיגע פיהרער, וועלכע האָבען געפּלאַנט די צווייטע רעוואָלוציע, און מיר היינט־צו־טאָג, צוריקקוקענדיג איבער די פיעל יאָהונדערטער, קענען מיט זיכערהייט זאָגען, אַז וואָלט ער אפילו געווען לעבען געבליבען, וואָלט די צווייטע רעוואָלוציע זיך ניט געענדיגט ווענינער אונגליקליך פאַר די רעוואָלטירענדיגע מאַסען, ווי זי איז עס געווען.

(4) די צווייטע רעוואָלוציע איז ווירקליך געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע. עס איז געווען אַ קאָלאָסאַלער פּלאַן — צו קאָלאָסאַל געפּלאַנט צו ווערען פון איין מאַן, זאָגאַר אַ געניוס. די אַרבייטער און די אָליגאַרכען פון דער וועלט זיינען געווען פאָרבאַרייטעט פאַר'ן סיגנאַל. דויטש־

לאַנד, איטאַליען, פראַנקרייך און גאַנץ אויסטראַליען זיינען געווען אַרבעי־טער־לענדער — סאָציאַליסטישע שטאַאַטען. זיי זיינען געווען גרייט צו געבען זייער שטיצע צו דער רעוואָלוציע. זיי האָבען עס געטאָן גאַנץ גאַלאַנט; און דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָס נאָך דעם, ווי די צווייטע רעוואָלוציע איז אונטערדריקט געוואָרען, זיינען זיי אויך צודריקט גע־וואָרען פון די פּאַראַייניגטע אָליגאַרכיען פון דער וועלט, און אַנשטאָט די סאָציאַליסטישע, זיינען די אַריסטאָקראַטישע רעגיערונגען איינגע־פיהרט געוואָרען.

(5) דזשאהן קאַנניגהעם, דער פּאַטער פון עווים עווערהאַרד, איז געווען אַ פּראָפעסאָר אינ'ם סטייט־אוניווערזיטעט פון בערקלי, קאַליפאָר־ניע. ער האָט געשאַפען פיעל אויפ'ן געביעט פון פיזיק און אַ חוץ דעם, האָט ער אַליין געפאָרשט זעהר פיעל און עקספּערימענטירט, און האָט זיך אויסגעצייכענט, אַלס אַ גרויסער וויסענשאַפטס־מאַן. דאָס וויכטיגסטע, וואָס ער האָט בייגעשטייערט צו דער וויסענשאַפט, איז געווען זיין שטו־דיום פונ'ם „עלעקטראָן„ און זיין אויסגעצייכענט ווערק וועגען „די גלייכקייט פון שטאָף און ענערגיע", אין וועלכע ער האָט פעסטגעשטעלט אָהן צווייפעל און אויף אייביג, אַז שטאָף און ענערגיע זיינען איינס און דאָס זעלבע. די אידעע איז אויך פריהער אויסגעדריקט. אָבער ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען פון סיר אָליווער לאָדזש און אַנדערע פאָרשער אינ'ם נייעם פעלד פון ראַדיאָ־אַקטיוויטעט.

(6) אין יענע צייטען איז געווען דער שטייגער פון מענשען זיך צו שלאָגען פאַר גרויסע סומען געלד. זיי פלעגען זיך שלאָגען מיט די הענט. אויב איינער איז געבליבען באַוואוסטלאָז אָדער דער'הרג'עט, פלעגט דער צווייטער קריגען דאָס געלד.

(7) מיט דער אָנקלאָרער באַמערקונג מיינט זי אַ בלינדען נעגער, אַ מוזיקאַנט, וועלכער האָט געמאַכט אַ רושם אין דער צווייטער העלפט פונ'ם נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט.

(8) פריעדריך ניטשע, דער משוגענער פילאָזאָף פונ'ם נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט, וועלכער האָט באַגריפען שטיקלעך אמת, נור איידער ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין אַרבייט פון אַרומדרעהען זיך אַרום דעם גרויסען צירקעל פון מענשליכען געדאַנק, איז ער משוגע געוואָרען.

(9) אַ באַריהמטער לעהרער אין דעם לעצטען טייל פון נייכצעהנטען יאָהרהונדערט. ער איז געווען פּרעזידענט פון סטאַנפאָרד אוניווערזיטעט, אַ פּריוואַטער אַנשטאַלט פון יענער צייט.

(10) אַן אידעאַליסטישער פילאָזאָף, וועלכער האָט פּאַר אַ לאַנגע צייט געבראַכט אין אַ פאַרלעגענהייט די פילאָזאָפען פון יענער צייט מיט זיין אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון מאַטעריע. נור זיינע גאַנץ קלוגע אַרגומענטען זיינען צושמעטערט געוואָרען, ווען די נייע וויסענשאַפט־ליכע פאַקטען זיינען גענעראַליזירט געוואָרען אויף אַ פילאָזאָפישען שטייגער.

(11) די גרויסע ערד־ציטערניש אין 1906, וואָס האָט פאַרניכטעט סאַן־פראַנציסקאָ.

(12) אין דעם פּעריאָד זיינען פיעל גייסטליכע ענטזאַגט געוואָרען פון זייערע שטעלען, ווייל זיי האָבען געפּרעדיגט לעהרען, וועלכע זיינען ניט געפעלען געוואָרען. איבערהויפּט האָט דאָס פּאַסירט, ווען זייערע רעדען זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט סאָציאַליזם.

(13) געדונגענע שומרים, וואָס האָבען געהיט דעם פּאַלאַץ פון לואי דעם זעכצעהנטען, אַ פראַנצויזישער קעניג, ועמען זיינע אונטערטאַנען האָבען דעם קאָפּ אַרונטערגענומען.

## צווייטער קאַפּיטעל

(1) צו יענער צייט פלעגט געמאַכט ווערען אַ גרויסער אונטערשייד צווישען געבוירענע אין אַמעריקא און געבוירענע אין אַנדערע לענדער, וואָס פלעגען עמיגרירען קיין אַמעריקא.

(2) דער בוך פלעגט ווערען געדרוקט אין געהיים דורך די דריי הונדערט יאָהר פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל. עס זיינען יעצט דאָ עטליכע קאָפּיעס פון פאַרשיעדענע אויסגאַבען פון דעם בוך אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ארדיס.

(3) אין יענע צייטען האָבען גרופּען רייכע מענשען קאָנטראָלירט

אַלע מיטלען פון פאַרקעהר, און פאַר'ן באַנוצען זיך מיט דעם פלעגט דאָס פובליקום צאָהלען געלד.

(4) די קריעגערייען זיינען פאָרגעקומען זעהר אָפט אין יענע אונזיכיגע צייטען. פיעל מאָל האָבען זיך די אַרבייטער ענטזאַגט צו אַר־בייטען. און אַמאָל פלעגען די קאַפּיטאַליסטען זיי ניט ערלויבען צו אַרבייטען. אין דער ווילדקייט פון אַזעלכע קריעגערייען פלעג פיעל אייגענטום, אויך מענשענלעבענס פאַרניכטעט ווערען. דאָס אַלעס איז אונז אונבאַגרייפליך — אַזוי אונבאַגרייפליך ווי אַן אַנדער מנהג פון יענער צייט, די געוואוינהייט פון די נידעריגע קלאַסען צו צוברעכען די מעבעל, ווען זיי פלעגען זיך צוקריעגען מיט זייערע פרויען.

(5) פּראָלעטאַריאַט — אַ וואָרט גענומען פון לאַטיין. דער נאָמען וואָס סערוויוס טוליוס האָט געגעבען אין זיין צענזוס צו די יעניגע, וועמעס איינציגע ווערט פאַר דעם שטאַאט איז געווען, וואָס זיי האָבען אויפגעבראַכט קינדער. אין אַנדערע ווערטער, זיי זיינען ניט געווען פון קיין וויכטיגקייט ניט פאַר רייכטום, שטאַנד, אָדער אויסערגעוועהנ־ליכע פעהיגקייטען.

(6) אַ קאַנדידאַט אין די עלעקשאַנס פון קאַליפאָרניע אין יאָהר 1906 לויט קריסטליכער רעכנונג, אויפ'ן סאָציאַליסטישען טיקעט, אַן ענגליש געבוירענער, אַ שרייבער פון פיעל פּאָליטיש־עקאָנאָמישע און פילאָזאָפישע ביכער, און איינער פון די סאָציאַליסטישע פיהרער פון יענער צייט.

(7) עס זיינען ניטאָ קיין שרעקליכערע בלעטער אין דער היסטאָריע אַלס די באַהאַנדלונג פון קינדער און פרויען־שקלאַפען אין די ענגלישע פאַבריקען אין צווייטען העלפט פונ'ם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט לויט'ן קריסטליכען רעכנונג. און אין אַזאַ אינדוסטריעלען גיהנום זיינען אויפ־געוואַקסען די גרעסטע פאַרמעגענס פון יענער צייט.

(8) עווערהאַרד וואָלט געקענט געבען אַ בעסערען ביישפיעל פון דער אויסדריקליכער פאַרטיידיגונג פון שקלאַפעריי דורך דער קירך פאַר דער מלחמה. באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „דער בירגער־קריעג„. פיעל אַזעלכע ביישפיעלען גיבען מיר די אַרויסגענומענע דאָקומענטען פון יענער צייט. אין 1835, לויט דעם קריסטליכען רעכנונג, האָט די אַלגע־

מיינע פערזאַמלונג פון דער פרעסביטעריאַנער קירך באַשלאָסען, אַז שקלאַ־פעריי ווערט אגערקענט אין ביידע, דעם אַלטען און נייעם טעסטאַמענט, און ווערט ניט פאַרדאַמט פון גאָט. די טשאַרלעסטאָן באַפּטיסטישע גע־זעלשאַפט האָט אַרויסגעגעבען דאָס פאָלגענדע אין 1835 : „דאָס רעכט פון בעלי־בתים זיך צו באַנוצען מיט דער צייט פון זייערע שקלאַפען איז אויסדריקליך אנערקענט געוואָרען פונ'ם באַשעפער פון אַלעס, וועל־כער האָט געוויס דאָס רעכט צו געבען רעכט פון באַזיץ איבער יעדער זאַך, וועמען עס געפעלט איהם צו געבען.„ דער גייסטליכער, ד. סוימאַן, דירעקטאָר פון דער גאָטעס־לעהרע און פראָפעסאָר אין דעם רענדאָלף־מייקאַן מעטאָדיסדישען קאלעדזש פון ווירדזשיניא, האָט געשריבען : „אויסצוגען פון די הייליגע שריפטען באַווייזען אונווידערלעגבאַר דאָס רעכט פון באַזיצען שקלאַפען, צוזאַמען מיט אַלעס, וואָס געהט מיט מיט דעם רעכט. דאָס רעכט צו קויפען און פאַרקויפען ווערט געגעבען. אין אַלגעמיין, אַלזאָ, צי מיר זוכען אין דעם אידישען געזעץ, וואָס איז געגעבען געוואָרען פון גאָט אַליין, אָדער די אַלגעמיין־אָנגענומענע פּראַקטיק פון דער מענשהייט אין אַלע צייטען, אָדער דער געבאָט אין דעם נייעם טעסטאַמענט און אויך דער מאָראַלער געזעץ, מוזען מיר קומען צום שלוס, אַז שקלאַפעריי איז ניט אונמאָראַליש. האָבענדיג פעסטגע־שטעלט דעם איינצעלנעם פונקט, אַז די ערשטע אַפריקאַנער שקלאַפען זיינען געזעצליך געבראַכט געוואָרען אַהער, איז דאָס רעכט צו פאַרהאַלטען זיי־ערע קינדער, נאַטירליך, אַן אונבאַשטרייטבאַרער, דארום אנערקענען מיר, אַז די שקלאַפעריי, וואָס עקזיסטירט אין אַמעריקא, איז געגרינדעט אויף יושר.

איז עס דארום ניט מערקווירדיג, וואָס די זעלבע פאַרטיידיגונג זאָל באַנוצט ווערען פון דער קירך אַ דור שפּעטער אין פאַרטיידיגונג פון קאַפּיטאַליסטישען אייגענטום ? אין דעם גרויסען מוזעאום אין אָסגארד איז דאָ אַ בוך מיט' נאָמען „לעהרען און זייער אָנווענדונג„, געשריבען פון הערי ווען־דייק. דאָס בוך איז געדרוקט געוואָרען אין 1805. פונ'ם בוך פאַרשטעהען מיר, אַז זיין פאַרפאַסער איז געוועזן אַ גייסטליכער. דאָס בוך איז אַ גוטער ביישפּיעל פון וואָס עווערהאַרד פלעגט רופען „בורזשואַזנער געדאַנק„. באַמערקט די עהנליכקייט צווישען די אויס־

דריקען פון די טשרלעסטאָן באַפּטיסטישע געזעלשאַפט און דאָס פאָלגענדע, גענומען פון וועןדייק׳ס בוך 70 יאָהר שפּעטער: „די ביבעל לערענט אונז, אַז גאָט באַזיצט די וועלט. ער גיט יעדען מענשען, וויפיעל עס געפעלט איהם און אין איינקלאַנג מיט אַלגעמיינע געזעצען.״

(9) אין יענע צייטען פלעגען זיין פיעל טויזענטער פון די אָרימע סוחרים, אונטער׳ן נאָמען פּעדלערס (הויזירער). זיי פלעגען טראָגען זייער גאַנצע סחורה פון איין טיר צו דער צווייטער. עס איז געווען די ערגסטע פאַרשווענדונג פון ענערגיע. פאַרשפּרייטונג פון סחורה איז געווען אַזוי ניט שכל׳דיג, ווי די גאַנצע סיסטעם פון דער געזעלשאַפט.

## דריטער קאַפּיטעל

(1) אַ וואָרט, וואָס איז באַנוצט געוואָרען צו באַשרייבען רואינירטע, איינגעפאַלענע און צובראָכענע הייזער, אין וועלכע פיעל אַרבייטער פלעגען וואוינען. זיי פלעגען אומער צאָהלען דירה־געלד און, נעהמענדיג אין אנבאַטראַכט דעם ווערטה פון די הייזער, זיינען דאָס געווען אונגעהויערע סומען, וואָס זיי האָבען געצאָהלט די בעלי־בתים פון די הייזער.

(2) אין יענע צייטען איז גנבה זעהר פיעל אָנגעגאַנגען. יעדער האָט גע׳גנב׳עט אייגענטום פונ׳ם צווייטען. די רייכע האָבען גע׳גנב׳עט געזעצליך, אָדער זיי פלעגען עס מאַכען געזעצליך, בעת די אָרימערע קלאַסען פלעגען גנב׳ענען אונגעזעצליך. מיט קיין זאַך איז מען ניט געווען זיכער סיידען מען האָט עס געהיט. אונגעהויערע מאַסען מענשען פלעגען זיין באַשעפטיגט אַלט וועכטער צו באַשיצען אייגענטום. די הייזער פון די רייכע פלעגען זיין אַ קאָמבינאַציע פון אייזערנע קאַסטענס און פעסטונגען. דאָס, וואָס אונזערע קינדער האָבען ליעב נאָך היינט צו טאָג צוצונעהמען זאַכען פון אַנדערע קינדער, ווערט באַטראַכט אַלס אַן איבער־

בלייבונג פון דעם גנבה־אינסטינקט, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַלוועלטליך.

(3) די אַרבייטער פלעגן גערופען ווערען צו דער אַרבייט און ענטלאָסען ווערען פון דער אַרבייט דורך אַ ווילדען, שרייענדיגען נערוועזן־רייסענדען פייפעריי פון דאַמפף־פייפער.

(4) די אויפגאַבע פון דעם סאָרט אַדוואָקאַטען איז געווען צו העלפען, דורך געמיינע מעטאָדען, די געלד־כאַפּעריי פון די געזעלשאַפטען. עס איז דאָ פאַרשריבען, אַז טעאָדאָר רוזוועלט, צו יענער צייט פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען, האָט געזאָגט אין 1905. אין זיין רעדע צו די גראַדואירטע האַרוואַרדער סטודענטען: מיר אַלע ווייסען, אַז עס איז אמת, דאָס פיעל פון די העכסט־איינפלוסרייכע מיטגליעדער פון דער פּראָפעסיע מאַכען עס אַלס זייער אויפגאַבע צו פּלאַנעווען דרייסטע און געניויע פּראָיעקטען, דורך וועלכע זייערע רייכע קליענטען, איינצעלנע אָדער געזעלשאַפטען, זאָלען קענען אויסמיידען די געזעצען, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען אין די אינטערעסען פון פּובליקום, צום נוצען פון די גרויסע פאַרמעגענס.

(5) דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיעל פונ'ם מערדערישען קאַמפּף, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער גאַנצער געזעלשאַפט. מענשען האָבען געפרעסען איינער דעם צווייטען ווי הונגעריגע וועלף. די גרויסע וועלף האָבען געפרעסען די קליינע און דזשעקסאָן איז געווען דער קלענסטער פון די קליינע וועלף.

(6) עס איז גאַנץ אינטערעסאַנט צו באַמערקען די שטאַרקע ווערטער, וועלכע פלעגען באַנוצט ווערען צו יענער צייט, אַלס אַ באַווייז פון יענעם לעבען, וועלכען מען האָט כאַראַקטעריזירט אַלס „רויט פון רייסענדיגע נעגעל און בייסענדיגע צייהנער„. מיר מיינען ניט סמיטה'ן, נור ערנסט עווערהאַרד'ם אויסדרוק: „אַרויסגעכריפּעט„.

(7) מיט דעם באַציהט ער זיך אויף'ן סאָציאַליסטישען וואוט, וואָס איז געצויגען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען. דער וואוקס פון דעם וואוט האָט זעהר קלאָר געוויזען דעם שנעלען וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. דער פּאַרטיי'ס גאַנצער וואוט אין יאָהר 1888

איז געווען 2068, אין 1902 איז עס געווען 127,713, אין 1904 — 435,040, אין 1908 — 1,108,427, און אין 1910 — 1,688,211.

(8) אינ'ם שרעקליכען וואָלף־קאַמפף פון יענע דורות איז קיין מענש ניט געווען זיכער אויף שטענדיג, קיין אונטערשייד ניט, וויפיעל רייכטום אַ מענש האָט געהאַט. אוים מורא פאַר'ן וואוילזיין פון זייערע פאַמיליעס האָבען מענשען אויסגעטראַכט דעם פּלאַן פאַר פאַרזיכערונג אין דעם יעצטיגען ענטוויקעלטען פעריאָד קוקט אוים אַזאַ מין פּלאַן אונזיניג און אַלטמאָדיש. נור אין יענע צייטען אין אַ פאַרזיכערונג געווען אַ זעהר ערנסטע פראַגע. די קאָמישע זייט דערפון איז געווען, וואָס גאַנץ אָפט זיינען די פאַרזיכערונגס־געלדער באַרויבט און פאַרהולטעוועט געוואָרען פון די זעלבע בעאַמטע, וועמען מען האָט אנפאַרטרויט די פאַר־וואַלטונג פון די געלדער.

## פיערטער קאַפּיטעל

(1) נאָך איידער עווינ עווערהאַרד איז געבאָרען געוואָרען, האָט דזשאהן סטואַרט מיל, אין זיין ווערק „פרייהייט„ געשריבען: „וואו עס געפינט זיך אַ העכערער קלאַס, שפרינגט אַ גרויסע טייל פון דער מאָראַל אַרוים פון זיינע קלאַס־אינטערעסען און פון דעם געפיהל, אַז ער שטעהט העכער פון אַלע אַנדערע קלאַסען.„

(2) די צייטונגען אין 1902 האָבען רעפּאָרטעט, אַז דער פרעזידענט פונ'ם האַרט־קויהלען טראַסט האָט ערקלערט ווי פאָלגט: „די רעכט און אינטערעסען פונ'ם אַרבייטער וועלען באַשיצט ווערען פון קריסטען, וועמען גאָט אין זיין שטענדיגער קלוגהייט האָט געגעבען דאָס רעכט פון באַזיץ פון די אינטערעסען פונ'ם לאַנד.

(3) דאָס וואָרט געזעלשאַפט ווערט דאָ באַנוצט אין דעם זין פון יענער צייט, אין אַ באַגרענצטער פאָרם. ער האָט אָנגעצייגט די רייכע לעדיג־געהער, וואָס האָבען ניט געאַרבייט, און האָבען זיך אָנגעפרעסען

פון די האָניג־פעסער פון די אַרבייטער. ניט די געשעפטסלייט ווי אויך ניט די אַרבייטער האָבען געהאַט צייט אָדער געלעגענהייט צו זיין אין דער הויכער געזעלשאַפט. די הויכע געזעלשאַפט איז געווען דער אויפטו פון די לעדיג־געהנדיגע רייכע, וועלכע האָבען ניט געאַרבייט און דאָס איז געווען זייער צייט־פאַרטרייב.

(4) אינ'ם „אויטלאק„ אַ קריטישער וועכענטליכער זשורנאַל, אינ'ם נומער פונ'ם 18טען אויגוסט, 1906, ווערט דערצעהלט פון די אומ־שטענדען פון אַן אַרבייטער, וואָס האָט פאַרלוירען זיין אָרעם. די אומ־צעלהייטען פון דעם פאַל זיינען עהנליך צו דזשעקסאָנ'ס פאַל, וועלכען עווים עווערהאַרד גיט איבער.

## פינפטער קאַפּיטעל

(1) אין יענע צייטען איז נאָך געווען דער מנהג אָנצופילען די וואוין־צימערען מיט אַנטיק־זאַכען. זיי האָבען נאָך ניט געהאַט ענטדעקט די איינפאַכקייט פון לעבען. אַזעלכע צימערען זיינען געווען מוזעאומס, אַרום וועלכע מען האָט געדאַרפט אונאויפהערליך אַרבייטען, אום צו האַלטען זיי ריין. שטויב איז געווען דער הערר איבער'ן גאַנצען הויז־געזינד. עס זיינען געווען טויזענטער אופנים, ווי דעם שטויב אריינ־צונעהמען, און בלויז עטליכע אופנים, ווי פון איהם פטור צו ווערען.

(2) דאָס ברעכען פון צוואות איז געווען אַ מאָדנע באַשעפטיגונג אין יענעם פעריאָד. מיט'ן אָנזאַמלונג פון גרויסע פאַרמעגענס, פלעגט עס זיין אַ גרויסע פראַגע פאַר די זאַמלערס, ווי אַזוי לויז צו ווערען פון זיי נאָך זייער טוידט. מאַכען צוואות און ברעכען צוואות איז געוואָרען אַ באַשעפטיגונג, פונקט ווי מאַכען ביקסען. די קליגסטע אַדוואָקאַטען פלעגען אריינגערופען ווערען צו מאַכען צוואות, וואָס זאָלען ניט קענען געבראָכען ווערען. נור די צוואות פלעגען אימער געבראָכען ווערען און זעהר אָפט פון דיזעלבע אַדוואָקאַטען, וואָס האָבען זיי געשריבען. דאָך האָט די איינרעדעניש, אַז מען קען יאָ שרייבען אַ צוואה, וואָס זאָל ניט געבראָכען ווערען, געהאַלטען אַ זעהר לאַנגע צייט; און אַזוי, דורך

דורות און דורות, פלעגען קליענטען און אדוואקאטען זיך נארען. זיי זיינען געווען גענארט אין דעם פונקט ווי די אלכעמיסטען אין זייער זוכען פון אן אלוועלטליכען אויפלעזונגס־מיטעל.

(3) זאנדערבארע און ערשטוינענדע ליטעראטור, וועלכע האט גע־געבען דעם ארבייטער־קלאס א פאלשען באגריף פון דעם לעדיג־געהענ־דיגען קלאס.

(4) די מענשען פון יענע צייטען זיינען געווען בוכשטעבליך שקלאפען פון פראזען. זייער נידריגער שקלאפען־אינסטינקט איז אונז אונבאגרייפליך. עס איז געווען פאר זיי מעהר כשוף אין ווארט ווי אין שווארץ־קינסטלעריי. אזוי שטומפיג און אהן ארדנונג איז געווען זייער פארשטאנד, אז איין ווארט האט געקענט מאכען צו נישט די גענערא־ליזירונג פון ערנסטען דענקען פון איינעמס גאנצען לעבען. אזא ווארט איז עווען „אויטאפיע„. מיט'ן ארויסרעדען פון דעם ווארט האט מען געקענט פארדאמען יעדען פלאן פון עקאנאמישער פארבעסערונג אדער ענדערונג, קיין אונטערשייד ניט, ווי קלוג און באשיידען דער פלאן איז געווען. גרויסע טיילען פון דער באפעלקערונג פלעגען ווערען משוגע איבער אזעלכע זאכען ווי „אן עהרליכער דאלאר״ און — „א פולער מיטאג־קארב„. דאס אויסטראכטען פון אזעלכע פראזען איז געווען פאר־רעכענט, אלס א געניאליטעט.

(5) פון אנפאנג זיינען זיי געווען פריוואט־שפיאנען; נור זעהר שנעל זיינען זיי געווארען די געדונגענע בויאנעס פון די קאפיטאליסטען. און ענדליך האבען זיי זיך ענטוויקעלט אין „די פארקויפטע נשמות פון דער אליגארכיע„.

(6) פאטענטירטע מעדיצינען זיינען געווען פאטענטירטע ליגענס; ווי די קמיעות און איינבילדונגען פון מיטעלאלטער, האבען זיי באשווינ־דעלט די גלויביגע מענשען. דער איינציגער אונטערשייד איז געווען, וואס פאטענטירטע מעדיצינען האבען געקאסט טייערער און זיינען געווען פיעל מעהר שעדליך.

(7) זאגאר אזוי שפעט ווי 1912 האט די גרויסע מאסע געגלויבט. אז זיי רעגיערען דאס לאנד דורכ'ן באלאט. אין דער ווירקליכקייט איז דאס לאנד רעגיערט געווארען פון וואס מען האט גערופען „פאליטישע

מאַשינען„. פון אָנפאַנג־פּלעגט דער מאַשין־באָס (פיהרער) אויספּרעסען מאַסען געלד פון די קאַפּיטאַליסטען פאַר מאַכען גינסטיגע געזעצען פאַר זיי; נור אין אַ קורצער צייט האָבען די קאַפּיטאַליסטען אויסגעפונען, אַז עס לוינט זיך זיי בעסער צו באַזיצען די קאַפּיטאַליסטישע מאַשינען און צו דינגען די מאַשין־באָסעס. (מאַשין, אין דעם זין, ווערט באַנוצט אַלס אַ פּאָליטישע באַנדע, אין וועלכער אַלעס ווערט אָפּגעטאָן גלאַטיג, פּונקט ווי אַ מאַשין־אַרבייט. — איבערזעצער).

(8) ראָבערט האַנטער האָט אָנגעצייגט אין זיין בוך „אָרימקייט„, געשריבען אין 1906, אַז צו יענער צייט זיינען געווען צעהן מיליאָן אָרימע לייט אין די פּאַראייניגטע שטאַאַטען.

(9) אינ'ם צענזוס פון 1900 איז די צאָהל פון קינדער־אַרבייטער געווען 1,752,187.

(10) אום אָנצוצייגען די געדאַנקען־ווענדונג פון יענער צייט, נעהמען מיר אַרויס דעם פאָלגענדען פּירוש פון „דעם ציניקער'ס ווער־טער־בוך„ געשריבען אין 1906 פון אמבראָוז ביזערס, אַ באַוואוסטער מי־זאַנטראָפּ פון יענעם פּעריאָד: „בליי—אַן אַרגומענט, וואָס די צוקונפט גרייט צו אַלס אַן ענטפער צו די פאָדערונגען פון אַמעריקאַנער סאָ־ציאַליסטען.„

---

## זעקסטער קאַפּיטעל

(1) באַטש פּונקט ווי עווערהאַרד, האָבען זיי זיך ענטזאגט פאַרצו־שטעלען דעם כאַראַקטער פון דעם, דאָך האָבען זיך געפונען מענשען, אפילו פאַר זיין צייט, וועלכע האָבען באַמערקט דעם שאָטען. דזשאהן קאַלהון האָט געזאָגט: „אַ מאַכט האָט זיך ענטוויקעלט אין דער רע־גיערונג. וואָס איז גרעסער פון דעם פאָלק זעלבסט, באַשטעהענדיג פון פיעל פאַרשיעדענע מעכטיגע אינטערעסען, פאַראייניגט אין איין מאַסע און ווערען געהאַלטען אייניג דורך דער צוזאַמענהענגענדער מאַכט פונ'ם גרויסען געלד־איבערפלוס אין די באַנקען.„ און דער גרויסער מענשען־פריינד, אייבערהעם לינקאָלן, האָט געזאָגט, פּונקט איידער מען האָט

איהם ערמאָרדעט: „איך זעה אין דער נאָהענטער צוקונפט אַן אָנקומענדיגען קריזיס, וואָס צורודערט מיינע נערוועז און מאַכט מיך שוידערען פאַר דער זיכערהייט פון מיין לאַנד... קערפּערשאַפטען זיינען אַרויף אויפ'ן טראָן, אַ פּעריאָד פון פאַרדאָרבענהייט אין די הויכע פּלעצער וועט נאָכפאָלגען, און די געלד־אינטערעסען פונ'ם לאַנד וועלען פּרובירען צו פאַרלענגערען זייער הערשאַפט מיט'ן אָנהאַלטען די פאָראורטייל פון די מענשען ביז דאָס רייכטום וועט אָנגעזאמעלט ווערען פון אייניגע און די רעפּובליק וועט פארניכטעט ווערען.“

(2) דער בוך „עקאָנאָמיע און בילדונג“ איז געדרוקט געוואָרען אין יענעם יאָהר. דריי עקזעקפּליאַרען געפינען זיך נאָך; צוויי אין אדרים, און איינער אין אסגארד.

ער האָט באַהאַנדעלט איין פאַקטאָר פונ'ם אָנהאַלטען פון דער עקזיסטירענדיגער אָרדנונג, נעמליך, די קאַפּיטאַליסטישע פאַרקריפּלונג פון די אוניווערזיטעטען און די פאָלקס־שולען. עס איז געווען אַ לאָגישע און פאַרניכטענדיגע אָנקלאַגע פון דער גאַנצער סיסטעם פון בילדונג, וועלכע האָט ענטוויקעלט בלויז אַזעלכע אידעען אין די מוחות פון די סטודענטען, וועלכע זיינען גינסטיג פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט, און אויסגעשלאָסען אַלע געגנערישע אידעען. דער בוך האָט געמאַכט אַ פוראָר, און איז גלייך אונטערדריקט געוואָרען פון דער אָליגאַרכיע.

---

## זיבעטער קאַפּיטעל

(1) מיר קענען ניט געפינען קיין שפּור פון אַן אָרגאַניזאַציע, וועמעס נאָמען עס פאַנגט זיך אָן מיט די ראשי תבות.

(2) עס האָט בלויז גענומען אייניגע מינוטען אַריבערצופאָהרען מיט אַ שיף פון בערקלי קיין סאַן־פראַנציסקאָ. די און נאָך אַנדערע האַפען־שטעדט זיינען אין ד'ער ווירקליכקייט געווען איין שטאָדט.

(3) אָסקאַר ווײַלד, איינער פון די מייסטערס פון שפּראַך אין דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט לויט'ן קריסטליכען רעכנונג.

## אכטער קאַפּיטעל

(1) אַן אַראָפּלאָזען פונ'ם פאַרקויף־פּרייז צו קאָסט־פּרייז און זאָגאַר נידריגער פון קאָסט אויף אַזאַ אופן האָט אַ גרויסע קאָמפּאַניע געקענט אויסשטעהן פאַרלוסט פאַר אַ לענגערער צייט אַלס אַ קלענערע קאָמפּאַניע און איהר אַרויסטרייבען פון דער געשעפט־וועלט. אַ געוועהנליכע קאָנ־קורענטען־אויפטו אין יענער צייט.

(2)פיעל פּראָבען זיינען געמאַכט געוואָרען דורך דער פּעריאָדע צו אָרגאַניזירען דעם אויסשטאַרבענדען ערד־אַרבייטער־קלאַס אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, וועמעס צוועק איז געווען צו פאַרניכטען די טראָסטס דורך ראַדיקאַלע, שטאַרק־ווירקענדיגע געזעצען. אַלע אַזעלכע פּראָבען האָבען זיך אויסגעלאָזען מיט גאָר נישט.

(3)דער ערשטער ערפאָלגרייכער גרויסער טראָסט — כמעט אַ נאָגעצען דור פריהער פון אַלע אַנדערע טראָסטס.

(4) עווערהאַרד האָט געהאַט רעכט אין די וויכטיגע איינצעלהיי־טען, באַטש דער טאָג פון דעם פאָרשלאָגען פונ'ם געזעץ איז ניט ריכטיג. דער געזעץ איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען דעם 30טען יוני, און ניט דעם 30טען יולי. דער קאָנגרעס־רעקאָרד געפינט זיך אין ערדים, און צייגט אָן די פאָלגענדע טעג וועגען ביל: יוני דעם 30טען, דעצעמבער 9, 15, 16, 17, אין יאָהר 1902 און יאַנואַר 7 און 14, אין 1903. די אונוויסענהייט פון די געשעפטס־לייט ביים מיטאָג איז ניט געווען עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס. זעהר ווייניג מענשען האָבען עטוואָס געוואוסט פון דעם געזעץ. י. אונטערמאַן, אַ רעוואָלוציאָנער, אין יולי, 1903, האָט אָפּגעדרוקט אַ פּאַמפלעט אין זשיראַרד, קענזעס, וועגען דעם מיליץ־געזעץ. דער פּאַמפלעט האָט געהאַט אַ קליינע צירקולאַציע צווישען די אַרבייטער; נור די צושיידונג פון די קלאַסען איז שוין געווען אַזוי שטאַרק, דאָס די מיטעל־קלאַס־מענשען קיינמאָל ניט געהערט וועגען דעם, און זיינען געבליבען אונוויסענד וועגען דעם געזעץ.

---

## ניינטער קאַפּיטעל

(1) עוועראַרד ציינגט דאָ אָן קלאָר די אורזאַך פון אַלע אַרבייטער־צרות פון יענער צייט. אינ׳ם צוטיילונג פון דער פּאַראייניגטער פּראָדוקציע, האָט קאַפּיטאַל געוואָלט אַלעס, וואָס מען האָט געקענט אַרויסרייסן, און די אַרבייטער אויך דאָס זעלבע. דער קריעג איבער דער חלוקה האָט קיינמאָל ניט געקענט אויפהערן. אַזוי לאַנג, ווי די סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע האָט עקזיסטירט, האָבען די אַרבייטער און די קאַפּיטאַליסטען זיך געקריעגט איבער דער חלוקה. אונז קוקט עס אויס ווי אַ לעכערליכער ספּעקטאַקעל, אָבער מיר מוזען ניט פאַרגעסען, אַז מיר האָבען אַ זיעבען הונדערט יעהריגען פאָרצוג איבער די מענשען, וואָס האָבען געלעבט אין יענער צייט.

(2) טעאָדאָר רוזוועלט, פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאטען, האָט, עטליכע יאָהר פאַר דער צייט, געמאַכט די פאָלגענדע עפענטליכע ערקלערונג: „מעהר ליבעראַלער און געגענזייטיגער אויסטויש פון סחורה איז נויטיג, כדי זי איבער־פּראָדוקציע פון די פאַראייניגטע שטאַאטען זאָל קענען פאַרקויפט ווערען אויף אַ צופרידענשטעלענדען אופן צו אַנדערע לענדער.“ נאַטירליך, די איבער־פּראָדוקציע, פון וועלכע ער האָט גערעדט, איז געווען דער פּראָפיט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, וועלכע די קאַפּיטאַליסטען האָבען ניט געקענט געברויכען. עס איז אויך געווען אין ד׳ער צייט, וואָס דער סענאַטאָר מאַרק האַננאַ האָט געזאָגט: „די יעהרליכע פּראָדוקציע פון די פאַראייניגטע שטאַאטען איז אַ דריטעל גרעסער ווי ד׳ער געברויך.“ אַן אַנדער סענאַטאָר, טשאַנסי דעפּיו, האָט געזאָגט: „די אַמעריקאַנער פּראָדוצירען יעדען יאָהר צוויי ביליאָן מעהר ווי זיי קענען געברויכען.“

(3) קאַרל מאַרקס, דער גרויסער אינטעלעקטועלער ריעז פון סאָציאַליזם, אַ דייטשער איד פונ׳ם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט, אין דער זעלבער צייט, וואָס דזשאהן סטואַרט מיל האָט געלעבט. עס ציינגט אויס אונגלויבליך, אַז גאַנצע דורות זיינען פאַרשוואונדען נאָך דער אַרויסגעבונג פון מאַרקס׳עס עקאָנאָמישע ענטדעקונגען, אין וועלכער צייט

ער איז אָפּגעשפּאָטעט געוואָרען פון דער וועלט׳ס אנערקענטע דענקער און געלערענטע פאר זיינע ענטדעקונגען.

(4) לויט די בעסטע קוועלען, איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער נאָמען איז באַנוצט געוואָרען אָנצוצייגען די אָליגאַרכיע.

5) די צוטהיילונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס עווערהאַרד גיט אָן, איז די זעלבע, וועלכע לוסיען סעניעל, אַ גרויסער סטאַטיסטיקער פון יענער צייט, האָט אָנגעגעבען. זיין רעכנונג פון די מיטגליעדער פון דיזע פארשיעדענע אָבטיילונגען לויט זייערע באַשעפטיגונגען, איז אין צענזוס פון די פאראייניגטע שטאַאטען פון 1900, ווי פאָלגט: פּלוטאָקראַטישער קלאַס 250,251; מיטעל־קלאַס 8,429,84; און פּראָלעטאַרישער קלאַס 20,393,137.

6) זאָגאַר אזוי שפּעט, ווי 1907, האָט מען גערעכנעט, אַז 11 גרופּען האָבען געהערשט איבער׳ן לאַנד. נור דיזער נומער איז פארקלענערט געוואָרען דורך דער פאראייניגונג פון פינף אייזענבאַהן־גרופּען אין איין מעכטיגער פאראייניגונג פון אלע אייזענבאַהנען. דיזע פינף גרופּען, צוזאַמען מיט זייערע פינאַנציעלע און פּאָליטישע בונדעס־גענאָסען זיינען געווען (1) דזשיימס דזש. היל און זיין קאָנטראָל פון דער דרום־מערב־באַהן; (2) די פּענסילוויניא באַהנען־גרופּע. שיף, דער פינאַנציעלער פארוואַלטער, מיט גרויסע באַנק־פירמעס אין פילאַדעלפיא און ניו יאָרק; (3) הערימאַן, מיט פריק׳ן אַלס בעל־יועץ, און אָדעלל, אַלס פּאָליטישער ולוטענאַנט, קאָנטראָלירענדיג די מיטלענדישע, צפון־מערב׳דיגע און צפון׳דיגע פּאַסיפישען ברעג פארקעהר־ליניען; (4) די גילד־פאַמיליע אייזענבאַהן־אינטערעסען; (5) און די מייאך און לידס, באַוואוסט אַלס די „ראק־איילענד־באַנדע"; דיזע שטאַרקע אָליגאַרכיען זיינען אַרויסגעקומען פונ׳ם קאָנקורענץ־קאַמפּף און האָבען געצייזט אויפ׳ן אונפארמייד־ליכען וועג צו פאראייניגונג.

7) לאַבבי — אַ זאָנדערבאַרע אינסטיטוציאָן כאַבאַרעווען, אָנצושטעקען און צו פאַרדאַרבען די געזעץ־מאַכער, וועלכע האָבען כלומר׳שט רעפּרעזענטירט דאָס פאָלק.

8) אַ צוואַנציג יאָהר פאר דיזער צייט, וואָס עווערהאַרד האָט געהאַלטען דיזע רעדע, האָט די ניו יאָרקער סוחרים־געזעלשאַפט אַרויס־

געגעבען אַ רעפּאָרט, פון וועלכען דאָס פאָלגענדע איז ענטנומען: „די אייזענבאַהנען האָבען אַבסאָלוטען קאָנטראָל איבער אַ מעהרהייט פון די שטאַאטס-לעגיסלאַטורען אין די פאַראייניגטע שטאַאטען; זיי מאַכען און וואַרפען אַראָפּ סענאַטאָרען, קאָנגרעס-לייט און גובערנאַטאָרס, און אין דער ווירקליכקייט דיקטירען זיי די רעגיערונגס-האַלטונג פון די פאַראייניגטע שטאַאטען.״

9) ראקעפעלער האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס אַ מיטגליעד פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דורך זיין ביטרעקייט און שפּאָרזאַמקייט איז ער געווען ערפאָלגרייך אין זיין אָרגאַניזאַציע פונ׳ם ערשטען פאָלקאָמענעם טראָסט, נעמליך, דער טראָסט באַוואוסט אַלס „סטענדערד אויל״. מיר קענען זיך ניט צוריקהאַלטען פון צו געבען דעם פאָלגענדען מערקווירדיגען היסטאָרישען בלאַט פון יענער צייט, אום צו צייגען ווי די נויטווענדיג-קייט פון האָבען וואו אַוועקצולעגען דאָס געלד פונ׳ם סטענדערד-אויל-איבערפלוס האָט צודריקט קליינע קאַפּיטאַליסטען און האָט פאַראורזאַכט אַ פריהערען שטורץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. דייוויד גרעהעם פיליפּס איז געווען אַ ראַדיקאַלער שרייבער פון יענער פעריאָדע, און דיזער אויסצוג זיינער איז ענטנומען פון אַ קאָפּיע פון דער „סאַטורדיי איוונינג פּאָסט״, דאַטירט דער 4טען אָקטאָבער, 1912. דאָס איז די איינ-ציגע קאָפּיע פון דיזען זשורנאַל, וואָס געפינט זיך אין אונזער ביבליאָ-טעק. און דאָך, פון דיזען זשורנאַלס אויסזעהן און אינהאַלט, קענען מיר בלויז ציהען דעם שלוס, אַז עס איז געווען אַ פּאָפּולערער פעריאָדי-שער זשורנאַל מיט אַ גרויסער צירקולאַציע. דער אויסצוג איז ווי פאָלגט:

„מיט אַ צעהן יאָהר צוריק איז ראקעפעלער׳ס איינקונפט אָנגעגעבען געוואָרען אַלס דרייסיג מיליאָן פון איינעם פון די גרויסע אויטאָרי-טעטען. דאָס אז געווען דאָס העכסטע, וואָס ער האָט געקענט מאַכען פון זיין אויל-אינדוסטריע. און דאָ זיינען אַריינגעפלאָסען יעדען מאָנאַט אונגעהויערע סומען געלד — פון 2.000,000 אַ מאָנאַט בלויז פאַר דזשאהן דייוויסאָן ראקעפעלער אַליין. די פּראָבלעם פון פאַרטאָן דאָס געלד איז געוואָרען אַלץ ערנסטער. דער אויל-איינקונפט איז געוואָרען גרעסער, גרעסער, און די צאָהל פון זיכערע געשעפטען אַריינצולעגען דאָס געלד איז געוואָרען באַגרענצטער, זאָגאַר מעהר באַגרענצט ווי עס

איז יעצט. עס איז ניט געווען צוליעב אַ ספּעציעלער יאָגעניש נאָך געלד, נאָך פּראָפיטען, פאַרוואָס די ראקעפעלערס האָבען זיך גענומען צו אַנדערע געשעפטען. זיי זיינען געצוואונגען געווען, ווערענדיג צוגעשטיקט פון דיזער כוואַליע פון רייכטום, וועלכען זייער מאָנאָפּאָל האָט צוגעצויגען ווי אַ מאַגנעט. זיי האָבען אָנגעשטעלט אַ שטאַב פון געשעפטס־זוכער. מען זאָגט, אַז דער עלטסטער פון דיזען שטאַב קריגט אַ שכירות פון $125,000 אַ יאָהר.

דער ערשטער אַרויספאָהר אין אַנדערע געשעפטען איז געווען אין דעם אייזענבאַהן־פעלד. ארום 1895 האָבען זיי קאָנטראָלירט אַ פינפטעל פון די באַהנען אין לאַנד. און אָט וואָס זיי פאַרמאָגען יעצט אָדער האָבען אַ הערשענדע קאָנטראָל! זיי זיינען שטאַרק פארטראָטען אין די ניו יאָרקער אייזענבאַהנען, דרום'דיגע, צפון'דיגע, מעריב'דיגע, אין אַלע אַ חוץ איין אייזענבאַהן־קאָמפּאַניע, אין וועלכער זיי האָבען בלויז עטליכע מיליאָנען. זיי זיינען פארטראָטען אין די מעהרסטע פון די אייזענבאַהנען, וואָס פארשפּרייטען זיך פון שיקאַגאָ. זיי באַהערשען אייניגע אייזענבאַהן־סיסטעמען, וואָס לויפען צום פּאַסיפישען ברעג. זייער וואהל־קראַפט מאַכט עס הערר מאָרגאַן'ען אַזוי מעכטיג, באָטש, מען מעג צולעגען, אַז זיי דאַרפען האָבען זייער פאַרשטאַנד מעהר ווי ער דאַרף האָבען זייער וואַהל־קראַפט — יעצט, און די פאַראייניגונג פון די צוויי שטעל'ט צוזאַמען דאָס, וואָס ווערט אָנגערופען „די קאָמונע־אינטערעסען."

„נור אייזענבאַהנען אַליין האָבען ניט געקאָנט אַריינזאַפּען די אַלע שטאַרקע געלד־שטראָמען. אין דער יעצטיגער צייט האָבען זיך ראַקעפעלער'ס צוויי און אַ האַלב מיליאָן פאַרגרעסערט צו פיער, פינף און זעקס מיליאָן דאָלאַר אַ מאָנאַט, אייגענטליך 75 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר. דער אויל־פאַרקויף איז יעצט אין גאַנצען פּראָפיט. און די אויפּסניי אַריינגעלעגטע געלטער האָבען אויך בייגעטראָגען זייער חלק צו פאַרגרעסערן די איינקונפט.

„די ראקעפעלערס האָבען אַריינגעטראָטען אין דעם גאַז און עלעקטריציטעט־געשעפט, ווען יענע אינדוסטריען האָבען זיך ענטוויקעלט און זיך אָוועקגעשטעלט אויף אַ פעסטען באָדען. און יעצט מוזען די אַמערי־

קאַנער מענשען אָנפאַנגען רייכער צו מאַכען די ראקעפעלערס אַזוי שנעל ווי די זון געהט אונטער, קיין אונטערשיעד ניט מיט וואָס. זיי באַ־לייכטען זייערע הייזער. זיי האָבען אָנגעפאַנגען פאַרבאָרגען געלד אויף לאַנד. מען זאָגט, אַז ווען די פּראָספּעריטי (גוטע צייט) מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט געגעבען די לאַנד־באַזיצער אַ געלעגענהייט אָפּצוצאָהלען זייערע חובות, האָט דזשאהן ד. ראקעפעלער כמעט געוויינט; אַכט מיליאָן. וועלכע ער האָט געדענקט וועלען איהם אַריינטראָגען פּראָצענט פאַר שעהנע עטליכע יאָהר, זיינען פלוצים אָנגעוואָרפען געוואָרען פאַר זיין שוועל און זיי האָבען זיך געבעטען פאַר אַ נייער היים. דער אונטערוואַרטעטער צולעג צו זיינע צרות, וואָס ער האָט געהאַט אין געפינען פלעצער פאַר די קינדער פון זיין קעראָסין־געשעפט, און זייערע קינדער, און די קינדער'ס קינדער איז שוין געווען אַ ביסעל צופיעל פאַר'ן וואָהלזיין פון אַ מענשען מיט אַ שלעכטער פאַרדייאונג...

„די ראקעפעלערס זיינען אַריינגעטראָטען אין די מינען־געשעפטען — אייזען, קוילען, קופּער און בליי; אין אַנדערע אינדוסטריעלע גע־זעלשאַפטען, אין גאַסען־באַהנען, אין נאַציאָנאַלע, שטאַאטליכע און שטאָד־טישע פאַרזיכערונגס־פּאַפּיער'ען; אין דאַמפף־שיפען און טעלעגראַף־קאָמפּאַניעס; אין די לאַנד־באַזיץ־געשעפטען, ווי האָטעלס און פּריוואַט־וואָהנונגען; אין לעבענס־פאַרזיכערונג און אין באַנק־געשעפטען. עס איז כמעט ניט געבליבען איין אינדוסטריע, אין וועלכע זייערע מיליאָנען האָבען זיך ניט געפונען...

„די ראקעפעלער־באַנק — די נאַציאָנאַלע שטאָדט־באַנק — איז די גרעסטע באַנק אין די פאַראייניגטע שטאַאטען. עס זיינען דאָ בלויז צוויי גרעסערע באַנקען אין דער וועלט, די ענגלישע און די פראַנצויזישע די דעפּאזיטס באַטרעפען דורכשניטליך אַ הונדערט מיליאָן אַ טאָג; און די באַנק הערשט איבער'ן לייה־מאַרק פון וואָל־סטריט און די בירזשע. אָבער דאָס איז ניט די איינציגע; די באַנק איז בלויז די הויפּט פון אַ רייהע ראקעפעלער־באַנקען און טראָסט־קאָמפּאַניעס, פערצעהן פון וועלכע געפינען זיך בלויז אין ניו יאָרק אַליין, און זיי האָבען מעכטיגע און איינפלוסרייכע באַנקען אין יעדען געלד־צענטער פונ'ם לאַנד.

„דזשאהן ד. ראקעפעלער פאַרמאָגט סטענדערד־אויל־אַקציעס, וואָס

האָבען די ווערט צווישען פיער און פינף הונדערט מיליאָן. ער האָט אַ הונדערט מיליאָן אינ׳ם שטאָהל־טראַסט. כמעט נאָך אַמאָל אַזוי פיעל אין איין מעריב׳דיגע אייזענבאַהן, אַ העלפט דערפון אין אַ צווייטער און זאָ ווייטער ביז אַ מענשענ׳ס מח נעהמט שווינדלען פון אויסרעכענען זיי אַלע. זיין איינקונפט לעצטעס יאָהר איז געווען אַרום $100,000,000 — איך צווייפעל, אויב דער איינקונפט פון אַלע ראָטהשילדס צוזאַמען האָט געגרייכט די סומע. און זי שטייגט פון טאָג צו טאָג.״

---

## צעהנטער קאַפּיטעל

1) די שוואַרצע־הונדערט זיינען געווען רעאַקציאָנערע פּעבלען, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען ביי דער אויסשטאַרבענדער אַריס־טאָקראַטיע אין דער רוסישער רעוואָלוציאָן. דיזע רעאַקציאָנערע גרופּען האָבען אַטאַקירט רעוואָלוציאָנערע גרופּען, און, ווען נויטיג, האָבען זיי זיך געבונטעוועט און צושטערט אייגענטהום, אום צו געבען דער אַריס־טאָקראַטיע אַ תירוץ אַרויסצורופען די קאָזאַקען.

2) אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישען רעזשים זיינען דיזע פּעריאָדען פון שלעכטע צייטען געווען אונפערמיידליך כאָטש לעבערליך אין אונ־זערע אויגען. פּראָספּריטי האָט אימער־צו געבראַכט אַ שלעכטע צייט. דאָס איז, נאַטירליך, געקומען פון די גרויסע אונברויכבאַרע פּראָ־פיטען, וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט.

3) סטרייק־ברעכער — דיזע זיינען געווען, לויט זייער צוועק און פּראַקטיק אין אַלעס, אַ חוץ זייערע נעמען, די פּריוואַט סאָלדאַטען פון די קאַפּיטאַליסטען. זיי זיינען געווען פאַרטרעפליך אָרגאַניזירט און גוט באַוואָפענט, און זיינען אימער צו געווען גרייט אריינגעוואָרפען צו ווערען אין ספּעציעלע באַהנען און פאָהרען אין וועלכען עס איז טייל פונ׳ם לאַנד, וואו ארבייטער זיינען אַרויס אויף אַ סטרייק אָדער אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון די פאַבריקען בלויז אין יענע משו־געגע צייטען האָט געקענט זיין אַזאַ שטוינענדער ספּעקטאַקעל ווי איינער אַ פאַלי, אַ בעריהמטער קאָמאַנדיער פון סטרייק־ברעכערס, וועלכער האָט אין 1906 דורכגערייזט דיפּאַראַיוניגטע שטאַאַטען פון ניו יאָרק ביז

סאַן פראַנציסקאָ אין ספּעציעלע באַהנען מיט אַן ארמע פון פינף און צוואַנציג הונערט מענער, גוט באַוואָפענט און אויסגעשטאַטעט. אום צו ברעכען אַ סטרייק פון די גאַסען־באַהן־ארבייטער אין סאַן פראַנציסקאָ. אַזאַ מין האַנדלונג איז געווען אויסדריקליך געגען די געזעצען פון לאַנד. דער פאַקט, אַז דיזע האַנדלונג ווי אויך פיעל אַנדערע זיינען געבליבען אונבאַשטראָפט, צייגט, ווי שטאַרק די ריכטער זיינען געווען אין די הענד פון דער פּלוטאָקראַטיא.

4) בול־פּען — אין אַ סטרייק פון מיינערס אין איידעהאָ. אין דעם לעצטען טייל פון 19טען יאָהר־הונדערט האָט פּאַסירט, דאָס פיעל סטריקערס זיינען אריינגעשליידערט געוואָרען אין די בול־פּענס פון דיפּאָלדאַטען. דיזע האַנדלונג ווי אויך דער נאָמען האָט אָנגעהאַלטען אינ׳ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

5) בלויז דער נאָמען, אָבער ניט די אידעע איז געווען אימפּאָר־טירט פון רוסלאַנד. די שוואַרצע מאות האָבען זיך ענטוויקעלט פון די קאַפּיטאַליסטישע שפּיאָנען, און זייער נוץ אין אַרבייטער־קאַמפּפען איז דעמאָנסטרירט געוואָרען אינ׳ם ניינצעהנטען יאהר־הונדערט. וועגען דעם איז קיין צווייפעל ניטאָ. אַזאַ בעריהמטער אויטאָריטעט פון יענער צייט, ווי קאַררּאָל ד. רייט, פאראייניגטע שטאַאַטען אַרבייטס־קאָמישיאָ־נער, איז פאַראנטוואָרטליך פאר דיזער באַשטעטיגונג. פון זיין בוך מיט׳ן נאָמען „די אַרבייטער־קאַמפּפען“ איז גענומען דער אויסצוג: אין מאַנכע פון די גרויסע היסטאָרישע סטרייקס האָבען די בעלי־בתים זעלבסט געריצט און פאראורזאַכט געוואַלד־טהאַטען. די פאַבריקאַנטען האָבען בכיון פאַראורזאַכט סטרייקס, אום צו פטר׳ן אָנגעזאַמעלטע סחורה; און פראַכט־וואַגאָנען זיינען אונטערגעצונדען געוואָרען פון די בעלי־בתים׳ס שפּיאָנען דורך די אייזען־באַהן־סטרייקס, כדי צו פאַרגרעסערען די אונאָרדנונג. פון די שפּיאָנען האָבען זיך די שוואַרצע מאות ענט־וויקעלט; און זיי זיינען עס שפּעטער געוואָרען די שרעקליכסטע וואַפען פון דער אליגאַרכיע, די אַגענטען־פּראָוואָקאַטאָרען.

6 וואָל־סטריט — גערופען נאָך אַ נאָמען פון אַ פּארצייטיגער ניו יאָרקער גאַס וואו די בירזשע האָט זיך געפונען, און וואו פאַרשיעדענע אונהערליכע געשעפטען זיינען געפיהרט געוואָרען.

## עלפטער קאַפּיטל

1) „מייפלאוער" — איינע פון די ערשטע שיפען, וואָס האָט געבראַכט קאָלאָניסטען קיין אַמעריקא, נאָך דער ענטדעקונג פון דער נייער וועלט. די, וואָס האָבען ארויסגעשטאַמט פון זיי. האָבען פאַר אַ לענגערע צייט געשטאָלצירט מיט זייערע אור־עלטערען; נור מיט דער צייט האָט זיך זייער בלוט אַזוי צומישט, אַז עס האָט געפלאָסען אין די אָדערען פון כמעט אַלע אַמעריקאַנער.

---

## צוועלפטער קאַפּיטל

(1) אַ מעקסיקאַנער מאכל, וואָס ווערט גאַנץ אָפט דערמאָהנט אין דער ליטעראַטור פון יענער צייט.. מיר ווייסען ניט ווי עס צוצוגרייטען.

---

## דרייצעהנטער קאַפּיטל

(1) וויליאַם רענדאָלף הוירסט — אַ יונגער קאַליפאָרניער מיליאָנער, וועלכער איז געוואָרען דער מעכטיגסטער ציטונגס־אייגענטימער אין לאַנד. זיינע צייטונגען זיינען ערשיענען אין אַלע גרויסע שטעדט און זיי פלעגען אַפּעלירען צו דער אונטערגעהענדער מיטעל־קלאַס און צום פּראָלעטאַריאַט. אַזוי צאָהלרייך זיינען געווען זיינע נאָכפאָלגער, אַז ער האָט געקראָגען די אויבערהאַנד אין דער אַלטער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער האָט אָנגענומען אַן אוננאָרמאַלע שטעלונג, מיט זיין פּרעדיגען אַ שוואַכען סאָציאַליזם געמישט מיט אַן אונבאַשרייבליכען סאָרט קליין־בורזשואַזנעם קאַפּיטאַליזם. ער איז געווען אַ מין אויל מיט וואַסער, און ער האָט געהאַט קליינע שאַנסען, כאָטש פאַר אַ שטיקעל צייט האָט ער פאַראורזאַכט די פּלוטאָקראַטיע אַ שעהן ביסעל קאָפּ־דרעהעניש.

(2) די קאָסטען פון אַדוועַרטייזען אין יענע משוגענע צייטען זיינען געווען שטוינענד. בלויז די קליינע קאַפּיטאַליסטען פלעגען קאָנקורירען און דערפאַר פלעגען זיי אַדוועַרטייזען. ווי אָבער עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ טראָסט, איז קיין קאָנקורענציע ניט געווען, האָבען זיי, נאַטירליך, ניט באַדאַרפט אַדווערטייזען.

(3) די פאַרניכטונג פון די רוימישע לאַנד־באַזיצער איז ניט אָנגע־גאַנגען אַזוי שנעל ווי די פאַרניכטונג פון די אַמעריקאַנער לאַנד־באַזיצער און קליינע קאַפּיטאַליסטען. אינ'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט איז געווען אַ באַוועגונגס־קראַפט, בעת אין פאַרצייטיגען רוים איז דאָס ניט געווען דער פאַל. פיעל פאַרמערס, געטריבען פון אַ שטאַרקער לוסט צו באַזי־צען די ערד, און וועלענדיג צייגען וואָס פאַר חיות זיי קענען ווערען, האָבען געפּרובירט זיך אויסצודרעהען פון די עקספּראָפּריאַטאָרס דורך צוריקציהען זיך פונ'ם האַנדעלס־פּלאַץ. זיי האָבען גאָר ניט פאַרקויפט. צווישען זיך האָבען זיי אָנגעפיהרט אַ פאַרצייטיגען אויסטויש פון סחורות. זייער אָפּגעזונדערטקייט און שוועריגקייטען זיינען געווען שוידערליך, נור זיי האָבען אָנגעהאַלטען זייער טאַקטיק. עס איז געוואָ־רען אַ באַוועגונג. נור זיי זיינען זעהר ליכט באַזיעגט געוואָרען. די פּלוטאָקראַטיע, קאָנטראָלירענדיג די רעגיערונג, האָט געהעכערט זייערע צינ־זען און די מענשען, ניט האַנדלענדיג מיט קיינעם, האָבען זיי, נאַטירליך, קיין געלד ניט געהאַט. און צום סוף איז זייער לאַנד פאַרקויפט געוואָ־רען צו צאָהלען צינזען.

(4) פאַר אַ גאַנץ לאַנגער צייט האָט זיך דיזעס מורמלען געלאָזט הערען. אַזוי ווייט צוריק ווי 1906 האָט לאָרד אויבורי, אַן ענגלישמאַן, געזאָגט דאָס פאָלגענדע אין ז'עם הויז אָוו לאָרדס: „די אונרוהען אין אייראָפּא, די פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליזם, און דער שלעכטס־פאָרבערייטענדער אַנאַרכיזם, זיינען התראות צו די רעגיערונגען און די הערשענדע קלאַסען, אַז דעם אייראָפּעאישען אַרבייטער'ס אומשטענדען זיינען אונער־טרעגליך, און אום צו פאַרמיידען אַ רעוואָלוציע, מוזען מיר נעהמען שריטע צו פאַרהעכערען דעם לוין, פאַרקלענערען די אַרבייטס־שטונדען און פאַרקלענערען דעם פּרייז פון די לעבענס־נויטווענדיגקייטען.“ דער „וואָלל־סטריט־זשורנאַל“, שרייבענדיג וועגען לאָרד אויבורי'ס רעדע, האָט

געזאָגט: „די ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון אַן אַריסטאָ־קראַט און אַ מיטגליעד פון דער קאָנסערוואַטיווער קערפּערשאַפט אין אייראָפּאַ. דעסטאָ מעהר באַדייטענד זיינען זיי. זיי ענטהאַלטען מעהר ווערטהפולע פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ווי אין פיעל ביכער. זיי זאָגען אַן אַ וואַרנונג: „פּאַסט אויף, הערען פון דער אַרמיי און פלאָטע!“ צו דער זעלבער ציוט שרייבט סידני ברוקס, אַן אַמעריקאַנער, אין האַרפּער'ס מאַגאַזין: „איהר וועט ניט הערען דעם נאָמען פון סאָציאַליזם אין וואַ־שינגטאָן. וואָרום זאָלט איהר יא הערען? די פּאָליטישענס זיינען אימער די לעצטע מענשען אינ'ם לאַנד צו זעהן, וואָס עס פּאַסירט פאַר זייערע אויגען. זיי וועלען מיך אויסלאַכען, ווען איך פּראָפעצייע, און איך בין זיכער, אַז עס איז אַזוי, דאָס ביי די נעקסטע פּרעזידענט־וואַהלען וועלען די סאָציאַליסטען ציהען איבער אַ מיליאָן שטימען.“

(5) עס איז געווען אין אָנפאַנג פונ'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעדריקט די שטעלונג פון די סאָציאַליסטען אין דער מלחמה־פראַגע. אין קורצען איז זייער לעהרע געווען ווי פאָלגט: „וואָרום זאָלען די אַרבייטער פון איין לאַנד קעמפּפען מיט די אַרבייטער פון אַ צווייטען לאַנד פאַר'ן בענעפיט פון זייערע קאַ־פּיטאַליסטישע בעלי־בתים?“ דעם 21טען מאַי, 1905, ווען אַ מלחמה האָט געהאַלטען ביים אויסברעכען צווישען עסטרייך און איטאַליען, האָבען די סאָציאַליסטען פון איטאַליען, עסטרייך און אונגאַרן געהאַלטען אַ קאָנפערענץ אין טריעסט, און האָבען געסטראַשעט מיט אַ גענעראַל־סטרייק פון די אַרבייטער פון ביידע לענדער אין פאַל די מלחמה ברעכט אויס. דאָס זעלבע האָבען זיי געטהאָן אַ יאָהר שפּעטער, ווען די „מאַ־ראָקאָ־אַנגעלעגענהייט“ האָט שיער געבראַכט צו אַ מלחמה צווישען פראַנק־רייך, דייטשלאַנד און ענגלאַנד.

---

## פערצעהנטער קאַפּיטעל

(1) „אונזער וואָהלטעטיגער פעאָדאַליזם“ — אַ בוך, וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין 1902, פון וו. דזש. גהענט. מען האָט געגלויבט

פאַר אַ לאַנגער צייט, אַז גהענט האָט געגעבען די גרויס־אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען די אידעע פון אַן אָליגאַרכיע. דיזער גלויבען האַלט אָן דורך די גאַנצע דריי הונדערט יאָהר פון דעם אייזערנעם קאַפּעל, אין דער ליטעראַטור, און זאָגאַר אויך אין דער ליטעראַטור פונ'ם ערשטען יאָהר־הונדערט פון ברודערשאַפט פון מענשען. היינט וויסען מיר, אַז עס איז ניט אמת, נור אונזער וויסען פאַרקלענערט ניט דעם פאַקט, דאָס גהענט איז איינער פון די מעהרסטע געשימפּפטע אונשולדיגע מענשען אין דער גאַנצער היסטאָריע.

(2) אַלס אַ ביישפּיעל פון די ריכטערס אורטיילען, וואָס זיינען געוועזען דאַגעגען די אַרבייטער, קענען מיר אָנגעבען די פאָלגענדע פאַלען: עס איז געווען אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז קינדער זיינען באַשעפטיגט גע־וואָרען אין די קוילען־מינען. אין 1905 זיינען די אַרבייטער געווען ערפאָלגרייך אין דורכפיהר'ען אַ געזעץ אין פּענסילווייניע, אַז אַ דאָקו־מענט, באַשטעטיגענדיג דעם קינד'ס יאָהרען און זיין בילדונג מוז געבראַכט ווערען צוזאַמען מיט'ן פאָטער'ס שבועה. דאָס איז גלייך ערקלערט געוואָרען אונקאָנסטיטוציאָנעל פון די ריכטער פון לוזערן קאונטי, שטיצענדיג זיך אויפ'ן פערצעהנטען אַמענדמענט (פאַרבעסערונג) וועלכער פאַרבאָט אונטערצושיידען צווישען מיטגליעדער פון דעם זעל־בען קלאַס — נעמליך, קינדער איבער פערצעהן יאָהר אַלט און די יעני־גע אונטער פערצעהן. די שטאַאטס־ריכטער האָבען באַשטעטיגט דעם אורטייל. די ניו יאָרקער געריכט פון ספּעציעלע זיצונגען האָט אין 1905 ערקלערט אַלס אונקאָנסטיטוציאָנעל דעם געזעץ, וועלכער האָט פאַרבאָטען יונגע קינדער און פרויען צו אַרבייטען אין פאַבריקען נאָך 9 אַזייגער ביינאַכט, אָנגעבענדיג אַלס אורזאַך, אַז אַזאַ געזעץ איז „קלאַסען־געזעץ". נאָך אַ ביישפּיעל: די בעקערס, אין יענע צייטען, פלעגען אַרבייטען זעהר שווער. ד ניו יאָרקער לעגיסלאַטור האָט דורכ־געפיהרט אַ געזעץ, פאַרבאָטענדיג די בעקערס צו אַרבייטען מעהר פון צעהן שטונדען אַ טאָג. אין 1906 האָט דער העכסטער שטאַאטס־געריכט ערקלערט דיזען געזעץ אונקאָנסטיטוציאָנעל. אַ טייל פונ'ם אורטייל האָט זיך אַזוי געלעזען: „עס איז ניטאָ קיין שכל'דיגע אורזאַך זיך אַריינצומישען אין די רעכט פון פּערזאָנען צו מאַכען אַ קאָנטראַקט

דורכ׳ן באַגרענצען די אַרבייטס־שטונדען אין דער בעקער־באַשעפטיגונג.״

(3) דזשיימס פּאַרלי, אַ באַריהמטער סטרייק־ברעכער פון יענער פּעריאָד, אַ מוטהיגער און זעהר פעהיגער, נור אונמאָראַלישער מענש. ער האָט געשטיגען הויך אונטער דער הערשאַפט פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל און איז ענדליך געוואָרען אַ מיטגליעד פון דעם אָליגאַרכיע־קלאַס. האַננאַה דזשענקינס, וועמעס מאַן פּאַרלי׳ס סטרייק־ברעכערס האָבען גע׳הרג׳עט צוריק מיט דרייסיג יאָהר, האָט איהם ערמאָרדעט אין 1932.

(4) עווערהאַרדט׳ס סאָציאַלע פּאָרזיכט איז געווען וואונדערבאַר. ער האָט אַזוי לייכט פאָראויסגעזעהן דאָס אויפשטהן פון די אויסדער־וועהלטע יוניאָנס, דאָס אויפשטייגען און די אָפּשוואַכונג פון די אַרבייטער־קליקעס, און דעם קאַמפּף צווישען די פאַרפוילטע אָליגאַרכיען און די אַרבייטער־קליקעס פאַר׳ן קאָנטראָל פון דער רעגיערונגס־מאַשין.

(5) מיר מוזען שטוינען איבער עווערהאַרדט׳ס וואונדערבאַרען פאָרזיכט. נאָך איידער די אָליגאַרכיען האָבען גאָר געטראַכט וועגען אויפבויען אַזעלכע וואונדער־שטעדט ווי ארדיס און אסגארד, האָט עווערהארדט שוין געזעהן יענע שטעדט אין זייער אונפאַרמיידליכער נויטווענדיגקייט.

(6) און זינט יענעם טאָג פון נביאות, זיינען פאָראיבער די דריי הונדערט יאָהר פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל און די פיער הונדערט יאָהר פון דער ברודערשאַפט פון מענשען; און היינט טרעטען מיר אויף וועגען און וואוינען אין די שטעדט, וואָס די אָליגאַרכען האָבען אויפגעבויט. עס איז אמת, אַז מיר בויען זאָגאַר יעצט נאָך מעהר וואונדערבאַרע שטעדט, נור די אָליגאַרכישע שטעדט וועלען לאַנג געדויערען, און איך שרייב די ציילען אין ארדיס, איינע פון די וואונדערבאַרסטע שטעדט, וואָס איז נוען געבויט געוואָרען.

---

## פופצעהנטער קאַפּיטעל

(1) אַלע אייזענבאַהנער־יוניאָנס האָבן אַריינגעטראָטן אין דער קאָמבינאַציע מיט די אָליגאַרכיען, און עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, דאָס אַן אייזנבאַהן־יוניאָן איז געווען די ערשטע, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט דיזען פּרינציפּ פון כאַפּ־לאַפּ־חלוקה, נאָך אין 19טען יאָהרהונדערט. פּ. מ. אַרטהור איז געווען דער הויפּט־פיהרער פון דיזער יוניאָן פאַר צוואַנציג יאָהר. נאָך דעם סטרייק אויף דער פּענסילווייניא־אייזענבאַהן, האָט ער אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן פאַר די לאָקאָמאָטיוו־אינזשעניערן צו מאַכען פּונקטען מיט דער אייזענבאַהן־קאָמפּאַניע בלויז פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען און זיך גאָר ניט זאָרגען פאַר די איבעריגע אַרבייטער. דער פּלאַן איז געווען העכסט ערפאָלגרייך, און, נאַטירליך, עגאָאיסטיש, און פון דעם איז אַרויסגעקומען דאָס וואָרט „אַרטהוריזאַציאָן", וואָס האָט געמיינט כאַפּ־לאַפּ־חלוקה פון אַרבייטער־יוניאָנס. איבער דעם וואָרט „אַרטהוריזאַציאָן" האָבען זיך די עטימאָלאָגען לאַנג געבראָכען דעם קאָפּ. נור איך האָף, אַז יעצט איז זיי קלאָר פון וואַנען דאָס וואָרט איז גענומען געוואָרען.

---

## זעכצעהנטער קאַפּיטעל

(1) אַלבערט פּאקאק, אַ צווייטער באַריהמטער סטרייק־ברעכער פון יענע יאָהרען, וואָס האָט ביז צום לעצטען טאָג פון זיין לעבען געהאַלטען די קוילען־גרעבער ביי זייער אַרבייט. זיין זוהן האָט איהם נאָכגעפאָלגט און פאַר פינף דורות האָט די מערקווירדיגע שקלאַפּען־טרייבענדיגע משפּחה געהערשט איבער די מיינערס. דער עלטסטער פּאקאק, וועלכער איז געווען באַוואוסט אַלס פּאקאק דער ערשטער, פלעגט געשילדערט ווערען ווי פאָלגט: „אַ לאַנגער. דאַרער, דער קאָפּ אַרום־גערינגעלט מיט ברוינע און זילבער־גרויע האָר, מיט גרויסע באַקען־ביינער און אַ שווערע מאָרדע... אַ בלייך פּנים, מאַטע, גרויע אויגען,

אַ מעטאַלענע שטימע, און אין אַלגעמיין אַן אָפּגעלאָזטער מענש. ער האָט געהאַט אָרימע עלטערן און ער האט אנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס אַ דיענער אין אַ שענק. דאַן איז ער געוואָרען אַ פּריוואַט־דעטעקטיוו פאַר אַן אייזענבאַהן־קאָמפּאַניע, ביז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבייט צו אַ פּראָפעסיאָנעלען סטרייק־ברעכער. פּאקעק דער פינפטער איז גע'הרג'עט געוואָרען אין אַ קליינעם איופשטאַנד פון קוילען־גרעבער אין אינדיאַנאַ אינ'ם יאָהר 2073.

(2) די קעמפּפענדע גרופּען זיינען געווען מוסטירט נאָך די קעמפּ־פענדע אָרגאַניזאַציעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע, און להכעיס די טהעטיגקייט פונ'ם אייזערנעם קנאַפּעל, האָבען די גרופּען עקזיסטירט דורך די גאַנצע דריי הונדערט יאָהר פון זיין עקזיסטענץ. צוזאַמענ־געשטעלט פון מענער און פרויען, באַגייסטערטע מיט ערהאַבענע אידעען און ניט מורא האָבענדיג פאַר'ן טוידט, האָבען די קעמפּפענדע גרופּען אויסגעאיבט אַ גרויסען איינפלוס און האָבען אַ ביסעל געשטילט די ווילדע ברוטאַליטעט פון די הערשער. ניט נור האָבען זיי זיך אָפּגעגעבען מיט קעמפּפען געגען די געהיימע אַגענטען פון דער אָליגאַרכיע. די אָליגאַרכיען זעלבסט זיינען געווען געצוואונגען זיך צוצוהערען צו די דעקרעטען פון די גרופּען, און גאַנץ אָפט, ווען זיי האָבען ניט געפאָלגט, זיינען זיי באַשטראָפט געוואָרען מיט'ן טויט — און דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט זייערע אונטעראָרדענטע, מיט די אָפיציערען פון דער אַרמעע און די פיהרער פון די ארבייטער־קליקעס.

די אָרגאַניזירטע ראַכע־נעהמערס האָבען אויסגעטיילט גערעכטיג־קייט אין אַ פולער מאָס, נור די מערקווירדיגסטע זאַך וועגען זיי איז געווען זייער אונליידענשאַפטליכער און גענזעצליכער פּראָצעס. זיי האָבען ניט געהאַט קיין געאיילטען משפּט. ווען איינער איז געפאַנגען געוואָרען, האָט מען איהם געגעבען אַן עהרליכען פּראָצעס און אַ געלעגענהייט זיך צו פאַרטיידיגען. נויטווענדיגערווייזע זיינען פיעל מענער פּראָצעסירט געוואָרען און געפונען געוואָרען שולדיג דורך שטעל־פאַרטרעטונג, אַזוי ווי אין דעם פאַל פון גענעראַל לאַמפּטאָן. דאָס האָט פּאַסירט אין 2138. ער איז פיליכט געווען דער בלוט־דורשטיגסטער און ערגסטער פון אַלע פאַרקויפטע נשמות, וואָס האָבען ווען עס איז געדיענט דעם אייזערנעם

קנאַפּעל. ער איז אָנגעזאָגט געוואָרען פון די קעמפּפענדע גרופּען, אַז זיי האָבען איהם פּראָצעסירט, איהם געפונען שולדיג און פאַראורטיילט איהם צום טויט — און דאָס איז געווען נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם געוואָרענט דריי מאָל, ער זאָל אויפהערען זיין ברוטאַלע האַנדלונג געגען דעם פּראָלעטאַריאַט. נאָך זיין פאַראורטיילונג האָט ער זיך אַרומגערינגעלט מיט אַ טויזענד באַשיצונגס-מיטלען. יאָהרען זיינען פאַרגאַנגען און אומזיסט האָבען די קעמפּפענדע גרופּען געפּרובירט אויסצופיהרען זייער אורטייל. איין קאַמעראַד נאָכ'ן צווייטען, מענער און פרויען, זיינען דורכגעפאַלען פּרובירענדיג איהם צו הרג'ענען, און זיינען אומגעבראַכט געוואָרען אויף אַ שוידערליכען אופן פון דער אָליגאַרכיע. גענעראַל לאַמפּטאָן האָט עס צוריק איינגעפיהרט קרייציגונג אַלס אַ געזעצליכע הינריכטונגס-מעטאָדע. נור צום סוף האָט דער פאַראורטיילטער מאַן געקראָגען זיין תליון אין דער געשטאַלט פון אַ דעליקאַטנע זיעבצעהן-יעהריגע מוידעל מיט'ן נאָמען מאַדעלין פּראַווענס, וועלכע, אום אויסצופיהרען איהר טהאַט, האָט געדיענט אין זיין פּאַלאַץ צוויי יאָהר אַלס אַ נעהטאָרין. זי איז געשטאָרבען אָפּגעזונדערט פון יעדען נאָך שרעקליכע יסורים; נור היינט שטעהט זי אין אַן אונצושטערבאַרע בראָנזענע סטאַטוע אין דעם פּאַנטהעאָן פון ברודערשאַפט אין דער וואונדער-שטאָדט סערלעס.

מיר, וועלכע פון אונזער אייגענער ערפאַהרענהייט ווייסען גאָר ניט וועגען בלוט-פאַרגיסונג, מוזען ניט שלעכט אורטיילען די העלדען פון די קעמפּפענדע גרופּען. זיי האָבען אָפּגעגעבען זייער לעבען פאַר דער מענשהייט, קיין אָפּפער איז ניט געווען צו גרויס פאַר זיי צו ברענגען, און די נויט האָט זיי געטריבען צו בלוטיגע טאַטען אין אַ בלוטיגער פּעריאָד. די קעמפּפענדע גרופּען זיינען געווען דער איינציגער דאָרן אין די זייטען פונ'ם אייזערנעם קנאַפּעל, וואָס דער אייזערנער קנאַפּעל האָט קיינמאָל ניט געקענט פּטר'ן. עווערהאַרדט איז געווען דער פאָטער פון דער מאָדנער אַרמעע. און איהרע ערפאָלגען און עקזיסטענץ פאַר דריי הונדערט יאָהר ציינט ווי קלוג ער האָט איהר אָרגאַניזירט און וואָס פאַר אַ פעסטען פונדאַמענט ער האָט געלייגט, אויף וועלכע צוקינפטיגע דורות זאָלען בויען. אין איניגע אופנים, ניט אַכטענדיג אויף זיינע

גרויסע עקאָנאָמישע און ביאָלאָגישע בייטרעגע, און זיין אַרבייט אַלס פיהרער אין דער רעוואָלוציע מוז זיין אָרגאַניזירונג פון די קעמפפענדע גרופען ווערען פאַררעכענט אַלס זיין קרוינענדע אַרבייט.

---

## זיבעצעהנטער קאַפּיטעל

(1) דיזעלבע אומשטענדען האָבען עקזיסטירט אינ׳ם נײנצעהנ־טען יאָהר־הונדערט אונטער דער ברוטאַלער הערשאַפט אין אינדיען. די איינגעבוירענע זיינען אויסגעשטאָרבען פון הונגער מיליאָנען־ווייז, בעת זייערע הערשער האָבען זיי באַרויבט פון זייערע פאַרדיענסטען און עס אויסגעבראַכט אויף די פראַכטפאָלע פאַראַדען און אַלערליי נאַרישקייטען. מיר, אין דעם יעצטיגען געבילדעטען צושטאַנד, מוזען רויט ווערען פון שאַנדע פאַר די האַנדלונגען פון אונזערע אור־עלטערען. אונזער איינציגע טרייסט איז אַ פילאָזאָפישע. מיר מוזען אָננעהמען דעם קאַפּיטאַליסטישען שטאַפעל אין סאָציאַלער עוואָלוציע פונקט ווי די פריהערדיגע אַפען־עפּאָכע. דער מענש האָט געמוזט דורכגעהן דורך די אַלע שטאַפּלען דורך זיין אויפהויבען זיך פון דער בלאָטע און דעם שלאַם פון דעם נידעריגען אָרגאַנישען לעבען. און עס איז נאַטירליך געווען אונפאַרמיידליך, אַז פיעל וועניג פון דער בלאָטע זאָל זיך צו־קלעפּען צו איהם און ניט אַזוי לייכט אַרונטערפאַלען.

(2) די מענשען פונ׳ם אָפּגרונד — די פראַזע איז באַשאַפען געוואָ־רען פון ה. ג. וועלס אין דעם שפּעטערען טייל פון נײנצעהנטען יאָהר־הונדערט. וועלס איז געווען אַ סאָציאָלאָגישער נביא, קלוג, נאָרמאַל, און האָט געהאַט אַ וואַרימע מענשליכע האַרץ. פיעל פראַגמענטען פון זיינע ווערק זיינען אַרונטערגעקומען צו אונז, צוויי פון זיינע גרעסטע ווערק: „ערוואַרטונג“ און „פּראָגרעסירענדיגע מענשהייט“, זיינען פאַרבליבען גאַנץ. נאָך לאַנג בעפאָר די אָליגאַרכיען און פאַר עווער־האַרד׳ען האָט וועלס טהעאָריזירט וועגען דעם בויען פון וואונדער־שטעדט, כאָטש אין זיינע שאַפונגען דערמאָנט ער זיי אַלס „פאַרגניגענס־שטעדט“.

(3) עווים עווערהאַרד האָט ערוואַרטעט. אַז איהר ערצעהלונג וועט געלעזען ווערען אין יענער צייט, און דערפאַר האָט זי ניט געשריבען וועגען רעזולטאַטען פונ׳ם פראָצעס פאַר הויך־פאַררעט. פיעל אַנדערע אַזעלכע פאַלען קומען פאָר אינ׳ם מאַנוסקריפּט. צוויי און פופציג סאָציאַליסטישע קאָנגרעס־לייט זיינען פראָצעסירט און געפונען געוואָרען שולדיג. איין זאַך איז מאָדנע: קיינער פון זיי איז ניט באַשטראָפט געוואָרען מיט׳ן טויט. עווערהאַרד און עלף אַנדערע, צווישען וועלכע טהעאָדאָר דאנכעלסאָן און מעטהיו קענט זיינען אויך געווען, האָבען געקראָגען פון דרייסיג ביז פינף און פערציג יאָהר, בעת אַרטהור סימפּסאָן איז געשטאָרבען פון הונגער און איינזאַמקייט, און די בייזע בעהאַנדלונג זיינע האָט ער געקראָגען איבער זיין אונקאָמפּראָמיסליבען כאַראַקטער און פאַר זיין טאַקטלאָזער פייערדיגער שנאה פאַר אַלע מענשען, וואָס האָבען געדיענט דעם דעספּאָטישען אייזערנעם קנאַפּעל. ער איז געשטאָרבען אין קאבאנאס, קובאַ, וואו דריי פון זיינע קאַמעראַדען זיינען אויך געווען איינגעשפּאַרט. די צוויי און פופציג סאָציאַליסטישע קאָנגרעס־לייט זיינען געווען איינגעשפּאַרט אין מיליטערישע פעסטונגען, וואָס זיינען געווען צושפּרייט איבער׳ן גאַנצען לאַנד. אַזוי זיינען דו־באָיס און וואודס געהאַלטען געוואָרען אין פּאָרטאָ ריקאָ, און עווערהאַרד און מעררי וועטהער זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין אלקאַטראַז, אַן אינזעל לעבען סאַן פראַנציסקאָ, וואָס האָט שוין לאַנג געדיענט אַלס אַ מיליטערישע פעסטונג.

(4) עווים עווערהאַרד וואָלט באַדאַרפט איבערלעבען פיעל דורות איידער זי וואָלט געקענט אויסגעפינען דעם סוד. עטוואָס ווענינער ווי הונדערט יאָהר צוריק, און שפּעטער פון זעקס הונדערט יאָהר נאָך איהר טויט, איז דער דאָקומענט פון פּערוויים׳ מודה זיין זיך אויף זיין זינד ענטדעקט געוואָרען אין די געהיימע אַרכיוועו פונ׳ם וואַטיקאַן (פּאַבסט׳ס פּאַלאַץ). עס וועט פיליכט זיין אינטערעסאַנט צו דערצעהלען עטוואָס מעהר וועגען דעם דונקעלען דאָקומענט, וועלכער איז איבערהויפּט אינטערעסאַנט בלויז פאַר׳ן היסטאָריקער.

פּערוויים איז געווען אַן אַמעריקאַנער, וואָס האָט געשטאַמט פון פראַנצויזען, וועלכער איז אין 1913 געזעסען פאַרשפּאַרט אין דעם ניו

יאָרקער געפענגעניש וואַרטענדיק פּראָצעסירט צו ווערען פאַר מאָרד. פון זיין מודה זיין זיך געפינען מיר אויס, אַז ער איז געווען אַ פאַרברעכער. ער איז געווען אַ היציגער, ליידענשאַפטליכער און געפיהלפולער. אין אַ משוגענעם אָנפאַל פון אויפערזוכט האָט ער געטויט זיין פרוי — אַ גאַנץ געוועהנליכע פּאַסירונג אין יענע צייטען. פערוויים איז געווען באַהערשט פון אַ מורא פאַר'ן טוידט, וועגען וועלכען ער רעדט זעהר פיעל אין זיין ווידוי. זיך אויסצודרעהען פונ'ם טוידט, וואָלט ער געטהאָן אַלעס און די פּאָליציי־אַגענטען האָבען איהם צוגעגרייט פאַרזיכערענדיג איהם, אַז ער וועט זיך ניט קענען אויסדרעהען פון פאַראורטיילט צו ווערען צום טוידט, אויב זיין פּראָצעס וועט פאָרקומען. אין יענע צייטען פלעגט דער פאַראורטיילטער מאַן אָדער פרוי אַוועקגעזעצט ווערען אויף אַ ספּעציעל־געבויטען עלעקטרישען שטוהל, און אונטער דער אויפזיכט פון פעהיגע דאָקטוירים, איז דער מענש פאַרניכטעט געוואָרען פון אַן עלעקטרישען שטראָם. דאָס פלעגט אָנגערופען ווערען עלעקטר'יזירען, און עס איז געווען זעהר פּאָפּולער אין יענע צייטען. אַנעסטהעזיע (איינשלעפערען מיט אַ שטאַרקען מעדיצין — איבערז.) איז ערשט שפּעטער איינגעפיהרט געוואָרען.

דער פערוויים, אַ גוטער בטבע, נור פון אויבען־אויף, וואהרשיינליך, אַ חיה, ליגענדיג אין געפענגניש און ערוואַרטענדיג אַ שטראָף ניט ווייניגער פונ'ם טוידט, איז איבערגערעדט געוואָרען פון די אַגענטען פונ'ם אייזערנעם קנאַפּעל צו וואַרפען די באָמבע אינ'ם רעפּרעזענטאַנטען־הויז. אינ'ם דאָקומענט איז בפירוש פאַרשריבען, אַז מען האָט איהם געזאָגט, אַז די באָמבע איז אַ שוואַכע און אַז קיין לעבענס וועלען ניט פאַרלוירען געהן. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט'ן פאַקט, וואָס די באָמבע איז געווען אַזוי שוואַך, אַז כאָטש זי האָט עקספּלאָדירט ביי עווערהאַרד'ס פיס, האָט זי איהם ניט גע'הרג'עט.

פערוויים איז אַרויסגעשמוגעלט געוואָרען אין אַ גאַלעריי, וועלכע איז כלומר'שט געווען צוגעשלאָסען צוליעב פאַרריכטונגען. ער האָט באַדאַרפט אויסקלייבען דעם מאָמענט ווען צו וואַרפען די באָמבע, און ער איז זיך גאַנץ נאַאיוו מודה אַז ער האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט

אין עווערהאַרד'ס רעדע און דעם גאַנצען טומעל, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט, אַז ער האָט שיער פאַרגעסען אויסצופיהרען זיין שליחות.

ניט נור איז ער באַפרייט געוואָרען פון געפענגניש פאַר זיין האַנדלונג, נור ער איז באַזאָרגט געוואָרען מיט אַ לעבענס־לענגליכען איינקונפט. ער האָט אָבער ניט לאַנג אויסגעהאַלטען. אין דעם יאָהר 1914 איז ער קראַנק געוואָרען אויף האַרץ־קראַנקהייט און האָט בלויז געלעבט דריי טעג. דאַן האָט ער עס געשיקט נאָך אַ קאַטוילישען פריעסט, פאָטער פעטער דורבאן, און פאַר איהם האָט ער זיך מודה געווען. אַזוי וויכטיג האָט דאָס דער פריעסט אָנגענומען, אַז ער האָט עס אויגעפשריבען און עס באַשטעטיגט דורך אַ שבועה. וואָס עס האָט פאַסירט נאָך דעם, קענען מיר זיך בלויז פאָרשטעלען. דער דאָקומענט איז געווען וויכטיג גענוג געשיקט צו ווערען קיין רוים. מסתמא האָבען זיך מעכטיגע איינפלוסרייכע מענשען אריינגעמישט, און דערפאַר א'ז ער אונטערדריקט געוואָרען. גאַנצע יאָהר־הונדערטער זיינען אַוועק און די וועלט האָט קיין אַהנונג ניט געהאַט פון דעם דאָקומענט. ערשט שפּעטער אין לעצטען יאָהר־הונדערט האָט לארבוא, דער בריליאַנטענער איטאַליענישער געלעהרטער דורך אַ צופאַל געפונען דער דאָקומענט אין זיינע פאָרשונגען אין וואַטיקאַן.

היינט איז קיין שום צווייפעל ניטאָ, אַז דער אייזערנער קנאַפעל איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער באָמבע, וואָס האָט עקספּלאָדירט אין רעפרעזענטאַנטען־הויז אין 1913. זאָגאַר אויב דער פערוויים־דאָקומענט זאָל קיינמאָל ניט געווען געפונען ווערען, וואָלט מען אויך ניט געקאָנט צווייפלען אין דעם, ווייל די האַנדלונג, וועלכע האָט פאַרשיקט צוויי און פופציג קאָנגרעסלייט אי'ן געפענגעניש, איז געווען עהנליך צו פיעל אַנדערע טאַטען פון דער אָליגאַרכיע און פאַר זיי פון די קאַפּיטאַליסטען.

נעהמט, למשל, דעם קלאַסישען ביישפיעל פון דעם שוידערליכען געזעצליכען מאָרד פון די אונשולדיגע זאָגענאַנטע הוימאַרקעט־אַנאַרכיסטען אין שיקאַגאָ אינ'ם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט. אין אַ באַזונדערען קלאַס שטעהט די טאַט פון פאַרגרעניען קאַפּיטאַליסטישען אייגענטום פון די קאַפּיטאַליסטען זעלבסט. פאַר אַזעלכע פאַרברעכענס פלעגען אונשולדיגע מענשען באַשטראָפט ווערען — „טראַנספערירט ווערען" — פלעגט מען עס אָנרופען אין יענע צייטען.

דורך די אַרבייטער־אונרוהען אין׳ם ערשטען טייל פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט זיינען עהנליכע, אָדער מעהר בלוטיגע טאַטען אָפּגעטהאָן געוואָרען פון די קאַפּיטאַליסטען געגען דער מעריב׳דיגער פעדעראַציע פון קוילען־גרעבער. די אייזענבאַהן־סטאַנציע פון אינדעפּענדענס איז צושטערט געוואָרען פון קאַפּיטאַליסטישע אַגענטען. דרייצעהן מענער זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרען און פי׳על מעהר זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען. און דאַן האָבען די קאַפּיטאַליסטען, קאָנטראָלירענדיג דעם געזעץ און ריכטער־מאַשינעריע פונ׳ם שטאַאט קאָלאָראַדאָ באַשולדיגט די קוילען־גרעבער מיט דעם פאַרברעכען. און עס האָט שוין געהאַלטען ניט ווייט פון פאַראורטיילען זיי. ראמיינס, איינער פון די קאַפּיטאַליסטישע געציוג אין דער טאַט, איז פונקט ווי פערוויים געווען פאַרשפּאַרט אין אַ געפענגעניש פון אַן׳אַנדער שטאַאט, קענזעס, ערוואַרטענדיג אַ פּראָצעס, און ער איז איבערגערעדט געוואָרען פון קאַפּיטאַליסטישע אַגענטען. נור אין זיין פאַל איז זיין ווידוי אַנאָנסירט געוואָרען אין זיין אייגענער צייט.

דאַן, אין דער זעלבער פעריאָד, האָט פּאַסירט דער פאַל פון מאָיער און הייוואוד, צוויי שטאַרקע, בראַווע אַרבייטער־פיהרער. איינער איז געווען פּרעזידענט און דער צווייטער סעקרעטער פון דער מעריב׳דיגער פעדעראַציע פון מיינערס. דער עקס־גובערנאַטאָר פון איידהאָ איז ערמאָרדעט געוואָרען אויף אַ געהיימען אופן. די סאָציאַליסטען און מיינערס האָבען אָפען באַשולדיגט די מינען־אייגענטימער מיט דעם פאַרברעכען. דאָך, איבערטרעטענדיג די נאַציאָנאַלע און שטאַאַטס־קאָנסטיטוציאָנען, און דורך אַ קאָנספּיראַציע פון די גובערנאַטאָרען פון איידעהאָ און קאָלאָראַדאָ, זיינען מאָ׳ער און הייוואוד אַרויסגע׳גנב׳עט געוואָרען, אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגניש און אָנגעקלאָגט געוואָרען אין מאָרד. דער פאַל האָט עס אַרויסגערופען פון יודזשין וו. דעבס, דאַמאָלסדיגער נאַציאָנאַלער פיהרער פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען, די פאָלגענדע ווערטער:

„די אַרבייטער־פיהרער, וועלכע מען קען ניט אונטערקויפען אָדער איבערשרעקען, מוזען געכאַפּט און ערמאָרדעט ווערען. דער איינציגער פאַרברעכען פון מאָיער און הייוואוד איז, וואָס זיי זיינען געווען טריי צו דעם אַרבייטער־קלאַס. די קאַפּיטאַליסטען האָבען צוגע׳גנב׳עט אונזער לאַנד, זיי האָבען פאַרדאָרבען אונזער פּאָליטיק, זיי האָבען זיך אויסגע־

לאַכט פון אונזערע געזעצן, און זיי האָבן אונז געטראָטען מיט זייערע פיס. און יעצט האָבן זיי בדעה צו ערמאָרדען אַלע די ,יעניגע, וואָס ווילען זיך ניט אונטערוואַרפען צו זייער ברוטאַלער הערשאַפט. די גו־בערנאַטאָרען פון קאָלאָראַדאָ און איידעהאָ פיהרען בלויז אויס די בע־פעהלען פון זייערע בעלי־בתים, די פּלוטאָקראַטיע. דער אויסגעשריי איז: „אַרבייטער געגען דער פּלוטאָקראַטיע״. אוי׳ב זיי ווילען דערלאַנגען דעם ערשטען טויטליכען קלאַפּ, וועלען מיר אָבער שלאָגען צום לעצט.״

---

## אכצעהנטער קאַפּיטעל

(1) די לעבערליכע בילד אילוסטרירט דעם אונמענשליכען אויפ־פיהרען זיך פון די לאָרדען. בעת מענשען האָבען געשמאַכט פון הונגער, זיינען שוים־הינטלעך באַדיענט געוואָרען פון דיענער. דאָס איז געווען אַ גאַנץ ערנסטער מאַסקאַראַד פאַר עווים עווערהאַרד. לעבען און טוידט און אויך די רעוואָלוציע איז געשטאַנען אין קאָן. דאַרום מוז דאָס בילד אָנגענומען ווערען אַלס אַן אמת בילד. דאָס גי׳ט אונז אַ קלאָרען באַגריף פון יענע צייטען.

(2) פּולמאַן — דער נאָמען פון די פּראַכטפאָלע אייזענבאַהן־וואַ־גאָנען פון יענער פּעריאָד, און זייער נאָמען איז געווען נאָך דעם מאַן, וועלכער האָט זיי צום ערשטען געבויט.

(3) ניט אַכטענדיג אויף שטענדיגע און גרויסע סכנות, האָט אַננאַ ראָלסטאָן דערלעבט די עלטער פון 91 יאָהר. פּונקט ווי די פּאַקאַקס האָבען זיך אויסגעלאַכט פון די תליונים פון די קעמפּפענדע גרופען, אַזוי האָט זי זיך אויסגעלאַכט פון די תליונים פונ׳ם אייזערנעם קנאַפּעל. זי איז גע־ווען מזל׳דיג און האָט זיך געפיהלט זיכער צווישען געפאַהרען. זי זעלבסט איז געווען אַ תליון פון די קעמפּפענדע גרופען, און באַוואוסט אַלס די רויטע בתולה, איז זי געווען איינע פון די באַגייסטערענדע פיגורען פון דער רעוואָלוציע. ווען זי איז געווען אַן אַלטע פרוי פון ניין און זעכציג יאָהר, האָט זי געשאָסען דעם בלוט־הונד האַלקלאַף, ווען ער אי׳ז

געווען אַרומגערינגעלט פון זיינע באַוואָפענטע באַגלייטער, און אַליין איז זי אַנטלאָפען אומבאַשעדיגט. צום סוף איז זי געשטאָרבען בשלום, פון אַלטקייט, אין אַ געהיימען רעטונגס־פּלאַץ פון די רעוואָלוציאָנערען אין די אזארג־בערג.

(4) נאָכזוכענדיג אַזוי פיעל, ווי מעגליך, דורך דעם גאַנצען מאַטעריאַל פון יענע צייטען, וואָס מיר האָבען יעצט, קענען מיר ניט געפינען קיין שפּור פון ביעדענבאַרד, וועלכען זי דערמאָהנט דאָ. עס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָהנט וועגען איהם אויסער אין דעם עווער־האַרד־מאַנוסקריפּט.

(5) אויב דער נייגיעריגער רייזענדער וועט זיך אָבקעהרען אין דרום זייט פון גלען־עללען, וועט ער זיך געפינען אויף אַ בולוואַרד, וועלכער איז דאָס זעלביגע ווי דער פאָסט־וועג פון זיבען הונדערט יאָהר צוריק. אַ פערטעל מייל פון גלען־עללען, באַלד נאָך דער צווייטער בריק, וועט ער בעמערקען אַ שפּאַלט אין דער ערד, וואָס לויפט ווי אַ וואונד איבער'ן לאַנד צו אַ גרופּע באַוואַלדעטע בערגלעך. דער שפּאַלט איז דער צייכען פונ'ם פּאַרצייטיגען גרענעץ, וואָס אין די צייטען פון פּרי־וואַט־אייגענטום האָט אָבגעטיילט די פאַרם פון איינעם אַ אַשאַוועי. אַ פראַנצויזי'שער פּיאָנער פון קאַליפאָרניע, וועלכער איז געקומען פון זיין געבורט־לאַנד אין יענע געלד־זוכעניש־צייטען. די באַוואַלדעטע בערגלעך זיינען דיזעלביגע, וואָס עווים עווערהאַרד האָט באַשריבען.

די גרויסע ערד־ציטערניש פון 2368 האָט אָבגעבראָכען אַ זייט פון איינעם פון די בערג און עס אריינגעוואָרפען אינ'ם לאָך, וואו די עווערהאַרדס האָבען זיך באַהאַלטען. זינט דיזער מאַנוסקריפּט איז געפונען געוואָרען, האָט מען דאָרטען געגראָבען, און די הויז, די צוויי הויל־צימערען, און די גאַנצע אָנגעזאַמעלטע מיסט פון אַ לאַנגער וואָוינונג איז ענטדעקט געוואָרען. פיעל ווערטהפולע אַנטיקען זיינען געפונען געוואָרען, צווישען וועלכע ביעדענבאַרד'ס רויך־זאַפּער, וואָס איז דערמאָנט געוואָרען אינ'ם מאַנוסקריפּט, איז אויך געפונען געוואָרען. סטודענטען וואָס זיינען פּאַראינטערעסירט אין אַזעלכע זאַכען, זאָלען לעזען די בראָשורע פון אַרנאָלד בענטהאַם, וועלכע וועט געדרוקט ווערען קירצליך.

אַ מייל אין צפון־מערב־זייט פונ'ם פּלאַץ איז די וויק־ראבין־לאדזש

ביים פאַראייניגונג פון ווילד־וואַסער און סאַנאַמאַ־שטראָם. אין ווייק־ראַ־בין־לאַדזש האָט עווים עווערהאַרד געוואוינט שפּעטער קורצע פּעריאָדען, ווען, פאַרקליידט אַלס אַן אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר פון׳ם אייזערנעם קנאַפּעל, האָט זי געקענט שפּיעלען איהר ראָלע אונגעשטערט צווישען מענשען און וויכטיגע פּאַסירונגען. די אָפּיציעלע ערלויבניש צו וואוינען אין ווייק־ראַבין־לאַדזש איז נאָך דאָ אין די רעקאָרדס, און אונטערגעשריבען פון אַזאַ פּערזענליכקייט ווי וויקסאָן, איינער פון די קלענערע אָליגאַרכיען דערמאָנט אין דעם מאַנוסקריפּט.

# נײנצעהנטער קאַפּיטעל

(1) פאַרשטעלונג איז געווען אַ קונסט דורך יענער פּעריאָד. די רעוואָלוציאָנערען האָבען אויפגעהאַלטען אַקטיאָרען־שולען אין אַלע זייערע שוץ־פּלעצער. זיי האָבען אָפּגעלאַכט פון אַזעלכע נעבען־זאַכען ווי פּאַרוקען, פאַלשע בערד, באַלשע ברעמען, און אַזעלכע זאַכען, וואָס די טעאַטער־אַקטיאָרען באַנוצען אין זייער קונסט. די רעוואָלוציאָנערע שפּיעל איז געווען אַ שפּיעל אויף לעבען און טויד, און אַזעלכע פּשוט׳ע נעבען־זאַכען זיינען בלויז געווען אַ נעץ. די פאַרשטעלונג האָט באַדאַרפט זיין אַ פונדאַמענטאַלע, אַ דורכדרינגענדע, אַ טייל פון דעם מענשען׳ס וועזען, אַ מין צווייטע נאַטור. די רויטע בתולה, זאָגט מען, איז געווען אַ קינסטלערין אין דעם פאַך. און דערפאַר, גלויבט מען, האָט זי געלעבט אַזוי לאַנג.

(2) פאַרשווינדען איז געווען איינע פון די שווידערליכסטע פּאַ־סירונגען פון יענער צייט. אַלס אַ טעמאַ אין דער ליטעראַטור זעהען מיר עס גאַנץ אָפט. דאָס איז געווען אַן אונפאַרמיידליכע פאָלגע פון יענער אונטערערדישער מלחמה, וואָס האָט געבושעוועט דורך יענע דריי יאָהרהונדערטער. די ערשיינונג האָט פּאַסירט אַזוי אָפט צווישען די אָליגאַרכיען אָדער די אַרבייטער־קליקעס פּונקט ווי צווישען די רעוואָ־לוציאָנערען. אָהן אַ וואַרנונג, אָהן אַ שום סליאַד זיינען מענער, פרויען

און קינדער זאָגאַר פאַרשוואונדען געוואָרען און מען האָט מעהר ניט געהערט פון זיי.

(3) דו־באָיס, דער יעצטיגער אויפזעהער אין דער ביבליאָטעק אין אַרדיס, שטאַמט אַרויס פון דעם רעוואָלוציאָנערען פּאָר פאָלק.

(4) אַ חוץ די אַרבייטער־קליקע, האָט זיך אויך ענטוויקעלט אַ מיליטערישע קליקע. אַן אַרמעע פון פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטען איז געגרינדעט געוואָרען, וועמעס אָפיציערען זיינען געווען מיטגליעדער פון דער אָליגאַרכיע און באַוואוסט אַלס מערסענאַרים (פאַרקויפטע נשמות). די אַרמעע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די מיליץ, וועלכע האָט זיך אַרויסגעצייגט אונפּראַקטיש אונטער׳ן נייעם רעזשים. אויסער דער געהיים־פּאָליציי פון דעם אייזערנעם קנאַפעל, האָבען זיי אויך עטאַבלירט אַ געהיים־פּאָליציי פון די מערסענאַרים, וועלכע האָט געדיענט אַלס אַ פאַרבינדענדע קייט צווישען דער פּאָליציי און דער מיליטער.

(5) ערשט נאָך דער אונטערדריקונג פון דער צווייטער רעוואָלוציע, זיינען די „פּריסקאָ־רויטע״ ווידער געווען ערפאָלגרייך, און עס האָט אָנגעהאַלטען פאַר צוויי דורות. דאַן איז אַן אגענט פון דעם אייזערנעם קנאַפעל געוואָרען אַ מיטגליד פון דער גרופּע, האָט דורכגעדרונגען זייערע סודות און זי חרוב געמאַכט. דאָס האָט פּאַסירט אין 2002. די מיטגלידער זיינען אומגעבראַכט געוואָרען איינציגווייז, יעדער דריי וואָכען, און זייערע קערפּערס פלעגען אויפגעהאַנגען ווערען אין דער אַרבייטער־געטאָ פון סאַן־פראַנציסקאָ.

(6) בענטאָן־האַרבאָר שוק־פּלאַץ איז געווען אַ אונטעראירדישע וואוינונג, וועמענס אַריינגאַנג איז געווען קלוג געפּלאַנעוועט, ווייל עס האָט אויסגעקוקט ווי אַ ברונען. עס עקזיסטירט נאָך יעצט און איז נאָך אין אַ גוטען צושטאַנד, און דער נייגעריגער באַזוכער קען נאָך הײנט געהן דורך די פּיעל לאַבירינטען צום פאַרזאַמלונגס־זאַל, וואו די סצענע, וואָס עווערהאַרד באַשרייבט, האָט זיכער פּאַסירט. ווייטער זיינען די צעלען. וואו די אַרעסטירטע זיינען געזעסען. און דער טוידטען־קאַמער. נאָך ווייטער איז דאָס בית־עולם — לאַנגע, שלענגעלדיגע גאַלערען אויסגעהאַקט אין די שטיינער, וואו שורות׳ווייז ליעגען די

רעוואָלוציאָנערען, פונקט ווי זייערע קאַמעראַדען האָבען זיי לאַנג צוריק אַוועקגעלעגט.

---

## צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

(1) צו יענער צייט איז פּאָליגאַמי נאָך אָנגעגאַנגען אין טירקיי.

(2) דאָס איז ניט קיין באַריהמעריי פון עווים עווערהאַרד. די סאַמע בעסטע פון דער אַרטיסטישער און אינטעלעקטועלער וועלט זיינען געווען רעוואָלוציאָנערען. אַ חוץ אייניגע מוזיקער, זינגער און אַ פּאָר אָליגאַרכען, זיינען אַלע גרויסע שעפער פון יענער פּעריאָד, וועמענס נעמען זיינען אויך באַוואוסט היינט צו טאָג געווען רעוואָלוציאָנערען.

(3) זאָגאַר אַזוי שפּעט ווי אין יענער פּעריאָד פלעגען סמעטענע און פּוטער געמאַכט ווערען פון קוה־מילך. די לאַבאָראַטאָריע־פּאַרבאַרייטעטע שפּייזען זיינען נאָך ניט באַוואוסט געווען.

(4) אין דער גאַנצער ליטעראַטור און אַלע דאָקומענטען פון יענער צייט ווערט אָפט דערמאָהנט דער נאָמען פון פּאָעט רודאָלף מענדעלהאַל. זיינע קאַמעראַדען האָבען איהם גערופען „דער פלאַם“. ער איז אָהן צווייפעל געווען אַ גרויסער טאַלאַנט: דאָך אַ חוץ קליינע פראַגמענטען פון זיינע ליעדער, וועלכע זיינען ציטירט אין די ביכער פון אַנדערע שרייבער, איז פון זיינע שריפטען גאָר ניט פאַרבליבען. דער אייזערנער קנאַפּעל האָט איהם פאַרניכטעט אין 1228.

(5) דער פאַל פון דעם יונגען־מאַן איז ניט געווען אויסערגעוועהנליך. פיעל יונגע אָליגאַרכען, אָדער צוליעב אַ געפיהל פון גערעכטיגקייט, אָדער זייענדיג באַגייסטערט פון דער פּראַכט פון דער רעוואָלוציע, האָבען אויפגעאָפּפערט זייער לעבען פאַר דער רעוואָלוציע. אויף אַן עהנליכען שטייגער האָבען פיעל קינדער פון דעם רוסישען אַדעל געשפּיעלט זייער ראָלע אין דער פריהערדיגער און לאַנג־פאַרצויגענער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

## איין און צוואנציגסטער קאפיטעל

(1) די מערסענאַרים האָבען אין די לעצטע יאָהרען פון **דעם אייזער־נעם** קנאַפּעל געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע. זיי זיינען געווען דער **באַלאַנס** אין די קאַמפּפען צווישען די אַרבייטער־קליקעס און די אָליגאַרכען, און זיי פלעגען צולעגען זייער מאַכט אַט צו איין זייט, אַט צו דער צווייטער, וועדליג עס האָט זיך געלוינט זייערע אינטריגען און קאָנ־ספּיראַציעס.

(2) אַרדיס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1942, **וועהרענד אסגארד** איז ערשט געגרינדעט געוואָרען אין 1984. עס האָט גענומען צוויי און פופציג יאָהר צו בויען די שטאָדט, און דורך דער צייט זיינען אַ האַלב מיליאָן שקלאַפען געווען באַשעפטיגט. פיעל מאָל האָט די צאָהל דער־גרייכט אַ מיליאָן — ניט רעכענענדיג די טויזענדער און טויזענדער אַנדערע אַרבייטער און קינסטלער.

(3) צווישען די רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך געפונען פיעל כירורגען, און זיי זיינען געווען וואונדערבאַר־פעהיג אין דער קונסט. ווי עווערהאַרד דריקט זיך אויס, האָבען זיי בוכשטעבליך געקענט איבערמאַכען אַ מענשען. ביי זיי איז געווען אַ קלייניגקייט אַראָפּצו־נעהמען אַ וואונד־צייכען. זיי האָבען געקענט איבערבייטען די געזיכטס־ציגע מיט אַזעלכע מיקראָסקאָפּישע איינצעלהייטען, אַז קיין סימן פון זייער אַרבייט איז ניט געבליבען. דער נאָז איז געווען זייער ליעבלינגס־אָרגאַן, אויף וועלכען זיי האָבען געטהאָן זייער אַרבייט. הויט־צוזעצונ־גען און איבערפלאַנצען האָר זיינען געווען אַלטעגליכע אָפּעראַציעס. די נייע אויסדריקע אויף געזיכטער, וואָס זיי פלעגען אויסבילדען, איז געווען ווי מיט כשוף. אויגען און ברעמען, ליפען, מיילער, און אויערען פלעגען גענצליך געביטען ווערען. דורך וואונדערבאַרע אָפּעראַציעס אויפ׳ן צונג, נאָז, האַלז און דעם גאַרגעל פלעגען זיי פאַרענדערען דעם מענשענ׳ס אויסשפּראַך. שווידערליכע צייטען רופען אַרויס אַ געברויך פאַר שווידערליכע מיטלען, און די כירורגען פאַר דער רעוואָלוציע האָבען געטהאָן נאָבעלע אַרבייט. זיי פלעגען אויך קענען מאַכען אַ מענשען

העכער מיט פיער אָדער פינף אינטשעס און איהם אויך נידריגער מאַכען מיט צוויי אינטשעס. די גאַנצע קונסט עקזיסטירט היינט נימ און מיר געברויכען איהר אויך נים.

---

## צוויי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

(1) שיקאַגאָ איז געווען דער אינדוסטריעלער גיהנום פונ'ם נײַנ־צעהנטען יאָהרהונדערט. אַ מאָדנער אַנעקדאָט וועגען דזשאהן בוירנס ווערט דערצעהלט נאָך היינט־צו־טאָג. דזשאהן בוירנס איז געווען אַ גרויסער ענגלישער אַרבייטער־פיהרער און צו איין צייט אַ מיטגליעד פונ'ם ענגלישען מיניסטעריום. ווען ער האָט אַ מאָל באַזוכט שיקאַגאָ, מאַכענדיג אַ רייזע איבער די פאַראייניגטע שטאַאטען, האָט איהם אַ צייטונגס־רעפּאָרטער געפרעגט אַ מיינונג וועגען דער שטאָדט. 'שיקאַגאָ', האָט בוירנס געענטפערט, „איז אַ קליינע אויסגאַבע פונ'ם גיהנום". אַ קורצע צייט שפּעטער, ווען ער האָט באַשטיגען די שיף צוריקצופאָהרען קיין ענגלאַנד, האָט איהם אַן אַנדער רעפּאָרטער אָפּגעשטעלט און גע־פרעגט. צי ער האָט געביטען זיין מיינונג וועגען שיקאַגאָ. „יא, איך האָב געביטען מיין מיינונג", איז געווען זיין ענטפער, „מיין יעצטיגע מיינונג איז, אַז דער גיהנום איז אַ קליינע אויסגאַבע פון שיקאַגאָ".

(2) דער צוג איז געווען באַריהמט אַלס דער שנעלסטער אין דער וועלט. עס איז געווען אַ באַריהמטער צוג.

---

## פיער און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

(1) אין יענע צייטען איז דאָס לאַנד געווען אַזוי ווייניג באַזעצט, דאָס ווילדע חיות זיינען אָפט געווען אַ געפאַהר. אין קאַליפאָרניא איז געווען דער מנהג פון קראָליק־טרייבעריי. אין אַ באַשטימטען טאָג פלעגען אַלע פאַרמערס פון אַ געגענד זיך פאַרזאַמלען און דאַן פאָרמירען

שורות, אַרומרינגלענדיג אַ געוויסע שטרעקע, טרייבענדיג די קראַליקעס אין זייערע טויזענדער אין אַ פאַרבאַרייטעטען פאַרצאַמונגס־פּלאַץ, וואו מענער און אינגלעך פלעגען זיי דערשלאָגען צום טויט.

(2) עס איז ניט געווען באַשטימט פאַר אַ לאַנגער צייט, צי די פאַרברענונג פון דער צפון־זייט געטאָ איז געווען צופעליג, צי די מער־סענאַרים האָבען עס געטהאָן ; נור עס איז יעצט זיכער באַשטעטיגט, דאָס די געטאָ איז אונטערגעצונדען געוואָרען פון די מערסענאַרים אויף'ן באַפעהל פון זייערע בעאַמטע.

(3) אייניגע געביידען האָבען אויסגעהאַלטען אַ וואָך צייט, און איינע האָט אויסגעהאַלטען עלף טעג. יעדע געביידע האָט געמוזט גע־שטורעמט ווערען ווי אַ פעסטונג, און די מערסענאַרים האָבען געמוזט קעמפּפען פון איין עטאַזש צום צווייטען. דאָס איז געווען אַ קאַמפּף צום טויט. איינער האָט אויף'ן צווייטען קיין רחמנות ניט געהאַט און די רעוואָלוציאָנערען האָבען געהאַט די אויבער־האַנד מיט דעם, וואָס זיי זיינען אימער געשטאַנען פון אויבען. בעת די רעוואָלוציאָנערען זיינען אַלע פאַרניכטעט געוואָרען, האָבען זיי זיך אָם ווייניגסטען נוקם געווען. דער שטאָלצער שיקאַגאָער פּראָלעטאַריאַט האָט אויפגעהאַלטען זיין טראַדיציע, וויול ער האָט אויסגע'הרג'עט פּונ'ם שונא פּונקט אַזוי פיעל, וויפיעל זיינע מיטגליעדער זיינען גע'הרג'עט געוואָרען.

---

## פינף און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

(1)די יאָהר־ביכער פון דער קורצער פעריאָד פון פאַרצווייפלונג זיינען פול מיט געשיכטען פון בלוט און טויט. נקמה איז געווען דער לייטענדער מאָטיוו און די מיטגליעדער פון די טעראָריסטישע אָרגאַני־זאַציעס האָבען ניט געשאָנעוועט זייער לעבען און זיינען געווען האָפּ־נונגסלאָז וועגען דער צוקונפט. די דאַניטס, דער נאָמען איז גענומען פון דער מאָרמאָנישער מיטאָלאָגיע, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען אין די מערב־בערג פון לאַנד און האָבען זיך פאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצען פּאַסיפישען ברעג פון פּאַנאַמאַ ביז אַלאַסקאַ. די וואָלקירסעס זיינען

געוועז פרויען. זיי זיינען געוועז די שוידערליכסטע פון אלע. קיין פרוי, וואס האט ניט פארלוירען קיין נאהענטע קרובים דורך דער אליגאר־כיע, האט געקענט אריינטרעטען אלס מיטגליעד אי זדער ארגאניזאציע. זיי פלעגען פייניגען זייערע ארעסטאנטען ביז צום טוידט. אנ'אנדער באריהמטע פרויען־ארגאניזאציע איז געוועז די מלחמה־אלמנות, אז ארגאניזאציאן עהנליך צו די וואלקירס, איז געוועז די בערסערקעס. די מענער האבען פשוט געהאלטען זייער לעבען פאר הפקר, און זיי האבען עס געגצליך פארניכטעט די מערסענארי־שטאדט בעלאנא, מיט איהר באפעל־קערונג פון אריבער הונדערט טויזענד נפשות. די בעלאמיטס און העלא־מיטס זיינען געוועז א צווילינג שקלאפען־ארגאניזאציעס, וועהרענד א נייע רעליגיעזע סעקטע, וואס האט ניט לאנג עקזיסטירט, האט זיך אנגע־רופען מיט דעם נאמען „גאט'ס צארן". אום צו צייגען דאס משוגעת און צומישעניש פון יענע צייטען, וועלען מיר בלויז דערמאנען די פאלגענדע: די בלוטענדע הערצער, די קינדער פון פריה־מארגען, די מארגענשטערען, די פלאמינגאס, די דרייעקענדיגע, די דריי־שטאנגען, די רובאניקס, די ראכע־נעהמערס, די קאמאנטשעס און די ערעבוזיטס.

---